STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08880

GEZAMLTE DERTSEYLUNGEN

Moishe Strugatch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה סטרוגאַטש

געזאַמלטע

דערציילונגען

באַנד I

איקוף פאַרלאַג

ניו־יאָרק 1969

MOISHE STRUGATCH

SHORT STORIES

Volume I

•

Copyright 1969 by
MOISHE STRUGATCH
2852 Bronx Park. E.
Bronx, N. Y. 10467

•

הילע געצייכנט פון י. זעלדין

•

Published by YKUF, New York, 1969

•

PRINTED IN U. S. A.
by:
Knight Printing Corp., 382 Lafayette Street. New York, N. Y. 10003
96

גערוידמעט

דעם ליכטיקן אָנדענק

פון מײנע עלטערן:

שמואל און לאה

ביכער פון משה סטרוגאַטש

לידער פון נעכטן און היינט — — — — — — — — — 1922

דער לעצטער פּרינץ — פאַנטאַסטישע מעשה — — — — — — — 1952

אין העלן טאָג — קינדער־לידער — — — — — — — — — 1960

אויף פליגלען פון צייט — לידער און באַלאַדן — — — — — 1962

אויף זוניקע וועגן — לידער און פאַבלען — — — — — — — 1965

געזאַמלטע דערציילונגען:

באַנד I — — — — — — — — — — — — — — 1969

באַנד II — — — — — — — — — — — — — — 1969

ביאָגראַפישע און ליטעראַרישע איינצלהייטן וועגן מחבר געפינען אינעם „לעקסיקאָן פון דער נייער אידישער ליטעראַטור", באַנד זעקס

משה סטרוגאַטש

מ י י ן מ ו ט ע ר

מיין מוטער קוקט אויס אַלט, זייער אַלט. מען קען עס זען אין איר קליינעם איינגעשרומפּענעם קערפּער, אין דער אויסגעטריקנטער הויט פון איר פּנים, אין די טיפע געקאַרבטע קנייטשן — אָבער מער ווי אַלץ אין אירע טרייסלענדיקע הענט. שוין יאָרן, אַז זי קען ניט נוצן קיין לעפל און מוז עסן פון אַ שיסעלע, וועלכע עס נעמט איר אויך גאַנץ לאַנג אויפצוהויבן און אונטערצוטראָגן צום מויל.

— ווי אַלט מאַמע, דענקסטו, מוזסטו זיין? — פרעג איך זי אַמאָל, וועלנדיק וויסן פאַר זיך אַליין, ווי אַלט זי איז.

— איך ווייס ניט, מיין זון — ענטפערט זי ערנסט־פאַרטראַכט, ווי וועלנדיק זיך אין עפּעס דערמאָנען און וועלנדיק זיך אַליין קלאָר מאַכן אין דעם ענטפער: — אפשר דריי און אַכציק, אפשר פינף און אַכציק...

— אין יענע צייטן פלעגט מען קינעם, מיין זון, אַפילו יינגלעך, ניט פאַר־שרייבן. אַוודאי ניט מיידלעך... איבערהויפּט נאָך ביי אָרימעלייט... איך ווייס נאָר, אַז דאָס איז געווען ווינטער, חנוכה־צייט. די מאַמע מיינע, די באָבע, דיר צו לענגערע יאָר, פלעגט אַלעמאָל דערציילן, אַז עס איז געווען דאַמאָלסט אַ שרעקלעכער ווינטער, מיט שרעקלעכע פרעסט און זאַווערוכעס. איז ליגט זי אַזוי ביינאַכט און שלאָפט — ס׳האָט געמוזט זיין אַזוי אַרום פינף טעג, ווי זי האָט מיך געהאַט — חלומט זיך איר, אַז זי האַלט מיך אויף די הענט און אימעצער שפּאַרט זיך צו איר, רייסט זיך און וויל מיך נאָר אַרויסרייסן פון אירע הענט און זי ווערט זיך און לאָזט ניט. כאַפּט זי זיך אויף און זעט, אַז איך ליג לעבן איר אין בעט און שלאָף. פאַרשטייט זי, אַז עס איז געווען אַ חלום און שפּייט אויס. נאָר אין שטאַל, הערט זי, קומט עפּעס פאָר. עפּעס גראַבלט זיך דאָרט עמי־צער, און די בהמה — די איינציקע, וואָס זי האָט פאַרמאָגט — רייסט זיך און מעקעט שטאַרק. פאַלט איר איין — דער באָבען דיינער, דיר צו לענ־גערע יאָר — אַז דאָס מוז זיין אַ וואָלף. דאָס שטיבעלע איז הינטערן שטאָט געשטאַנען, ווי געווינטלעך ביי אָרימעלייט, דער ווינטער איז אַ שרעק־לעכער, האָט מסתם אַ וואָלף פאַרבלאָנדזשעט און די בהמה דערשמעקט. טראַכט זי ניט לאַנג, וועקט קינעם ניט אויף, כאַפּט אויף זיך אַרויף די שיך און אַן אַלטן בגד, כאַפּט אַ שטעקן און לויפט אַרויס — אַזוי אין קעלט און אָפּגעשוואַכט פון קינפּעט — אָפּטרייבן דעם וואָלף און אָפּראַטעווען די בהמה...

די בהמה אין שטאַל האָט זי שוין ניט געטראָפן, קיין וואָלף האָט זי אויך ניט געזען, האָט זי געגומען איבערן ווייסן פעלד יאָגן זיך, זוכן זי, טאָמער וועט זי פון איר אַ סליאַד געפינען... אַ קלייניקייט אַמאָל אַ בהמה געווען ביי אַן אָרעמאַן! — און נאָך דערצו אין אַזאַ צייט... אַ גליק איז געווען, וואָס זי האָט זיך געכאַפּט און זיך אומגעקערט, אַז ניט וואָלט זי דאָרטן געבליבן אין די גריבער שניי... איז איר צום גליק אַ געדאַנק געקומען: אַז וואָס טוט זי, אַז דער וואָלף וואַרפט אַוועק די בהמה און כאַפּט זיך צו איר?.. באַשערט געווען... אַ גאַנצע נאַכט, פאַרשטייט זיך, איז זי שוין נאָכדעם ניט געשלאָפן און ווי ס'איז נאָר גרוי געוואָרן אויף צום טאָג, איז זי מיטן זיידן, דיר צו לענגערע יאָר, אַוועק אין שטאַל. נאָר קיין צייכן און קיין סליאַד האָט מען ערגעץ ניט געפונען — דער שניי האָט שוין פאַרשאָטן. איז דער באָבען, דיר צו לענגערע יאָר, איינגעפאַלן אַ געדאַנק: עס האָט גאָר קיין וואָלף ניט געמוזט זיין, אַז ניט וואָלטן אין שטאַל געווען צייכנס פון בלוט... ווי דען? וואָס דען? מסתם עליאָטקע, עליאָטקע דער גנב... טוט זי זיך גלייך אָן, און ווי אָפּגעשוואַכט זי איז ניט געווען, גייט זי אַוועק צו עליאָטקען. עליאָטקע איז אַ באַוואוסטער גנב געווען ביי אונדז אין שטאָט, אַן עלטערער ייִד שוין. „סטייטש ר' עליאָטע", זאָגט זי צו אים: „ווי קומט דאָס צו אייך? שוין גאָר קיין גרעסערע בגידים ניט געפונען צו וועמען צו גיין, ווי נאָר צו מיר? און נאָך אין אַזאַ צייט... דאָס ביסל מילך איז דאָך די איינציקע דערהאַלטונג פאַר מיר און פאַרן עופהלע..." צוערשט האָט זיך עליאָטקע געמאַכט ניט ווויסנדיק, געלייקנט שטיין און ביין: ווער, וואו? ער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן... נאָר אַז די מאַמע איז גוט צוגעשטאַנען צו אים, האָט ער געזאָגט: „נו גוט, דינה־קייליע" — די באָבע דיינע האָט מען גערופן דינה־קיילע, דיר צו לענגערע יאָר — „וועסט מיר געבן צען רובל? וועסטו קריגן די בהמה צוריק. אַן אַנדערן וואָלט איך זי ניט צוריקגעגעבן אונטער אַ פינף־און־צוואַנציקער... אַזאַ בהמה קען מען פאַר קיין פופציק רובל ניט קריגן. נאָר דו ביזט אַן ערלעכע יידענע, איך קען דיך, וועל איך זי דיר אומקערן פאַר אַ צענערל... וואָס? נישט ווערט מיין טרחא געווען אין אַזאַ נאַכט?.." הכלל, מען האָט זיך געדונגען און געדונגען, ביז זי האָט עס אויסגעדונגען פאַר פינף רובל. האָט זי אים געגעבן די פינף רובל און ער האָט צוריקגעבראַכט צו פירן די בהמה אין שטאַל. אין שטוב איז דערנאָכדעם געווען אַ גרויסע שמחה און די מאַמע מיינע פלעגט נאָכדעם אַלעמאָל רעדן פון די צווי ניסים: פון דעם נס פון חנוכה און פון דעם נס, ווי אַזוי זי האָט די בהמה געפונען...

— אָט דאָס — פאַרענדיקט מיין מוטער — פלעגט מיין מאַמע אַלע־מאָל דערציילן. דעריבער ווייס איך, אַז דאָס איז געווען ווינטער און

חנוכה־צייט. אָבער אין וועלכן יאָר, ווייס איך ניט, ווען דאָס איז געווען...

יע, מיין מוטער איז אַלט, אָבער דער זכרון דינט איר נאָך און דער פאַרשטאַנד אירער איז נאָך אויך ניט גערירט. יעדן אינדערפרי שטייט זי אויף, דאַוונט פרום אָפּ, און נאָכן עסן און נאָכן אָפּרוען זיך, נעמט זי גלייך לייענען די צייטונג. די צייטונג גייט ביי איר ניט אַראָפּ פון טיש צוגלייך מיטן קרבן מנחה און מיטן תהילים און מיטן טייטש־חומש.

— איך האָב דאָס מיין ברודער צו פאַרדאַנקען — זאָגט זי מיר יעדעס מאָל, ווען זי באַמערקט מיין באַוואונדערונג, ווי גוט און פאַרשטענדלעך זי דאַוונט און ווי גוט זי פאַרשטייט, וואָס זי לייענט אין צייטונג. — איך האָב דאָס מיין ברודער, דיר צו לענגערע יאָר, צו פאַרדאַנקען. אַז ניט וואָלט איך געווען אַ בלינדע, ווי די שוועסטער מיינע...

מיין מוטער האָט שטענדיק ליב צו רעדן וועגן איר ברודער, און ווען זי הויבט וועגן אים אָן צו רעדן, זעט מען ממש, ווי זי לעבט אויף, ווערט יינגער און אַ ליכטיקייט צעגיסט זיך איבער איר פּנים.

— אַי, מיין זון, האָב איך געהאַט אַ ברודער — קיין ערגערע זאָלן דיינע קינדער ניט זיין. איינער איז ער ביי דער מאַמען געווען, אָבער דערפאַר אַ געראָטענער. אַלץ האָט ער געוואָלט און אַלץ האָט ער געקענט: אי לערנען, אי זייערע זאַכן דאָרט, אי שרייבן. אין צייטונגען פלעגט ער שרייבן, כאָטש אין העברעאיש, ניט אין יידיש. און אַלץ פון זיך אַליין אויסגעלערנט, פון זיך אַליין דערגרייכט. וואו האָט אַן אָרעמאַן אַמאָל געקענט לערנען אַ קינד און נאָך שרייבן דערצו? פון זיך אַליין זיך אויס־געלערנט... אַ שטאַרקן חשק געהאַט צו אַלץ, אַלצדינג געוואָלט קענען. גאַנצענע נעכט פלעגט ער אָפּזיצן ביי ביכער. בייטאָג — ביי דער גמרא און ביינאַכט — ביי ביכער... צו פופצן יאָר נעבעך געמוזט איבעררייסן די ישיבה און אַוועקפאָרן אין דער פרעמד פאַרדינען... צו אַ ישובניק איז ער אַוועקגעפאָרן, לערנען מיט זיינע יינגלעך. האָט דער ישובניק עפּעס געהאַט דאָרט אַן עלטערע מויד פון אַ יאָר 28, אַ גרויסע און אַ גראָבע און אַ געשטופּלטע, האָט ער גאָר אָנגעהויבן צושטיין צו אים, ער זאָל חתונה האָבן מיט דער מויד... און די מויד אַליין האָט אויך נאָר געטענהט, אַז דאָס איז איר באַשערטער, אַז דאָס האָט איר גאָט אים צו־געשיקט פון הימל... מיין ברודער נעבעך איז געווען נאָך אַ יינגל — וואו איז אים געלעגן אין זינען חתונה האָבן... און נאָך מיט אַזאַ... ער האָט גאָר געקלערט וועגן פאָרן אין די גרויסע שטעט, וועגן לערנען זיך — אַזוי ווי דו. האָט ער גענומען אין מיטן ווינטער און איז אַנטלאָפן פון דעם ישובניק, ניט קריגנדיק קיין גראָשן געלט פאַר דער צייט, וואָס ער איז דאָרטן געווען...

ווען מיין מוטער צערעדט זיך וועגן איר ברודער, ווערן אירע אויגן ליכטיקער און אַ קוים־באַמערקבאַרע פאַרב גייט אַריין אין איר פּנים. כאַטש ער איז שוין זייער לאַנג טויט, איז זי נאָך איצט אויך שטאָלץ מיט אים. באַזונדערס שטאָלץ איז זי מיט זיין ספּעציעלער ליבשאַפט, וואָס ער האָט געהאַט פאַר איר און מיט דער באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט, וואָס ער האָט איר געשענקט.

— פינף שוועסטער זיינען מיר געווען — דערציילט זי מיר אַמאָל — האָט ער מיך ליבער געהאַט מער פון אַלעמען. איך ווייס ניט: צי ווייל איך בין געווען די אינגסטע, צי אַזוי. אינגאַנצן בין איך פון אים געווען אינגער מיט דריי יאָר, פלעגט מיר די מאַמע אַלעמאָל זאָגן, אַז פון קינדוויז אויף האָט ער מיך שטאַרק ליב געהאַט. כמעט אויפגעהאָדעוועט... שטענדיק מיט זיך נאָכגעשלעפּט און מיטן לעצטן ביסן מיט מיר זיך געטיילט, מיט די שיך אַפילו... שפּעטער, אַז ער איז אויסגעוואַקסן, האָט ער מיך גענומען לערנען — צוערשט דאַוונען, דערנאָך לייענען און שרייבן. געוואָלט מיך צוערשט אויסלערנען יידיש, דערנאָכדעם העברעאיש. „איך וויל ניט”, פלעגט ער אַלעמאָל זאָגן „אַז דו זאָלסט אויסוואַקסן אַ פּראָסטע, ווי זיי”, מיינענדיק די עלטערע שוועסטער. און ער פלעגט אָפּזיצן מיט מיר נעכט און לערנען מיך. צו ניין יאָר האָט מען מיך שוין אָפּגעגעבן פאַר אַ נייטאָרין — אויך זיין איינפאַל געווען. די מאַמע האָט מיך געוואָלט אָפּגעבן פאַר אַ ניאַנקע. „ניין”, האָט ער זיך איינגעשטעלט: „אַזאַ יונג קינד פאַר אַ דינסט שוין מאַכן? שוין בעסער זאָל זי גיין פאַר אַ נייטאָרין”... און ער האָט אויסגעפירט. איז, אַז איך פלעג קומען ביינאַכט אַהיים און ער פלעגט קומען — איך פלעג פאַלן שלאָפן, פלעגט ער זאָגן: „אַז דו וועסט איצטער ניט אַריינכאַפּן, וועסטו שוין בלייבן אַזוי. אַן אָרימאַן מוז זען אַריינכאַפּן, ווען ער האָט נאָר די געלעגנהייט”... און ער איז גערעכט געווען. ביז פופצן יאָר האָט די מאַמע זיך געמאַטערט און געהאַלטן אים אין דער היים. אויך געוואָלט, עס זאָל ביי איר כאָטש איין קינד אויסוואַקסן אַ לייטישעס. דערנאָך האָט זי שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן. די אָרימקייט אין שטוב איז געווען גרויס און נאָכמער — די שכנים... די שכנים פלעגן איר דערגיין די יאָרן: „ווער האַלט דאָס אַזאַ גרויסן בחור אין הויז און קאַרמעט? וואָס איז, איר קענט ניט קריגן פאַר אים קיין פּלאַץ ביי קיין בעל־מלאכה?”... איז ער נעבעך צו 15 יאָר אַוועקגעפאָרן אין דער פרעמד. פון דעמאָלט אָן איז ער שוין אַלעמאָל געווען אין דער פרעמד — ביז דער חתונה, קומענדיק אַהיים נאָר אויף די יום־טובים, אָדער אויף אַ שמחה. איז אָט, אַפילו אין דער פרעמד זייענדיק,

האָט ער מיך ניט אויפגעהערט לערנען — דורך בריוו פלעגט ער מיך לער־נען. נאָ, זע...

צום וויפלטן מאָל שוין בעט מיך מיין מאַמע אַרויסנעמען דאָס פּע־קעלע בריוו פון שופלאָד און זען. איך טו עס איר צוליב. איך נעם עס אַרויס. צופיל אין האַנט קען מען עס ניט האַלטן — עס צעברעכט זיך און צעפאַלט זיך אויף שטיקלעך. איך דערקלער עס מיין מוטער און זי זאָגט:

— נו, גוט, לייג עס אַוועק צוריק.

איך זע, ווי זי קוקט מיר נאָך מיט אַ באַזונדער ציטער, מיט אַ באַ־זונדער אויפמערקזאַמקייט, ווי איך האַלט די בריוו און ווי איך לייג עס אַוועק. זי פרעגט מיך:

— האָסט עס גוט פאַרבונדן, מיין זון?

— יע, מאַמע... — און איך ווער אַליין אָנגעשטעקט מיט אַ געפיל פון וויכטיקייט פאַר די בריוו און זע עס אַוועקלייגן אַזוי, אַז קיין זאַך אַרום זאָל זיי ניט אָנרירן און נאָכמער אַרויסהעלפן זייער צעפאַלונג.

— נישקשה, מיין זון, מעגסט טייער האַלטן דיין פעטערס אָנדענק — ער האָט זיך אַ סך באַמיט פאַר דיר...

— ווי אַזוי, מאַמע? ער איז, דאַכט זיך, געשטאָרבן נאָך איידער איך בין געבאָרן געוואָרן...

— אַוודאי איז ער געשטאָרבן פריער, מיט דריי יאָר פריער. דו ביסט דאָך, דיר צו לענגערע יאָר, אַ נאָמען נאָך אים... אָבער ווען ניט ער — ווער ווייס, צי איך וואָלט דיך גאָר איצטער געהאַט...

און זי דערציילט מיר:

— ווען דו ביסט ניין חדשים אַלט געווען, ביסטו פלוצלונג קראַנק גע־וואָרן — אויף עפעס אַ מאָדנער קראַנקייט קראַנק געוואָרן; דער דאָקטער אַליין האָט ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז... דריי מעת־לעת נאָכאַנאַנד ביסטו געלעגן אין שטאַרקער היץ און ניט געעפנט די אויגן און ניט גענומען זויגן. און די דריי טעג און דריי נעכט האָב איך די אויגן ניט צוגעמאַכט און ניט אָפּגעטראָטן פון דיין וויגעלע... צוערשט האָב איך געוויינט, דערנאָך האָב איך שוין מער קיין טרערן ניט געהאַט... ביז אויף דער דריטער נאַכט פאַרטאָג בין איך געווען אַזוי אויסגעמאַטערט פון וויינען און ניט שלאָפן, אַז איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט אין די זאַכן און אַזוי גלייך איינגעשלאָפן. חלומט זיך מיר, אַז מיין ברודער איז געקומען צו מיר. גייט אָנגעטאָן, ניט ווי אַמאָל, אין די געוויינטלעכע קליידער זיינע — נאָר עפעס מאָדנע: אין טלית און תפילין... דערפריי איך זיך פונדעסטוועגן און וויל אים אויפנעמען און וויל אים בעטן זיצן... זאָגט ער מיר: „איך בין צו דיר ניט געקומען אין געסט, מיין שוועסטער, נאָר איך האָב געהערט,

אַז דיין קינד איז קראַנק — בין איך געקומען העלפן...״ „נאַ״, זאָגט ער צו מיר: „אָט האָסטו אַ רפואה שלמה, וועסט עס אים געבן, וועט ער געזונט ווערן...״ און איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט עפּעס צו זאָגן, האָט ער אַרויסגענומען פון אונטערן טלית עפּעס אַ פלעשעלע, עס אַרונטער־געלייגט אונטערן קישן און איז שנעל פאַרשוואונדן געוואָרן... איך האָב זיך גלייך אויפגעכאַפּט, דערמאָנט זיך, וואָס פאַר אַ חלום איך האָב געהאַט און גענומען זוכן אונטערן קישן דאָס פלעשעלע... איך האָב דאָרט גאָר־נישט געפונען... נאָר ווען איך האָב זיך אָפּגעדרייט צום וויגעלע, האָב איך געזען, אַז דו ליגסט מיט די אויגעלעך אָפן און ווען דו האָסט מיך דערזען האָסטו גענומען שמייכלען... איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דו ביסט געזונט געוואָרן... שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה, ווען דער דאָקטער איז געקומען, האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער איז דאָס געקומען זען, צי דו לעבסט נאָך און אַז טאָקע, ווען ניט מיין ברודער — ווער וויס צי דו וואָלסט דאָס דורכגעמאַכט...

מיין מוטער דערציילט מיט אַזויפיל געפיל און איבערצייגונג, אַז איך אַליין הויב שיר ניט אָן צו גלויבן, אַז דער חלום און דאָס פלעשעלע האָבן מיך דעמאָלט געזונט געמאַכט.

און אַמאָל זאָגט מיר מיין מוטער:

— דו ווייסט, מיין זון, אין ווען דו ביסט אַזוי געראָטן, וואָס דו זאָרגסט זיך נאָר וועגן אַנדערע, טראַכטסט וועגן דער וועלט און ווילסט נאָר, אַז אַלעמען זאָל זיין גוט? דאָס ביסטו אין מיין ברודער, דיר צו לענגערע יאָר, געראָטן. ער איז אויך געווען אַזאַ. אַמאָל זיינען נאָך ניט געווען אַזעלכע ווי היינט, אָבער ער האָט דעמאָלט אויך פיינט געהאַט די רייכע. געזאָגט, אַז דער רבונו של עולם האָט ניט גוט איינגעטיילט די וועלט. די מאַמע מיינע פלעגט ווערן אין כעס אויף אים דערפאַר, פלעגט זאָגן, אַז קעגן גאָט טאָר מען ניט רעדן, אָבער אַמאָל, אַז ער פלעגט ניט זיין דערביי, פלעגט זי זאָגן: „וואָס איז? ער איז דען ניט גערעכט? זאָל מיך גאָט נישט שטראָפן פאַר די רייד״... און מיך האָט ער אויך געלערנט צו זיין גוט און העלפן יענעם. דו ווייסט, מיין זון, אַז צו צוועלף יאָר, ווען איך האָב שוין פאַרדינט דריי רובל אַ וואָך, פלעגן ביי מיר די שכנים עס אַוועק־באָרגן אויף שבת... איך האָב קיינמאָל קיינעם ניט אָפּגעזאָגט, האָבן מיר אַפילו אַליין אויף שבת ניט געמעגט האָבן.... און אַז איך האָב דיך געהאַט און דו ביסט אונטערגעוואַקסן, האָב איך דיך אויך געלערנט, דו זאָלסט אַלעמען געבן, דו זאָלסט צו קיינעם ניט קאַרג זיין. און אַזאַ וויל איך, דו זאָלסט דיין גאַנצן לעבן זיין און דיינע קינדער אויך אַזוי דערציען... ווי מיין ברודער האָט מיך געלערנט...

ווען מיין מוטערס שוועסטער — עלטער פון איר אין יאָרן, נאָר אינגערע אין אויסזען — באַזוכן זי אַמאָל, ווען זייערע קינדער ברענגען זיי אין זייערע טייערע מאַשינען, פיל איך אַ באַזונדער דאַנקבאַרקייט דער־מאָלט צו מיין מוטערס ברודער, וועלכן איך האָב קיינמאָל ניט געקענט און וועלכער האָט אַזויפיל געטאָן פאַר מיין מוטער און אפשר אויך אומ־דירעקט פאַר מיר...

מיין מוטער איז פרום, אָבער ניט פאַנאַטיש, און אַן אינעווייניקסטע טאָלעראַנץ לעבט אין איר צו אַלעמען. זי האָט מיך אויך געפּרואווט דער־ציען צו זיין פרום, ווען עס איז אַוועק אַנדערש, האָט זי שלום געמאַכט מיט דעם. זי באַמיט זיך כמעט קיינמאָל ניט צו רעדן מיט מיר וועגן דעם. זי פרעגט מיך ניט, צי בין איך געווען ראש־השנה אין שול, צי האָב איך יום כיפור געפאַסט און צי איז ביי מיר פסח מצה אין שטוב. ווען זי איז אינגער געווען און פלעגט אַמאָל קומען צו מיר פסח, פלעגט זי שטענ־דיק געפינען אַ פאַסנדן תירוץ צו עסן בלויז פרוכט, אָדער ניס, אָבער קיינמאָל ניט אָנגעדייט אויף דער ריכטיקער אורזאַך...

אָט אַזאַ איז זי — מיין מוטער.

***

און אָט לאָזט מען מיר וויסן: מיין מוטער איז קראַנק.

איך לויף גלייך אַוועק. איך טרעף זי אין בעט אַ פאַרזונקענע, אַ האַלב־וואַכנדע. דער דאָקטער זאָגט מיר: עס איז ניט קיין ערנסטע זאַך. ביי אַ אינגערן מענטשן איז עס אַ קלייניקייט. אין איר עלטער אָבער — קען אַלץ פּאַסירן. איך זעץ זיך לעבן איר. ווען זי דערפילט מיך, וועקט זי זיך אויף און טשוכעט זיך פאַנאַנדער. אַ קוים־באַמערקטע פרייד באַוויזט זיך אויף איר פּנים.

— ביסט געקומען, מיין זון?

— יאָ, מאַמע, איך בין דאָ.

— גוט, וואָס דו ביסט דאָ, מיין זון, איך וויל מיט דיר רעדן...

— מען דאַרף ניט מאַמע, ניט איצט. איצט איז פאַר דיר שווער. דו דאַרפסט איצט ליגן רואיק. ווען דו וועסט געזונט ווערן, וועסטו מיר אַלץ זאָגן.

— איך ווייס ניט, מיין זון: אפשר וועל איך געזונט ווערן און אפשר ניט, חלילה. אַ מענטש אין מיינע יאָרן — קען אַלץ פּאַסירן מיט אים. וויל איך דיך בעטן דעריבער, כל זמן דער קאָפּ אַרבעט נאָך און די ליפּן באַוועגן זיך...

איך דערשרעק זיך. איך האָב מורא פאַר דעם, פאַרוואָס איך האָב זיך אַלעמאָל געשראָקן: זי זאָל מיך אין די לעצטע מינוטן פון איר לעבן

ניט בעטן, איך זאָל טאָן אַזוינס, וואָס איך קען ניט טאָן... און וואָס איך גלויב ניט... וואָס וועל איך איר ענטפערן? זאָגן איר ליגן? — איך האָב עס קיינמאָל ניט געטאָן. אָפּזאָגן איר — ווי קען מען...

איך שטאַרק זיך און זאָג:

— זאָג, מאַמע, וואָס ווילסטו מיך בעטן?...

— איך וויל דיך, מיין קינד, בעטן, זאָלסט עפּעס טאָן פאַר מיר. פאַר דיר איז דאָס אַ קלייניקייט, פאַר מיר איז דאָס — אַ סך.

— זאָג, מאַמע, וואָס...

— דו שרעקסט זיך אַוודאי... מיינסט איך וויל דיך בעטן צו טאָן אַ זאַך, און וואָס דו גלויבסט ניט?... ניין, מיין קינד, ניט דאָס... איך האָב קיינמאָל אויף דיר ניט געוואָלט אַרויפצווינגען אַזעלכע זאַכן, און איצט אויך ניט... וועסטו זאָגן דעם ערשטן קדיש נאָך מיר — איז גוט, אַז ניט, וועל איך דיר אויך מוחל זיין... וועסט דינגען עמעצן...

—מען דאַרף ניט רעדן, מאַמע, וועגן דעם... זאָג, וואָס ווילסטו מיך בעטן...

— איך וויל דיך בעטן, מיין קינד, טאָמער, חלילה, שטאַרב איך, זאָלסטו די הייליקע ספרים מיינע: די מחזורים, דעם סדור, טייטש־חומש, אַוועקגעבן אין שול. איך ווייס, ביי דיר וועט עס קיינער קיינמאָל ניט נוצן...

— מאַמע, דאַרפסט זיך אָנשטרענגען וועגן דעם צו רעדן?...

— ניין, מיין קינד, איך ווייס. אָבער איך וויל דיך בעטן נאָך עפּעס...

— וואָס מאַמע?...

— דו ווייסט... דאָס פּעקעלע בריוו, מיין ברודערס... איך האָב עס אַלעמאָל אָפּגעהיט, ווי אַן אוצר. נאָך דיר איז דאָס ביי מיר געווען די טייערסטע זאַך, וואָס איך האָב פאַרמאָגט... אָבער — אָן מיר, ווער דאַרף עס האָבן?... דו האָסט דאָך אים אַפילו ניט געקענט...

— וואָס־זשע ווילסטו מיך בעטן, מאַמע? וואָס זאָל איך טאָן מיט דעם?...

— איך וויל דיך בעטן, מיין זון, זאָלסט עס מיט מיר צוזאַמען באַגראָבן, אין קבר מיר עס מיטגעבן... דעם גאַנצן לעבן האָב איך עס אָפּגעהיט, זאָל עס אויך נאָך מיין טויט ניט פאַרשוועכט ווערן...

— גוט, מאַמע, איך זאָג דיר צו...

איך נעם איר האַנט אין מיינער און גלעט זי און באַמי זיך איינצוהאַלטן די טרערן, וואָס דריקן מיר אין האַלדז און שטייען מיר אין די אויגן...

די בלינדע מאַמע

די בלינדע מאַמע האָט געליטן פאַר דרייען: פאַר זיך, פאַר דעם זון און פאַר דעם אומשולדיקן מיידל, מיט וועלכער איר זון האָט געוואוינט, און וועלכע זי האָט שוין באַוויזן ליב צו באַקומען, ווי אַן אייגענע טאָכטער.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווען איר זון האָט געבראַכט דאָס מיידל אין שטוב און געזאָגט דער מוטער, אַז זי בלייבט דאָ וואוינען, איז זי נאָך ניט געווען אינגאַנצן בלינד. דער שיין פון לאָמפּ אין אָוונט האָט זי צוגעצויגן און בייטאָג אין דער ליכטיק האָט זי געקענט אונטערשיידן די קאָנטורן פון אַ מענטשן. עס איז איר שווער געווען צו באַשטימען, צי דער מענטש איז אַ מאַן אָדער פרוי, אָבער די פיגור פונעם מענטשן האָט זיך נאָך אָפּגעשפּיגלט אין אירע בלינד־ווערנדיקע אויגן, ווי אַ שאָטן, אַ געשטאַלט. זי האָט אויך ניט געדאַרפט מען זאָל זי באַדינען און אַליין געטראָפן אַלץ וואו עס ליגט און געוואוסט נאָך אַפילו, כאָטש מיט געפּאַר פאַר איר לעבן, דעם וועג יעדן שבת אין און צוריק פון דער שול.

דער זון האָט איר דעמאָלט קורץ געלאָזט וויסן: נאָך אַ מענטש קומט צו אין שטוב, וועלן זיי זיין אין דרייען. וועט זי ניט דאַרפן שטענדיק מאָנען פון אים. ער ברענגט אַ מיידל, מיט וועלכער ער וועט דאָ וואוינען צוזאַמען.

דער מוטער האָט ווי געטאָן און באַליידיקט: פאַרוואָס ניט ווי ביי אַלע מענטשן, ווי די וועלט פירט זיך — חופה וקדושין און נאָך אַזעלכעס?...

זי האָט אים פירגעהאַלטן און געבעטן זיך:

— פאַרוואָס ניט אַ חתונה, ווי ביי לייטן? ווי מענטשן פירן זיך?

דער זון האָט אָבער שאַרף אָפּגעהאַקט:

— צו וואָס? אַ רינגל ווי ביי לייטן וועט זי האָבן און דעם רבס ברכה וועט דאָ קיין סך מער ניט אויפטאָן...

די מוטער האָט זיך געקנייטשט און געוואונדערט זיך אויף דעם מיידל אַליין: פאַרוואָס שטימט זי איין צו דעם? זי האָט זיך געשראָקן און געטראַכט: ווער ווייס וואָס פאַר אַ מיידל איר זון ברענגט אַריין אין שטוב.

פונדעסטוועגן האָט זי געוואָלט וויסן:

— איז זי אַ שיינע?

— קיין מיאוסע וואָלט איך אַהער ניט געבראַכט.

— איז זי כאָטש ניט קיין נאַר?

— וועסט ריידן מיט איר...

— איז זי אַן אָנשטענדיקע, אַ מענטש?
— וועסט שוין זען...
דער זון האָט געענטפערט מיט זיין כאַראַקטעריסטישער שאַרפקייט, קורץ און אָפּגעהאַקט, און די מוטער האָט פון אים גאָרנישט געקענט אַרויסבאַקומען.
דער מוטער האָט געקלעמט ביים האַרצן, אָבער זי האָט געמוזט שווייגן. מיטן זון האָט מען קיין סך ניט געקענט ריידן. ער איז געווען אַ באַהאַלטענער, אַ פאַרביסענער, ווי ער וואָלט שטענדיק אַ סוד אין זיך געטראָגן, און זינט אירע אויגן האָבן אָנגעהויבן פאַרצויגן ווערן מיט אַ הייטל, האָט זי אַפילו פון זיין פּנים ניט געקענט אַרויסלייענען, וואָס ביי אים אין האַרצן טוט זיך. אַ וואָרט מער, און ער איז אין כעס געוואָרן, געגעבן אַ האַק מיט דער טיר און אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן אויף עטלעכע טעג.
האָט די מוטער געמוזט וואַרטן און זען וואָס עס וועט זיין.
עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן בעסער ווי דערוואַרט. דאָס מיידל האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ פיין קינד, און איר שיינקייט אָדער מיאוסקייט איז שוין דער מוטער ניט אָנגעגאַנגען. אין שטוב איז צוגעקומען אַ נייער מענטש, אַ רואיקער, אַ באַריידעוודיקער, אַ פריילעכער און אַן אָנגענעמער. אין שטוב האָט ביז דעמאָלט געהערשט שטענדיקע שטילקייט. איצט האָט אַ מענטשלעך קול זיך דערהערט, מענטשלעכע פריילעכקייט, און פאַר דער כמעט בלינדער איינזאַמער פרוי איז עס געווען, ווי די זון וואָלט אין מיטן אַ כמאַרנעם טאָג פּלוצלינג אַריינגעשיינט אין די פענצטער.
די מוטער האָט זיך געפרייט. זי האָט זיך געפרייט פאַר איר זון און געפרייט זיך פאַר זיך אַליין. זי האָט בלויז אין זאַך ניט געקענט פאַרשטיין: ווי קומט אַזאַ וואוילע און גוטע מיידל, אַזאַ פריינטלעכע און מענטשלעכע, צו איר מרוקעוואַטן זון? וואָס אַזוינס האָט זי אין אים דערזען, וואָס האָט זי צוגעצויגן צו זיך? נאָר מילא, צופיל טראַכטן וועגן דעם האָט זי ניט געוואָלט. מסתמא האָט זי דאָך אין אים יאָ עפּעס געפונען, וואָס איז איר שטאַרק געפעלן געוואָרן. און אויב אַפילו אָפּגענאַרט זיך, האָט עס דער מוטער אויך ניט צו שטאַרק געאַרט. אויב יענע זעט עס ניט, וועט עס איר ניט שאַטן. זי אַליין האָט דערפאַר שוין געפּרואווט פאַרגעבן דעם זונס חסרונות. זי האָט זיך באַמיט צו זיין פריינטלעך מיט דעם מיידל, ניט צו זיין איר אין וועג און ניט צו דאַקוטשען איר צופיל.
אָבער דאָס מיידל אַליין האָט געזען ווי ווייט מעגלעך צו זיין באַהילפיק דער אַלטער און פאַרלייכטערן איר אין איר בלינדקייט. זי האָט איר שטענדיק געזוכט אונטערצוטראָגן און דערלאַנגען, און ניט נאָר האָט זי

אַלץ געזוכט צו טאָן אין שטוב, נאָר גענומען אויף זיך זאַכן, וואָס די אַלטע וואָלט דאָס פון איר גאָר קיינמאָל ניט פאַרלאַנגט. אַזוי האָט זי זי יעדן שבת געפירט אין שול און צוגעהיט די צייט צו קומען זי אָפּנעמען, און אין קאַלטע, אָבער זוניקע ווינטער־טעג האָט זי זי אַרויסגענומען אויף דורכשפּאַצירן זיך אַביסל, אָדער אַוועקגעשטעלט אַ שטול לעבן הויז, יענע זאָל קענען זיצן און וואַרעמען זיך אויף דער זון.

די בלינדע האָט זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן פון איר און ניט געקענט פאַרשטיין מיט וואָס האָט זי זיך עס פאַרדינט, אַז מיט איר זאָל אַזאַ נס געשען.

אָבער אָט האָט פּלוצלינג די אַלטע דערפילט, אַז דער נס איז ניט קיין זיכערער, אוודאי ניט קיין שטאַנדהאַפטיקער. אַז ער הויבט זיך אָן וואַקלען אונטער אירע פיס און וועט זיך מעגלעך אינגאַנצן אַרויסגליטשן פון אונטער זיי.

די אַלטע האָט קיינמאָל ניט געקענט זען, ווי איר זון באַציט זיך צו דעם מיידל, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין הויז. בכלל איז ער ווייניק אין הויז געווען, און ווען ער איז יאָ געווען, איז ער געזעסן אין אַלקער מיט איר און קיינמאָל ניט פאַרשאַפט דער מאַמען דעם פאַרגעניגן צו זיצן אַלע צוזאַמען, און זאָל זי אויך האָבן אַ ביסל נחת. זיין שטימע האָט זיך זעלטן ווען פון דאָרטן געהערט, מער ניט דעם מיידלס קלינגענדיקער געלעכטער, וואָס האָט פון צייט צו צייט קורץ אויפגעריסן און באַלד אָפּגעהאַקט זיך. דער בלינדער האָט דאָס ניט געאַרט. מילא, פאַרגינט ער איר ניט דאָס גליק צו האָבן בלינדערהייט אַ ביסל נחת פון איר קינד. סיי ווי האָט זי פון אים קיינמאָל קיין צופיל ניט דערוואַרט. פון דער מיידלס רואיקער און פריינטלעכער שטימע אַלעמאָל, פון דער געמיט־לעכקייט מיט וועלכער זי האָט איר שטוב־אַרבעט געטאָן, האָט זי געדרונ־גען, אַז דאָס מיידל פילט זיך גליקלעך און צופרידן. פאַר דער אַלטער איז דאָס געווען אַ באַווייז, אַז וואָס איר זון זאָל ניט זיין — צו דעם מיידל איז ער גוט און באַציט זיך צו איר ווי עס באַדאַרף צו זיין. מסתמא האָט ער זי דאָך אויך ליב.

אָבער אָט האָט איר זון אָנגעהויבן אַלץ אָפטער צו קומען שפּעט אַהיים. און ווען ער קומט, מאַכט ער ניט קיין שום לאַנגע מחזקות, נאָר טוט זיך באַלד אויס און לייגט זיך גלייך אין בעט. זיין שטימע האָט מען סיי ווי קיינמאָל ניט געהערט, אָבער איצט הערט מען שוין אויך ניט אירע, אוודאי ניט איר געלעכטער. אין דער פרי טוט ער זיך אָן און גייט באַלד אַוועק. די אַלטע פילט, אַז עפּעס קומט דאָרט פאָר צווישן זיי אין אַלקער — שטומס, שווייגנדיקס, וואָס זאָגט איר קיין גוטס ניט צו.

אין דער פרי קומט דאָס מיידל אַרויס. די אַלטע קען ניט זען איר פּנים, אירע פאַרוויינטע אויגן, אָבער זי פילט ווי יענערס שטימע האָט פאַרלאָרן איר פריילעכקייט, איר געמיטלעכקייט. דאָס מיידל טוט די אַרבעט פּונקט ווי פריער, דערלאַנגט דער אַלטער, אָבער דער בלינדער איז איצט שווערער צו לאָזן זיך באַדינען פון איר. עפּעס פילט זי אין זיך אַ שולדיקייט צו איר, אַ פאַרשולדיקטקייט, פאַר וועלכע זי וואָלט זיך מיט וואָס געוואָלט אויסקויפן, נאָר האָט ניט מיט וואָס...

דער אַלטער דאַכט זיך, אַז ווען יענע וואָלט איר דערציילט, זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן, וואָלט איר אפשר אויך גרינגער געוואָרן. זי וואָלט זי געפּרוּווט טרייסטן, געזאָגט איר, אַז זי פאַרשטייט אַלץ. אָבער מען דאַרף אים דורכלאָזן, איבערוואַרטן, ביז די שטימונג וועט ביי אים אַריבערגיין. דער טאַטע זיינער איז אויך אַזוי געווען, און זי האָט זיך אויך געווּנג אָנגעליטן, ביז זי האָט אים גוט דערקענט און אויסגעלערנט זיך ווי צו באַגיין מיט אים...

זי וואָלט דאָס אַלץ דערציילט דער מיידל, אפשר וואָלט דאָס איר אַרויסגעהאָלפן, לייכטער געמאַכט. נאָך אַלעמען האָט זי זי ליב באַקומען ווי אַן אייגן קינד און באַטראַכט זי ווי אַן אייגענע טאָכטער. אָבער יענע שווייגט און דריקט אַלץ אין האַרץ ביי זיך, און אָנהויבן רעדן די ערשטע האָט די אַלטע מורא, טאָמער וועט זי זי באַליידיקן, טאָמער וויל יענע גאָרניט רעדן וועגן דעם.

שטיקט די אַלטע אויך אין האַרץ ביי זיך און שווייגט. זי קוקט הילפלאָז מיט אירע בלינדע אויגן און פילט מיט שרעק, ווי עפּעס קלייבט זיך אויף איר, גרייט זיך זי צו צעשמעטערן.

ביינאַכט, ווען דער זון קומט, וועקט זיך ביי דער אַלטער אויף אַ נייע האָפענונג אין האַרצן: ווער ווייס, אפשר איז אין אים אַ נייע ענדערונג פאָרגעקומען?... אפשר פון היינט אָן... זי שטעלט אָן איר אויער און זוכט אויפצוכאַפּן פונעם אַלקער קלאַנגען, ווערטער, אפשר דאָס אַמאָליקע אויפהילכנדיקע געלעכטער... אָבער אנשטאָט דעם דערהערט זי אַ שטילן שלוכצן אַזאַ, אַ פאַרצווייפלטן, אַ הילפלאָזן...

די בלינדע דערפילט זיך אויך פאַרצווייפלט און הילפלאָז. איר האַרץ ווערט צעריסן פון ווייטאָג און צער. אַ כעס כאַפּט זי אָן צו איר פאַר־ביסענעם זון, וואָס צעשטערט זיין אייגן לעבן און נאָך צוויי אַנדערע דערביי. בלינדערהייט, דאַכט זיך איר, וואָלט זי זיך אַריינגעשאַרט אינעם אַלקער און מיט איר שטעקן דערלאַנגט אים אַזוי, אַז עס וואָלט פון אים

דאָס פאַרסמטע בלוט אַרויסגעשלאָגן. — „וואָס האָסטו צו דעם מיידל? צו אַזאַ טייער קינד? און וואָס האָסטו צו מיר, אַן אַלטער בלינדער מאַמען?...“

אָבער זי האַלט זיך איין. זי האָט מורא זיך אָנצופאַנגען מיט אים: ווער ווייס, וואָס אַזאַ אייגער קען נאָך אָפּטאָן!...

אין דער פרי קומט דאָס מיידל אַרויס פונעם אַלקער אַ פאַרווײנטע, אַ צערודערטע. די אַלטע פילט עס אין איר ציטערדיקער שטימע, אין איר נערוועזן טראָט. זי רעדט וויניק און באַמיט זיך צו טאָן ווי אַלע מאָל די שטוב־אַרבעט. זי גרייט צו פאַר דער אַלטער עסן און דערלאַנגט איר. באַלד אָבער גייט זי אַריין צו זיך אין צימער און פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

די אַלטע בלייבט זיצן אַליין מיט איר בלינדקייט און מיט איר וויטאָג אין האַרצן — פאַר זיך, פאַר איר זון און פאַר דעם אומשולדיקן מיידל, וועלכן זי האָט שוין באַוויזן ליב צו באַקומען, ווי אַן אייגענע טאָכטער...

אין אַ פרעמדער וועלט

דער אַלטער סענדער און זיין ווייב ביילע־גוטע רעדן זיך אַראָפּ פון האַרצן:

— אַזוי, ניט צו פאַרזינדיקן, האָבן זיי זיך ניט אויף וואָס צו קלאָגן, מער נישט איין זאַך: דער אומעט! מען גייט אויס פון אומעט... נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן...

די אַלטיטשקע זיינען גערעכט: מער, ווי מיט זיך אַליין צו רעדן איז זיי כמעט ניט געבליבן, און דאָס קומט זיי אויך אָן ניט גרינג. ביידע זיינען טויבלעך, ער — שוין אַפילו גאָר היפשלעך טויב, און די ראיה איז שוין אויך ניט ווי אַמאָל — איז דאָס דערהערט מען ניט, דאָס דערזעט מען ניט...

און אין שטוב קומט אויך קיינער ניט אַריין. וואָלט דאָס ווער אַ פּוס וועגן אַריינשטעלן! קיינער ניט... ווי מען וואָלט פון שטיינער אַרויסגעקומען... אַמאָל איז בעסער געווען: געווען כאָטש שכנים. ווער פון איין שטעטל, ווער אַזוי פון גאַס, וואָס שוין דאָ זיך באַקאַנט — איז געווען צו וועמען אַמאָל צוגיין, מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. האָט מען זיך געקענט דערמאָנען אַמאָל זאַכן פון דער היים, פון דער גרויסער שרפה, פון דער מגפה, אָדער אַזוי זיך אַראָפּרעדן אַ ביסל פון האַרצן, איז כאָטש לייכטער געווען. היינט איז דאָס אויך ניט — ניטאָ מיט וועמען: אויסגעשטאָרבן אַלע...

און די קינדער — נישטאָ זיך, חלילה, וואָס צו באַקלאָגן אויף זיי: גראָד גוטע קינדער, וואוילע קינדער, היטן אָפּ דעם טאַטן מיט דער מאַמען, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג — זיינען זיי אָבער שטענדיק פאַרנומען און האָבן קיינמאָל קיין צייט ניט: כאַפּן זיך אַריין אויף אַ ווײַלע און באַלד ניטאָ... די שניר זיינען דווקא היימישע, קען מען נאָך מיט זיי אויסרעדן אַ וואָרט. רעדן כאָטש יידיש, אַן אַנדער יידיש, אַ מאָדנעם אַזאַ, מיט אַזעלכע מאָדנע ווערטער — אָבער נאָך אַלץ אויף צו דערליידן. די אייניקלעך איז נאָך אויך ווי עס איז, אַמאָל גלוסט זיך לאַכן פון זייער יידיש. די אוראייניקלעך אָבער פאַרשטייען שוין גאָר קיין וואָרט ניט! ניט מעגלעך מיט זיי צו רעדן, ווי מיט שטומע... קוים זיך אויסגעלערנט אַרויסצורעדן די ווערטער: „זיידע" און „באָבע"... איז מיט וועמען איז דאָ צו רעדן? וואָלטן נאָך די קינדער געקומען אײנציקווייז — אָן עין הרע פאַרפלאַנצט דאָ אַ משפחה, וואָס האָט זיך צעצווייגט

אין דער ברייט און אין דער טיף מיט אייניקלעך און אוראייניקלעך — וואָלטן זיי נאָך געקומען איינציקווייז, וואָלט כאָטש יעדעס מאָל אַן אַנדער מענטש געעפנט די טיר. פאַרט מען זיך אָבער אַן אַלע אין איין טאָג — זונטיק אַלעמאָל, אַזאַ מאָדע איז עס דאָ — ווערט די שטוב, ווי אַ יריד, אַז זיי דערלעבן קוים מען זאָל זיך צעפאָרן — און אַ גאַנצע וואָך איז ווידער פוסט: קיינער עפנט ניט קיין טיר...

און ווער אייגנטלעך זאָל עפענען אַ טיר? מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, ווען די קינדער האָבן זיי אַראָפּגעבראַכט אַהער, האָט די גאַנצע משפחה נאָך געלעבט. אַ גרויסע משפחה געווען. אַי האָט מען זיך עס אַרומגעכאַפּט מיט זיי! ווער עס האָט זיך ניט געזען מיט זיי צוואַנציק יאָר, ווער דרייסיק — איז די שמחה געווען גרויס פוןביידע זייטן... מאַשקע דער פישער האָט נאָך דעמאָלט געלעבט, אַ ייד אַ ווייצלער. וואָס פאַר אַ מעשׂות ער פלעגט זיך דאָס אָנדערציילן, ווי די מאַמע זיינע האָט געדאַרפט חדשים־לאַנג נאָכלויפן אויסצופּועלן פאַר אים אַ פּאָר שיך אין תּלמוד־תּורה און ביז די גרויסע פרעסט זיינען ניט געקומען און ער איז געגאַנגען אַ באָרוועסער, האָט ער קיין שיך ניט געקראָגן... און איצטער פאַרמאָגט ער אַן אייגענעם פישמאַרק און הייזער אייגענע און קראָמען, וואָס דער גביר פון שטעטל אַליין האָט אַזעלכע ניט פאַרמאָגט... און שמעון דער טריפער האָט דעמאָלט געלעבט, וואָס מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער פאַרקויפט טריפה פליש פאַר כשרע און אַהער איז ער געקומען תשובה טאָן און אויסקויפן זיינע אַמאָליקע חטאים... און לייזער דער כהן האָט נאָך דעמאָלט געלעבט, וואָס האָט אפילו קיין פּו־טער און קעז ניט געוואָלט דאָ פאַרזוכן און געטענהט, אַז אַלץ איז דאָ טריף, חזיר־טריף...

און ווער ניט? אַלע, אַלע האָבן נאָך דעמאָלט געלעבט — די גאַנצע משפחה, וואָס האָט אַמאָל פון אָרעמקייט געמוזט אַנטלויפן אַהער. איצ־טער זיינען זיי שוין קיינער ניטאָ... איינער נאָכן צווייטן אַוועק, אַזוי ווי אַמאָל קיין אַמעריקע...

איז ווער זאָל עפענען אַ טיר? לעבט מען זיך אַזוי אָפּגעזונדערט, נאָר מיט זיך: ער און זי, זי און ער. די קינדער האָבן פאַר זיי אַ קליינע דירה געקראָגן — צוויי צימערלעך און אַ קיך — פאַרעט מען זיך אַ גאַנצן טאָג דאָרטן. בישטאָ אַפילו וואוהין צו גיין אָפּדאַווענען. די קינדער האָט זיך נאָר געוואָלט אין דער געגנט באַזעצן זיי — אַ שטילע, שיינע געגנט, ניט זייער ווייט פון זיי — איז אָבער דאָ גאָר קיין יידן ניטאָ. אָדער אפשר זיינען דאָ יאָ פאַראַן יידן, נאָר זיי דאַוונען ניט... קוים מיט צרות פאַר עטלעכע בלאָק אויסגעזוכט ערגעץ אַ „מנין", דאַוונט מען דאָרט נאָר

שבת. און אַ גאַנצע וואָך איז נישט קיין קדושה, נישט קיין אָמן און נישט קיין מנין... מילא, זיי גיבן זיך ווי עס איז אַן עצה: מען דאַוונט פאַר זיך. אָבער וואָס פאַר אַ דאַוונען איז דאָס? און ניט נאָר דאָס. אַזוי, ווען עס איז דאָ אַ שול, בלייבט מען אַ ווײַלע נאָכן דאַוונען, מען שטייט אַ ווײַלע, מען שמועסט, מען באַקענט זיך מיט נאָך יידן, מען לאָדט אַמאָל וועמען איין צו זיך, עס זאָל זיין מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן — אָבער אַזוי איז מען שטענדיק נאָר מיט די פיר ווענט...

יעדן אינדערפרי נאָכן דאַוונען גייט ער אין מאַרק איינקויפן. זומער גייען זיי צוזאַמען, אָבער ווינטער, אין די קעלטן, גייט ער אַליין. כאָטש עס איז פאַראַן אַ קרעמל ניט ווייט פון הויז, קאָסט אָבער אין מאַרק ביליגער. די געוואוינהייט צו זוכן וואו ביליגער איז נאָך געבליבן ביי זיי, און איבערהויפּט ביי אים, פון דער אַלטער היים, כאָטש די קינדער גיבן זיי גענוג צום לעבן און מען דאַרף ניט זיין אויסגערעכנט אויף דער פּעני.

אַז זיי גייען אין גאַס, האַלט זי אים אונטערן האַנט. צו אַכט און אַכציק איז שוין ניט אַזוי גרינג צו גיין. און כאָטש ער איז עלטער פון איר, שוין איבער ניינציק, איז ער אָבער פאַרט אַ מאַן און האַלט זיך בעסער פון איר. אין גאַס קוקט מען זיך אום אויף זיי, ווי זיי גייען ביידע. אייניקע, גאָר יונגע, פּרואוון אַ מאָל חוזק מאַכן. אַ סך מאָל הערן זיי, ווי עמעצער פּרואווט זיי פאַרטיידיקן:

— וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו לאַכן פון אַלטע מענטשן? אויב מיר וועלן דערלעבן זייערע יאָרן — הלוואַי זאָלן מיר ניט זיין ערגער...

איבערהויפּט אָבער קוקן זיך מענטשן אײַן אין זיי, ווי זיי גייען שבת אין שול. אין שול גיין זוכט זי ניט דורכלאָזן אַפילו אין שלעכטע וועטערן, סיידן עס איז שוין גאָר שלעכט. ער לאָזט קיינמאָל ניט דורך, ווייל ער האָט מורא, אַז עס קען אויספעלן צו אַ מנין. טוען זיי זיך אָן ביידע אין די שבתדיקע קליידער. זיי האָבן זיי נאָך געבראַכט פון דער אַלטער היים. זי טוט אָן איר שוואַרצע מוסלינענע קלייד, וואָס איז ברייט און לאַנג ביז דער ערד. ער — זיין שוואַרצע לאַנגע קאַפּאָטע און אויך זיין לאַנגן שוואַרצן מאַנטל. אונטערן מאַנטל טוט ער אָן דעם טלית, פון וועלכן עס הענגען אַראָפּ די ציצית. ער טוט דאָס, ווייל קיין עירוב איז ניטאָ אין דער געגנט, טאָר מען ניט טראָגן. דאָס רויטע נאָזטיכל פאַרבינדט ער זיך אַרום האַלדז און זי אירע פאַרבינדט זיך אַרום האַנט. אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ שוואַרצע הוטל, פון אונטער וועלכער עס זעט זיך אַרויס די סאַמעטענע יאַרמלקע.

מענטשן שטעלן זיך אָפּ קוקן אויף זיי. ווער אויס נײַגיר צו זייער

אַלטקייט און ווער צוליב זייער אָנטאָן. אין דער געגנט גייט קיינער אַזוי ניט אָנגעטאָן. ביי אַנדערע, איבערהויפּט די ייִנגערע, קוקן זיי אויס קאָמיש. עס טרעפט אַמאָל ייִנגלעך נעמען שטיינדלעך אין די הענט אָדער שניי־קוילן, און ווילן וואַרפן אין זיי. באַלד אָבער מאַכן זיי אַנדערע אויפמערקזאַם:

— טוט דאָס ניט, דאָס איז אַ ראַבאַי...

אַנדערע מאַכן די זאַך נאָך שטרענגער:

— דאָס זיינען הייליקע מענטשן. אַמאָל זיינען אַלע געווען אַזוי...

די קינדער, די פריערדיקע שטיפער, בלייבן שטיל שטיין און קוקן אויף זיי, ווי זיי גייען פאַרביי, מיט גרויס דרך־ארץ און פאַרוואונדערונג.

איז דער שבת און דער זונטיק נאָך ווי עס איז. אַ גאַנצע וואָך אָבער איז שרעקלעך אומעטיק. ניטאָ פּשוט פון וואָס צו רעדן. בלויז דער מאַרק אין דער פרי שטעלט נאָך צו אַ ביסל מאַטעריאַל. ער קומט צוגיין און באַלד ביים פאַרמאַכן די טיר זאָגט ער איר אָן די שלעכטע בשורה:

— ווייסט, ציבעלעס איז אַרויף אַ פעני אויפן פונט...

— אַזוי? נאָך אַ פעני?... — וואונדערט זי זיך און פּרואווט אים באַלד טרייסטן: — מילא, וויפל ציבעלעס פאַרנוצן מיר עס. דו האָסט געקויפט דריי פונט, וועט זיין אויף עטלעכע וואָכן...

— וואָס עפּעס נאָר ציבעלעס? — לאָזט ער זיך ניט באַרואיקן: — און וואו איז מערן? און וואו איז פעטרישקע? אַלץ איז איצט בראַנד־פייער...

אין יעדן בייט פון די פרייזן זעט ער נאָר די שולד פון די מאַרק־פּעדלערס. ער רעדט אויף זיי אויס, וואָס אין דער קאָרט.

זי זעט, אַז עס הייבט שוין אָן אָוועקגיין צו וויט, אַז ער רעגט זיך צו שטאַרק אויף, פּרואווט זי אים באַרואיקן:

— מילא, זאָלן זיך די קינדער זאָרגן. עס וועט אַוועקגיין נאָך אַ דאָ־לער אַ וואָך, וועלן זיי דערלייגן...

— און די קינדערס געלט איז מיר ניט אַ שאָד?... — פּרואווט ער איר אָפּענטפערן.

— אַ דאגה האָסטו... — און מיט דעם ווערט דער שמועס ביסלעכווייז אויסגעגנומען.

נאָכן עסן, ווי עלטערע מענטשן, לייגט מען זיך צו אַ ביסל. אָבער עס שלאָפט זיך ניט. זי שלאָפט נאָך אַ ביסל, ער — גאָרניט. נאָכן שלאָפן ערשט פילט זיך די אומעטיקייט: נישטאָ וואָס צו טאָן. האַלט דאָס עמע־צער גאָר פּרואוון עפענען אַ טיר!... די שכנים אַרום, שוין אויך ניט קיין יונגע מענטשן, אָבער אַלץ אינגערע פון זיי, קומען צו זיי קיינמאָל

ניט אַרייַן. מער ווי אַ „גוט־מאָרגן” קען מען פון זיי ניט קריגן. אַזוי האָבן זיי בילכערע אַרבעט צו טאָן: גאַנצענע טעג נאָר שפּילן אין קאָרטן...

— וואָס פאַר אַ מענטשן זיינען דאָס? — רעדט ביילִיע־גוטע איבער צו איר מאַן: — האָסטו געזען אין מיטן טאָג שפּילן גאָר אין קאָרטן?... ביי אונדז פלעגט מען שפּילן אין אָוונט — און דאָס נאָר חנוכּה... אַז עמעצער האָט געשפּילט בייטאָג האָט ער געהייסן אַ קאָרטנשפּילער, אַ כּל־בוניק — און דאָ איז מען נאָך פיינע מענטשן...

אָבער נישט נאָר דאָס אַליין. עס געפעלן זיי ניט אַ סך זאַכן. אָט אַ שטייגער, ווי אינגלעך און מיידלעך גייען דאָ און האַלטן זיך פאַר די הענט... אין דער היים וואָלטן זיך מאַן און ווייב געשעמט דאָס צו טאָן בפרהסיה... און דאָ איז אַ הפקרות: אַזוי ווי גאָר עפּעס רחמנא לצלן...

אַן איניקל פּרוּווט אַמאָל איינטענהן מיט איר:

— נו, וואָס איז, באָבע, אַז מען האַלט זיך פאַר די הענט? עס שאַדט דען עמעצן?...

אָבער ביילִיע־גוטע שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט:

— וואָס קען ווִיסן אַזאַ, וואָס איז דאָ געבאָרן געוואָרן...

ווען זיי זיינען געווען אַ ביסל אינגער, האָבן די קינדער זיי געפּרוּווט אַמאָל אויסנעמען אין די מוּוויס. געטראַכט: אויב עס וועט זיי געפעלן ווערן, וועט מען זיי אָפט קענען נעמען אַהין, זאָלן זיי אויך הנאה האָבן. איז עס אָבער ניט געגאַנגען: זי איז באַלד איינגעשלאָפן און ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, ניט געוואָלט קוקן אויף די ווילדע בחורים און פאַר־שייטע מיידלעך...

דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט דער קאַנטרי. די קינדער פלעגט אַלעמאָל פאַרדריסן, פאַרוואָס אַליין פאָרט מען אַוועק אין די בערג אָדער צום ים און די עלטערן לאָזט מען איבער אַליין, זיך באַקן אין דער שטאָט־טישער היץ. האָט מען זיי איינמאָל אויך אַרויסגענומען אין די בערג. מיטגענומען דעם טלית, די בענטשליכט, דער מאַמעס טעפּלעך אַפילו, עס זאָל ניט זיין קיין פראַגע וועגן כּשרות... אָבער מער ווי אַ פּאָר טעג האָבן די אַלטיטשקע ניט אויסגעהאַלטן, קוים דערצויגן ביז אַ וואָך; ניט געקענט אויסהאַלטן די פאַרשייטקייט פון די פרויען און אַפילו פון די מענער... קוים פלעגט עמעצער צוקומען צום פאָרטש, פלעגט די אַלטע אָפּדרייען אירע אויגן און ער פלעגט אַרייַן אינעווייניק...

— וואָס פאַר אַ פּירעכץ — פלעגן זיי זאָגן, — עפּעס גאָרניט, ווי פון אַ יידישן מויל אַרויסצוברענגען...

מען האָט זיי געמוזט אָוועקפירן אַהיים.

די קינדער האַלטן אויס די טאַטע־מאַמע מיטן שענסטן און בעסטן

און שטאָלצירן מיט זיי, ווי מיט אַ צירונג. אַפּילו די אוראייניקלעך, וואָס זייער גאַנצער געשפּרעך מיטן זיידן און באָבען באַשטייט אַ סך מאָל פון די צוויי ווערטער: „זיידע" און „באָבע" און פון לאָזן זיך אַ קוש טאָן, פילן אויך עפּעס אַן ערנפורכט פאַר זיי און זייַנען שטאָלץ מיט דעם, וואָס זיי האָבן נאָך אַן עלטער־זיידן מיט אַן עלטער־באָבען. אַ סך מאָל ווילן זיי זיך שפּילן מיט דער באָבען, ווי מיט אַ שפּילצייַג, ווי מיט אַ גלייכן. זי פאַרשאַפט זיי אַ סך „פאַן" מיט איר קליינקייט, מיט איר דאַרקייט, מיט איר ווייכקייט און מיט איר באַבישקייט...

די קינדער אָבער האָבן אויך אויסצושטיין פון זיי. שטענדיק, ווען זיי קומען, מוזן זיי אויסהערן די אייביקע טענה, אַז עס איז זיי אומעטיק...

— וואָס קאָנען מיר טאָן? — פּרואוון זיך די קינדער פאַרענטפערן:

— אונדז, מאַמע, מיינסטו איז אַלעמאָל פריילעך? אַז עס ווערט אומעטיק, גייט מען אַמאָל אין די מואוויס, אַמאָל הערט מען די ראַדיאָ...

— מואוויס... — פּרואווט ביילע־גוטע חוזק מאַכן פון די קינדער:

— איך דאַרף גיין שלאָפן אַהינצו. וואָס איז, אין שטוב איז מיר שלעכט?...

און אויף דער ראַדיאָ זאָגט ער:

— אַ פאַרגעניגן צו הערן, ווי זיי האַליאַקען דאָרטן? ווי די גלחים אין קלויסטער...

איז וואָס טוט מען מיט זיי? די קינדער ווייסן די אמתע אורזאַך פון זייער אומעט: געלעבט אַ ביסל צו לאַנג און אַריינגעלעבט אין אַ פרעמ־דער וועלט, וואו יעדער זכר פון אַמאָל איז שוין לאַנג אָפּגעשטאָרבן... בלויז זיי זייַנען די איינציקע געבליבן, בלאָנדזשען זיי אום, ווי פאַר־געסענע...

די קינדער זייַנען שטאָלץ מיט זיי און פרייען זיך מיט זיי, אָבער גלייכצייַטיק פילן זיי אַ רחמנות צו זיי און רעדן איבער אַמאָל צווישן זיך:

— נישט גוט, אַז מען לעבט צו לאַנג...

די שאַפּע מיט קליידער

אַ יונגע שפּילעוודיקע פרילינג־זון האָט אַריינגעשיינט דורך די פענצטער און פריילעך זיך צעטאַנצט איבער די ווענט און דיל.

אויף אַ ברייטער פאָטער־שטול אין אַ זייט פון צימער — די זון זאָל אים נישט אַריין אין די אויגן — איז געזעסן דער אַלטער מיט דער רעכטער האַנט אויפן אָנלען פון שטול. די לינקע איז באַוועגלאָז אַראָפּגעהאַנגען און אָנגעהאַלטן זיך אָן דער לינקער פוס, וועלכע איז געהאַנגען אָן שום סימן פון לעבן. אין מיטן וואָך איז ער געווען אָנגעטאָן אין די שבתדיקע מלבושים. ניט ווייט אויף אַ צווייטער שטול איז געלעגן דער מאַנטל זיינער, ווי ער וואָלט זיך באַלד געקליבן גיין אויף אַ שמחה. דער אויסדרוק פון זיין פּנים, דער שטאַרער בליק פון זיינע אויגן האָט אָבער אויסגעדריקט טרויער און צער.

אין שטוב האָט געהערשט אַ שטילע אויפרודערונג און אין דער לופט האָט געשוועבט אָן איינגעהאַלטענע אָנגעשטרענגטקייט. אַלע ווילע איז ווער פון דעם אַלטנס קינדער אַריין אין צימער, ווי עס וואָלט עפּעס געדאַרפט דאָרט, כלומרשט אַ ראַיע געטאָן זיך און אַ זוך געטאָן, וואַרפנדיק דערביי אַ זייטיקן באַהאַלטענעם בליק אויפן אַלטן, און באַלד שטיל אַרויס צוריק.

די קינדער האָבן מורא געהאַט, אַז עפּעס זאָל אין דער לעצטער מינוט ניט פּאַסירן, וואָס זאָל צעשטערן די גאַנצע אַראַנזשירונג. אַלץ איז שוין געווען איינגעאָרדנט צו נעמען דעם אַלטן אין זיין לעצטער היים — אַ „האָום״ פאַר פאַרקריפּלטע און פאַראַליזירטע מענטשן — און זיי האָבן געוואַרט בלויז אויף דער באַשטימטער שעה, ווען זיי וועלן אים מיט אַ שטול אַרויסטראָגן צו דער מאַשין, אַריינזעצן אים אינעווייניק און אַוועקפירן פון דער היים.

זיי זיינען געווען אַזוי אָנגעשראָקן, אַז עפּעס זאָל ניט פּאַסירן אין דער לעצטער מינוט, אַז זיי זיינען אומגעגאַנגען מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס און מורא געהאַט אַ וואָרט אַרויסריידן ניט נאָר צום אַלטן, נאָר אַפילו איינער צום צווייטן. זיי האָבן בלויז געציילט די מינוטן און געטריבן די צייט, אַז זי זאָל וואָס שנעלער אַריבער און די גאַנצע אָנגעשטרענגטע שטימונג זאָל ענדלעך זיך ענדיקן.

אַזוי זיכער זיינען זיי געווען, אַז אין דער לעצטער מינוט וועט זיך צום אַלטן אומקערן דער פולער פאַרשטאַנד, און מיט די לעצטע איבער־

געבליבענע כוחות וועט ער אָנהויבן פּראָטעסטירן קעגן אַוועקנעמען אים פון דער היים, אַז זיי האָבן גאָר מורא געהאַט צו טראַכטן פון דעם.

דער אַלטער האָט שוין לאַנג מורא געהאַט, אַז ער זאָל חלילה ניט דאַרפן אָנקומען אין אַ „האָום“. ער איז געווען איבערצייגט, אַז אַהין ווערן אַריינגענומען מענטשן בלויז כדי צו פּטרן זיי, צו מאַכן אַ שנעלן סוף מיט זיי. ווען אים פלעגט אַ מאָל אויסקומען באַזוכן אַ פריינט אָדער אַ לאַנדס־מאַן אין אַזאַ פּלאַץ, פלעגט ער קומען צוריק פון דאָרט אַ צעבראָכענער, אַ צערודערטער. די גאַנצע אַטמאָספערע דאָרט, די צענדליקער בעטן אין איין צימער, די שטענדיקע קרעכצן און הוסטן, די הילפלאָזיקייט פון די פאַרקריפּלטע און די באַציאונג צו זיי פון די אָנגעשטעלטע, פלעגט אויף אים מאַכן אַ שוידערלעכן איינדרוק. טעג נאָכדעם פלעגט ער זיך געפינען אונטער דעם איינדרוק און האַלטן אין איין איבעררײדן און איבערדער־ציילן, וואָס ער האָט זיך דאָרטן אָנגעזען און אָנגעהערט. — „קיין חבוט הקבר נאָכן טויט“, פלעגט ער זאָגן „וועלן יענע שוין ניט דאַרפן ליידן...“

מערסטנס פלעגט ער דעם דאָזיקן שמועס פאַרענדיקן אַזוי: די לעצטע העמד צו פאַרזעצן, נאָר אויף דער אייגענער בעט צו שטאַרבן...

און איצט מוז ער אַליין אָנקומען צו דעם, אַליין גיין אַהין...

די קינדער האָבן גאַרנישט געהאַט צום טאַטן און וואָלטן שטאַרק מיטגעפילט מיט אים, ווען נישט דאָס, וואָס זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק אָנגעליטן צוליב אים די לעצטע פאַר יאָר און איבערהויפּט די לעצטע מאָנאַטן. דאָס האָט זיי אַזוי פאַרמאַטערט, אַז עס האָט ביסלעכווייז אָפּגע־טעמפּט יעדן געפיל צו אים און געמאַכט זיי גלייכגילטיק צו זיינע יסורים און מאַטערנישן.

צוויי יאָר איז דער פאָטער קראַנק געווען, און דער שטענדיק געזונ־טער קערפּער און געזונטער גייסט האָבן זיך געבראָכן ביסלעכווייז, ביז ביידע האָבן געמוזט נאָכגעבן און אונטערגעבן זיך. דער פאָטער איז איצט געווען אַ פיזישער אינוואַליד און אַ גייסטיקער קריפּל. דער לעצטער בלוט שטורץ אין קאָפּ האָט אים איינגאַנצן פאַרענדיקט און געמאַכט אים לויטן פאַרשטאַנד ווי אַ קינד פון צוויי יאָר. דאָס איינציקע וואָס ער ווייס איצט, איז עסן און אַ ביסל פּלוידערן וועגן זאַכן, וואָס האָבן קיין שום ווערט ניט. די קינדער נעמט אַמאָל אָן אַ צער אויפן טאַטן, וואָס אָט געדענקען זיי אים נאָך אַ געזונטן פול מיט באַוועגונג און פּלענער פאַר זיך און פאַר זיי. נאָר דאָס שטענדיקע זוכן צו פאַרשטיקן זיין גייסטיקן צושטאַנד פאַר פריינט און באַזוכער, דאָס שעמען זיך און זוכן ווי ווייט מעגלעך אויס־צובאַהאַלטן, און טאַקע אויך די שטענדיקע אַרבעט אַרום זיין הילפלאָזער פאַרקריפּלטקייט, האָבן זיי מיד געמאַכט און געשאַפן ביי זיי אַ שטימונג

צו װעלן װאָס שנעלער באַפרײַען זיך פון אים, װאָס שנעלער אַרױסצופּטרן אים פון הױז.

און איצט איז דער מאָמענט געקומען.

דער אַלטער איז געזעסן און אומבאַװעגלעך געקוקט פאַר זיך. די קינדער האָבן זיך נערװעז געדרייט אַרום אים. עס איז זײ ניט געפעלן געװען דעם טאַטנס ערנסטע שטימונג דעם פרימאָרגן. אַלע מאָל װען די זון פלעגט אַרײַנשײַנען אין די פענצטער, פלעגט עס אים אױפלעבן און מאַכן ריידעװודיק, װי אַ קינד. דאָס מאָל אָבער זיצט ער שטיל און שװײַגנדיק, װי די זון װאָלט אױף אים קײן שום װירקונג ניט געהאַט.

— טאַטע, װילסט עפּעס? — האָבן זײ אים געפּרוּװט אױפלעבן און גלײַכצײַטיק פאַרטומלען אין אים די געדאַנקען, אויב אַזעלכע זײַנען אין דער לעצטער מינוט געקומען צו אים.

ער איז געזעסן און געשװיגן און גאָרנישט געענטפערט.

— טאַטע, װילסט עפּעס? — האָבן זײ אים נאָכאַמאָל געפרעגט.

ער האָט עטװאָס אױפגעהױבן די אױגן, װי ער װאָלט ערשט זײער פראַגע דערהערט, און געענטפערט:

— איך װיל עסן...

די קינדער האָט דאָס ניט באַרואיקט. דאָס איז געװען זײַן שטענדיקער ענטפער אױף אַלץ, װאָס מען האָט אים געפרעגט.

— באַלד, טאַטע, באַלד קריגסטו עסן...

זײ האָבן זיך גוט צוגעקוקט צו אים. זײ האָבן גוט געקענט זײער פאָטער, װען ער איז געװען געזונט, און געװאוסט אַלע זײַנע קאַפּריזן און גאַנגען, און זײ האָבן אױך גוט אױסגעשטודירט אים אין זײַן פאַרקריפּלטן צושטאַנד; זײ האָבן באַמערקט איצט עפּעס אַ באַזונדערע אומרואיקײט אין זײַנע אױגן. זאָל עס זײַן, אַז דער פאָטער איז אין דער לעצטער מינוט געקומען צו זיך און פאַרשטײט אַלץ, װאָס עס קומט איצט פאַר אַרום אים?

זײ האָבן געהאַלטן אין אײן קוקן אױפן זײגער. װי דער זײגער רוקט זיך עס הײַנט אַזױ פּאַמעלעך! נאָך גאַנצע צען מינוט געבליבן...

דעם אַלטנס אױגן האָבן זיך פּלוצלונג אױפגעהױבן, עטװאָס אָפּגעקירעװעט זיך אָן אַ זײַט און געבליבן הענגען אױף דער שאַפע מיט קלײדער, װאָס איז געשטאַנען אין װינקל. די קינדער זײַנען פאַרציטערט געװאָרן...

זײ האָבן אַרומגערינגלט דעם טאַטן און געפּרוּװט אָפּװענדן זײַן אױפמערקזאַמקײט דורך פאַרשײדענע מיטלען.

— טאַטע, װילסט עסן? — האָבן זײ אים נאָכאַמאָל געפרעגט.

— אפשר מאַכן דיר אַ גלאָז טײ?

קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. ער האָט איינגעשפּאַרט זיין בליק אין דער שאַפע, איינגעגעסן זיך אין איר מיט די אויגן און קיין זאַך האָט ניט געקענט אָפּרייסן זיי פון דאָרטן.

נישט אומזיסט האָט עס אַזוי די קינדער דערשראָקן, ווען זיי האָבן געזען זיין בליק פאַלן אויף דער שאַפע.

די שאַפע מיט קליידער! — אַ גאַנצע וועלט איז דאָך געלעגן אין איר איינגעשלאָסן, אַ גאַנץ לעבן...

וואָס אַרום דער שאַפע האָט זיך עס אַמאָל אָפּגעטאָן! וויפל פאַרדראָסן און וויפל איבעררײדן און אַפילו קריגערייען עס זיינען צוליב איר פאַר־געקומען, און וויפל אַרגומענטן מיט דער ווייב! אָבער ער איז אַלע מאָל געבליבן ביי זיינס, געמוזט אויספירן, ווי די שאַפע וואָלט זיין גאַנץ לעבן געווען...

אָנגעפאַנגען האָט זיך עס נאָך לאַנג צוריק, מיט יאָרן נאָכדעם, ווי דער טאַטע איז אין לאַנד געקומען און באַלד אַראָפּגעבראַכט צו זיך די פאַמיליע. גוטע יאָרן האָט ער דעמאָלט געהאַט, און טאַקע דעמאָלט איז אים די משונהדיקע אידייע אין קאָפּ געקומען — די אידייע וועגן דער שאַפע...

אייגנטלעך וואָס פאַר אַ אידייע איז דאָס געווען, און פון וואַנען האָט זי זיך צו אים גענומען?

געווען ביי זיי אַמאָל אין שטעטל אַ ייד, חיים בערל גוטצייט האָט מען אים גערופן. אַ ייד אַ גביר. פאַרמאָגט צוויי פּאַראָווע מילן און הייזער און קראָמען אין מאַרק, דערצו נאָך וועקסלען און גרייטע געלט אַ סך. איז וואָס האָט אַזאַ ייד געהאַט צו זאָרגן און צו טאָן? פלעגט ער אַ גאַנצן טאָג אין מיטן דער וואָך אומגיין אויסגעפּוצט, יום־טוב׳דיק, און דרייען אַ שטעקעלע אין האַנט...

קינד און קייט האָבן אים מקנא געווען דאָס אומדרייען זיך זאָרגלאָז מיטן שטעקעלע, און דער אידעאַל ביי אַ סך אין שטעטל איז געוואָרן צו דערגרייכן די מדרגה פון חיים בערלען און אומגיין אין גאַס מיטן שטעקעלע...

ביי אים, ביי זייער פאָטער, האָט עס אָנגענומען אַ רעאַלן כאַראַקטער, וואָס האָט שוין שיר ניט געהאַלטן ביי פאַרווירקלעכט ווערן...

דער טאַטע האָט געהאַט אַן אונטערנעמערישן גייסט, איז ער לאַנג ביי דער מלאכה, צו וועלכער ער האָט זיך באַלד ביי זיין קומען גענומען, ניט געבליבן. מיט די ערשטע פּאָר דאָלער, וואָס ער האָט אויפגעקליבן, איז ער אַוועק אין ביזנעס. און עס איז אים געגאַנגען... אַרויף און אַרויף... און פון דאָרטן איז שוין ניט ווייט געווען דעם אידעאַל צו

פאַרווירקלעכן — ווערן אַ חיים בערל אין אַמעריקע: אין מיטן וואָך די שבתדיקע קאַפּאָטע אָנטאָן און אומדרייען זיך זאַרגלאָז „מיטן שטעקעלע"...

האָט ער דאָס דעמאָלט די שאַפע מיט די קליידער פּאַרטראַכט... אַן איינפאַל פון אַ מענטשן! אַ גרויסע שאַפע זיך איינגעהאַנדלט מיט טירלעך און שופלאָדן, און ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ שוי־פענצטער פון אַ געשעפט און געזען אַ שיינעם אָנצוג, אַ מאַנטל, אַ הוט, אַ קראַוואַט וואָס איז אים געפעלן, האָט ער באַלד געקויפט און אַריינגעפּאַקט. ניט דווקא אויף אָנצוטאָן, נאָר גלאַט אַזוי אויפצוהעלגען, אָנצוגרייטן זיך אויף יענעם טאָג, ווען ער וועט זיך צוריקציען פון די געשעפטן און קענען זיך אומדרייען פריי און זאָרגלאָז „מיטן שטעקעלע"...

און אַזוי האָט ער אין לויף פון יאָרן געהאַלטן אין קויפן און זאַמלען, ביז עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ פולע שאַפע מיט אָנגעפּאַקטע שופלאָדן, אַזש די ווענט זיינען צעשפּאַרט געוואָרן.

וואָס איז דאָרטן ניט געווען? אָנצוגן, מאַנטלען, שיך, קאַלאָשן, היט, קראַוואַטן, נאָזטיכלעך, וועש, זייגערלעך, און וואָס ניט — אַלץ צוגעפּאַסט פאַר פאַרשיידענע סעזאָנען, פאַרשיידענע וועטערן, פונעם טייערסטן און בעסטן...

און וואָס פאַר אַ נחת דער טאַטע פלעגט האָבן פון דעם! בלויז דאָס קוקן אויף דעם אַליין האָט אים פאַרשאַפט אַ סך געזונט...

דאָס ווייב פלעגט זיך בעטן ביי אים:

— צו וואָס קלייבסטו דאָס? אויף ווען? ווען וועסטו דאָס אויסטראָגן? מאָל וועט דאָך דאָס אויפעסן...

ער פלעגט זי הערן ווי דעם קאָטער און האַלטן אין קויפן נאָך און נאָך, — געקויפט און גלייך אַריינגעהאַנגען אָדער אַוועקגעלייגט אין שאַפע און עס פאַרשלאָסן...

בלויז איין מאָל, אָדער צוויי מאָל אַ יאָר, עפּעס אין אַ יום־טוב טאָג, ווען ער איז געווען אויפגעלייגט און עס איז אים געווען גוט אויפן האַרצן, פלעגט ער פאַנאַנדערעפענען די שאַפע, אַרויסנעמען אַלע זאַכן, גוט איי־בערקוקן יעדע זאַך באַזונדער, אָנשעפן זיך מיט נחת און אַריינהענגען צוריק...

בכלל איז ער געווען זייער אַ פּראַקטישער מענטש: ניט געטראָגן זיך אין די וואָלקנס גלאַט אַזוי, ניט געפלויגן אין די הימלען, נאָר אַלץ אויסגערעכנט און פאָראויסגעזען.

און דער פּלאַן זיינער וואָלט אויך געאַרבעט און ער וואָלט אים זיכער דורכגעפירט.

מער נישט, וואָס שוין ביים סאַמע סוף, ווען אַלץ האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרווירקלעכט ווערן, דער פאָטער האָט געדאַרפט זיך צוריקציען, צונויפשלאָגן אַלע זיינע קאַפּיטאַלן, לעבן רואיק און גלייכצייטיק אַרויס־נעמען פון שאַפע די אָנגעקויפטע זאַכן, אַנטאָן זיך אין מיטן דער וואָך שבתדיק, נעמען „דעם שטעקעלע" אין האַנט און פאַרווירקלעכן אַן אויס־געכאַוועטן טרוים, — האָט פּלוצלונג עפּעס פּאַסירט און קאַליע געמאַכט דעם גאַנצן פּלאַן.

מיטאַמאָל האָט זיך עס ביים טאַטן געגעבן אַ דריי, און אין איין טאָג כמעט האָט ער זיין גאַנצן פאַרמעגן פאַרלאָרן. אָבער, ווי פאַרלאָרן? — געבליבן כמעט מיט גאָלע גאָרנישט, בלויז מיט דער דירה און שאַפע קליידער...

וואָלט דאָס אויך נישט אַזוי אויסגעמאַכט! דער הויפּט־צוועק איז דאָך געווען די שאַפע, און די איז דאָך גאַנץ געבליבן... און צייט איז דאָך איצטער אויך געווען גענוג: אויס מיט די געשעפטן! אויס מיט דער קאָפּדרייעניש! און וואו צו גיין האָט אים אויך נישט אויסגעפעלט — געקענט זיך איינאָרדענען ביי די קינדער. איז אָבער די צרה, וואָס גלייך נאָכדעם — טאַקע פון עגמת נפש — האָט ער דעם ערשטן שטורץ גע־קראָגן און איז פּאַראַליזירט געוואָרן. געבליבן זיצן אויף איין אָרט... איז אָט האָסטו דיר די זאַכן! צו וואָס קאָן ער זיי איצט דאַרפן?...

די ערשטע צייט — דער געדאַנק האָט נאָך קלאָר געאַרבעט ביי אים און דער פריערדיקער אימפּעט טיילווייז אויך — פלעגט ער נאָך בעטן די קינדער פון צייט צו צייט אַרויסנעמען און איבערלופטערן זיי. די קינדער פלעגן עס, נאַטירלעך, טאָן.

צי ער איז געווען אַזוי פאַרנאַרישט און געהאַט נאָך אילוזיעס, אַז ווען עס איז וועט ער דאָס נאָך אָנטאָן? — שווער צו זאָגן. קיין נאַרישער מענטש איז ער ניט געווען. גיכער האָט דאָ געאַרבעט די געוואוינהייט...

שפּעטער האָט ער שוין דעם אינטערעס צו דער שאַפע אויך פאַרלאָרן. נאָר דערמאָנענדיק זי פון צייט צו צייט פלעגט ער נאָך. איינמאָל מיט טרויער געזאָגט אפילו:

— אָט, אויסגעגעבן אַזויפיל געלט, אָנגעקויפט זיך, און איצט וועט איר דאָס מוזן אימעצן פאַר אומזיסט אָוועקגעבן...

אַט דאָס איז די געשיכטע מיט דער שאַפע.

איצט, ווען ער האָט זיין בליק איינגעשמידט אין איר, האָבן זיך די קינדער דערשראָקן. ניט געוואוסט, צי איז דאָס צופעליק, אָדער מיט פאַרשטאַנד, מיט באַוואוסטזיין... און אויב אַזוי, ווער ווייס, וואָס דאָ קאָן באַלד פאַרקומען... אפשר קען ער אין דער לעצטער מינוט אויפכאַפּן דעם סך הכל פון זיין לעבן און איינשפאַרן זיך, אַז ער גייט ניט אַוועק פון דער שאַפע...

— טאַטע, — האָבן זיי אים געפּרואווט וועקן און אָפּרייסן פון צו קוקן אויף דער שאַפע — ווילסט עסן?...

— ניין, איך וויל ניט, — האָט ער פלוצלונג אומדערוואַרט אַרויס־געבברומט, — איך וויל ניט...

אין טיר האָט זיך פלוצלונג דערהערט דאָס גלעקל. דאָס איז געקומען די מאַשין פון דער „האָום” צו נעמען דעם אַלטן...

פאַרצײלט אַ לעבן

דער אַלטער נחום איז שוין לאַנג געזעסן בײם טיש און אין זײַן האַלב־בלינדקײט געװען שוין אױסגעמאַטערט. אָבער װען זײַן פֿרוי דבורה איז אַרײַנגעקומען אין צימער, האָט זי אים נאָך אַלץ געטראָפֿן מיט אַ בלײַפֿע־דער אין האַנט זיצנדיק נאָענט איבערגעבױגן איבער אַ שטיקל פּאַפּיר און חשבונענדיק.

— װאָס חשבונסטו דאַרטן, נאָך אַלץ ניט צונױפֿגעחשבונט? אַז דו האָסט ניט צונױפֿגערעכנט ביז איצט, װעסטו שוין איצטער אַװדאי ניט צונױפֿרעכענען, דו אַלטער נאַר. דו בעסער מאַך אַ שטיקל חשבון מיטן לעבן און שטאַרב כאָטש װי אַ מענטש. אַז לעבן האָסטו געלעבט װי אַ פֿערד...

דער אַלטער נחום האָט גאָרניט געענטפֿערט, װי ער װאָלט דער װײַבס װערטער גאָרניט געהערט. אָנשטאָט דעם האָט ער אײַנגעגראָבן דעם קאָפּ טיפֿער אין דעם שטיקל פּאַפּיר און פֿאַרגעזעצט חשבונען און צושרײַבן יעדן מאָל מיטן בלײַפֿעדער גרױסע צעפֿאַרענע ציפֿער אױפֿן אַלטן שטיקל פּאַפּיר.

שוין יאָרן, אַז דער אַלטער נחום זיצט אַזױ און חשבונט. ער האָט דאָס נאָך אָנגעהױבן, װען ער איז געװען אַ סך ייִנגער און װען די ציפֿערן, װאָס ער ברענגט אַרױס אױפֿן פּאַפּיר, זײַנען געװען אַ סך װיניקער אין צאָל. אַזאַ געװאױנהײט שוין בײַ אים געװאָרן, אַז װען ער דאַרף און װען ער דאַרף ניט, זיצט ער און חשבונט.

דער אַלטער נחום איז אַמאָל געװען יונג און דעמאָלט האָט זיך דאָס אין אים אַרײַנגעכאַפּט די קליפּה. עס איז געװען אַ קורצע צײַט נאָכדעם, װי ער איז מיט אַ יאָר פֿערציק צוריק אַריבערגעקומען אַהער אין לאַנד. ער איז דעמאָלט געװען יונג און געזונט, אָבער אָן איניציאַטיװע און אָן דער פֿײַיִקײט עפּעס פֿאַרצונעמען. ער האָט נאָר געקענט אַרבעטן, שװער אַרבעטן, און קומענדיק אַהײם אַ מידער, זיך זאַט אָנצועסן און אַרײַנװאַרפֿן זיך אין בעט.

איז אָבער די גאַנצע משפּחה דאָ געװען רײַך, שטײן רײַך. אַלע זײַנען געװען אין ביזנעס. יעדערער האָט געהאַט הײַזער און קראָמען, און װען ער איז אַרײַנגעקומען, האָט ער נאָר געהערט רעדן װעגן „פּאַרסלס״, „מאָרט־געדזשעס״ און פּראָצענט. ער האָט גאָרניט פֿאַרשטאַנען און װאָלט זיך גאָר־ניט אינטערעסירט מיט דעם. אָבער דער שװאָגער זײַנער האָט אים געזאָגט:

— דענקסט טאַקע אַזױ אָפּלעבן דאָס לעבן — װי אַ פֿערד?... נאַר

האַרעווען און גאַרניט פאַרזאָרגן פאַר זיך? דו שפּאָר נאָר אָפּ די ערשטע טויזנט דאָלאַר, וועסטו זען, וואָס איך וועל פון דיר מאַכן...

אין דער משפחה האָט מען שרעקלעך פיינט געהאַט אַרבעטער און אַרבעט. קיין אַנדער נאָמען ווי „פערד" האָט מען פאַר זיי ניט געהאַט.

דעם שוואָגערס ווערטער זיינען אים אַריין אין קאָפּ און ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן איבער זיי. טויזנט דאָלאַר! — און היבטער זיי דאָס מיסטעריעזע, וואָס דער שוואָגער זאָגט אים צו! אָבער ווי אַזוי קריגט מען זיי? ווי אַזוי קומט מען צו צו זיי, ווען די פאַרדינסטן קלעקן קוים פאַר אים און פאַר עטוואָס איבערשיקן אַהיים פאַר דער פאַמיליע? דאָס איינציקע, וואָס אים איז געבליבן, איז צו שפּאָרן פון זיך, אָפּשפּאָרן פונעם עסן, פונעם קליידן, אָפּזאָגן זיך פון יעדער מינדסטער זאַך, אויסער דאָס אַבסאָלוט נויטיקסטע. עס איז געווען דעמאָלט, ווען ער האָט אָנגעהויבן ציילן...

יעדע וואָך פלעגט ער ברענגען אַהיים די שכירות, וואָס ער האָט אָפּגענומען פאַר אַרבעטן אין אַ פושקאַרט־הויף, און עטלעכע מאָל עס איבערציילן, צי האָט מען אים, חלילה, ניט פאַרציילט. דאַן פלעגט ער אַראָפּנעמען אַ סומע, וואָס ער האָט געפּילט עס איז אַבסאָלוט נויטיק צו שיקן אַהיים, און דאָס איבעריקע פלעגט ער איבערלאָזן פאַר זיך. פון דעם פלעגט ער די ערשטע זאַך אַראָפּנעמען אַ פאָר דאָלאַר און ווערקצוטראָגן אין באַנק, און וואָס עס איז נאָכדעם געבליבן האָט געדאַרפט זיין פאַר דער אייגענער אויסקומעניש. עס איז קיינמאָל ניט געווען גענוג. פאַר אַ פלאַץ איבערצושלאָפן האָט מען געמוזט באַצאָלן, פאַר באָד־געלט אויך, און אַ מאָלצייט אין רעסטאָראַן — זאָל זיין דעם ביליקסטן — גיט מען אויך ניט אומזיסט. אָבער דעם שוואָגערס אָנבאָט און צוזאָג האָבן געררייצט, און אונטער אַלע אומשטענדן האָט נחום זיך געוואָלט דערשלאָגן צו דעם. דאָס איינציקע וואָס ער האָט געקענט טאָן, איז געווען — ווידער שפּאָרן פון זיך: אויפהערן עסן אין רעסטאָראַן און אָפּקומען מיט שהיה־פּיה און ווען די שיך און דער מאַנטל זיינען געווען אויסגעטראָגן אויף אַרויסצוואַרפן — פּרוּוון טראָגן זיי פונדעסטוועגן נאָך אַביסל און שפּעטער פאַרבייטן זיי אויף אַלטע, איבערגעניצעוועטע.

אַט אַזוי האָט ער אָנגעהויבן צו לעבן. די לוסט צו דערגרייכן די אָנגעמערקטע סומע איז ניט קלענער געוואָרן דורכן שטענדיקן מאַטערן זיך און ציילן די פעניס, נאָר פאַרקערט — נאָך שטאַרקער געוואָרן, ווען די קליינע דאָלאַרדיקע בייטראָגן אין באַנק האָבן אָנגעהויבן זיך צוזאַמענלייגן און אויסוואַקסן אין דער אָנגעזעענער סומע פון קיילעכדיקע ציפערן — הונדערטער...

ענדלעך, אין אַ פּאָר יאָר אַרום, איז ער, אַן אויסגעמאַטערטער און פאַרעלטערטער פונעם שטענדיקן פייניקן זיך, אָבער מיט אַ גליקלעכן פּנים פון ענדלעכער דערגרייכונג, געקומען צום שוואָגער און אַרויסלייגנדיק די סומע שטאָלץ אויפן טיש, טריאומפירנדיק געזאָגט:

— שוואָגער, איך האָב עס געמאַכט! אָט האָט איר עס!...

דעם שוואָגערס פּנים האָט אויך אויפגעלויכטן פון גליק. אים איז עס ניט געגאַנגען אַזוי פיל אין נחומס וואוילזיין, ווי אין פּרינציפּ: אַרויסנעמען נחומען פון דער ספערע פון יגיעת כפּים און באַקערן אים צו דער שיטה פון געלטזיכטיקייט, פון שטרעבן צו געלט, צו באַכמער געלט און צו נאָך מער געלט. ער האָט ברודעריש און גליקלעך געפּאַטשט נחומען אויף דער פּלייצע און געזאָגט:

— איך זע, אַז דו וועסט זיין אַ מענטש...

נאָכדעם האָט ער גענומען אויפקלערן נחומען אין וואָס עס באַשטייט דער צוזאָג, וואָס ער האָט אים אַמאָל געגעבן, און וואָס ער גייט טאָן פאַר אים. ער האָט אים אויסגעלייגט אַ טעאָריע וועגן געלט, וואָס נחום איז ביז איצט גאַרניט באַקאַנט געווען מיט דעם.

— געלט, זאָלסטו וויסן זיין, האָט פיינט צו ליגן ליידיק. געלט האָט ליב, מען זאָל עס באַוועגן, מען זאָל עפּעס טאָן מיט דעם, און דעמאָלט וואַקסט עס פון זיך אַליין. עס וואַקסט ווי אויף הייוון... אָט איז עס קליין ווי אַ מוראַשקעלע — און אָט וואַקסט עס אויס ווי אַ בוים, ווי אַ באַרג... פאַר די אויגן וואַקסט עס... געדענקסט, ווי אין דערהיים פלעגט מען זאָגן: עבירה גוררת עבירה — איין עבירה ציט נאָך זיך אַ צווייטע. — און דאָ איז עס אַנדערש. דאָ זאָגט מען: ממון גורר ממון — געלט ציט צו געלט...

נחום האָט ניט אַלץ פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס דער שוואָגער האָט אַריינגעטענהט אין אים. נאָר סיי־ווי־סיי איז ער גרייט געווען דעם שוואָגער אויסצופאָלגן און בלינד אים נאָכגיין און טאָן, וואָס יענער וועט אים הייסן.

דער שוואָגער האָט אים גענומען באַקאַנען מיט דער שווערער בוכהאַל־טעריע פון געלט־טראַנזאַקציעס.

— זעסט, דו האָסט איצטער טויזנט דאָלאַר, און אָט נעמסטו די טויזנט דאָלאַר און פאַרלייסט עס אויף אַ „מאָרגעדזש" — אויף דריי יאָר, לאָמיר זאָגן. קריגסטו דערפאַר, פאַר דער טובה וואָס דו טוסט יענעם, צוויי הונ־דערט דאָלאַר אין באַנוסעס, האָסטו שוין גלייך צוועלף הונדערט דאָלאַר. און פאַר די צוועלף הונדערט דאָלאַר, דאָס הייסט, אַפילו פאַר די צוויי הונדערט, וואָס דו האָסט גאַרניט, קריגסטו פּראָצענט, זעקס דאָלאַר פאַר יעדן הונדערט — דאָס הייסט צוויי און זיבעציק דאָלאַר אַ יאָר. פאַרשטייסט: דו אַרבעטסט ניט, טוסט גאַרניט און דו קריגסט דערפאַר צוויי און זיבעציק

דאָלאַר אַ יאָר... אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ... פון די טויזנט דאָלאַר, וואָס דו האָסט פאַרליען, — אָדער בעסער געזאָגט צוועלף הונדערט — קריגסטו יעדע דריי חדשים אַכצן דאָלאַר פּראָצענט און הונדערט דאָלאַר אויפן קרן. האָסטו שוין הונדערט און אַכצן... אויב דו האָסט נאָך אַכט הונדערט צוויי און אַכציק צוצוגעבן, האָסטו שוין ווידער טויזנט און קענסט ווידער אָנפאַנגען די זעלבע שפּיל נאָכאַמאָל... פאַרשטייסט?...

דער שוואָגער האָט אים דאָס געגעבן צו פאַרשטיין מיט געפיל, מיט איבערצייגונג, אַרויסרעדנדיק יעדעס וואָרט מיט אַזאַ ליבשאַפט, ווי ער וואָלט אַרומגענומען אַ גאָלדענע געטשקע און געגלעט עס און געלאָס־טשעט...

נחומען האָט זיך געדרייט דער קאָפּ: אַזאַ פאַנטאַסטישע שפּיל! ער וואָלט זיך דאָס גאָר קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט אַליין!

ער האָט אָנגענומען דעם אָנבאָט און זיך געלאָזט אַרייַנדרייען אין דער שפּיל.

פון דעמאָלט אָן איז דאָס רעכענען און ציילן געוואָרן אָפטער און קאָמפּליצירטער. אויסער דעם רעכענונג פון פעניס און דאָלאַרס, וואָס נחום האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין אָפּשפּאָרן פון זיך און געטראָגן אין באַנק צו פאַרוואַנדלען זיי אין הונדערטער, איז צוגעקומען דער חשבון פון די צאָ־לונגען, וואָס נחום האָט אַרייַנגעקראָגן אויף זיינע הלוואות: קרן און פּראָ־צענט. נחום האָט זיך געפלייסט איבערצונעמען די תורה און אויסלערנען זיך אירע אַלע כללים. דעם שוואָגערס קונץ דעריבער, אַז אויב מען גיט צו צו הונדערט און אַכצן דאָלאַר נאָך אַכט הונדערט צוויי און אַכציק, ווערט דערפון גאַנצע טויזנט, און ממילא אַ נייער באַנוס און נייער פּראָצענט — איז אויך ניט געבליבן פאַרזען און אָנגעווענדט געוואָרן פון נחומען אויף וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזט. מיט דער צייט איז די שריפט, וואָס נחום האָט געקראָגן פאַר זיינע ערשטע טויזנט דאָלאַר, ניט געווען די איינציקע און איז געמיטלעך געלעגן אין זיין קעסטל מיט נאָך אַנדערע אַזעלכע ווי די.

עס איז אמת: די שפּיל, וואָס האָט צוערשט אויסגעקוקט זייער איינפאַך, איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ קאָמפּליצירטער. עס איז ניט נאָר געווען פרייד און פאַרגעניגן, נאָר צייטנווייז אויך — זאָרג און פאַרדראָס. וואָרעם ווי פילט מען דאָס ניט קיין פאַרדראָס, ווען עס איז דאָ אַרייַנצוכאַפּן אַ פעטן באַנוס און עס רוקט זיך אונטער גאָר אַ צווייטער און כאַפּט דיר אויס פון אונטער די הענט? אָדער, ווי רופט עס ניט אַרויס קיין זאָרג און פאַרדראָס, ווען צוליב קנאַפּע עטלעכע הונדערט דאָלאַר, וואָס עס פעלט דיר צו, ווערט בטול אַ קניהלע מיט אַ היפּשן פאַרדינסט?... אָבער אַזעלכע פאַלן טרעפן

גיט אַלע טאָג. דאַקעגן האָט ער יעדן טאָג דעם פריידיקן געפיל, אַז דאָס קלײנע ביימעלע, וואָס ער האָט פאַרפלאַנצט, וואַקסט און אַנטוויקלט זיך אין אַ גרויסן שטאַרקן בוים. דער שוואָגער האָט טאַקע ריכטיק געזאָגט: „עס וואַקסט דיר אונטער די אויגן...״

נחום זעצט זיך אַוועק איבערציילן זיין פאַרמעגן. עס נעמט אים ניט לאַנג. אַלץ קיילעכיקע ציפערן. ער דאַרף בלויז צוזאַמענרעכענען אַלע הלוואות צוזאַמען און דאָס ביסל געלט, וואָס ער האָט אין באַנק — און ער איז פאַרטיק מיטן רעכענונג. פיל שווערער און לענגער קומט אים אָבער אויס צו באַרעכענען דעם פּראָצענט, וואָס ער וועט פון יעדן פלאַץ אַריינקריגן. ביי נחומען האָט זיך אַ נייע געוואוינהייט געשאַפן: ניט נאָר אויסרעכענען די געלטער און פּראָצענטן, וואָס ער דאַרף פון די נאָענטסטע צאָלונגען אַריינ־קריגן, נאָר אויך פון די ווייטערדיקע, שפּעטערדיקע — אָפּט ביז אין אַ יאָר אַרום... דער אונטערשייד אינעם ציפער איז אַ סך מאָל אַ היפּשער. נאָך אַזאַ חשבון ווערט אַרויסגעשטופּט פון דעם קאָפּ דער קלענערער ציפער און עס בלייבט איבער דער גרעסערער... נחום וויל שוין וועגן קלענערן גאָר ניט טראַכטן. אויפן פּאַפּירעלע ווערט שוין אויך פאַרשריבן דער גרע־סערער — און אַזוי בלייבט דאָס שוין. מען דאַרף נאָר אונטערשטופּן די צייט, אַז זי זאָל וואָס שנעלער אַריבער, אַז דער גרעסערער ציפער זאָל זיין ניט נאָר אויפן פּאַפּיר, נאָר טאַקע אין דער ווירקלעכקייט...

נחום שטופּט די צייט. ער שטופּט די מאָנאַטן, ער שטופּט די יאָרן. ער וויס: וואָס שנעלער די יאָרן גייען אַוועק אַלץ שנעלער וואַקסט זיין פאַר־מעגן און אַלץ גרעסער ווערן די ציפערן. ער איז אַזוי הונגעריק, אַז ווען ער וואָלט געקאָנט, וואָלט ער איינגעשלונגען אַ צענדליק יאָרן מיטאַמאָל...

אין איין היינטיקט בלויז האָט זיך נחום ניט אַ רוק געטאָן פאָראויס: אין דערלערנען זיך אַביסל שרייבן און בעסער רעכענען. ווי פריער קומען ביי אים אַרויס די ציפער גרויסע, צעפּאָרענע, אויף שטיקלעך ביליקן פּאַפּיר, און ווי פריער קומט אים אָן שווער דאָס צוזאַמענרעכענען. נחום האָט זיך קיין בעסערס ניט אויסגעלערנט. וויפל מאָל האָט אים דער שוואָגער געזאָגט, ער זאָל קויפן אַ ביכעלע און פאַרשרייבן אַלץ מיט אַ טאָלק, מיט אַ סדר. אָבער דאָס גראַדע פאָלגט אים נחום ניט. ערשטנס, איז דאָס ביי אים אָן אַלטע געוואוינהייט, שווער איבערצומאַכן, און צווייטנס — טאַקע אַביסל אָבערגלויבן. צוליב וואָס בייקייטן, ווען דאָס אַלטע איז געווען אַזוי מזל־דיק... האָט נחום אַ גאַנצע זאַמלונג פון פּאַפּירלעך — פון פאַר פינף יאָרן, פון פאַר צען יאָרן, פון פאַר צוואַנציק יאָרן... אַמאָל אין אַ יום־טוב כאַפּט זיך נחום צו צו די פּאַפּירלעך, וועלכע ער האַלט באַהאַלטן אין אַ פּושקע, קוקט איבער די רעכענונגען פון די אַלע יאָרן — און עס כאַפּט אים אָן

אַ פריידיקער ציטער: וואָס פאַר אַ וויטן מהלך ער האָט דאָס דורכגע־מאַכט!...

איין זאַך בלויז פאַרשאַפט נחומען צער: ער האָט ניט מיט וועמען צו טיילן זיך מיט זיינע פריידן און וועמען צו פאַרטרויען זיינע רעכענונגען. דאָס ווייב, האַלט ער, איז אַ בהמה, און די קינדער — אין איר געראָטן: ווילן נאָר לעבן אַ גוטן טאָג און ווילן פון קיין זאַך ניט וויסן. העלדן זיינען זיי צו קומען אויף אַלעם פאַרטיקן — טראַכט ער. — זאָלן זיי פּרובירן כאָטש אַ צענטל דורכצומאַכן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין זיין לעבן, ביז ער איז דערגאַנגען צו דעם, וואָס ער איז איצטער...

קומט שטענדיק דעריבער פאַר אַ קאַמף אין הויז. דאָס ווייב וויל לעבן און די קינדער האַלטן מיט איר. איז מיט וועמען זאָל ער רעדן? ער האָט גאָר מורא צו פאַרטרויען זיי, וואו זיינע געלטער זיינען און ווי גרויס זיין פאַרמעגן איז. מוז ער זיך אויסבאַהאַלטן פון זיי, ווען ער וויל איבערקוקן די פּאַפּירלעך, און פאַרשליסן זיי, אַז די קינדער זאָלן ניט קענען צוקומען צו זיי. און דאָ ווערן אים די אויגן אַלץ מער און מער קאַליע...

דער ווייב איז נמאס געוואָרן צו קעמפן מיט אים. פּרובירט זי אַמאָל מיט גוטן:

— זע, נחום, אַ גאַנצן לעבן האָסטו זיך אָפּגעמאַטערט, געקליבן אַ פּעני צו אַ פּעני, ניט געוואוסט פון קיין לעבן, דאָס עסן זיך אַפילו ניט פאַרגונען — פאַרוואָס זאָלסטו איצט ניט אויסנוצן די געלעגנהייט און די לעצטע יאָרן כאָטש דערלעבן, ווי אַ מענטש?...

אָבער דאָס זיינען אַרויסגעוואָרפענע רייד. אָדער נחום שענקט זיי ניט קיין אויפמערקזאַמקייט, אָדער ער גיט אויף איר אַ קוק מיט אַזאַ ביטלדיקן בליק, ווי איינער זאָגט: „וואָס איז דאָ צו רעדן מיט אַ בהמה?...”

דבורה האָט גרויס צער דערפון: טאַקע פאַרוואָס זאָל אַזאַ ייד ניט וויסן פון אַ לעבן? זיין פאַרשריבן ערגעץ אין אַ סאָסייעטי, זיך לאָזן קאָסטן אַמאָל עפּעס — אין קבר וועט ער דאָס אַלץ מיטנעמען?...

אָבער צו נחומען דערגייען קיינמאָל ניט, ניט אירע רייד, ניט אירע געדאַנקען. ביידע זיינען אים פרעמד. דאָס איינציקע, וואָס איז אים נאָענט, זיינען זיינע פּאַפּירלעך מיט די רעכענונגען.

דבורה קוקט אויף אים, ווי ער זיצט האַלב־בלינד אַריינגערוקט אין זיינע חשבונות, און שאָקלט פאַרצווייפלט מיטן קאָפּ:

— אַ לעבן האָט דאָס אָפּגעלעבט — ווי אַ פערד!...

מרימס צוואה

יעדן דאָנערשטאָג פון אין דער פרי אָן באַקומט די אַריסטאָקראַטישע געגנט וואָס אַרום דער עלם סטריט סטאַנציע גאָר אַן אַנדער אויסזען און ענדערט איר געוויינלעכן יום־טובדיקן פנים. ווי אַ טשאַטע פייגל שיטן זיך אַרויס צענדליקער מענטשן פון די אָנקומענדיקע באַנען — פרעמדע, אַנדערשדיקע, אומהיימלעכע — און פאַרפלייצן די געגנט. די שטענדיקע איינוואוינער קוקן מיט שרעק, ווי די דאָזיקע מחנות ציען זיך אָן אויפהער פון אין דער פרי אָן ביז שפעט נאָכמיטאָג פון דער באַן־סטאַנציע דורך די ריינע און ציכטיקע גאַסן, באַפּוצט מיט ביימער און בלומען־גערטנדלעך, צו דער רעזידענץ פון דעם באַוואוסטן ביין־ספּעציאַליסט, דאָקטאָר אָסקאַר לעווענשטיין, און שפּעטער — פון נאָכמיטאָג אָן ביז אין אָוונט — צוריק צו דער באַן־סטאַנציע און אַהיים. די איינוואוינער טרעטן אָפּ דעם וועג די דאָזיקע ניט־געבעטענע באַזוכער און זוכן זיך צו האַלטן וואָס ווייטער פון זיי.

די געגנט פון אַרום עלם סטריט איז אַ שטילע, באַוואוינט פון רייכע מענטשן, וואָס האָבן זייערע אָפיסעס און געשעפטן ערגעץ ווייט אין צענטער פון שטאָט און דאָ האָבן זיי זיך אויפגעבויט קליינע פּאַלאַצלעך צו קענען געניסן פון אָפּרו און געמיטלעכקייט נאָך אַ טאָג אַרבעט און נאָך אַ וואָך טומל און פאַרהאַוועטקייט. די גאַסן זיינען גראַם און לופטיק, באַפּלאַנצט פוןביידע זייטן מיט אַלייען ביימער; די הייזער — צוויי־שטאָקיקע, אויס־געצאַצקעטע — זיינען געמיטלעך אויסגעלייגט צווישן גרינע גערטנדלעך, פאַרפלאַנצטע מיט בלומען און טראָפּישע ביימלעך און קוסטעס. איין הויז איז אָפּגערוקט פונעם צווייטן צו געבן שטח פאַר לופט און זון־ליכט און יעדעס הויז איז געבויט אַנדערש פונעם שכנישן און געפאַרבט אַנדערש צו געבן אויסדרוק דעם אינדיווידועלן געשמאַק פונעם אייגנטימער, ווי אויך צוצוגעבן דער געגנט מער פאַרביקייט און פאַרשיידנאַרטיקייט אין סטיל און קאָליר.

די איינוואוינער זיינען געווען שטאָלץ מיט זייער געגנט, באַטראַכט זיך ווי אויסדערוויילטע און געהיט, אַז אַ פרעמדער זאָל חלילה אַהער ניט אַריינפאַלן און קאַליע מאַכן זיי די לופט מיט זיין אָנוועזנהייט. דאָ איז מען שטיל געגאַנגען, ווייניק גערעדט, און באַגריסט איינער דעם צווייטן מיט אַ פאַרמעלן „גוט־מאָרגן! האָו דו יו דו?״ — און אָוועק ווייטער.

איין זאַך איז געווען, וואָס האָט זיי אַלעמען דערנענטערט און געהאַלטן

צוזאַמען: דער אינטערעס צו דער געגנט און די זאָרג פאַר איר גוטן נאָמען און אויסשליסלעכן אויסזען. די גאַסן זײַנען שטענדיק געווען ווי נאָר־וואָס אָפּגעוואַשן, די הײַזער פריש געפּאַרבט און דאָס גלאָז פון די שויבן האָט שטענדיק געגלאַנצט מיט אַ באַזונדער דורכזיכטיקייט און לויטערקייט. אין די גערטנדלעך איז דאָס גראָז געווען גלאַט און זאַרגפול אַרומגעשאָרן, פּונקט אַזוי אויך די קעפּלעך פון די קוסטעס, און די ביימער פון בײַדע זײַטן זײַנען געשטאַנען מאַיעסטעטיש־אויסגעכאַליעטע און אויפגעפּאַסטע, אָן קיין איינציקן דאָרן און טרוקענעם צווײַגל. אַפילו די באַן־סטאַנציע האָט אויך אויסגעקוקט אַנדערש, ווי זי וואָלט געווען אַ טייל גאָר פון אַן אַנדער סיסטעם. אין דער אמתן איז די סטאַנציע געווען אַ טייל פון דער שטאָטישער באַן־סיסטעם, וועלכע איז אין אַלגעמיין געווען אַלט און אָפּגעלאָזן, שמוציק און פאַרשטויבט, און אָן שום וועלכער עס איז אַכטונג פאַר די בירגערס עסטעטישע געפילן.

די עלם סטריט סטאַנציע האָט אויסגעזען אַנדערש. צי אויס רעספּעקט צו די רײַכע אײַנוואוינער פון דער געגנט, צי ניט וועלנדיק שטערן די אַלגעמיינע האַרמאָניע, אָבער די באַן־סטאַנציע האָט אויסגעזען לײַטישער, און אין פאַרגלײַך מיט די אַנדערע סטאַנציעס פון דער זעלבער סיסטעם האָט זי אויסגעקוקט דערהויבענער און יום־טובדיקער, ווי אַ קליינער וואָקזאַלכל פון אַ רײַכן פאַר־שטעטל. דער דיל איז דאָ שטענדיק געווען פאַרקערט, די פּלאַטפאָרמעס אָן שטויב, בײַדע אָפּטרעטן — פאַר מענער און פרויען — זויבער און אָפּגעוואַשן, ווי קיינער וואָלט זיך מיט זיי קיינמאָל ניט באַנוצט.

דער סטאַנציע־מײַסטער האָט אויך אויסגעקוקט אַנדערש. ער האָט געקוקט אויף זיך ניט ווי אויף עפּעס אַ קליינעם און נידעריק־באַצאָלטן אָנגעשטעלטן פון דער שטאָטישער באַן־סיסטעם — איינער פון עטלעכע הונדערט אַזעלכע ווי ער — נאָר ווי אויף עפּעס אַ וויכטיקן באַאַמטן, וואָס פאַרנעמט אַ באַזונדערע שטעלע. יעדן פרימאָרגן פלעגט ער קומען אַהער צו זײַן אַרבעט אַ ריינער, אַ ציכטיקער, גלאַט ראַזירט און פאַרקעמט, אין אַ ריינער אוניפאָרם מיט בלישטשענדיקע קנעפּ. די זעלבע אוניפאָרם האָבן אויך געטראָגן אַלע אַנדערע אָנגעשטעלטע פון דער באַן־סיסטעם, אָבער צוליב זייער ניט איבעריק ריינער אַרבעט, אין שטויב און אומאויפהער־לעכער באַוועגונג אַרום, זײַנען זיי שנעל אָפּגעטראָגן געוואָרן. זיי האָבן אויסגעקוקט אַלט און אָפּגעבליאַקעוועט און געמאַכט די מענטשן אַליין אויך אויסזען אָרעמער און אָפּגעלאָזענער. דאָ אָבער האָט זיך דער סטאַנ־ציע־מײַסטער, ווייזט אויס, געפילט העכער, ווירדיקער און געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ טייל פון דעם גאַנצן רײַכן אַריסטאָקראַטישן אײַנשטעל

אַרום. מיט יעדן איינעם כמעט האָט ער זיך געקענט און מיט יעדן איינעם באַגריסט זיך, ווען יענער איז צוגעקומען צום ביידל אויסבייטן געלט אויף קליינגעלט, אָדער אַפילו בלויז דורכגעגאַנגען דורך דער דורכלאָז־מאַשין, וואו ער האָט אַריינגעוואָרפן זיין זילבערנע מטבע.

אַפילו דער פּאָרטער, אַ שוואַרצער אַרבעטער וואָס האָט דאָ געטאָן די פּראָסטע אַרבעטן, געראַמט און געקערט און געהייצט ווינטער די אייוועלעך אין די וואַרט־צימערן, האָט אויך אויסגעקוקט אַנדערש, ריינער און ציכטי־קער, אין זיינע אַרבעטס־קליידער.

דעם אמת זאָגנדיק, האָבן זיך די איינוואוינער בכלל ווייניק באַנוצט מיט דער באַן־סטאַנציע און מיט דער באַן. כמעט יעדערער דאָ האָט געהאַט צו איינעם אָדער צוויי אויטאָמאָבילן, וועלכע מען האָט געניצט יעדעס מאָל, ווען מען האָט געדאַרפט. בלויז אין די פאַלן, ווען די פרויען האָבן געדאַרפט פאָרן איינקויפן אין די דעפּאַרטמענט־געשעפטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין צענטער פון שטאָט און וואו עס איז ניט דערלויבט געווען אָפּצושטעלן די מאַשינען, ווי אויך יעדן אין דער פרי די מענער, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין פּלאַץ פאַר זייערע קאַרס לעבן זייערע אָפיסעס און געשעפטן, האָט מען זיך באַנוצט מיט דער שטאָטישער באַן און במילא אויך מיט דער עלם סטריט סטאַנציע. די פרויען פלעגן נאָכדעם קומען אַהיים אָפּגעמאַטערטע פונעם פאָרן און פונעם אַרומדרייען זיך אַ גאַנצן טאָג איבער די קראָמען און מאָדע־געשעפטן און דאַנקען גאָט, וואָס זיי וואוי־נען אין אַזאַ שטילער און געבענטשטער געגנט, וואו מען קען בעסער געניסן פונעם לעבן.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן יאָרן לאַנג, ביז אַט דער דאָקטאָר לעווענ־שטיין האָט איינגעפירט זיין משונהדיקן איינפיר און אַריינגעבראַכט אין דער געגנט די אומדערוואַרטעטע פּלאָג. די מכה דויערט טאָקע בלויז נאָר איין טאָג אין וואָך, אָבער דער ביטערער טעם נאָכדעם און דער ווידערגע־פיל ציט זיך שוין און לאָזט ניט אָפּ אַ גאַנצע וואָך.

וואָס עס האָט געטריבן דעם דאָקטאָר לעווענשטיין אַזוי צו האַנדלען, וויס קיינער ניט. זיכער האָט ער דאָס ניט געטאָן, כדי צו שטעלן די געגנט אין אַזאַ אומדערטרעגלעכער לאַגע. מען האָט געקענט דעם דאָק־טאָר לעווענשטיין שוין פון לאַנג, טאַקע אַלס איינוואוינער פון דער געגנט, און קיינער האָט וועגן אים ניט געהאַט קיין שלעכט וואָרט צו זאָגן. פאַר־קערט: מיט אַלעמען פיין, העפלעך און גוט־שכנותדיק. וואָס זשע דען? מסתם די ווייב זיינע... ניט די איצטיקע, נאָר די פריערדיקע, די פאַר־שטאָרבענע... מען האָט אויף איר אויך ניט געהאַט קיין שלעכטס וואָס

צו זאָגן. פאַרקערט, אין דער געגנט האָט מען גערעדט, אַז זי איז נאָר אַ וויכטיקע פּערזאָן און גיט זיך אָפּ מיט וואוילטעטיקער אַרבעט. נאָר וואָס דען? דער טויט אירער, ווייזט אויס, האָט אויף אים געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז ער איז געוואָרן אַביסל צעמישט און גענומען האַנדלען אַזוי...

וואָרום, ווען מען נעמט זיך דערמאָנען, איז עס געווען באַלד נאָך איר טויט, וואָס ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער משוגעת און גענומען פּראַקטיצירן זי מיט אַזאַ אייפער.

וואָרום, וואָס איז דאָס דען, אויב ניט קיין משוגעת, ווען אַ באַרימטער דאָקטאָר, אַ גרויסער ספּעציאַליסט, וואָס מען דאַרף אָפּוואַרטן וואָכן־לאַנג צו דערשלאָגן זיך צו אים מיט אַ וויזיט און וואָס האָט איינעם פון די גרעסטע אָפּיסעס אין איינער פון די רייכסטע טיילן פון שטאָט, זאָל פּלוצלונג נעמען און פאַרוואַנדלען זיין אייגן הויז אין עפּעס אַ מין שפּיטאָל, וואו עס קומען די אָרעמסטע און שמוציקסטע קראַנקע פון שטאָט און ער גיט זיך אָפּ מיט זיי פון אין דער פרי ביז ביינאַכט און אָן אַ פּעני געלט דערצו? אַוועקשטעלן אין אַזאַ לאַגע זיך און די גאַנצע געגנט? — עס איז אָן שום ספק משוגעת פון העכסטן סאָרט, פאַר וועלכער מען וואָלט אים געדאַרפט ערגעץ פאַרשפּאַרן...

אָבער ווי עס זאָל ניט זיין, איז די איינוואוינער ניט צו שטאַרק אָנגעגאַנגען, ווער עס איז דער שולדיקער און וואָס די אורזאַך איז: צי משוגעת, צי גלאַט אַזוי אַ קליפּה — זיי האָבן פון דעם געוואָלט פּטור ווערן! זיי האָבן געוואוסט, אַז אויב ניט וועלן זיי מוזן איבערלאָזן זייערע הייזער און אַנטלויפן וואו דער פעפער וואַקסט. איבערהויפּט האָבן זיך געקאָכט די פרויען: אַזאַ נבלה! נעמען און אַריינלאָזן אין דער געגנט אָט די אָרעמע קבצנים — שמוציקע, אָפּגעריסענע, צעקריפּלטע — און פאַר־מיאוסן מיט זיי די גאַנצע געגנט!

אַ סך פלעגן טאַקע באַלד דאָנערשטאָג אין דער פרי פאַרלאָזן די היימען און אַוועקפאָרן צו פריינט און באַקאַנטע אין אַנדערע טיילן שטאָט. אַנדערע פלעגן אויסנוצן דעם טאָג און זיך לאָזן איבער די געשעפטן איינקויפן — צי מען האָט געדאַרפט, צי ניט, אַבי ניט זיין אין דער היים. נאָך אַנדערע פלעגן זיך מקדים זיין און, פאַרנעמענדיק די קינדער, פלעגן זיי אַוועק פון דער געגנט נאָך מיטוואָך פאַרנאַכט און ניט זיין אין דער היים ביז פרייטאָג אין דער פרי.

לאַנג האָט עס אַזוי ניט געקאָנט אָנהאַלטן. די איינוואוינער האָבן באַשלאָסן נעמען די זאַך אין געריכט. זיי זיינען זיכער געווען, אַז זיי וועלן געווינען. קיין לאָיערס דערצו האָבן זיי ניט אויסגעפעלט: געווען גענוג אייגענע אין דער געגנט. און טאָמער וואָלט מען זיך גענויטיקט אין

דער הילף פון אַן אַנדערן, אַ זייטיקן — איז אין דעם אויך קיין מניעה ניט געווען: געלט פאַר דעם האָט מען געקענט שאַפן גענוג!

די איינוואוינער זיינען זיכער געווען, אַז יעדער דענקענדער ריכטער וועט זיי געבן גערעכט. אָבער — זיי האָבן געמאַכט אַ טעות. אין וועלכן געריכט זיי זיינען ניט געגאַנגען האָבן זיי אומעטום פאַרשפּילט. אומעטום האָט מען זיי געזאָגט, אַז מען קען דעם דאָקטאָר ניט צווינגען אויפצוגעבן זיין אַרבעט. ער האָט אַ רעכט דערצו. עס איז זיין הויז, זיין אייגנטום, און ער האָט אַ רעכט אויפצונעמען דאָרטן קראַנקע. איבערהויפּט נאָך, אַז ער טוט עס אָן געלט און עס קען דאָ די מינדסטע אָנדייטונג ניט זיין, אַז עס איז אַ ביזנעס־אונטערנעמונג. ער איז אויך נישט דער איינציקער דאָ, וואָס פּראַקטיצירט זיין פּראָפעסיע — נאָך אַנדערע דאָקטוירים האָבן דאָ זייערע אָפיסעס. דער אונטערשייד איז בלויז אין דעם שטאַנד פון די פּאַציענטן...

עס האָט זיך אַפילו געפונען אַן אַלטיטשקער ריכטער, וואָס איז אַוועק אַזוי ווייט, ווי אויסמוסרן די איינוואוינער און פאַרוואָרפן זיי זייער ענג־האַרציקייט און עגאָאיזם... מיט אַזאַ קלאָגע האָט ער זיי געזאָגט, וואָלטן זיי זיך געדאַרפט שעמען צו קומען אין געריכט. זיי וואָלטן געדאַרפט זיין שטאָלץ צו האָבן ביי זיך אין דער געגנט אַזאַ שכן מיט אַזאַ נאָבעלן האַרץ...

אויף די איינוואוינער האָט דאָס ניט געווירקט. זיי זיינען געבליבן איינגעשפּאַרט פיינטלעך צום דאָקטאָר און צו זיינע פּאַציענטן. אָבער די לאָדעניש אין געריכט האָבן זיי אויפגעגעבן און געוואָרט אויף אַן אַנדער צופאַל, וואָס וועט זיי העלפן באַפרייען זיך פון דער צרה.

די קראַנקע האָבן דערוויל פון קיין זאַך ניט געוואוסט. זיי האָבן פאַרגעזעצט צו קומען מיט די באַנען און יעדן דאָנערשטאָג פאַרפלייצן די געגנט. זיי פלעגן אָנפילן דעם דאָקטאָרס וואַרט־צימער, די קאָרידאָרן, די פאַרטשעס און די בענק אויף די לאָנקעס אַרום הויז, און ווען עס איז נאָך אַלץ ניט געווען גענוג פּלאַץ, האָט מען אָנגעפילט די טראָטואַרן אַרום, באַזעצט זיי און געשטערט די דורכגייער. ניט זיי האָבן געוואוסט פון די לאָדענישן פון די איינוואוינער און ניט עס איז זיי אָנגעגאַנגען. יעדער איינער איז געווען פאַרנומען מיט זיך, מיט זיינע ווייטאָגן און צרות. אַלע זיינען זיי געווען אָרעמע, פאַרצווייפלטע מענטשן, אויסגעמאַטערטע פון נויט און פון די שווערע לעבנס־זאָרגן. זיי זיינען געקומען זוכן הילף צום באַרימטן דאָקטאָר און הערן פון אים כאָטש אַ טרייסט־וואָרט, אַז זייערע ווייטאָגן וועלן ווען עס איז איבערגיין, אָדער לייכטער

ווערן. אַ סך פלעגן טאַקע געהאָלפן ווערן, און ניט איינמאָל האָט מען געקענט זען אויפן וועג צוריק צו דער באַן־סטאַנציע מענטשן מיט שיין אין די אויגן, מיט אַ גלאַנץ פון האָפענונג און מיט אַן אָנדייט פון אַ באַ־שלוס אָנצופאַנגען דאָס לעבן פון דאָס ניי און זען געניסן פון אים אויף וויפל זייערע כוחות און מיטלען וועלן זיי נאָר דערלויבן.

***

ווער זשע איז געווען דאָקטאָר לעווענשטיין און פאַרוואָס האָט ער עס געטאָן?

עס זיינען אַרומגעגאַנגען אַ סך מעשיות וועגן אים. איינס איז ניט געווען ענלעך צום צווייטן און איינע האָט אַפילו סותר געווען די אַנדערע. נאָר אין איין זאַך זיינען אַלע געווען איינשטימיק, אַז סיי אָט די אומגע־ווינלעכע טאַט זיינע און סיי אויך אַנדערע זאַכן, וואָס מען האָט געהערט וועגן אים, זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן דורך זיין ערשטער יונג־פּאַר־שטאָרבענער פרוי. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז איר טויט האָט עס אים באַאיינפלוסט, אַנדערע, ווידער — אַז איר לעבן. ווער פון זיי עס גיט דעם ריכטיקן ענטפער, איז שווער צו וויסן. נאָר דאָך, ווייזט אויס, שטייט נעענטער צום אמת די געשיכטע, וואָס ווערט וועגן אים דערציילט צווישן די קראַנקע גופא, די אָרעמע פּאַציענטן, וואָס קומען צו אים זוכן הילף און היילונג יעדן דאָנערשטאָג.

און אָט וואָס עס ווערט דערציילט צווישן זיי:

מיט יאָרן צוריק, ווען דאָקטאָר לעווענשטיין איז שוין געווען באַרימט און געהאַט זיין אָפיס אין איינער פון די רייכסטע געגנטן פון שטאָט, האָט ער זיך באַקענט מיט זיין ערשטער ווייב, מרים. ער האָט זיך גע־טראָפן מיט איר אויף אַ באַנקעט, וואָס איז פאַרגעקומען טאַקע פון איר כבוד וועגן. די גרעסטע מענטשן פון שטאָט זיינען דאָרטן געווען: דער מעיאָר, דאָקטוירים, לאָיערס, גלחים. אַלע זיינען געקומען צוטיילן איר כבוד און לויבן זי פאַר אירע גרויסע פאַרדינסטן. אַפילו דער גאָווערנאָר פון סטעיט האָט צוגעשיקט אַ באַגריסונג און עטלעכע אָנגעזעענע מענטשן האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק צו קומען אַזש פון וואַשינגטאָן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ מעדאַל, וואָס דער פּרעזידענט האָט איר צוגעשיקט. האָבן דעם געשריבן די צייטונגען, מען האָט וועגן דעם גערעדט אויף דער ראַדיאָ.

מיט וואָס האָט זיך מרים פאַרדינט דעם כבוד? מיט איר גוטסקייט און גרויסער מענטשלעכער אַרבעט. זי אַליין איז געווען אַמאָל אַן אָרעמע מיידל און געשטאַמט פון אָרעמע עלטערן. נאָך פון קינדווייז אָן פלעגט

זי זיך דורכדרינגען מיט יענעמס צער און זען אים אַרויסהעלפן. ווען זי איז אויסגעוואַקסן און געדאַרפט זיך אויסקלייבן אַ קאַריערע, האָט זי באַ־שטימט צו ווערן אַ „סאָשל־וואָירקער״. דאָ, האָט זי געפילט, וועט זי זיך קענען אויסלעבן אַמבעסטן און דאָ וועט איר דראַנג צו העלפן יענעם קומען צום אויסדרוק אַמשטאַרקסטן.

זי האָט זיך אויסגעקליבן די אָרעמסטע געגנטן און דאָרטן איז זי געוואָרן טעטיק. זי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט לייב און לעבן און געזוכט צו העלפן מיט וואָס זי האָט געקענט: מיט אַן עצה, מיט באַרואיקונג און צוגעבן מוט און גלויבן אין זיך. און ווען מען האָט געדאַרפט האָט זי אויך אַרויסגעהאָלפן מאַטעריעל: געקראָגן פאַר יענעמס שטיצע און ניט אָפּגעשטעלט זיך צו העלפן אַפילו פון אירע אייגענע מאָגערע שכירות.

אינגיכן איז איר נאָמען באַקאַנט געוואָרן אין דער גאַנצער אָרעמער געגנט. מענטשן האָבן אויסגעפונען איר היים, וואו זי וואוינט, און גע־בראַכט זייערע צרות צו איר אין שטוב. מען איז געקומען אין דער פרי און געקומען אין אָוונט און אַפילו שפּעטלעך אויף דער נאַכט. פאַר יעדן איז איר טיר געווען אָפן און איר האַרץ גרייט אַרויסצוהעלפן. מענטשן האָבן זי אָנגעהויבן פאַרגעטערן.

איר נאָמען איז ווייט אַריבער די גרענעצן פון דער געגנט אונטער איר אויפזיכט און אַפילו פון דער שטאָט. מען האָט אָנגעהויבן שרייבן וועגן איר אין די צייטונגען. און ווען עס איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָנטעסט פאַרן בעסטן „סאָשל־וואָיקער״ איבערן לאַנד, האָט זי געוואונען דעם קאָנטעסט. מען האָט דערציילט דעם פּרעזידענט וועגן איר און ער האָט באַשטימט צו געבן איר אַ פּערזענלעכן מעדאַל און ערן־שריפט.

און אָט אויף דעם־אָ יום־טוב, וואו עס איז איר אַזויפיל אָנערקענונג און כבוד צוגעטיילט געוואָרן, האָט זיך דאָקטאָר לעווענשטיין מיט איר געטראָפן.

ווי נאָר ער האָט זי דערזען, איז ער גלייך פאַרכאַפּט געוואָרן. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן ניט נאָר פון אירע גרויסע און ליכטיקע אויגן, וועלכע האָבן געשטראַלט מיט גוטסקייט און טיפער מענטשלעכקייט, פון איר אָנגענעמער און ווייכער שטימע, וועלכע האָט געקלונגען מיט מיט־געפיל און רחמנות, פון איר טיפן פאַרשטאַנד, וועלכער האָט באַנומען מענטשלעכע יסורים און געזוכט אַ וועג ווי אַזוי זיי לייכטער צו מאַכן, נאָר אויך טאַקע פון איר שיינקייט אַלס פרוי.

ער האָט זי איינגעלאַדן אין זיין אָפיס און געוויזן איר די גרויסע פּראַקטיק, וואָס ער האָט. ער האָט זי גענומען אין זיין רעזידענץ, וואו

ער נעמט איצט אויף זיינע אָרעמע חולאים, און געוויזן איר זיין רייכקייט. ער האָט איר געזאָגט, אַז דאָס אַלץ וועט זיין אירס, איז שוין אירס, און זי קען טאָן מיט דעם, וואָס איר האַרץ גלוסט.

זי האָט אים געענטפערט, אַז זי דאַרף ניט קיין רייכקייט. זי וועט אָבער מיט אים חתונה האָבן, ווייל ער אַליין געפעלט איר. נאָר איין זאַך פאַרלאַנגט זי פון אים: ער זאָל איר צוזאָגן, אַז ער וועט איר ניט שטערן צו פאַרנעמען זיך מיט איר באַליבטער טעטיקייט אויך ווייטער.

ער האָט איר צוגעזאָגט און זיי האָבן חתונה געהאַט.

אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר איר איצט געעפנט און נייע מעגלעכקייטן. זי האָט געהאַט אייגענעם גליק און געוואָלט אַנטיילן מיט אים אויך אַנדערע מענטשן — אַזויפיל, וויפל זי וועט נאָר קענען.

זי האָט זיך איצט ניט געדאַרפט זאָרגן וועגן זיך און האָט איר גאַנצע צייט גענומען אָוועקגעבן צו אַנדערע, צו די וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין איר: טאָג און נאַכט, יום־טוב און וואָך.

אָבער טוענדיק אַזויפיל פאַר אַנדערע, איז זי פלוצלונג געוואָרן קראַנק און גענומען איינגיין פון טאָג צו טאָג.

איר מאַן, דער דאָקטאָר, איז געוואָרן פאַרצווייפלט. ער האָט אויפ־געהערט זיך אָפּצוגעבן מיט זיינע קראַנקע און געזוכט אַלץ צו טאָן פאַר איר. ער האָט געבראַכט צו איר די גרעסטע דאָקטוירים פון שטאָט — און אַפילו אויך פון אַנדערע שטעט. אָבער קיינער האָט פאַר איר גאָרניט געקענט טאָן.

ענדלעך האָט ער אַליין אויך צוזאַמענגעבראָכן. ער האָט אויפגע־געבן זיין אָפּיס און אויפגעהערט אויפנעמען קראַנקע. גאַנצע טעג פלעגט ער אָפּזיצן לעבן איר. איז איינמאָל, ווען ער איז אַזוי געזעסן לעבן איר אַ טרויעריקער, אַ צעבראָכענער, און זי האָט זיך גראָדע דערפילט אַ ווײלע בעסער, האָט זי אים געגעבן אַ וואונק, אַז ער זאָל זיך צורוקן נעענטער.

זי האָט אַריינגעלייגט איר האַנט אין זיינער, אירע אויגן האָבן אויפ־געלויכטן מיט אַ העלער פרייד, און זי האָט געזאָגט:

— הער מיך אויס: איך ווייס, מיינע טעג זיינען געציילטע, אפשר אויך די שעהן... דו דאַרפסט עס ניט פרובירן באַהאַלטן פון מיר און אָפּלייקענען, איך ווייס עס סיי ווי... מיך פאַרדריסט ניט אויפן טויט — עס מוז קומען!... איך האָב גענוג געגאָסן פונעם לעבן. איך האָב געגעבן אַנדערע, וויפל איך האָב געקענט און גענומען פאַר זיך, וויפל איך האָב געדאַרפט... דו האָסט מיר אַ סך פרייד אין לעבן געגעבן, איך בין דיר שטאַרק דאַנקבאַר דערפאַר... דאַרפסט ניט וויינען — זיי בראַוו און נעם דאָס לעבן ווי עס גייט... וויל איך דיך בעטן, זאָלסט עפּעס טאָן

פאַר מיר... דו מוזט עס טאָן!... גיב זיך ניט אָפּ דעם טרויער איבגאַנצן. וואָס די ערד דעקט צו מוז פאַרגעסן ווערן... דו בלייבסט צווישן מענטשן און דיין וויטערדיק לעבן דאַרף אויך זיין מענטשלעך. מוזסטו מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט נאָך מיר צו לאַנג ניט טרויערן, נאָר די ערשטע פרוי, וואָס דו וועסט באַגעגענען און ליב קריגן — זאָלסטו זי נעמען און חתונה האָבן מיט איר. פאַרשטעל ניט מיינע ליפּן, אָסקאַר, און לאָז מיר זאָגן וואָס איך וויל... זאָלסט זי ליב האָבן אָן מורא און אָן שרעק, און אָן שום געוויסנסביסן. וועסט דורך דעם מיין אָנדענק און דיין ליבע צו מיר ניט פאַרשוועכן. פאַרקערט: מיר וועט גרינגער זיין צו ליגן דאָרטן, ווען איך וועל וויסן, אַז דו ביסט דאָ צופרידן, גליקלעך...

זי האָט געקוקט אויף אים מיט ווייכע און גוטע אויגן און ווייטער געזאָגט:

— און נאָך אַ זאַך פאַרלאַנג איך פון דיר און בעט דיך דו זאָלסט עס טאָן פאַר מיר. דאָס איז מיין לעצטער פאַרלאַנג. זאָלסט נאָך מיר קיין מצבה ניט שטעלן! נישט נויטיק און איבעריק. מיין אָנדענק איז וויכטיק פאַר מיר, נאָר אַזוי לאַנג, ווי דו לעבסט — נאָכדעם אַרט מיך גאָרניט. און דאָס קענסטו פאַרווירקלעכן ניט דורך אַ קאַלטן שטיין אויף מיין טויטן גוף, נאָר דורך אַ וואַרעמער, לעבעדיקער אַרבעט צווישן די אומגליקלעכע מענטשן, פאַר וועלכע כ'האָב אַלע מאָל געזוכט עפּעס צו טאָן. דאָס וועט זיין דער בעסטער אָנדענק נאָך מיר. זאָגסט עס מיר צו?

ער איז געזעסן לעבן איר אַ דערשיטערטער, אַ צעטרייסלטער. יעדעס וואָרט האָט געשניטן זיין האַרץ ווי מיט שאַרפע זעגן. אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט און אויסגעהערט — און האָט איר אויך צוגעזאָגט אירע פאַרלאַנגען צו דערפילן. ער האָט געוואוסט: עס איז די לעצטע פרייד, וואָס ער קען איר נאָך געבן.

און די לעצטע איז עס ווירקלעך געווען: אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז זי אויסגעגאַנגען — איר האַנט אין זיינער און מיט אַ ווייכן רואיקן שמייכל אויף די ליפּן.

***

די מעשה, ווי זי ווערט ווייטער דערציילט, גיט איבער, אַז דער דאָקטאָר האָט שפּעטער זיך וואָרט געהאַלטן און ביידע אירע וואונטשן דערפילט. צוויי יאָר נאָך איר טויט האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ נורס, וואָס האָט געאַרבעט ביי אים אין אָפיס. און יעדן דאָנערשטאָג — דעם טאָג פון מרימס טויט — נעמט ער אויף אָרעמע פּאַציענטן אָן אַ פּעני געלט. ער טוט עס ניט אין זיין שטאָטישן אָפיס, נאָר דאָ אין זיין הויז,

וואו מרים האָט געלעבט און איז געשטאָרבן. ער האָט געלאָזט וויסן אין אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואו אַזעלכע קראַנקע ווענדן זיך נאָך הילף, אַז מען זאָל זיי שיקן צו אים און ער וועט זיי היילן פריי.

קומט דער דאָנערשטאָג אין דער פרי, הויבן אָן קומען וואַגאָנען צו דער עלם סטריט סטאַנציע און הויבן אָן אַרויסשיטן חולאים: קאַליקעס, פאַרקריפּלטע, אויף קוליעס, און מאַמעס וואָס טראָגן אויף די הענט אויס־געדאַרטע קינדער מיט קרומע ראַכיטישע פיסלעך... זיי אַלע גייען צו דאָקטאָר לעווענשטיין נאָך הילף...

און דאָקטאָר לעווענשטיין שטייט אין זיין ווייסן כאַלאַט פון אין דער פרי ביז שפּעט אין אָונט, אָפּרייסנדיק בלויז געציילטע מינוטן אויף עסן, און הערט אויס און אונטערזוכט און טיילט צו הילף צו די אָרעמע פּאַ־ציענטן. ער באַמערקט אין זייערע אויגן אָן אויפּבלי פון האָפענונג און אַ ציטער פון אויפגעלעבטער פרייד, און אים דאַכט זיך, אַז מרים קוקט פון איר גרויסן בילד, וואָס הענגט אויף דער וואַנט, און אירע אויגן לויכטן אויף מיטן זעלבן ווייכן טיף־מענטשלעכן גלאַנץ, ווי אַמאָל, און מיט דאַנקבאַרקייט צו אים: ער האָט איר צוואה דערפילט!...

דער בלינדער קינסטלער

יעדן זומער פלעגט ער קומען צו זיין ברודער פאַרברענגען זיין וואַקאַציע אין דער זומער־קאָלאָניע, וועלכע האָט זיך געפונען אין די קעטסקילס. שוין יאָרן אַזוי. ער האָט ניט נאָר ליב געהאַט דעם פּלאַץ, פּונקט ווי יעדער איינער, וואָס איז נאָר איין מאָל רעקומען אַהער, נאָר דער פּלאַץ האָט זיך אויך צוגעפּאַסט צו זיינע שטימונגען, ווי אויך צו די פּלענער וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פאַר די צוויי וואָכן.

גלייך ווי ער פלעגט נאָר אויספּאַקן זיינע זאַכן און צעלייגן דאָס ביסל ביכער, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך, פלעגט ער נעמען זיין קעסטעלע פאַרבן, דעם פּענדזל און לייוונט און אַוועק צום טייך, הינטער דער קאָלאָניע. ביים טייך זיינען באַוואַקסענע בערגן געווען, און הינטער אים האָט זיך געצויגן אַ ברייטע רחבותדיקע לאַנדשאַפט פון לאָנקעס און קליינע ווייס־געפאַרבטע זומער־הייזלעך, אַרומגעצוימט פון הינטן מיט אַ קייט הויכע, מיט וואַלד־באַוואַקסענע בערג. אין איניקע פלעצער האָט דער טייך אַרויסגעלאָזט פון זיך שטילע אָפּפלוסן, דינע שמאָלע טייכעלעך, וועלכע האָבן זיך דורכגעשנירלט דורך די לאָנקעס, אָפּגעטיילט שטיקלעך פון זיי און, ווי אַרומנעמענדיק זיי מיט דינע פאַרליבטע הענט, געבילדעט קליינע אינדזעלעך מיט קוסטעס, בלומען און קליינע וועלדלעך.

דער פּלאַץ איז געווען אַן אידעאַלער פאַר מאָלער און קינסטלער און דעריבער ווי געוואונטשן פאַר אים. ער פלעגט זיך אָפּקלייבן אַ שטילן צוגעפּאַסטן ווינקל, וואו פון צווישן צווייביימער פלעגט זיך אויפדעקן אַ ברייטע אָפענע פּאַנאָראַמע, דורכגיין מיט די בליקן די פאַרשיידענע רייך־אָנגעוואָרפענע בילדער פון דער נאַטור, אויסקלייבן זיך איינס פון זיי, אַרויסנעמען זיינע פאַרב־מכשירים און זיך שטעלן מאָלן.

ער פלעגט מאָלן לאַנגזאַם און פאַרטיפט, ווענדנדיק זיינע בליקן דאָ צו דעם לייוונט און דאָ צו דעם געגנשטאַנד וועלכן ער האָט געמאָלן, און באַטראַכטנדיק דאָס געמאָלענע דאָ פון איין פּאָזיציע און דאָ פון אַן אַנדערער. קיין זאַך האָט אים ניט געשטערט. ער איז געווען אַזוי פאַר־טיפט, אַז ער האָט ניט געהערט דאָס דורכפאָרן פון די אויטאָמאָבילן אויפן וועג און האָט ניט באַמערקט די רוישנדיקע און טומלדיקע קינדער, וואָס פלעגן קומען אַהער מיט זייערע עלטערן זיך באָדן און שווימען. זיין בליק איז געווען אין גאַנצן איינגעגראָבן אין דעם בילד און זיין אויפמערקזאַמ־

קייט איז געווען פאַרכאַפּט פון זיין אַרבעט פון מישן און קאָמבינירן די פאַרבן און אַרויסברענגען אויפן לייוונט די אַרומיקע נאַטור.

די בילדער, וואָס ער האָט געמאָלן זיינען מערסטנס געווען פון די לאַנקעס און ביימלעך אַרום דעם טייך. אַמאָל אָבער אויך פון דעם טייך אַליין מיט די זיך באָדנדיקע קינדער. אין דעם פאַל האָט ער שוין דעמאָלט ניט נאָר באַמערקט די קינדער, נאָר אויך גוט באַטראַכט זיי און צוגעהערט זיך צו זייערע שטימען און באַמיט זיך אַרויסצוברענגען אויפן לייוונט ניט נאָר זייערע קלאָרע קערפּערלעך, וואָס האָבן געגלאַנצט אויפן זון, נאָר אויך זייער טומלדיקייט און גערויש, זייער קינדערישע צעשטיפּטקייט און זייער פאַרגעניגן ביים פּליושקען זיך מיטן וואַסער. קערפּער און קלאַנג זיינען דאַן געוואָרן איינס און ביידן האָט ער זיך באַמיט אַרויס־צוברענגען אויפן לייוונט. קלאַנג און עקסטאַז האָט ער זיך באַמיט צו פאַרוואַנדלען אין קאָלירן און פאַרבן.

אַ באַזונדערן אויסדרוק האָט זיין פּנים אָנגענומען, ווען ער פלעגט נאָכדעם באַטראַכטן דאָס געמאָלענע בילד, פאַרגלייכן עס מיטן אָריגינעלן און בלייבן צופרידן פון דער אַרבעט. ווי אַ פאַרליבטער פלעגט ער גלעטן דאָס בילד מיט די אויגן, באַטראַכטן עס איין מאָל און אַ צווייטן פון פאַר־שיידענע ווינקלען, צונויפלייגן זיינע פאַרב־מכשירים און פאַרזיכטיק, ווי עס וואָלט געווען פון פאַרצעליי געמאַכט, געטראָגן עס אַהיים.

ער האָט פיינט געהאַט צו רימען זיך מיט זיין אַרבעט, צו ציגן עס און צו לויבן עס. נאָר ווען אויפן וועג צוריק האָט אים עמעצער אַמאָל פאַרהאַלטן און געבעטן עס ציגן, האָט ער עס מיט פאַרגעניגן געטאָן. מיט התלהבות פלעגט ער דאַן יענעם דערקלערן יעדע איינצלהייט, יעדע קליינקייט, יעדן קאָליר און יעדן ניואַנס, און געזען האָט מען דעמאָלט, אַז עס רעדט ניט נאָר אַ פאַכמאַן, אַ קינסטלער, נאָר אויך איינער, וואָס די קונסט איז אים ליב, איז אַ טייל פון זיין לעבן. אַזויפיל איבערצייגונג איז דעמאָלט אין זיין שטימע געלעגן, אַז ניט ווילנדיק איז יענער אָנגע־שטעקט געוואָרן פון דעם און אויף אַ ווײַלע באַשלאָסן זיך מער צו אינ־טערעסירן מיט דער מאָלערישער קונסט.

ער איז ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלער קינסטלער. אין דער יוגנט האָט ער באַזוכט אַ קונסט־שולע, אָבער ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט ער דאָס לערנען געמוזט אויפגעבן און ווערן אַן אַרבעטער. ער האָט זיך אויסגעקליבן אַן אַרבעט, וואָס איז געווען צום נאָענטסטן צו זיינע קינ־סטלערישע נייגונגען: ער איז געוואָרן אַ גראַווירער. אָבער אין דער אַרבעט האָט ער אַריינגעלייגט זיין גאַנצן קינסטלערישן געשמאַק און קינסטלערישע ליבע און געמאַכט יעדע שטיקל אַרבעט, וואָס איז פון זיין

האָט אַרויס, פאַר אַ קונסט־ווערק. אין די פיגורן וואָס ער האָט אויסגע־קריצט אויף די פאַרשיידענע מעטאַלן האָט זיך געמערקט אַ באַזונדער טעכנישע פאָלקאָמענהייט, אַ באַזונדער גלאַטקייט און ריינקייט, פאָלירט־קייט און געשמאַק, און די וואָס האָבן באַשטעלט אין דעם שאָפּ אַרבעט האָבן זיך שטענדיק געשלאָגן פאַר דעם, אַז ער זאָל די אַרבעט מאַכן. דער בעל־הבית פלעגט אים טאַקע שטענדיק צוטיילן די בעסערע און טייערערע אַרבעט.

ער איז געווען אַ קינסטלער לויט זיין גאַנצער נאַטור. אַ שטילער און אַ באַשיידענער, מיט ווייכע מילדע שטריכן, האָבן אים מער ווי אַלץ אינטערעסירט קאָלירן און פאַרבן־שפּיל. ער האָט געקענט אָפּשטיין לאַנג ביי אַ בלומען־קוסט, ביי אַ שטילן זונען־אונטערגאַנג און שלינגען אין זיך שטיקער שיינקייט און קוויקן זיך מיט דער קינסטלערישער פאַנטאַזיע פון דער נאַטור, וואָס האָט מער ווי וועלכער עס איז קינסטלער געקענט שאַפן אַזאַ רייכע קאָמבינאַציע פון פאַרבן.

ער איז בכלל געווען אַ שטילער און רואיקער מענטש און ליב געהאַט צו הערן. נאָר איז דער שמועס אַרויף אויף קונסט, איז ער גלייך אַן אַנדער מענטש געוואָרן. דאָס מויל האָט זיך אים געעפנט און ער האָט געקענט רעדן לאַנג־לאַנג, גאָר אָן אַ סוף. זיין באַשיידנקייט איז פאַרשוואונדן, די שטריכן פון זיין פנים זיינען געוואָרן זיכערער און קרעפטיקער און אינ־גאַנצן איז ער געוואָרן איין פרומער קונסט־פרעדיקער, וואָס שטייט אויפן בעלעמער און פרעדיקט די לערע פון האַרמאָניע און גלייכקייט, פאַרביקייט און קאָלירפולקייט. ער האָט באַזעסן אַ גרויסע ערודיציע אויף דעם געביט און געקענט שעהן אָפּרעדן וועגן די בילדער סיי פון די קלאַסישע מאָלער און סיי פון די מאָדערנע, היינט־צייטיקע.

אָבער קיין סך צייט אויף אַליין צו שאַפן האָט ער ניט געהאַט. די אַרבעט אין שאָפּ דורכן טאָג האָט אים מיד געמאַכט, דערצו איז דער אָוונט ניט געווען די פּאַסנדסטע צייט פאַר זיין זשאַנר צו מאָלן. ער איז אין אַ דאָרף געבאָרן געוואָרן און אויפגעהאָדעוועט זיך און פון קינדווייז אָן איינגעזאַפּט אין זיך אַ שטאַרקע ליבע צו דער נאַטור און אַ זין פאַר איר רייכקייט. זיין באַליבטער אָביעקט איז דעריבער געווען די נאַטור אַליין אין די פאַרשיידענע ברעקלעך אירע, און די ווענט פון זיין הויז זיינען שטענדיק געווען באַהאַנגען מיט פאַרשיידענע נאַטור־בילדער.

מיט בענקשאַפט האָט ער געוואַרט אויפן זומער און אויסגעקוקט אויף די צוויי וואָכן זיינע, ווען ער וועט קענען זיך באַפרייען פון די שטאָטישע זאָרגן און באַהעפטן זיך אינגאַנצן מיט דער נאַטור. ער האָט געקוקט אויף דער קאָלאָניע ווי אויף זיין אַמאָליקער היים אין דאָרף און געבענקט

נאָך איר דעם גאַנצן יאָר, ווי ער האָט געבענקט נאָך זיין קינדהייט, ווען דער וואַלד און דאָס פעלד זיינען זיין שפּיל־פּלאַץ געווען און דער הונט און די קי — זיינע פריינט. ווי אַן אויסגעהונגערטער פלעגט ער קומען אַהער און זיך גלייך וואַרפן צו זיין אַרבעט. פון פרימאָרגן ביז פאַרנאַכט, ניט זעלטן, פלעגט ער ביים טייך שטיין און פאַרגעסן זיך אַן עסן און מידקייט, איינגאַנצן איינגעשלונגען פון אַרבעט און פאַרכאַפּט פון דעם, וואָס האָט כסדר געהאַלטן אין וואַקסן אויפן לייוונט און געוואָרן אַלץ פולער און פאַרביקער. ניט זעלטן פלעגט דער ברודער אים קומען רופן און שטראָפן:

— עס ווערט דיר גאָרניט נמאס אַ גאַנצן טאָג צו שטיין דאָ און אַרבעטן? ווערסט גאָרניט מיד?

ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי קען עס נמאס ווערן און ווי אַזוי קען מען מיד ווערן. אַ גאַנצן זומער וואָלט ער דאָ אַזוי געשטאַנען.

***

נאָר אָט האָט מיט אים פּלוצלונג אַן אומגליק פּאַסירט: אַ שאַרפע קראַנקייט איז אים אין די אויגן אַריין — און ער איז בלינד געוואָרן. פּלוצלונג, אומגעריכט איז דאָס געקומען — ווי אַ וואָלקן, ווי אַ כמאַרע. דער דאָקטאָר האָט אויף אַלעמען אַ שרעק אָנגעוואָרפן, געזאָגט: אויב מען וועט זיך ניט צואיילן, קען נאָך עפּעס ערגערס געשען... איז ער צו דער אָפּעראַציע געגאַנגען. פריער בעראַטן זיך מיט נאָך אַ צוויי־דריי דאָקטוירים, אָבער יענע האָבן אויך דאָס זעלבע געזאָגט: ער מוז גיין. די אָפּעראַציע „איז געווען געלונגען", אָבער דער דאָקטאָר האָט די נאָענטע באַלד דערקלערט: ער האָט זיך דאָס לעבן געראַטעוועט, אָבער די ראיה פאַרלוירן — ער וועט מער ניט קענען זען. אַלע זיינען אויפגעשוידערט געוואָרן: וואָס האָט ער געקענט ראַטעווען, אַז ער האָט דאָס טייערסטע פאַרלאָרן... זיי האָבן אָבער געמוזט דעם שוידער אין זיך פאַרשטיקן. געמוזט זיך נאָך שטאַרקן און אָנפילן די שטימען מיט געמאַכטער האָפענונג און טרייסט, אַז ווען דער דאָקטאָר וועט זיינע באַנדאַזשן אַראָפּנעמען, וועט ער צוריק דערזען די ליכטיקע שיין און אַלץ וועט זיין ווי געווען. אויך דער דאָקטאָר האָט אים געפּרוּווט געבן האָפענונג אָבער אַזוי געלאַסן, אַזוי בלוט־אָרעם, אַזוי בלאַס... און ער, וואָס איז אַזוי וואָך געווען צו קלאַנגען, וואָס האָט יאָרן אַוועקגעגעבן צו פאַרוואַנדלען קלאַנגען אין פאַרבן — ער האָט אונטערגעכאַפּט דעם בלאַסן קאָליר פון די שטימען און געפילט: זיין וועלט גייט אונטער...

ענדלעך איז עס געקומען... קיינער האָט אים מער ניט געטרייסט,

קיין וואָרט אַפילו ניט אויסגערעדט, און דעם אויסדרוק פון זיינע פריינטס פנימער האָט ער אויך מער ניט געזען, ניט געקענט זען... ער איז ווי אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ פינצטערער גרוב, אין אַ פינצטערן אָפּגרונט... אַלצדינג איז געווען שוואַרץ. נאָך ערגער: קאָליר־לאָז... די אויגן זיינען אויף זייער פלאַץ געווען — ער האָט זיי מיט די הענט אָנגעטאַפּט, אָבער אויגן, וואָס זיינען קיין אויגן ניט... גלעזערנע שערבלעך, וואָס מען קען דורך זיי גאָרניט זען... שטיקלעך ווילד־פלייש, וואָס ברענגען קיין נוצן ניט און קענען אָן שאָדן אָפּגעשניטן און אַרויסגעוואָרפן ווערן... צו וואָס דאַרף ער זיי? פאַרנעמען אומזיסט נאָר אַ פלאַץ צו רייצן זיך מיט אים, צו רייצן זיך מיט דער פאַרגאַנגענהייט... און אין קאָפּ איז אַזוי פינצטער, קאַלט־פינצטער... אָן קאָלירן...

ניט איינמאָל פריער פלעגט אים איינפאַלן אַ געדאַנק: ווי וואָלט די וועלט אויסגעזען אָן קאָלירן?... אַ ציטער פלעגט אים אַרומכאַפּן: אַ וועלט אָן קאָלירן... וואָס פאַר אַ וועלט איז דאָס? אַ תוהו ובוהו... איצט זעט ער די דאָזיקע וועלט, איצט לעבט ער אין איר... דעמאָלט איז דאָס בלויז געווען אַ פאַנטאַזיע, אַ זאַך, וואָס קען גאָרניט געמאָלט זיין — איצט איז עס אַ ווירקלעכקייט... אַ בלוטיק־פינצטערע ווירקלעכקייט...

פריינט און באַקאַנטע האָבן געשוידערט צווישן זיך: אַזאַ אומגליק! אַזאַ שפּאַס! דער מענטש, וואָס האָט בעסער ווי ווער עס איז געזען, מערער, טיפער, שענער — זעט איצט גאָרניט... דער, וואָס האָט מער ווי ווער עס איז געגאַסן פונעם זען — שמאַכט איצט אין אַ פינצטערער בלינדעניש... פאַר וואָס? פאַר וועלכער שטראָף? סיידן די זון האָט זיך צופיל מתקנא געווען אין אים פאַר זיין איינשלינגען אין זיך צופיל פון איר שיינקייט און האָט פאַרשטעלט פאַר אים איר שיין... סיידן די נאַטור האָט זיך צופיל מתקנא געווען אָן אים, וואָס ער האָט צופיל פון אירע סודות געזען — און באַשטראָפט אים מיט דער האַרבסטער שטראָף.

ער איז געזעסן שטיל אויף איין פלאַץ און געשוויגן. געשוויגן, כאָטש אַלץ אין אים האָט געוויינט. ער איז געזעסן שטיל און הילפלאָז, ווי אַ קינד, וואָס קען נאָך ניט גיין און מוז אָנקומען צו דער מוטערס הילף. ער איז געזעסן און געטראַכט פון זיין צוקונפט, פון זיין וועלט — פון דער וועלט אָן קאָלירן, אָן פאַרבן, אָן שיין און אָן פרייד...

האָבן זיך פריינט און באַקאַנטע געשושקעט: וואָס קען פון אים איצטער ווערן? וואָס קען מען מיט אים טאָן? אַ מענטש, וואָס איז געוואוינט געווען צו טאָן — וואָס קען מען איצט מיט אים טאָן? אַ מענטש, וואָס איז געוואוינט צו שאַפן — מוז זיך איצט פאַר יעדער קלייניקייט מיט

אַנדערע פאַרשאַפן... און זיין מוח, וואָס איז שטענדיק געוואוינט געווען צו נערן זיך מיט די פיינסטע קולטור־שאַפונגען, שפּעטער עס איבערקאָכן און פאַרוואַנדלען אין קלוגע טיפזיניקע געדאַנקען — וואָס וועט איצט מיט דעם מוח ווערן? פאַרלירנדיק די יניקה, וועט ער דאָך מוזן אָנהויבן שרינקען און דאַרן... אָבער איבערהויפּט די הענט — וואָס וועט ער מיט די הענט טאָן? די הענט, וואָס זיינען שטענדיק צו אַרבעט געוואוינט געווען, צו שאַפנדער קינסטלערישער אַרבעט...

ער האָט די פריינטס שמועסן ניט געהערט — צופיל האָבן זיי זיך געהיט, אַז אַ קלאַנג זאָל צו אים ניט דערגיין — אָבער ער האָט סיי־ווי זיי געפילט, פאַרשטאַנען. נאָכמער: די זעלבע געדאַנקען האָבן אים אַליין אויך געמאַטערט און אָנגעפילט מיט פאַרצווייפלונג.

דאָס זיינען געווען נעכט אָן שלאָף און טעג פול מיט פּיין און חלשות. סיי ווי איז דער אונטערשייד צווישן טאָג און נאַכט פאַרשוואונדן און די וואָך איז געווען איין וויסטע קייט פון טרויער און הילפלאָזיקייט, אָן וועלכן עס איז אונטערשייד צווישן איין טאָג און דעם אַנדערן.

אָבער צו לאַנג האָט עס ניט אָנגעהאַלטן. ביסלעכווייז האָט ער דער־פילט, ווי עפּעס אין אים הויבט זיך אָן צו ענדערן. אַן אומרואיקייט האָט אינעווייניק אין אים זיך אָנגעהויבן צו וועקן און האַלטן וואַך זיינע חושים. עפּעס אַ נייער געפיל, אַ נייע שטימונג, ווי אַ ניי לעבן, האָבן אָנגעהויבן אין אים אָנוואַקסן און אַ נייער צאַפּל, נאָך קיינמאָל ביז איצט ניט קיין דורכגעלעבטער, האָט אָנגעהויבן אין אים רירן זיך. עס איז געווען ווי אַ נייער חוש, ביז איצט פאַר אים אַ פרעמדער און אומבאַקאַנטער, וואָס האָט אָנגעהויבן אין אים רירן זיך און אָנוואַקסן און צופּן אים און מאָנען פון אים.

ער האָט דעם נייעם חוש אין די פינגער דערפילט. ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן פילן, ווי די פינגער זיינע גיסן זיך מיט לעבן אָן, ווערן רירעוודיק און קרעפטיק, און ווי יונגע קינדער, וואָס האָבן ערשט אָנגע־הויבן גיין, זוכן זיי באַוועגונג און קראַפט־אויסלאָדונג. ער האָט אַ נייעם כוח אין די פינגער דערפילט און גלייכצייטיק נייע פרישע כוחות אין זיין גאַנצן קערפּער און אַ נייע אויפלעבונג אין זיין גייסט. די פאַרצווייפלונג האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז בלאַסער צו ווערן און די הילפלאָזיקייט איבערצוגיסן זיך אין מער זיכערקייט און זעלבסטגלויבן. ער האָט געפילט איצט, אַז ער איז גאָרניט אַזוי אומנייטיק און איבעריק.

ער האָט געפילט, אַז ער קען איצט זיינע פינגער אַנשטאָט זיינע אויגן נוצן. ער האָט ביז איצט מיט די אויגן געזוכט פאַרבן און קאָלירן און געפּרואווט עס אָפּשטעמפּלען אויפן לייוונט, וועט ער איצט זוכן ליניעס

און האַרמאָניע און אין ליים אויסקנעטן. נאָכמער: ער וועט דאָס טויטע ליים אין פיגורן פאַרוואַנדלען, אַ נשמה אין זיי אַריינבלאָזן און מאַכן זיי שטומערהייט צו רעדן, דערציילן, זינגען און וויינען... יאָ, מען קען עס, ער פילט דעם כוח אין זיך צו טאָן דאָס, ער פילט דעם כוח אין זיינע פינגער, אין זיין גאַנצן קערפּער, אין זיין נשמה...

ער האָט געפילט ווי אַלץ קאָכט אין אים און זידט און מאָנט און רייסט אים: שנעלער, גיכער...

מען האָט אים געבראַכט ליים און ער האָט אָנגעהויבן אויסקנעטן פון דעם פיגורן: פיגורן גלייכע, אויסגעבויגענע, שטייענדיקע און אין באַוועגונג. מיט די הענט האָט ער אין דער פינצטער געטאַפּט, ליניע און סימעטריע געפּרוווט באַנעמען, און אין דעם ליים עס אַריינקנעטן. די פינגער האָבן איבערן ליים זיך באַוועגט, געזוכט וואו אַ פעלער, אַ פאַלשקייט און ניט געלאָזט זיך נאַרן... פונקט ווי אויגן יעדע זאַך איבערגעקוקט, און ווי מיט אויגן אויסגעדריקט צופרידנקייט און זאָרג, פרייד און אומבאַפרידיקונג, און פונקט ווי מיט אויגן געזוכט גאַנצקייט אין אַלץ און פּינקטלעכקייט, האַרמאָניע און עכטקייט.

אָבער נאָך מער ווי דאָס. ער האָט אין די טויטע פיגורן געפּרוווט אַריינבלאָזן נשמה און לעבן. האָט ער אַ טאַנצנדיקע מיידל געקלעפּט, האָט דער קאָפּ אירער געדאַרפט זיין צו דער הויך פאַרריסן און די אויגן מיט יוגנט־גליי אָנגעפילט. האָט ער אַ טאַנצנדיקן בחור געקנאָטן, האָט דער גאַנצער עקסטאַז זיך אין זיין גאַנצן קערפּער געדאַרפט פילן. און האָט ער אַ פאַרבענקטן אויף אַ מאַנדאָלינע געפורעמט, האָט זיך דער טרויער און פאַרבענקטקייט געדאַרפט פילן.

פונקט ווי פריער מיט בילדער, אַזוי איז איצטער דאָס הויז מיט פיגורן אָנגעפילט געוואָרן, פיגורן געמאַכט פון ליים, אָבער אָטעמענדיקע מיט לעבן. זיי האָבן אויסגעדריקט מענטשלעכע שטימונגען, טרויער און פרייד.

אָבער אויך דאָס איז נאָך ניט געווען גענוג, אויך דאָס האָט אים נאָך ניט באַפרידיקט. ער האָט געפילט, ווי פליגלען וואַקסן אים אויס און הויבן אים אין דער הויך. גרויסע פּלענער זיינען ביי אים געבאָרן געוואָרן און זיין קאָפּ איז פול געוואָרן מיט אידעען. ער האָט באַקומען אַ נייעם צוגאַנג צו זאַכן, אַ נייע באַציאונג. אין דעם ענגן און פינצטערן לעבן זיינעם האָט זיך זיין נשמה געקאָכט און איבערגעקאָכט, געלייטערט זיך און אויסגעלייטערט. זי האָט זיך מער ניט באַפרידיקט מיט שאַפן אַליין, מיט שאַפן צוליב שאַפן, נאָר געזוכט זיך צו דערגרונטעווען צו די טיפעניש פון לעבן, צו דעם מענטשלעכן צער און וויטאָג און געבן זיי אויסדרוק. ווען ער וואָלט איבערגעשאַפן געוואָרן, ווען ער וואָלט דאָס לעבן צוריק

פון דאָס ניי אָנגעהויבן, צוריק מיט אויגן ליכטיקע, וואָלט ער מער די אײנפאַכע נאַטור־בילדער, ווי ער האָט אַמאָל געטאָן, ניט געמאָלן. עפּעס שטאַרקערס וואָלט ער געמאָלן, אַזוינס וואָס זאָל ניט נאָר גלעטן דאָס אויג, נאָר אויך רעגן דאָס האַרץ, דעם מוח, וועקן דעם מענטשן און שטויסן אים...

ער האָט איצט שטאַרקער ווי ווען עס איז פריער דערפילט דעם צער פון דעם יחיד, די ליידן פון דעם כּלל, דעם פּיין פון דער מענטשהייט און געפּרוּווט עס דורך ליים אויסקנעטן, אין קעראַמיק עס אויספורעמען. אַ גרויסער דערוואַקסענער מאַן מיט אויגן פאַרמאַכטע, וואָס קוקן בלינד אין דער וועלט אַריין, געפירט פון אַ קינד, האָט געדאַרפט זיך איגענעם צער אויסדריקן. אַ הויכער שטאַרקער ייד מיט הענט צום הימל פאַרהויבן און וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן „דער אייביקער ייד", האָבן אין זיין פאַנטאַזיע דעם גורל פון זיין פאָלק אָפּגעשפּיגלט. און אַ גרופּע געשמידט אין קייטן, מיט אויגן ליכטיקע און גלויביקע צו דער זון פאַרריסן, האָט געדאַרפט אויסדריקן די האָפענונג פון דער מענטשהייט.

און אַזוי נאָך און נאָך. אידעען און פאַנטאַזיעס אין ליים אָפּגע־שטעמפּלט, מיט בלינדע הענט אויסגעקנאָטן. ווי אַמאָל ביים טייך איבער די בילדער, האָט ער אויך איצטער אומדערמידלעך געאַרבעט, ניט וויסנ־דיק ווען דער טאָג ענדיקט זיך און ניט נויטיקנדיק זיך מער אין קיין זון־שיין און אין קיין שיינעם ליכטיקן טאָג. דאָס הויז איז פול געוואָרן מיט פיגורן, סטאַטועןן און זיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט פרייד, מיט פרייד פון באַפרידיקטן שאַפן — באַזינגטן און באַלויכטענעם.

אין הויז איז ניי לעבן אַריינגעבראַכט געוואָרן. די דריקונג, וואָס איז אויף די ווענט געהאַנגען און אויף די שטוב־מענטשן געפּרעסט, איז ביס־לעכווייז לויטערער און לייכטער געוואָרן. די פרעמדע מענטשן, וואָס פלעגן קומען די אַרבעט זיינע באַטראַכטן און באַקוקן — און אַמאָל אויך קויפן — האָבן נייעם מוט אין שטוב אַריינגעבראַכט, נייע שטימונג.

און ער, דער בלינדער קינסטלער, האָט זיך אַרום די מענטשן גע־שאַרט, און, ווי אַמאָל אַרום די בילדער, מיט היץ און פאַכמענישער קענט־שאַפט יעדע איינצלהייט דערקלערט און ווידער, ווי אַמאָל, האָט יעדער איינער געקענט פילן, אַז די קונסט איז ביי אים ניט קיין צייט־פאַרטרייב און אַפילו ניט קיין טייל פון זיין לעבן, נאָר איצט שוין — זיין גאַנץ לעבן.

פאַר זיינע בלינדע אויסגעלאָשענע אויגן איז איצט אַ באַהאַלטענע, אומזעבאַרע ליכט אויפגעגאַנגען און העל באַלויכטן זיינע בלינדע פינצטערע טעג און פאַרלייכטערט זיין עלנטן און איינזאַמען וועג פאָראויס...

די ביבליאָטעק

די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם צוזאַמענשטעל פון דער קאָלאָניע אין די לעצטע יאָרן, האָט זיך אויך זייער שטאַרק אָפּגערופן אויף דער ביבליאָטעק.

ווייט הינטער ניו־יאָרק, אין די קעטסקיל־בערג, ליגן צעוואָרפן אַן אַ שיעור פאַרמס און זומער־פלעצער, וואוהין די שטאָטישע איינוואוינער פאָרן אַרויס צו פאַרברענגען דעם זומער און זייערע וואַקאַציעס. אָבער די קאָלאָניע „שטילער ווינקל״ האָט זיך אונטערשיידט פון זיי אַלע און אין אַ פּרט געווען כמעט די איינציקע פון איר מין אין די גאַנצע קעטס־קילס.

ווען די קאָלאָניע האָט זיך מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק געגרינדעט, האָט זי זיך שוין דעמאָלט אונטערשיידט ניט נאָר מיטן צוזאַמענשטעל פון אירע איינוואוינער, נאָר אויך מיט דעם ציל, וואָס יענע האָבן זיך דערביי געשטעלט, און מיט דעם אופן, ווי אַזוי זיי האָבן פאַרשטאַנען, מענטשן דאַרפן זיך צוזאַמענלעבן, און ווי זיי דאַרפן זייער צייט פאַר־ברענגען.

שוין דער נאָמען פון דער קאָלאָניע — „שטילער ווינקל״ — האָט גערעדט פאַר זיך אַליין. עס איז ניט געווען דערפאַר, ווייל די איינוואוינער האָבן געהאַט בדעה אויסצובויען פאַר זיך אַ שטילן ווינקל, אָפּגעשיידט פון דער וועלט — פאַרקערט, דעם גאַנצן זומער האָט דער פּלאַץ געקאָכט מיט אַקטיוויטעט און טעטיקייט און צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרומיקע פאַרמס און זומער־פלעצער — נאָר ווייל מיט דעם איז צוגעטיילט געוואָרן כבוד אַ גרויסן שרייבער, און דער נאָמען איז געווען נאָך איינעם פון זיינע ווערק.

די קאָלאָניע איז באַשטאַנען הויפּטזאַכלעך פון פּראָפעסיאָנאַלן: לערער, שרייבער, קינסטלער און אַקטיאָרן. אָבער אויך דער איבעריקער טייל פון דער קאָלאָניע, דער ניט פּראָפעסיאָנעלער — ווי סוחרים, פאַבריקאַנטן און בעסער־באַצאָלטע אַרבעטער — זיינען געווען ניט קיין דורכשניטלעכע מענטשן, נאָר מיט אַ העכערן באַגריף פון לעבן. אַלענפאַלס האָט אַלעמען פאַראייניקט איין באַשטימטע זאַך: זייער באַציאונג צו קולטור בכלל און צו יידישער קולטור בפרט.

עס איז געווען דורכאויס אַ יידישע קאָלאָניע, ניט נאָר אין דעם פּרט, וואָס דאָ האָבן געוואוינט דורכאויס יידן — אַזעלכע זיינען אַ סך קאָלאָניעס

אין די קעטסקילס — נאָר וואָס די מענטשן האָבן געהאַט אַ באַזונדער ליבע און באַזונדער באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך און יידישער ליטעראַטור. און טאָמער האָבן זיך געפונען אַ פּאָר, וואָס פון דער שטאָט זיינען זיי געווען פרעמד, אָדער גלייכגילטיק צו די זאַכן, האָבן זיי זיך דאָ ניט־ווילנדיק אָנגעשטעקט, אָדער געמוזט מיטהאַלטן.

די הויפּטזאַך איז געווען זיין פריינטלעך איינער צום צווייטן, זיין טאָלעראַנט און פאַרברענגען דעם זומער אויף אַ קולטורעלן אופן. די הויפּט־פירער און טאָן־געבער האָבן געגלויבט, אַז דורך דעם, וואָס דער מענטש פאַרלאָזט אויף אַ פּאָר מאָנאַטן די שטאָט, הערט ער ניט אויף צו זיין קולטור־מענטש, פאַרלירט ניט זיינע קולטור־געוואוינהייטן און בויטיקט זיך דעריבער אין די איינריכטונגען, וואָס שטעלן אים צו זיין קולטור־שפּייז.

אַט פאַרוואָס שוין גלייך פון אָנהויב איז די קאָלאָניע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין שטאָט, נאָר אין אַ מיניאַטור־פאָרם. דאָ זיינען פאָר־געקומען לעקציעס, דיסקוסיעס, פאַרווילונגען, און אונטערנעמונגען אַפילו צו שאַפן געלט פאַר שטאָטישע אינסטיטוציעס. דאָ אויף אַ גאַניק איז אָנגעגאַנגען אַ קלאַס אין יידיש און יידישע געשיכטע, און דאָ אונטער אַ בוים האָט דער לייען־קרייז אָפּגעהאַלטן זיינע וועכנטלעכע פאַרלעזונגען, און דאָ איז געזעסן אַן ענגע קאָמיסיע און באַטראַכט, ווי אַזוי דערפּאָלג־רייכער דורכפירן די קומענדיקע אונטערנעמונג. אַפילו די „טייען" יעדן דינסטאָג אָוונט זיינען שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט אַ קליינער פּראָ־גראַם און געטראָגן אַ קולטורעלן כאַראַקטער. קיין אינטעלעקטועלע כוחות האָבן אין דער קאָלאָניע ניט געפעלט און עס איז דעריבער קיינמאָל קיין דוחק ניט געווען אין קיין קרעפטן.

עס איז אמת, די פרויען האָבן אַביסל אונטערגעמורמלט — די מער־סטע אַרבעט איז געפאַלן אויף זיי — אָבער סוף כל סוף זיינען זיי אויך געווען צופרידן, ווייל אַז אַלץ קומט אַרויס שיין און פיין, איז שוין במילא די אַרבעט אויך לייכטער און אָנגענעמער.

עס איז קלאָר, אַז ביי אַזאַ איינשטעלונג האָט די קאָלאָניע אויך גע־דאַרפט האָבן אַ ביבליאָטעק. שייך זאָגן אַ „שטעטל" פון אַרום הונדערט און פופציק נפשות — אָן אַ ביבליאָטעק? איז טאַקע אַזוי באַשלאָסן געוואָרן גלייך פון אָנפאַנג: ס׳מוז זיין אַ ביבליאָטעק. אָבער דעם אָנגע־זעענעם פּלאַץ, וואָס די ביבליאָטעק האָט נאָכדעם פאַרנומען, האָט זי געהאַט צו פאַרדאַנקען הויפּטזאַכלעך דעם ביבליאָטעקאַר אירן, שמעון ליפּשיץ.

ליפּשיץ איז געווען איינער פון די איינוואוינער פון דער קאָלאָניע

און גלייך ווי עס איז אויפגעקומען די פראַגע, ווער עס זאָל פאַרוואַלטן מיט דער ביבליאָטעק, איז דער אויסוואַל געפאַלן אויף אים. כאָטש עס איז ערשט געווען אין די ערשטע וואָכן און ניט אַלע האָבן נאָך אים גוט געקענט אַפילו, האָט מען אָבער אַזוי ווי בחוש דערפילט, אַז ער איז פּונקט צוגעפּאַסט פאַרן נייעם אַמט. ווען נאָר מען איז פאַרבייגעגאַנגען זיין באַנגעלע, האָט מען אים געטראָפן, אָדער אויפן גאַניק, אָדער אונטער אַ בוים, ביים לייענען אַ בוך. אַפילו, ווען ער פלעגט אַראָפּ אין קאַסינאָ צו אַן אָוונט, אָדער אַ לעקציע, פלעגט ער זיך אויך מיטן בוך ניט שיידן.

דער פאָרשלאָג איז געפאַלן אויף אים און ער האָט איינגעשטימט.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דער אויסוואַל געווען דער געלונגנסטער, וואָס די קאָלאָניע האָט געקענט מאַכן. וואָרעם אויב די ביבליאָטעק האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ ראָלע אינעם לעבן פון דער קאָלאָניע, איז דאָס הויפּטזאַכלעך געווען אַ דאַנק אים.

שמעון ליפשיץ — אַ מאַן אין די פופציקער — איז געווען אַ צוריק־געצויגענער סוחר, וואָס פלעגט דעם גאַנצן זומער, באַלד פונעם טאָג פון דער דערעפענונג, פאַרברענגען אין דער קאָלאָניע. ער איז געווען אַ הויכער, אַ גלייכער, מיט אַן אינטעליגענטן פּנים און מיט אַן אויסזען, וואָס האָט אַרויסגערופן רעספּעקט צו זיך. ער האָט גערעדט ווייך, געלאַסן און איז מיט אַלעמען שטענדיק געווען פריינטלעך.

ער האָט זיך גענומען צו זיין נייער אויפגאַבע מיט פלייס און ערנסט. צוערשט האָט ער אַנאַנסירט און געבעטן, אַז ווער עס האָט ביכער זאָל זיי ביישטייערן, אָדער אויסלייען דער ביבליאָטעק. ער אַליין איז געווען דער ערשטער. באַלד האָט מען פון אַלע באַנגעלאָס גענומען צונויפטראָגן ביכער. זיין אייגענע ביישטייערונג איז געווען די גרעסטע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געהאַט מיט זיך כמעט אַלע יידישע קלאַסיקער און דיכטער, און ביכער מיט אַ געשיכטלעכן און וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט. מענטשן האָבן גערעדט וועגן אים, אַז אין דער יוגנט האָט ער געמוזט זיין אַ לערער, אָדער אַזוי אַ מענטש, וואָס האָט צו טאָן מיט די שוואַרצע פינטעלעך. וואָרעם עס קען ניט זיין, אַז גלאַט אַ סוחר זאָל באַזיצן אַזויפיל יידישע ביכער און נאָכפירן זיי נאָך זיך אויף וואַקאַציע...

ווען די ביכער זיינען שוין געווען, האָט ער זיך גענומען קאַטאַלאָגירן זיי. אַ פּאָר טעג האָט עס אים גענומען: אָנקלעפּן נומערן אויף יעדן בוך, אַריינשרייבן אין קאַטאַלאָג, אויסשטעלן — יעדעס בוך לויט זיין נומער און סדר פון באַנד. די קלאַסיקער האָבן ביי אים פאַרנומען דעם אָנגע־זעענסטן אָרט.

ווען אַלץ איז געווען אָפּגעטאָן, האָט ליפשיץ נאָך אַלץ ניט געעפנט

די ביבליאָטעק. ער האָט געפאָדערט, אַז דאָס זאָל געטאָן ווערן אויף אַן איינדרוקספולן אופן — מיט צערעמאָניע, מיט גלאַנץ, דורך אַ שמחהלע... ער האָט עס גערופן: פּראַווען אַ חנוכּת הבית, אָדער חנוכּת הביבליאָטעק... מען האָט אים געמוזט נאָכגעבן.

ענדלעך האָט די ביבליאָטעק אָנגעהויבן פונקציאָנירן. אָבער ליפשיץ האָט באַטראַכט זיין פליכט פיל ברייטער, ווי קומען אין ביבליאָטעק צו אַ באַשטימטער שעה, אָפּזיצן זיין צייט און אַרויסגעבן אַ בוך דעם, ווער עס איז נאָך דעם געקומען. מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַריינצוקומען אין ביבליאָטעק ניט נאָר צוליב די ביכער, נאָר אויך פּשוט צו כאַפּן אַ שטיקל שמועס מיטן ביבליאָטעקאַר. אַזוי האָט זיך שמעון ליפשיץ דערוואָרבן אַ נאָמען אין דער קאָלאָניע. און אַז דער עולם האָט געהאַט רעספּעקט פאַר אים, האָט מען שוין במילא אויך באַקומען רעספּעקט פאַר זיין וואָרט. און אַז שמעון ליפשיץ האָט געזאָגט, אַז עס דאַרף זיין די פליכט פון יעדן איינעם איבערצולייענען דורכן זומער ווינציקסטנס אַ צען ביכער, האָט דער עולם דאָס אָנגענומען ווי אַ נוצלעכע רעקאָמענדאַציע און באַמיט זיך עס אויסצופאָלגן.

אַזוי איז די ביבליאָטעק געוואָרן אַ וויכטיקע אינסטיטוציע אין דער קאָלאָניע און עס איז קיין וואונדער ניט געווען, וואָס ווען ליפשיץ איז געקומען מיט אַ פאַרלאַנג פאַר געלט איינצוקויפן נייע ביכער, איז דער פאַרלאַנג באַלד אונטערשטיצט געוואָרן און גוטגעהייסן געוואָרן.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ סך יאָרן.

אָבער דער צוזאַמענשטעל פון דער קאָלאָניע, און צוזאַמען מיט דעם דער כאַראַקטער אירער, האָבן זיך ביסלעכווייז געענדערט בייטן. אַ סך פון די ערשטע איינוואוינער זיינען שוין מער ניטאָ. איניקע האָבן זיך אַרויסגע־צויגן אין אַנדערע שטעט, אַנדערע קענען גלאַט ניט קומען, און נאָך אַנדערע זיינען פאַר דער צייט געשטאָרבן. אַ נייער עלעמענט האָט זיי פאַרביטן — מערסטנס אַ יונגער. פונדעסטוועגן לעבן נאָך די אַלטע טראַדיציעס. אַ סך מנהגים און איינפירונגען ווערן אָפּגעהיט. די עלטערע שטייען אָן דער שפּיץ און זוכן פאַרהיטן די אַלטע אינסטיטוציעס פון אונטערגאַנג.

שמעון ליפשיץ טוט זיין אַרבעט מיט דער זעלבער ליבע און איבער־געגעבנקייט, ווי אַמאָל, כאָטש זי פאַלט אויף אים איצט ניט אָן אַזן ערך שווערער ווי אַמאָל. די ערגסטע זאַך איז אָבער, וואָס ער פילט, אַז קיינער שאַצט ניט אָפּ די אַרבעט און קיינער נויטיקט זיך אין איר מער ניט...

עס טרעפט אַ וואָך נאָכאַנאַנד, אַז קיינער קומט ניט אַרויסנעמען קיין איינציקן בוך. ער האָט שוין געפּרוּווט די פראַגע אויפנעמען עפנטלעך ביי אַ מיטינג, אָבער אַלע זיצן און שווייגן און עפענען קיין מויל ניט אויף. ער ווייס די אורזאַך: זיי האָבן ניט וואָס צו זאָגן... אַז גאַנצענע טעג זיצט מען ביי די קאָרטן און אין די אָוונטן פאָרט מען אויס אין רעסטאָראַנען און נאַכט־קלובן — איז ווען זאָל מען לייענען? איז צו וואָס דאָס לייענען?...

שמעון ליפּשיץ פילט אַ טרויער אין האַרצן. ער קאָן ניט צוקוקן, ווי די ביכער שטייען פאַריתומטע. אים דאַכט זיך, זיי קוקן אויף אים מיט טענות, מיט פאַרדראָס, ווי ער וואָלט דער שולדיקער אין זייער דערנידע־ריקונג געווען...

ער שליסט צו די ביבליאָטעק נאָך אַ שעה אָפּזיצן מיט גאָרניט און גייט צו זיך אין באַנגעלאָ אַ שווייגנדיקער, מיט אַ געבראָכענער שטימונג.

מיין פריינט

מיין פריינט און איך זיינען צוויי פֿאַרשיידענע מענטשן — אַזוי פֿאַר־שיידן, אַז אויבנאויף וואָלט שווער געווען צו געפֿינען עפּעס געמיינזאַמעס צווישן אונדז. איך — אַ רואיקער, אַ געמיטלעכער, וואָס נעמט זאַכן געלאַסן. מיין פריינט — כאָטש אַ סך עלטער פון מיר, אין די זעכציקער שוין — אַ זשוואַווער, אַן אומרואיקער, וואָס באַוועגט זיך מיט זיינע פֿלינקע טריטע־לעך, ווי ער וואָלט זיך שטענדיק ערגעץ־וואו געאיילט. איך — אַ הויכער, אַ דאַרער, וואָס דאָס עסן איז ביי מיר ניט פון די וויכטיקסטע זאַכן. ער, פֿאַרקערט, אַ נידעריקער, אַ געפּאַקטער, ביי וועמען דאָס עסן שפּילט גאָר אַ גרויסע ראָליע, און יעדער מאָלצייט אויף זיין טיש טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ יום־טובדיקער סעודה.

אָבער מיט דעם נעמען זיך די אונטערשיידן ניט אויס. איך בין אַ מענטש, וואָס איך האָב זיך מיין וועג אין לעבן. צו יעדער זאַך, וואָס איך זע אָדער הער, האָב איך מיין אייגענע באַציאונג. איך נעם עס ניט אָן, ווי יענער גיט עס מיר, נאָר באַצי זיך צו דעם קריטיש. און געפֿעלט מיר ניט אַ זאַך, וואַרף איך עס אָפּ. איך האָב בכלל ניט קיין צו שטאַרקן אָפּשיי פֿאַר זאַכן בלויז דערפֿאַר, וואָס זיי זיינען אַלט און אָנגענומען. מיין פריינט, דאַ־קעגן, איז שטאַרק קאָנסערוואַטיוו. ער האָט ניט קיין חוש פֿאַר נייעס. יעדער נייער געדאַנק איז פֿאַר אים טריף שוין צוליב דעם אַליין, וואָס עס איז ניי. עקשנותדיק האַלט ער זיך אין אַלטן און האָט מורא אַ שטויבעלע פון דעם אַראָפּצובלאָזן. ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז טאָמער וועט מען זיך צו דעם נאָר צורירן, וועט עס אָנהויבן צו צעקריכן און אינגאַנצן צעפֿאַלן ווערן. אַ סך דיסקוסיעס קומען ביי אונדז פֿאָר צוליב דעם.

מיין פריינט איז רייך און, ווי ער אַליין זאָגט, איז ער באַזאָרגט אויפֿן גאַנצן לעבן. מען קאָן עס סיי־ווי זען אין דער איינגעפֿונדעוועטקייט פון הויז און אין דער זאָרגלאָזיקייט און אויפֿגעלייגטקייט, מיט וועלכער אַלץ באַוועגט זיך דאָרט. איך, ווידער, בין זייער ווייט פון דעם פֿאַרגעניגן. באַזאָרגטקייט און זיכערקייט איז ניט אויף מיין מזל אויסגעפֿאַלן. אַ סך האָט געהאָלפֿן דערצו, וואָס איך האָב קיינמאָל קיין חוש פֿאַר דעם ניט געהאַט, ניט געזוכט און ניט געוואוסט, ווי אַזוי מען דערגרייכט עס. אָנשטאָט דעם האָב איך גאָר שטענדיק געהאַט אַן איינגעבאָרענעם ווידער־געפֿיל צו זאַטקייט און פֿאַרמעגן. עס האָט מיר אויך אַ סך געשטערט מיין אומאָפּהענגיק האַלטן זיך,

וואָס האָט מיך געמאַכט אומבאַליבט ביי מיינע ברויט־געבער און אָפט אַפילו אַרויסגערופן פיינטשאַפט צו מיר.

עס זיינען פאַראַן נאָך אַ סך אונטערשיידן צווישן אונדז, וואָס וואָלטן געמאַכט אַנדערע צו וואונדערן זיך, וואָס האָט אונדז געקענט צוזאַמענ־ברענגען און מאַכן פון אונדז פריינט.

און דאָך זיינען מיר געוואָרן פריינט. עס האָט זיך געפונען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אונדז צונויפגעפירט, געהאַלטן צוזאַמענגעבונדן און אָנגעהאַלטן אַן אינטערעס פון איינעם צום צווייטן. עס איז געווען אַ שפּרענקעלע אַזאַ, אַ גאָלדן שטויבעלע פון גרויסן ווערט, וואָס איז טיף געלעגן באַהאַלטן אין אים און וואָס פלעגט אַרויסרופן מיין באַוואונדערונג יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט זיך אַנטפּלעקן. עס האָט געהאַט אַ גרויסן ווערט פאַר מיר און איך האָב אים שטאַרק געשעצט דערפאַר.

ביי אַלע זיינע חסרונות פאַר מיר האָט דער מענטש פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס גרענעצט זיך מיט קולטור, מיט וויסנשאַפט. עס איז געווען אַ זעלטענע אייגנשאַפט, אַ נייגונג, וואָס האָט אים אַרויסגעהויבן, אַרויסגענומען פון דער אַטמאָספערע, אין וועלכער ער האָט געלעבט, און אָוועקגעשטעלט אים אין אַ נייער סביבה, אויף אַ העכערער פלאַך. עס איז געווען זיין נייגונג צו שפּראַך־וויסנשאַפט, צו ווערטער־אַנאַליז, און ליב־שאַפט צו גריבלען זיך און דערגרונטעווען זיך פון וואַנען עס שטאַמען די־און־די ווערטלעך און אויסדרוקן. מיט דער צייט האָט דאָס אַנטוויקלט אין אים אַ ליבשאַפט צום פאָלקס־וואָרט און צום אוצר פון פאָלקס־שפּראַך, וואָס איז אַזוי רייך מיט שאַטירונגען און ניואַנסן, חנדלעך און קנייטשן. ער האָט אָנגעהויבן נאָכזוכן, גריבלען זיך אין פאַרשיידענע קוואַלן און פּרוּוון זיך דערגרונטעווען צום מקור, צום אורשפּרונג. אין דעם פּרט האָט זיך ביי אים אָנגעקליבן אַ רייכע דערפאַרונג און אַ סך וויסן, מיט וועלכע ער האָט זיך גערן געטיילט מיט אַנדערע, וועלכע האָבן געהאַט אַן אינטערעס פאַר דעם. איך האָב אויך געליטן אויף דער זעלבער „שוואַכקייט", כאָטש אין אַ פיל קלענערער מאָס, און דאָס האָט אונדז צוזאַמענגעבראַכט און צוזאַמענ־געבונדן.

איך האָב אָנגעהויבן אָפט אַריינקומען צו אים אין הויז אין די פרייע אָוונטן, און ביי אַ גלעזל טיי אָפט דורכלופטערן די צונג איבער אַזעלכע ענינים, וואָס פלעגן אונדז פאַרוויקלען אין אַ שמועס עטלעכע שעה לאַנג. ביסלעכווייז בין איך געוואָרן אַן אייגענער מענטש אין הויז, אַ גאַנצער בן־בית.

איך האָב אָפט געטראַכט פון וואַנען קומט עס צו מיין פריינט אַזאַ נייגונג, אַזאַ אינטערעס פאַר אַ זאַך, וואָס וואָלט אין דער אמתן געדאַרפט

אים זיין פרעמד. אַז די גאַנצע סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט, איז געווען פונקט דער היפוך צו דער אַטמאָספערע, אין וועלכער זיין איינגע־באַרענער דראַנג האָט זיך געניויטיקט. איינס האָט דאָך סותר געווען דאָס צווייטע.

ווייזט אויס, אַז דער מענטש איז געבוירן געוואָרן מיט אַ שטאַרקן חוש פאַר דער שפּראַכן־קונסט, און אַט דער חוש האָט זיך בלויז ניט געקענט צעוואַקסן אין דער אַטמאָספער, אין וועלכער ער האָט געלעבט, און וואָלט זיך זיכער פּילפּאַך מער צעבליט אונטער גינסטיקערע אומשטענדן. מען וואָלט געדאַרפט זען דעם בייטאָגעדיקן געלט־מענטש און געלט־ספּעקולאַנט, ווי אין אָוונט האָט זיך אין אים גאָר אַ נייע נשמה אַריינגעזעצט, און זיין גאַנצער גייסט האָט זיך אָנגעקליידט אין נייע יום־טובדיקע קליידער. ווען דער מענטש האָט עפּעס אַ ניי וואָרט אַנטדעקט, אַ ניי פאַרגעסן ווערטל אויפגעלעבט, האָט מען געזען, ווי עס לעבט־אויף אין אים אַליין אַ נייער קוואַל פון פרייד און זיין פּנים ווערט באַדעקט מיט לויטערקייט און גליק. ווען ער איז געזעסן און געחקירהט זיך איבער דעם אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון פאָלקס־חכמה און פאָלקס־שאַפונג, האָט מען געזען פאַר זיך אַן אַלטן למדן, וואָס שוועבט איבער דער גמרא און שליסט אויף אירע אוצרות. און מיט וואָס פאַר אַ זין פאַר פּינקטלעכקייט! מיט וואָס פאַר אַ פאַראַנטוואָרט־לעכקייט! אַזוי איז דער מענטש געווען קאַרג אויף אַ פּעני, קיין גראָשן האָט מען ביי אים ניט געקענט אַרויסקריגן פאַר וועלכן־עס־איז צוועק. אָבער ווען עס איז געקומען צו עפּעס אַ יקר־המציאותל, אַן אַלט ביכעלע, אַ שמה, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט זיין באַליבטן קענגנשטאַנד — דאָ איז קיין אָפּהאַלט ביי אים ניט געווען. ער איז קיינמאָל מיט ליידיקן ניט צוריקגע־גאַנגען, וויפל ער זאָל ניט האָבן געדאַרפט באַצאָלן פאַר דעם.

איך פלעג קוקן אויף מיין פריינט, טראַכטן וועגן די צוויי נשמות, וואָס לעבן אין אים, און ניט וויסן, וועלכע באַהערשט אים מער.

אינדערפרי איז דער מענטש גאָר אַן אַנדערער געווען. דעמאָלט איז זיין באַציאונג צו מיר געווען אַ קילערע.

איך האָב דאָס געוואוסט, פלעג איך זייער זעלטן אַריין צו אים אינדער־פרי. אָבער דאָך האָט געטראָפן ניט איינמאָל, אַז ניט האָבנדיק וואָס צו טאָן, בין איך געקומען צו אים. איך האָב געטראָפן דעם מענטשן זיצן אַרומגע־נומען פון אַלע זייטן מיט פרימאָרגן־צייטונגען און האַלטנדיק דעם קאָפּ איינגעגראָבן אין טויזנטער קליינינקע אותיות און ציפערן. קוים־אויפהויבנ־דיק דעם קאָפּ און שוואַך ענטפערנדיק אויף מיין באַגריסונג, פלעגט ער אַרויסברומען צו דער פרוי, זי זאָל מיך מכבד זיין מיט אַ טעפּעלע קאַווע.

דאָס האָט שוין אויך געמיינט, זי זאָל מיט מיר שמועסן דערווייל. אַליין פלעגט ער ווידער איינגראָבן דעם קאָפּ אין די ציפערן, אַרויסלייענענדיק פון דאָרטן, קוים צו הערן, אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. אויסטענהדיק זיך מיט זיך אַליין, האָט ער עפּעס געחשבונט און אַריינגעשריבן אין אַ קליי־נעם ביכעלע.

עס פלעגט נעמען אַ לענגערע צייט, ביז ער האָט זיין אַרבעט פאַר־ענדיקט. ערשט דעמאָלט פלעגט ער אויפהויבן דעם קאָפּ און פריינטלעך זיך ווענדן צו מיר.

— ברוך השם, אַרויסגעקומען די וואָך מיט גלאַטע ביינער, — פלעגט ער אַ צופרידענער זיך ווענדן צו מיר.

אָדער:

— די וואָך איז געווען אַ גאָלדענע וואָך. ווען עס גייט אַזוי יעדע וואָך, קאָן מען אין אַ קורצער צייט נתעשר ווערן...

דאָס רעדט ער וועגן זיינע ווערט־פּאַפּירן — „סטאָקס" — וואָס כאָטש זיי זיינען אַ פּאָר טעג געפאַלן, האָבן זיי זיך אָבער די אַנדערע פּאָר טעג אַזוי געהויבן, אַז עס האָט זיך אויסגעגליכן. אָדער איין וואָך האָבן זיי זיך אַזוי „געהויבן", אַז ער איז אַרויס מיט אַ היפּשער סומע ריוח.

פון גליק צערעדט ער זיך היפּשלעך און הויבט מיך אָן אַריינציען אין זיינע געשעפטן. איך פיל, אַז ער טוט עס פון פריינטשאַפט צו מיר און וואָלט מיך באמת געוואָלט אויך אַריינציען אין די זעלבע עסקים. ער וואַרפט זיך מיט מאָדנע, אומבאַקאַנטע פאַר מיר נעמען פון אַקציעס און קאָמפּאַניס, און זשאָנגלירט דערביי אַזוי פלינק מיט ציפערן, אַז עס ווערט ביי מיר גיך אַ כאַאָס אין קאָפּ. סיי־ווי האָב איך קיין אינטערעס ניט פאַר די געשעפטן פון די פירמעס, און די נעמען זייערע און סומען פון פּראָפיטן לויפן־פאַרביי מיינע אויערן און זעצן זיך דאָרטן ניט אָפּ. אָבער מיין פריינט לאָזט ניט אָפּ. זעענדיק, אַז איך בלייב גלייכגילטיק און פאַרשטיי טאַקע זייער ווייניק, ווערט ער נאָך מער באַרעדעוודיק און הויבט מיך אָן לערנען די „קונסט" פון ספּעקולאַציע, ווי אַ רבי קנעלט־איין מיט זיין תלמיד.

— עס איז איינע פון די לייכטסטע זאַכן. מען דאַרף אויף דעם קיין גרויסער מומחה און קיין למדן ניט זיין. מען דאַרף נאָר האָבן אַביסל קאָפּ. איר לייגט אַריין אַ געוויסע סומע און אויף מאָרגן איז עס שוין ווערט מיט אַזויפיל און אַזויפיל מער. איבער נאַכט איז עס צוגעוואַקסן... דאָס איז אייער ריוח, אויף וועלכן איר האָט ניט געדאַרפט אַרבעטן, נאָר עס איז געקומען פון זיך אַליין...

— נו, און ווי איז, אַז אַנשטאָט צו שטייגן, פאַלט גאָר איבער נאַכט?

— וואָרף איך אַריין אַ פראַגע, ווי אַ תלמיד, וואָס אויסהערנדיק דעם רבין, וויל ער בעסער פאַרשטיין די סוגיה.

— דאָס מאַכט ניט אויס, — ענטפערט ער מיר אַביסל אַנגעכמורעט.

— ערשטנס טרעפט דאָס זייער זעלטן. די לעצטע יאָרן איז אַלץ, ברוך השם, געגאַנגען גוט, באַרג־אַרויף. „סטאַקס" זיינען איצט ווערט צוויי און דריי מאָל אַזוי פיל, ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק. נאָר טאָמער פּאַסירט אַמאָל: עס פאַלט — איז ווער הייסט אייך כאַפּן אויף מאָרגן און פאַרקויפן? פּאַוואָליע! מען איילט זיך ניט... מען וואַרט־צו אַ פּאָר טעג, הויבט זיך ווידער אָן צו הויבן. אַט דעמאָלט, זעט איר, איז די שעת־הכושר צו פאַרקויפן... דעמאָלט זאָל זיך אַ צווייטער האַלטן מיט זיי, איר האָט אייערס אַרויסגעקראָגן.

— צו וואָס דאַרף מען עס? — ווערט מיר שוין אַ ביסל נישט־אינטע־רעסאַנט דער גאַנצער שמועס און עס הויבט מיך גאָר אָן צו פאַרדריסן, וואָס ער מיינט, אַז איך ווער ערנסט אַריינגעצויגן אין אים. — און צו וואָס דאַרפט איר עס — ווענד איך מיך שוין צו מיין פריינט פערזענלעך, כמעט אינטים: — פאַרלוסט, צי ריוח — עס איז פאַרבונדן מיט אויפרעגונג, מיט האַרץ־קלאַפּעניש, מיט שרעק: טאָמער, חלילה... איז, צו וואָס דאַרפט איר עס? ספּעציעל, ווען דער דאָקטאָר האָט אייך אַנגעזאָגט אויסצומיידן יעדע קלענסטע אויפרעגונג...

— ע, ווערט ער שוין טאַקע אַביסל אויפגערעגט: — דאָ קען מען באַלד זען, אַז איר זייט ניט באַקאַנט אין הלכות ממונות... געדענקט איר, וואָס אין פסוק שטייט? „מצוה גוררת מצוה" און „עבירה גוררת עבירה"... ווער עס האָט איין הונדערטער, וויל צוויי, און ווער עס האָט צוויי, וויל נאָך מער... בלויז טויטע ווילן גאָרנישט, אַ לעבעדיקער מענטש וויל נאָך און נאָך...

זיינע אויגן צעגלאַנצן זיך, די באַקן באַדעקן זיך מיט אַ רויטלעכער פאַרב, און ער גייט־אַריין אין אַן אַלץ שטאַרקערער התלהבות וועגן דער געלט־בירזשע און אירע גליקן.

עס הויבט מיך אָן שטאַרק פאַרדריסן אויף זיך, וואָס איך האָב זיך געלאָזט אַריינציען אין אַ דיסקוסיע, וואָס איז מיר אינגאַנצן פרעמד און וואָס באַליידיקט מיין גאַנצן קוק אויפן לעבן.

איך וויל פאַרענדיקן דעם שמועס וואָס גיכער. ניט־ווילנדיק, כמעט טראַציק, רייסט זיך ביי מיר אַרויס אַ פראַגע:

— נו, און ווי איז, אויב דאָס זינקען האַלט־אָן מער ווי איין טאָג, מער ווי צוויי, און גיט מיטאַמאָל אַ פאַל אין שאול־תחתיה, אַט אַזוי, ווי ס'האָט שוין טאַקע איין מאָל פּאַסירט?...

די פראַגע טרעפט מיין פריינט, ווי איך וואָלט אים דערלאַנגט מיט עפּעס. ער ווערט מיטאַמאָל שטאַרק בלאַס. די גאַנצע פאַרב פון פּנים פאַרשווינדט. זיינע אויגן גיסן זיך אָן מיט פרעמדקייט און פאַרביסנקייט. ניט ווי מיט זיין שטימע שרייט ער אויס:

— דאָס קאָן ניט זיין! דאָס וועט ניט זיין!... שונאים וועלן דאָס ניט דערלעבן!...

און ווענדנדיק זיך צו מיר מיט אַ בליק אָנגעגאָסן מיט שנאה, אַזאַ ווי איך האָב נאָך קיינמאָל ביי אים ניט געזען, פּלאַצט ער אַרויס:

— דאָס איז פּראָפּאַגאַנדע, מיין פריינט, פּראָפּאַגאַנדע!... איר רעדט איצט, ווי יענע דאָרטן!... מיך קאָן מען ניט אָפּשרעקן...

פון אויפרעגונג טוט ער אַ פאַל צוריק אויפן שטול. איך אַליין דערשרעק זיך אויך. איך פיל זיך שולדיק, כאָטש איך ווייס ניט געווי אין וואָס. אָבער איך ווייס, אַז מיין פריינט טאָר זיך ניט אויפרעגן.

זיין פרוי, וואָס מישט זיך געוויינטלעך ניט אַריין אין אונדזערע שמועסן, שפּרינגט אויף פון איר שטול, לויפט־צו צו מיר און הויבט מיך אָן בעטן:

— זעט, איך בעט אייך, רעדט ניט מיט אים וועגן דעם. רעדט בעסער וועגן אייערע ספרים. ער טאָר זיך ניט אויפרעגן...

עס פאַרדריסט מיך שוין אויף דער גאַנצער זאַך: צו וואָס האָב איך געדאַרפט קומען צו אים איבערפרי? און צו וואָס האָב איך זיך געדאַרפט לאָזן אַריינדרייען אין דעם גאַנצן שמועס? כאָטש איך פיל זיך ניט שולדיק, פּרוּוו איך זיך פאַרענטפערן:

— איך האָב גאָרנישט געמיינט קיין שלעכטס. איך האָב בלויז אַרויסגעזאָגט אַ השערה...

עס האָט לאַנג גענומען, ביז מיין פריינט האָט מיר יענעם פּרימאָרגן מוחל געווען.

אַ צייט בין איך געווען פאַרנומען מיט עפּעס און לאַנג ניט געקענט באַזוכן מיין פריינט.

אין די צייטונגען האָבן זיך כמעט יעדן טאָג גענומען איבערחזרן שטיקלעך נייעס, אַז די פּרייזן אויף „סטאָקס" האַלטן אין פאַלן. די צייטונגען האָבן געדרוקט לאַנגע דערקלערונגען וועגן דעם, וואָס עס פאַראורזאַכט דאָס פאַלן. דער ענין איז מיר אַריין אין קאָפּ. זינט יענעם שמועס מיט מיין פריינט, בין איך עפּעס געוואָרן ווי אַ מחותן צו דער זאַך.

עס איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז אפשר, כאָטש איך האָב ניט קיין צייט, וואָלט איך געדאַרפט באַזוכן מיין פריינט און אפשר זאָגן אים אַ וואָרט פון טרייסט. אָבער באַלד האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז אפשר איז בעסער ניט צו באַזוכן אים איצט: מיין אַנוועזנהייט קאָן אים נאָך מער אויפרייצן.

אַזוי איז געבליבן. איך האָב מיין פריינט ניט באַזוכט, אָבער די נייעס אין די צייטונגען האָב איך פון איצט אָן נאָכגעפאָלגט מיט מער אינטערעס. איך האָב זיך געפילט, ווי אַ מין שותף צו זיי, אַ נוגע בדבר...

צום באַדויערן איז מיר צו־לאַנג ניט אויסגעקומען צו לייענען. אין איין פרימאָרגן, איך בין נאָך געלעגן אין בעט, ערשט עס קלינגט דער טעלעפאָן. איך האָב אויפגעציטערט. עפּעס ווי דאָס האַרץ וואָלט מיר געזאָגט. אַ פּאַר־ווייַנטע, אַ צעטרייסלטע, האָט מיין פריינטס פרוי מיר אָנגעזאָגט די טרויע־ריקע בשורה, אַז מיין פריינט איז נעכטן אָונט אַוועקגעפאַלן טויט, און זי בעט מיך קומען העלפן אָראַנזשירן די לוויה.

איך בין געגאַנגען צו דער לוויה מיט אַ צעבראָכן האַרץ. איך האָב גע־טראַכט וועגן די צווי נשמות, וואָס האָבן געלעבט אין מיין פריינט, וועגן זיין מעת־לעת, וואָס איז געווען צעטיילט אויף צווייען, און אַז כאָטש גע־שטאָרבן איז ער אין אָונט, האָט אָבער גורם געווען זיין טויט — דער טאָג.

שוועסטער

עס איז געווען מיט אַ יאָר אַכט־און־דרייסיק צוריק.

פון ענגלאַנד איז אַ שיף אָנגעקומען און אויסגעלאָדן אין דעם ניו־יאָרקער האַפן הונדערטער עמיגראַנטן, מערסטנס יידן — פון פוילן, גאַליציע, אונגאַרן און רומעניע, צווישן זיי אויך די צוויי שוועסטער גיטל און ריוטשע בעלזער.

די שוועסטער — די ערשטע מיט צוויי יאָר עלטער פון דער צווייטער — האָבן דאָ קיין משפחה אין לאַנד ניט געהאַט. בלויז לאַנדסלייט אַ צאָל — באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע — ווי אויך אייניקע יוגנט־חברטעס פונעם היימישן שטעטל.

דאָך האָבן זיי זיך די גאַנצע צייט פון וועג ניט געפילט עלנט. פאַר־קערט, זיי האָבן זיך געהאַלטן גאַנץ רואיק און געמיטלעך, ווי זיי וואָלטן צו אַ רייכן פעטער געפאָרן, אָדער געהאַט דאָרט עמעצן אַנדערש, אויף וועמען מען קען זיך פאַרלאָזן און אָן וועמען מען קען זיך די ערשטע צייט אָנשפּאַרן.

די אורזאַך איז געווען, וואָס די שוועסטער זיינען געפאָרן ניט גאָר אַליין. מיט זיי צוזאַמען, טאַקע פונעם זעלבן שטעטל, איז מיטגעפאָרן פישל דאַנציגער, אַ פינף־און־צוואַנציק־יאָריקער בחור, אַ פריילעכער, אַ לעבעדיקער, וועמעס גאַנצער אויסזען האָט געאָטעמט מיט זיכערקייט. אונ־טער זיין השגחה האָבן זיך די שוועסטער געפילט רואיק און געהאַט די זיכערקייט, אַז זיי האָבן זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן.

פישל איז געווען אַנדערש פון די אַנדערע עמיגראַנטן. יענע האָבן אויסגעקוקט ווי צעשראָקענע האָזן, וואָס יעדער שאָרך פון אַ בלעטל האָט פאַר זיי עפּעס געמיינט. זיי האָבן זיך געהאַלטן אַלע צוזאַמען, ווי זיי וואָלטן געגלויבט, אַז געמיינזאַמקייט וועט לייכטער מאַכן זייער לאַגע. זיי האָבן געהאַט צעשראָקענע אויגן און אומגעגאַנגען מיט נערוועזע טריט.

די עמיגראַנטן זיינען געווען אַ צעררודערטער עלעמענט. זיי זיינען געווען צעררודערט פון איבערלאָזן אַ היים, אַן איינגעזעסן ווינקל, און לאָזן זיך אין מרחקים, וואו קיין זאַך איז ניט געווען באַשטימט און איינגעשטעלט. אויף זייערע באַקן זיינען נאָך ניט געווען פאַרטריקנט די טרערן און הייסע קושן פון געליבטע און טייערע, און אין די אויערן האָבן נאָך געקלונגען די אָנזאָגן פון טאַטע־מאַמע, אָדער אַנדער נאָענטער משפחה.

עס איז ניט געווען קיין קלייניקייט צו פאַרלאָזן אַן אַלטע היים, וואו

מען איז געבאָרן געוואָרן און אויפגעהאָדעוועט זיך און יעדעס שטיינדעלע איז פול געווען מיט דערינערונגען, און לאָזן זיך אין אַ וויטן וועג, אין אַ נייעם לאַנד. איז מען געווען אויפגעבראָוזעט פון דעם איבערבייט, פון דעם וואָס איז פאַרגעשטאַנען, און פון דער גאַנצער צוקונפט, וואָס איז דערווייל געווען פאַרהוילן אין נעפּל, אין אומזיכערקייט.

די אַלטע היים האָט געצוואונגען צו פאַרלאָזן זי און די נייע האָט געלאָקט מיט צוזאָג און מיט ענדערונג צום בעסערן. אָבער אינמיטן איז דערווייל געשטאַנען אַן אומבאַשטימטער חלל, אָנגעפילט מיט פראַגן און מיט צווייפלען.

עס איז געווען אַ וויכטיקער מאָמענט אין יעדנס לעבן, אַ גרויסער מאָמענט. מען האָט געפילט: מען גייט אַריבער אַ גרענעץ, אַ ליניע, פון וועלכער עס איז כמעט קיין צוריקקער ניטאָ. עס איז אַ נייע וועלט — די וואָס שטייט פאַר זיי פאַר, מיט אַ נייער שפּראַך, נייע זיטן און אַ נייעם אַרט לעבן, צו וועלכן מען וועט זיך מוזן צופּאַסן און צו וועלכן מען וועט זיך מוזן איינבריכן.

איז ווי וועט פאַרקומען די דאָזיקע ענדערונג? וועט עס פאָדערן קרבנות, אָדער ניין? וועט די צופּאַסונג אָנקומען לייכט, אָדער שווער? וועט עס מוזן דורכגעפירט ווערן שנעל, אָדער עס וועט קענען אָנגיין בהדרגהדיק?

אָט די און אַנדערע פראַגן האָבן געמאַטערט יעדן איינציקן עמי־גראַנט און געהאַלטן דעם גאַנצן וועג געשפּאַנט און אָנגעשטרענגט.

די גאַנצע צייט כמעט איז מען געשטאַנען אויפן דעק אין גרופּקעס און רעדלעך און דיסקוטירט צווישן זיך און הייס דעבאַטירט.

אַלע האָבן געוואוסט, אַז קיינער פון זיי וויס ניט מער פונעם צווייטן, און דאָך איז געגנג געווען, אַז איינער זאָל אַרויסזאָגן אַ וועלכע עס איז השערה, אַז באַלד זאָל זיך עס צעטראָגן איבערן גאַנצן דעק ווי אַ זיכערער פאַקט, און מענטשן זאָלן אומלויפן צעטומלטע און צולויפן איינער צום צווייטן איבערפרעגן:

— האַ, האָסט געהערט! וואָס זאָגסט דו אויף דעם?...

איבערהויפּט, ווען אויפן שיף האָט זיך געפונען אַן אַמעריקאַנער, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון אַ באַזוך אין איראָפּע, איז די גאַנצע דעק געווען אַרומגעקליבן אַרום אים. מען האָט זיך געשפּאַרט איינער אויפן צווייטן צו כאַפּן אַ וואָרט פון אים, און, צי מען האָט געקענט כאַפּן, צי ניט, האָט מען זיך אַלצאײנס געשפּאַרט.

אַ סך מאָל, כאָטש מען איז זיכער געווען, אַז יענער בלאָפט, כדי צו מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק, אָדער באַרימט זיך מיט גוזמאות וועגן זיך

אַליין, האָט מען דאָך עס באַלד צעטראָגן איינער צום צווייטן און געוואָלט וויסן, וואָס האָט יענער צו זאָגן וועגן דעם.

— האַ, וואָס דענקסטו? מען קען זיך פאַרלאָזן אויף אים?...

אַזוי האָט דער עולם געלעבט אין שטענדיקן אויפברויז, אין שטענ־דיקער אויפרעגונג, וואָס איז געוואָקסן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, וואָס נעענטער די שיף איז צוגעקומען צום נייעם לאַנד.

אין פישל האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן רואיק, ווי אים וואָלט דער גאַנצער טומל ניט אָנגעגאַנגען. אין זיינע אומלויפנדיקע פריילעכע אייגעלעך האָט זיך געשפירט אַן אָפּשפּאָטונג און חוזק איבער די, וואָס לויפן אַרום און האַווען און שמייען.

ער איז זיכער געווען אין זיך. ער האָט קיין מורא ניט געהאַט פאַרן איבערגאַנג. אַ ביסל איז ער געווען צוגעגרייט פאַר דעם, און דאָס איבע־ריקע, האָט ער געטראַכט, וועט ער לייכט בייקומען.

פישל האָט געהאַט אַ סך דערפאַלג אין דער היים — אין אַלץ כמעט: ביי מיידלעך, אין געשעפט, און אין אַלץ וואָס ער האָט פאַרטראַכט און געוואָלט דורכפירן. דאָס האָט געשאַפן ביי אים אַן איינגעגלויבטקייט אין זיך, אַ זיכערקייט און אַן אָפּטימיסטישן קוק אויף דער צוקונפט בכלל.

איצט איז דאָס אים שטאַרק צונוץ געקומען. זיין זיכערקייט האָט ניט נאָר אים אַליין געמאַכט זיך האַלטן אַנדערש פון די אַנדערע עמיגראַנטן, נאָר אויך אָנגעשטעקט ביידע שוועסטער, וועלכע האָבן זיך, אונטער זיין השגחה, געפילט רואיק און ניט באַזאָרגט.

אייגנטלעך איז פישל גאָרניט אַזוי געצוואונגען געווען צו עמיגרירן, ווי די אַנדערע. אין שטעטל האָט ער געהאַט אַ גוטן נאָמען פאַר אַ פעאיקן און ראַיעלן סוחר און האָט אָנגעפירט מיטן טאַטנס שניט־געשעפט, וואָס איז געווען דער גרעסטער אין שטעטל. קיין פּרנסה, הייסט עס, ווי די אַנדערע, האָט אים ניט אויסגעפעלט. אויב ער האָט יאָ באַשלאָסן איבער־צוגעבן דאָס געשעפט דעם טאַטן און אַליין אָוועקפאָרן, איז עס געווען צוליב גאַנץ אַנדערע אורזאַכן.

ערשטנס, כאָטש פישל האָט געקענט די ביידע שוועסטער אין שטעטל פון גאַנץ לאַנג שוין, האָט ער אָבער ערשט מיט אַ יאָר צוריק דערפילט, אַז ער איז ניט גלייכגילטיק צו איינער פון זיי, דער אינגערער, ריוועטשען. ער האָט אָנגעהויבן מיט איר אַרומגיין און, כאָטש קיינמאָל אָפן האָבן זיי וועגן דעם ניט גערעדט, האָבן זיי אָבער שטילערהייט געקוקט אויף זיך ווי אויף אַזעלכע, וואָס פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי חתונה האָבן. און ווען ביידע מיידלעך האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין אַמעריקע, ווייל זיי האָבן גאָרנישט געהאַט וואָס צו טאָן אין שטעטל, האָט פישל באַשלאָסן איבער־

צולאָזן דאָס געשעפט דעם פאָטער, צונויפשלאָגן די בויטיקע סומע געלט און מיטפאָרן מיט זיי.

צווייטנס, איז דאָ געווען נאָך אַן אורזאַך. פישל איז פון דער נאַטור געווען אַן אומרואיקער מענטש. ער האָט ליב געהאַט איינצושטעלן און ריזיקירן, אַ סך מאָל אַפילו, ווען אַלץ האָט אויבנאויפיק אויסגעקוקט צו זיין קעגן אַלע אָנגענומענע סוחרישע איינשטעלונגען. מערסטנס איז ער אַרויס דער געווינער.

אָבער דאָס קליינע שטעטל אין פוילן האָט אים אויסגעקוקט צו־ענג פאַר זיין אונטערנעמערישער נאַטור. אַ מענטש מיט שוואונג האָט זיך דאָ נישט געהאַט וואו אויסצוקערעווען. אַמעריקע — פון אַלץ וואָס ער האָט געהערט און געליינט — האָט אויסגעקוקט צו זיין דער ריכטיקער פּלאַץ פאַר אים.

פישל האָט דעריבער ניט מורא געהאַט פאַרן נייעם לאַנד. פאַרקערט, ער האָט וואָס שנעלער געוואָלט אָנקומען אַהין און גלייך זיך נעמען אויס־פּרובירן זיינע כוחות.

נאָך לאַנג פאַרן אָוועקפאָרן האָט ער זיך גענומען לערנען ענגליש, און אין די פאַר וואָכן, וואָס זיי זיינען אַלע געשטאַנען אין לאָנדאָן, האָט ער זיין ענגליש־וויסן נאָך מער פאַרגרעסערט. אַזוי, אַז אַלץ האָט אויסגעקוקט גרייט פאַרן גרויסן אָנפאַנג.

אויף דער שיף האָבן די עמיגראַנטן באַלד פיינט געקראָגן פישלען. זיי האָבן דערשמעקט אין אים איינעם, וואָס האָט גאָר אַנדערע אינטערעסן און איז ניט פון זייער מין. זיי האָבן ניט געקענט פאַרטראָגן זיין זיכערקייט און זיין רואיקייט. זיין געלעכטער האָט זיי דענערווירט. זיי האָבן אים אַי מקנא געווען, אַי געהאַסט. זיי זיינען צו אים קיינמאָל ניט צוגעקומען מיט זייערע פראַגן און מאַטערנישן. און איז ער צופעליק צו זיי צוגעקומען, האָט זיך דער עולם ביסלעכווייז פאַרנאַנדערגערוקט, ווי זיי וואָלטן ניט געוואָלט, ער זאָל זיך צוהערן צו זייערן אַ שמועס. נאָר סיי ווי האָט ער זיי באַגלייט מיט זיין שפּאָטישן שמייכל און געקוקט אויף זיי, ווי אויף אַ סטאַדע שעפּסן, וואָס ווייסן ניט נאָך וואָס און וואוהין זיי גייען, נאָר טראָגן זיך בלויז דערפאַר, ווייל עמעצער טרייבט זיי.

2.

די שיף האָט אויסגעלאָדן די עמיגראַנטן אין האַפן און באַלד איז יעדערער אַוועק צו וועמען ער האָט געהאַט צו גיין: ווער צו אַ פריינט, ווער צו משפחה און ווער אַזוי צו אַ לאַנדסמאַן.

פישל האָט די ערשטע זאַך געזען, אַז די מיידלעך זאָלן איינגעאָרדנט

ווערן. לאַנדסלייט האָבן פֿאַר זיי ערגעץ־וואו אַ צימער געקראָגן, און גע־נומען ביסלעכווייז באַקאַנען, סיי מיט דער שטאָט און סיי מיט די היגע פירונגען.

נאָך עטלעכע טעג אויסרוען זיך זיינען ביידע שוועסטער אַוועק אַר־בעטן אין פאַרשיידענע שעפער, ביי פאַרשיידענע פאַכן, לויט דעם, ווי עס האָט איינער בעסער געצויגן.

פישל האָט זיך איצט גענומען זאָרגן וועגן זיך אַליין.

ווען די לאַנדסלייט האָבן אים אויך געוואָלט באַזאָרגן אין אַ שאָפּ, האָט ער זיי אָנגעקוקט מיט אַ שפּאָטישן געלעכטער, ווי איינער זאָגט: „קיין בעסערס האָט איר שוין גאָר פֿאַר מיר ניט געפונען?" און ווען זיי האָבן פֿאַרט געוואָלט דערגיין, ביי וואָס ער קלייבט זיך דאָ איינצואָרדענען, האָט פישל פאַרוואונדערט זיי אָנגעקוקט: וואָס הייסט, ביי וואָס? ער איז דאָך אַ קרעמער פון דער היים, וועט ער דאָ אויך קענען טאָן דאָס זעלבע: עפענען אַ קראָם, און אפשר טאָקע אַ שניט־געשעפט...

די לאַנדסלייט האָבן זיך איבערגעקוקט און געזוכט צו באַהאַלטן פון אים זייער סאַרקאַסטישן שמייכל. ס'האָט געהייסן: וואָס חלומט ער דאָרטן, דער „גרינהאָרן"? וואָס דענקט ער, ס'איז דאָס שטעטל? ס'איז אַמעריקע...

ביי זיך האָט יעדערער געטראַכט: זאָל ער דאָ נאָר אָפּזיין אַ פּאָר וואָכן, וועט ער זיך אויסניכטערן...

ווען זיי האָבן אָבער געזען, ווי דער „גרינהאָרן", וואָס איז ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אַראָפּ פון שיף, קען זיך שוין גאַרניט שלעכט פאַרשטענדיקן אין ענגליש — אַ זאַך, וואָס האָט זיי גענומען יאָרן — האָבן זיי מיטאַמאָל באַקומען רעספּעקט פאַר אים און מערניט געלאַכט פון אים אין האַרצן, נאָר ערנסט אויסגעהערט זיינע פּלענער וועגן זיך. ווען ער האָט זיי געבעטן אַוועקפירן אים אין „מאַרק" אין דער געדיכט־יידישער געגנט, וואו עס מוזן דאָך מסתּם זיין אַזעלכע קראָמען, ווי זיין טאַטנס אין דער היים, האָבן זיי עס ניט אָנגענומען פאַר אַ נאַרישקייט, נאָר געזען אים גערן אַרויסצוהעלפן.

פישל איז פונעם ערשטן באַזוך ניט איבערראַשט געוואָרן. ער האָט ניט געפונען קיין סך אַנדערש, ווי אין דער היים, מערניט צוגעבראַקט אַ ביסל מיט אַ ספּעציעלן אַמעריקאַנער קאָלאָריט...

פישל האָט זיך מער ניט גענויטיקט אין קיינעמס הילף. ער האָט אויסגעפונען ווי אַזוי אַליין צו פאָרן אַהין און האָט אָנגעהויבן יעדן פריי־מאָרגן אַרויסלאָזן זיך אין די האַנדלס־גאַסן פון דער געדיכט־אָרעמער יידישער באַפעלקערונג. ער האָט אָנגעהויבן אַרומשמעקן און אַרומטאַפּן און צוקוקן זיך, ווי אַזוי אַלץ גייט אָן. ער פלעגט זיך אָפּשטעלן ביי שטעלכ־

לעך, זען ווי פרויען לייגן איבער די סחורה אפשר הונדערט מאָל, אײדער זיי קויפן זי, און ווי זיי דינגען זיך מיט די פּאַרקויפערס. עס איז ניט געווען קיין סך אַנדערש, ווי אין דער היים...

ער האָט אָנגעהויבן כאַפּן דעם שניט. ער האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין די פּסיכאָלאָגיע פון דער אָרעמער קויפערין און וואָס פאַר אַ קונצן דער פאַרקויפער דאַרף אָנווענדן, כדי זיין סחורה צו פאַרקויפן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הויבט אָן פאַרשטיין אַמעריקע — דערוויל נאָר דעם איין ווינקל אירן...

ווען ער האָט זיך געפילט גענוג גרייט, האָט ער באַשלאָסן, אַז איצט איז די צייט אָנצוהויבן. ער האָט אויסגעזוכט אַ שניט־קרעמל ערגעץ אין אַ קעלער און אָנגעבאָטן זיך אַרויסהעלפן דעם יידן, סיי אין אויספּאַקן און צעלייגן די סחורה, סיי אין האַלטן די קראָם אין אָרדענונג, און אַפילו אויך אין פאַרקויפן. דעם יידן איז שווער געווען צו דערקענען, אַז דער בחור איז אַ „גרינער" און איז ערשט בלויז אַ פּאָר וואָכן דאָ אין לאַנד.

שפּעטער מיט עטלעכע וואָכן האָט פישל איבערראַשט די לאַנדסלייט זיינע מיט דער באַקאַנטמאַכונג, אַז ער האָט אָפּגעדונגען אַ „סטענד" פאַר זיך, און אַז ער פאַרקויפט רעשטלעך סחורה, נאָך וואָס עס איז אַ נאָכפראַגע אין דער אָרעמער געגנט. די לאַנדסלייט האָבן זיך ווידער איבערגעקוקט, אָבער דעם מאָל שוין גאָר מיט אַן אַנדער קוק. עס האָט געמיינט: דער מענטש איז ניט גלייך צו די אַנדערע געקומענע. דער וועט אַוועק גאָר וויַיט...

זיינענדיק אַ גאַנצן טאָג פאַרנומען מיט זיך, האָט פישל אָפּגעגעבן די אָוונטן פאַר די שוועסטער. ס'איז געוואָרן כמעט ווי אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז יעדן פאַרנאַכט, באַלד ווי ער פאַרטיקט זיך אָפּ מיטן „סטענד", זאָל פישל אַוועק צו די מיידלעך. אָדער די שוועסטער האָבן געמאַכט „סאַפּער" אינעם צימער זייערן און מען האָט געגעסן אין דרייען, אָדער מען איז צוזאַמען געגאַנגען עסן אין אַ רעסטאָראַנדל.

ניט אַלע מאָל האָט גיטל, די עלטערע שוועסטער, זיך געפילט גוט צווישן זיי. אַ סך מאָל האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז אַן איבעריקע, אַ שטערונג. זי האָט דעריבער באַמיט זיך איבערצולאָזן זיי אַליין, אָדער לאָזן זיי גיין ערגעץ־וואו אָן איר. אָבער ריווטשע, פאַרשטייענדיק דער שוועסטערס פאַרלעגנהייט, האָט דווקא באַמיט זיך צו געבן איר צו פילן, אַז זי איז דאָ גאָרניט קיין איבעריקע, נאָר פונקט אַזאַ געוואונטשטער מיטגליד, ווי יעדער איינער פון זיי.

בכלל זיינען ביידע שוועסטער, וועלכע זיינען נאָך אין דער היים גע־

וועז שטאַרק איבערגעגעבן איינע דער אַנדערער, זיינען דאָ אין דער פרעמד געוואָרן נאָך צוגעבונדענער איינע צו דער צווייטער און נאָך געטרייער.

אויך פישל האָט ניט אַרויסגעוויזן די מינדסטע אַנדייטונג, אַז גיטל איז אַ וועלכע עס איז שטערונג פאַר זיי.

דאָס קליינע צימערל פון די צוויי שוועסטער איז געוואָרן ווי אַ מין וואַרעמע נעסט, וואו אַלע דריי האָבן זיך אויסגעלעבט און וואו עס האָט געהערשט אַ שטילער איינגעהאַלטענער גליק.

ריוושע האָט באַטראַכט פישלען פאַר איר חתן. אָבער וועגן חתונה־האָבן האָט זי נאָך גאָרניט געוואָלט טראַכטן. זי האָט געוואַרט אויף דער צוקונפט און געהאָפט, אַז אויך גיטל וועט דאָ אַנטרעפן איר באַשערטן, און דעמאָלט וועלןביידע פראַוועז זייערע חתונות — אפשר אין איין טאָג און אין דעם זעלבן זאַל...

3.

פישלען איז אָנגעקומען גוט מיטן „סטענד." די פרויען האָבן אים ליב געהאַט און געטרויט אויף זיין וואָרט. מיט אים האָבן זיי זיך געדונגען ווייניקער, ווי מיט וועמען אַנדערש. פאַר דער קורצער צייט האָט פישל זיך אַזוי איינגעבירגערט, אַז עס איז שווער געווען צו דערקענען, אַז דער בחור איז דאָ אַ גאַנץ קורצע צייט ערשט אין לאַנד. זיין פירונג איז געווען ווי פון אַ געניטן סוחר, וואָס איז שוין ווער ווייס וויפל יאָרן אין דעם געשעפט. ער האָט דערלערנט די פסיכאָלאָגיע פון די קונדן און געקענט מיט זיי אַנגיין בעסער ווי אַלטע געניטע הענדלער.

עס האָט לאַנג ניט גענומען, ווי ער האָט פאַרקויפט דעם „סטענד" און געדונגען אַ קראָם צו עפענען אַן אייגענעם שניט־געשעפט, אַ „דריי־גודס", ווי מען רופט דאָס דאָ אין לאַנד.

איצט האָט פישל אָנגעהויבן קוקן אויף זיך, ווי אויף איינעם, וואָס הויבט זיך אָן „אַרויפּאַרבעטן." ער האָט געזען, אַז זיין חלום וועגן אַמעריקע הויבט־אָן פאַרווירקלעכט ווערן, איז ער דעריבער געווען אין אַ באַזונדער אויפגעלייגטער שטימונג און אויסגעגאָסן זיין גאַנצע גוטסקייט אויף די צוויי שוועסטער. דער שבת־צו־נאַכט איז געוואָרן אַ יום־טוב־דאַטע און דער בעסטער און שענסטער אָוונט פון דער וואָך: צוערשט אַ מאָלצייט אין אַ רעסטאָראַן, דערנאָך אַ קאָנצערט, אָדער אַ טעאַטער, אָדער גאָר די אָפּע־רע... אַהיים איז יעדערער געקומען אַן אָנגעזאַפּטער מיט פרייד און פאַר־ווילונג, גענוג אונטערצוהאַלטן דעם גייסט פאַר אַ גאַנצער וואָך.

ריוושע איז געווען באַזונדערס גליקלעך און צוליב איר אויך שוין גיטל.

דער נײַער געשעפֿט איז אָוועק גוט. פֿישל האָט געקראָגן אַ נאָמען פֿון אַ ראַיעלן געשעפֿטסמאַן און קונדן האָבן זיך געצויגן צו אים פֿון דער גאַנצער געגנט. די קראָם זײַנע איז שטענדיק געווען געפּאַקט מיט קונים, און דאָס אַליין איז שוין געווען אַ צוציאונג פֿאַר נײַע קויפֿער, אַז זיי זאָלן זיך שפּאָרן און דווקא וועלן קויפֿן דאָ.

אינגיכן האָט פֿישל דערפֿילט, אַז פֿירן ווײַטער די קראָם אײנער אַליין איז פֿאַר אים געוואָרן אוממעגלעך. ער מוז האָבן נאָך עמעצן, וואָס זאָל אים באַפֿרײַען װינציקסטנס פֿון אַ טייל פֿון דער אַרבעט: פֿירן די ביכער, צאָלן די „בילס", פֿאַרבײַטן אים, ווען ער מוז ערגעץ אַוועקגיין, און דאָס גלײַכן. דאָס געשעפֿט איז געגאַנגען צו־גוט פֿאַר איין אײנציקן מענטשן.

ער האָט שוין געוואָלט אָנהויבן זוכן אַ מיידל, אַן אַרויסהעלפֿערין, אָבער דאָ איז אים אײַנגעפֿאַלן אַ געדאַנק: צוליב וואָס זוכן אַ פֿרעמדהע, אַז ער האָט אַן אײגענע... פֿאַרוואָס ניט ריוועטשע?.. עס וואָלט ווירקלעך געווען אַ גוטער פּלאַן: אי זי וואָלט זיך באַפֿרײַט פֿון שאַפּ, אי ער וואָלט זיך אויף איר געקענט פֿאַרלאָזן, און אי ער וואָלט זי שטענדיק געהאַט לעבן זיך... ער איז זיכער געווען, אַז ריוועטשע וועט אָננעמען דעם פּלאַן מיט בײדע הענט.

אָבער ריוועטשע האָט זיך גראָד ניט אָנגעכאַפּט. אין דער ערשטער מינוט איז זי אַ ביסל צעטומלט געוואָרן פֿונעם אומגעריכטן פֿאָרשלאָג. באַלד אָבער איז זי געקומען צו זיך און איבערקאָכנדיק דעם פֿאָרשלאָג אין זיך, האָט זי דערפֿילט, אַז זי איז אײַנגאַנצן קעגן אים.

פֿישל איז געווען אַ ביסל באַליידיקט, נאָכדעם ווי ער איז זיכער געווען, אַז ער קומט צו איר מיט אַן אָנגענעמען סיורפּריז. אָבער ריוועטשע האָט אים געפּרוּווט איבערצײַגן, אַז דער פּלאַן איז ניט גוט פֿאַר בײדן: ניט פֿאַר אים און ניט פֿאַר איר. ניט זי וועט זיך אַרײַנפּאַסן, און ניט ער וועט האָבן פֿון איר דעם נוצן, וואָס ער דערוואַרט. דער רעזולטאַט קען זײַן אַ ניט־אָנגענעמער פֿאַר זיי בײדן...

פֿאַר דער צײַט, וואָס ריוועטשע האָט געאַרבעט אין שאַפּ, איז מיט איר פֿאַרגעקומען אַ שטאַרקע ענדערונג. אין דער הײם וואָלט זי זיך קיינמאָל ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז דאָס וועט מיט איר פּאַסירן אַזוי לײַכט: פֿון אַ קליינשטעטלדיקן באַלעבאַטישן מיידל ווערן אַן אמתע שאַפּ־אַרבעטערין און צופּאַסן זיך צו דער אַרבעט אַזוי, אַז ניט נאָר זאָל זי ניט פּײַנט האָבן, נאָר אויפֿשטיין יעדן אין דער פֿרי און גיין צו דער אַרבעט מיט אַ לײַכטן געמיט, שיִער ניט ווי צו אַ טאַנץ.

ריוועטשע איז פֿון דער נאַטור געווען זייער אַ פֿריילעכע. די פֿרייד האָט פֿון איר אַרויסגעשפּאַרט און אויך אָנגעשטעקט אַנדערע. די אַרבעט־

טער האָבן דאָס גלייך דערשפּירט אין איר און אויפריכטיק זי ליב באַקומען. זי איז געוואָרן דער ליבלינג פון שאָפּ. אַפילו די באַלעבאַטים האָבן זי באַמערקט און באַצויגן זיך צו איר מיט מער רעספּעקט און מער איינזעעניש.

ריווטשע האָט ליב געהאַט געזעלשאַפט און פרייליכקייט, און דער שאָפּ האָט איר ביידע זאַכן געגעבן. אין דעם רויש פון די מאַשינען האָט זי געשפּירט שטורמישע באַוועגונג, און אין די באַוועגונגען פון די הענט פון די אַרבעטער, האָט זי געזען ריטמיק. דאָס געזאַנג פון די מיידלעך ביי דער אַרבעט פלעגט זי פאַרכאַפּן און זי פלעגט אַריינגעצויגן ווערן אין אים, ווי אין אַ פריילעכער פּראָצעסיע.

ווען ריווטשע פלעגט גיין צו דער אַרבעט, פלעגט זי ניט טראַכטן פון דעם שווערן טאָג, וואָס שטייט איר פאָר, נאָר פון דעם געמיינזאַמען צוזאַמענזיין מיט די אַרבעטער, פון דער פרייליכקייט, וואָס הערשט דערביי. די מאַשינען רוישן, די מיידלעך זינגען און די הענט באַוועגן זיך אין ריטם. און דאָ פאַלט גאָר איין עמעצן צו דערציילן עפּעס אַ פריילעכן וויץ, און די הענט הויבן זיך אָן באַוועגן לאַנגזאַמער און שטעלן זיך ביסלעכווייז אינגאַנצן אָפּ, און דער גאַנצער שאָפּ שיסט אויס אַ פריילעכן געלעכטער... דער פאָרמאַן קומט צולויפן, הויבט־אָן זיך וואָרפן און שרייען: — וואָס איז דאָס — טריאַטער דאָ?... אין טריאַטער וועט איר גיין שבת נאַכט, אַהער קומט איר אַרבעטן... אַלע ווערן שטיל אַ ווילע. די הענט מאַכן זיך גרייט, לאַנגזאַם און פויל, ווידער אַריינצוגיין אין דעם פריערדיקן שנעלערן ריטם. נאָר ווי דער פאָרמאַן דרייט זיך אויס און גייט אַוועק, אַזוי שיסט דער שאָפּ ווידער אויס אין אַ הילכיקן געלעכטער, פאַרענדיקנדיק דעם, וואָס פריער אָנגעפאַנגען און צוגעבנדיק דערצו נאָך איינעם — איבער דעם פאָרמאַן אַליין, און גלאַט אַזוי, ווייל מען איז יונג...

עס איז פריילעך, און ריווטשע האָט דאָס שטאַרק ליב געהאַט.

פישלס פאָרשלאָג האָט איר דעריבער שטאַרק ניט געשמייכלט. עס האָט אויסגעקוקט פאַר איר, ווי אַרויסגייין פון אַ זוניקן פּלאַץ און איינשפּאַרן זיך אין אַ פינצטערן קעמערל. עס איז ניט געווען פאַר איר פּסיכאָלאָגיע.

אָבער טאָן האָט מען עפּעס געמוזט. איז פישלען איינגעפאַלן אַ געדאַנק: אויב ריווטשע איז קעגן, וואָלט אפשר גיטל געווען צופרידן? אַלענפאַלס וואָלט מען דאָך געקענט אויספּרובירן?

אַזוי איז געבליבן: גיטל, די עלטערע שוועסטער, זאָל אויפגעבן איר שאָפּ און אָנהויבן אַרבעטן ביי פישלען אין קראָם.

4.

גיטל האָט פאַרלאָזט דעם שאַפּ און אָנגעהויבן אַרויסהעלפן פישלען אין זיין שניט־געשעפט. זי האָט געפירט די ביכער פאַר אים, געגאַנגען אין באַנק ווען מ׳האָט געדאַרפט, געהאָלפן אויספּאַקן די סחורה און אויסלייגן, און, פאַר אַ בויט, ווען די קראָם איז פול געווען מיט קונים, אויך אַרויסגעהאָלפן אין ווייזן זיי די סחורה. די אַרבעט איז אויף איר געפאַלן ניט שווער און זי האָט זיך גאַנץ שנעל אַריינגעפּאַסט אין איר נייער ראָליע.

גיטל איז בכלל געווען אַן אַנדערע, ווי איר שוועסטער. זי איז געווען שטילער, געלאַסענער און ערנסטער. מיט פישלען זיינען אירע באַציאונגען געווען נאָענטע און שוועסטערלעכע. זינט פישל האָט אָנגעהויבן נאָך אין דער היים, אַריינקומען צו איר שוועסטער, זיינען זיי געוואָרן באַפריינדעט. דאָ, אינעם קליינעם צימערל, זיינען זיי געוואָרן נאָך נאָענטער. פישל איז מיט איר, פונקט ווי מיט ריווטשען, געווען אויף „דו.“ ווען ריווטשע האָט אַמאָל ניט געקענט זיין, פלעגט גיטל צוגרייטן און סערווירן פאַר פישלען דעם מאָלצייט מיט דער זעלבער זאָרגפעליקייט, ווי איר שוועסטער, און צונעמען פון אים אַ גלעט, אָדער אפילו אַ קוש, אויך פונקט ווי די שוועסטער.

גיטל איז געווען צופרידן מיט איר שוועסטערס גליק און געהאָפט מיט דער צייט צו געפינען איר אייגענעם. זי האָט געפּרואווט אַ פּאָר מאָל אָנדייטן דער שוועסטער, אַז זי וואָלט געמעגט בעמען טראַכטן וועגן אויפגעבן דאָס צימערל און איינאָרדענען זיך מיט פישלען. אָבער ריווטשע האָט זיך יעדעס מאָל אַרויסגעדרייט מיט אַן אַנדער תירוץ, וואָס האָט געמיינט, אַז זי האָט נאָך צייט און אַז זי וויל צוואוואַרטן נאָך אַ ביסל. דעם אמת, אויף וואָס זי וואַרט, האָט זי איר ניט געזאָגט. בלויז איין מאָל, אַזוי אין שפּאַס, אָפּגעענטפערט, אַז זי וואַרט, ביז זיי וועלן זיך קענען ביידע אַרויסציִען אין איין און דעם זעלביקן טאָג...

אַז עס הענגט אַ וואָלקן איבער איר קאָפּ און אַז אַ שטורעם האַלט אין אָנקומען, האָט זי ניט פאָראויסגעזען...

5.

נאָך עטלעכע חדשים אָפּאַרבעטן מיט פישלען אין איין קראָם, האָט גיטל פלוצלונג אָנגעהויבן באַמערקן אַ שטאַרקע ענדערונג אין אים אין באַצוג צו זיך. זי האָט פלוצלונג אָנגעהויבן באַמערקן אין אים אַלץ מער אויפמערקזאַמקייט צו זיך און אַלץ מער פריינטלעכקייט. עס איז ניט געווען יענע פריינטלעכקייט, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט צווישן זיי זינט זיי זיינען וואָכן געווען צוזאַמען אין וועג און אויפן שיף, און אפילו ניט יענע אינטימ־

קייט, וואָס האָט זיך שפּעטער איינגעשטעלט אינעם קליינעם צימערל — עס איז געווען איצט גאַנץ עפּעס אַנדערש און גאַנץ באַזונדערס. זי האָט באַמערקט אַ באַזונדערע ווייכקייט אין זיינע אויגן, ווען ער האָט געקוקט אויף איר, און אַ באַזונדערע מילדקייט ווען ער האָט זי אַרומגענומען. ס'איז געווען עפּעס ענלעכעס, וואָס ביז איצט האָט זי עס געזען בלויז אין זיינע באַציאונגען צו איר שוועסטער.

אונטער אַנדערע אומשטענדן, ווען אַזאַ בחור ווי פּישל ווייזט איר אַרויס סימנים פון ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט און פאַרליבטקייט, וואָלט זי געווען איבערגליקלעך. אין דעם פאַל אָבער איז עס געווזן גאַנץ אַנדערש.

ווען גיטל האָט עס צום ערשטן מאָל באַוואוסטזיניק דערפילט און דער געדאַנק דערפון האָט אויפגעבליצט אין איר קאָפּ, איז זי געבליבן שטיין גע־פּלעפט, ווי געטראָפן פון אַ שרעקלעכן אומגליק. זי איז געבליבן שטיין דער־שראָקן און פאַרשטיינערט, ווי אַ מענטש, וואָס אַנטדעקט ביי זיך פּלוצלונג אַ געפערלעכע קראַנקייט.

זי האָט מיטאַמאָל פאַרלאָרן די פעאיקייט צו דענקען: — ווי איז דאָס מעגלעך? ווי אַזוי האָט עס געקאָנט פּאַסירן? איז זי אפשר אויך וועלכן עס איז אופן אַליין שולדיק אין דעם?

זי האָט קיין ענטפער ניט געקאָנט געפינען. זי האָט בלויז געפילט, ווי איר קאָפּ ווערט צעשפּאָלטן פון ווייטאָג און איר האַרץ ווערט צעריסן פון שרעק.

זי האָט זיך געפּרואווט ראַטעווען דורך איינריידן זיך, אַז אפשר איז עס ניט מער ווי אַן אויסדוכטעניש, וואָס צוליב איר גרויסער איבערגעגעבנקייט צו דער שוועסטער נעמט עס אָן רעאַליסטישע פאָרמען און שטעלט זיך אַוועק פאַר די אויגן, ווי עטוואָס ווירקלעכעס און שרעקלעכעס...

זי האָט געפּרואווט האָפן...

אָבער וואָס מער זי האָט זיך צוגעקוקט און וואָס מער צייט ס'איז אַוועק, אַלץ קלאָרער איז פאַר איר געוואָרן, אַז דער חשד, וואָס איז ביי איר געבאָרן געוואָרן, איז גאָרניט קיין חשד מער, נאָר עטוואָס ממשותדיקס... זי זעט עס ממש יעדן טאָג מיט די אויגן, זי טאַפּט עס אָן מיט די הענט...

אַ שרעקלעכע ווירקלעכקייט האָט אויפגעגלאַנצט פאַר אירע אויגן: צוליב וועלכער עס איז אורזאַך האָט זי פאַרכאַפּט פּישלס האַרץ און אַרויס־געשטויסן איר שוועסטער פון דאָרטן... זי — וועט פאַרנעמען איר שוועס־טערס פּלאַץ, און יענע וועט איבערבלייבן אַן אָפּגענאַרטע, אַ ביזן טויט באַליידיקטע און פאַרוואונדעטע...

אַ געפיל פון שרעקלעכער פאַרצווייפלונג האָט זי אַרומגעכאַפּט: וואָס זאָל זי איצט טאָן? ווי אַזוי זאָל זי האַנדלען?

ביז איצט האָט קיינע פון זיי ניט געטאָן גאָרנישט, ניט דערציילנדיק פריער דער צווייטער און ניט באַראַטנדיק זיך איינע מיט דער אַנדערער. אין פאַל פון אַ שווערערער פראָבלעם איז פישל געקומען געוואָרן פאַר אַ דריטן, ער זאָל מיט זיין מאַנסבילשן און מער דערפאַרענעם מוח אַרויסהעלפן לייזן. אָבער איצטער ?...

איז ווי אַזוי פאַרט זאָל זי האַנדלען ? זאָל זי ברענגען איר שרעקלעכע אַנטדעקונג פאַר דער שוועסטער און דערמיט זי אונטערוואַרפן אונטער דער געפאַר פון אַ שרעקלעכער אויפטרייסלונג ? אָדער אפשר צואוואַרטן און האָפן אויף אַ וועלכן־עס־איז נס ?...

פאַר איר איז קלאָר געווען: מיט דער קראָם און מיט אַרבעטן מיט פישלען מוז זי גלייך איבעררייסן. קיין איין טאָג לענגער טאָר זי דאָרט ניט בלייבן. אָבער וואָס וועט זי זאָגן ריוועשען ?

איר קאָפּ איז צעשפּאָלטן געוואָרן פון טראַכטעניש. זי האָט געפילט, אַז די זאַך מוז קומען צו אַ שלוס, אָבער ווי אַזוי — דאָס האָט זי ניט געקענט באַרעכענען.

אינמיטן פון אָט־דער פּייניקנדיקער מאַטערניש און פיזישע און גייסטיקע יסורים האָט די זאַך פלוצלונג אויפגעריסן און אויפגעלייזט זיך פון זיך אַליין.

ווען גיטל איז איינמאָל אַ פאַרנאַכט געקומען אַהיים, האָט זי געטראָפן דאָס צימערל געדיכט אָנגעלאָדן מיט אויפרעגונג און שפּאַנונג — שטיף אָנגעצויגן ביז פּלאַצן, ביז אויפרייס... אין דער לופט איז געהאַנגען אַ געדיכטע שטיקעניש, וואָס האָט דערציילט, אַז פאַר דעם איז דאָ עפּעס שטאַרקעס פאָרגעקומען... אויפן בעט איז געלעגן ריוועשע, דעם קאָפּ איינגעבונדן אין קישן און געשלוכצעט, און אין אַ ווינקל איז געזעסן פישל, אַן אויפגערעגטער, אַ שוויגנדיקער. אַ שווערע שטילקייט האָט געהערשט אין צימער — יענע שטילקייט, וואָס שטעלט זיך איין נאָך אַ שטורעם...

ווי פישל וואָלט נאָר געוואָרט אויף איר קומען, האָט ער זיך באַלד אויפגעהויבן און איז אַוועק. ווען גיטל איז צוגעגאַנגען צום בעט, איז די שוועסטער איר געפאַלן אויפן האַלדז און היסטעריש זיך צעוויינט...

מער איז גיטל שוין אין קראָם ניט געגאַנגען און מער האָט זי פישלען ניט געזען.

6.

אַ סך יאָרן זיינען פון דעמאָלט אַריבער. די וואונד, וואָס איז פאַרשאָפט געוואָרן די צווי שוועסטער איז שוין לאַנג־לאַנג, אויב נישט פאַר־

היילט געוואָרן, איז אַלענפאַלס פאַרצויגן געוואָרן און געמאַכט דעם איינדרוק אַפילו, ווי שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן.

עס איז געווען אַ דראַמע אָפּגעשפּילט, וואָס איז קיינמאָל ניט אַרויס פון די ווענט פונעם קליינעם צימערל און איז געבליבן דער סוד פון זיינע צוויי איינוואוינער און פישלען אַלס דריטן.

פישל, וועלכער איז אין אַלץ געווען דערפאָלגרייך, האָט ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער זאָל דאָס מאָל פאַרשפּילן. ער האָט געגלויבט, אַז ער איז אויף אַן אמת פאַרליבט אין גיטלען און ניט געזען קיין אורזאַך, פאַרוואָס ער זאָל דעם געפיל דערשטיקן אין זיך.

ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ קלאַפּ דאָס וועט זיין פאַר ריווטשען, אָבער ער האָט זיך ניט געקענט העלפן. עפּעס האָט אים אַרומגעכאַפּט פלוצלונג אַזאַ שטורמישער געפיל צו גיטלען, אַז ער האָט ניט געקענט ווערן זיך קעגן אים. אַזוי מאַיעסטעטיש איז גיטל פלוצלונג אויפגעשטאַנען פאַר זיינע אויגן, אַז זי האָט פאַרכאַפּט זיין גאַנצע פאַנטאַזיע. אין פאַרגלייך מיט איר איז אַפילו ריווטשע בלאַס געוואָרן און אָפּגערוקט געוואָרן אַן אַ זייט. שטראָפן זיך און לאָגיש אַרגומענטירן איז דאָ געווען אומנוצלעך: דאָס לעצטע וואָרט האָט געהאַט דאָס געפיל.

פישל האָט די זאַך געוואָלט דערפירן צו אַן אַנטשיידענעם שלוס. ער האָט פאָרגעלייגט גיטלען גלייך חתונה האָבן מיט איר. אָבער גיטל האָט אים נישט נאָר ניט געענטפערט, נאָר אויסגעמיטן אַפילו צו טרעפן זיך מיט אים נאָך איין איינציקן מאָל. ווען פישל האָט זי אַלץ ניט אָפּגעלאָזן און געסטראַשעט אַפילו צו נעמען זיך דאָס לעבן, האָט גיטל, כדי צו מאַכן אַ סוף צו זיינע צודרינגענישן, אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פונעם ערשטן־בעסטן בחור, וואָס זי האָט באַגעגנט, און חתונה געהאַט מיט אים.

אויך ריווטשע האָט שפּעטער חתונה געהאַט. זי האָט בראַוו גענומען איר טיפע איבערלעבונג און געזוכט צו דערטרינקען איר ווייטאָג אין מער און ענערגישער אַרבעט. אירע באַקן זיינען אויסגעבלייכט געוואָרן, דער בליק אין די אויגן — ערנסטער און פאַרטראַכטער, נאָר ווען די מאַשין ביי דער אַרבעט פלעגט מיט אימפעט זיך נעמען יאָגן, פלעגט זי פילן, ווי עס ווערט איר גרינגער אויפן האַרצן, ווי עפּעס שווערעס דאָרט קייקלט זיך אַראָפּ און פאַרשווינדט. אַ בחור, טאַקע פונעם זעלבן שאַפּ, וועלכער איז שוין לאַנג אויסגעגאַנגען נאָך אירע טריט, האָט ענדלעך געוואונען איר צושטימונג, און זיי האָבן ביידע חתונה געהאַט.

אַ סך יאָרן זיינען פון דעמאָלט אַריבער. פון לאַנדסלייט האָבן די

שוועסטער געהערט, אַז פישל איז שטיין־רייך געוואָרן. פון דעם ערשטן „סטענד" וואָס ער האָט געדונגען, און פון דער ערשטער שניט־קרעמל האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט אויף גרויסע טעקסטיל־פאַבריקן, וואו עס אַרבעטן הונדערטער אַרבעטער. אָבער די שוועסטער גייט ער איצט ניט אָן. פון זייער לעבן איז ער אויסגעמעקט געוואָרן.

7.

נאָך יאָרן זיינען אַריבער.

פון אַרגענטינע איז אַ לאַנדסמאַן געקומען אַלס דעלעגאַט צו אַ צו־זאַמענפאָר פון עפּעס אַן אָרגאַניזאַציע.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן צוזאַמענפאָר, האָט ער זיך געלאָזט איבער דער שטאָט צו באַקוקן זי, ווי אויך אויסזוכן לאַנדסלייט, ספּעציעל אַמאָליקע פריינט פונעם שטעטל און חברים פון חדר פון די אַמאָליקע יינגלשע יאָרן.

אין אַ פאַרנאַכט האָט ער אויך אָנגעטראָפן צו גיטלען. כאָטש גיטל האָט אים ווייניק געקענט אַמאָל אין שטעטל, איז איר אָבער סיי־ווי אָנגע־נעם געווען צו זיצן מיט אַ לאַנדסמאַן און דערמאָנען זיך פון מענטשן, פּלע־צער און פּאַסירונגען, וואָס כאָטש היינט געהערן זיי שוין צו דער פאַר־גאַנגענהייט, דערמאָנען זיי אָבער אין די אַמאָליקע יונגע און קינדערשע יאָרן, ווען אַלץ האָט אויסגעקוקט אַזוי ראָז און פול מיט צוזאָגונגען.

דער שמועס האָט זיך געדרייט אַרום אַלץ און אַלעמען. דער גאַסט האָט, ווייזט אויס, געוואָלט זיך אָנזאָפּן מיט וואָס מער איינדרוקן און אַוועק־פירן פון זיין רייזע אַזויפיל „באַגאַזש", עס זאָל אים קלעקן פאַר אַ לענגע־רער צייט סיי פאַר זיך אַליין און סיי פאַר פריינט.

— אָ, יע — האָט ער זיך שוין גאָר ביים סוף פלוצלונג דערמאָנט: — וואָס הערט זיך עפּעס מיט פישל דעם שניט־קרעמערס? ביי אונדז זאָגט מען, אַז ער האָט זיך דאָ גוט אַרויפגעאַרבעט, אַ פאַבריקאַנט געוואָרן...

— יאָ, אַזוי זאָגט מען... — האָט גיטל כלומרשט רואיק געענטפערט, דערפילנדיק פּלוצלונג, ווי ביים דערמאָנען דעם נאָמען האָט איר געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרצן. — עס מוז זיין אמת אויך. אַ סימן האָט איר, ער האָט געביטן דעם נאָמען זיינעם: ער הייסט שוין ניט מער פישל דאַנציגער, נאָר פיליפּ דענץ...

— און איר טרעפט אים גאָרניט אַמאָל? ער קומט גאָרניט אַמאָל צו אַ לאַנדסמאַנשאַפט? אויב איך מאַך ניט קיין טעות, זייט איר דעמאָלט געפאָרן אַ גרופּע צוזאַמען...

— ניין... ווי קאָנט איר אַזאַ טרעפן? די ערשטע צייט פלעגט ער גראָדע אַמאָל אַרויפקומען. נאָר אַז ער האָט גענומען שטייגן און מיר זיי־

נען געבליבן די זעלבע וואָס געווען, איז ער אָפּגעפרעמדט געוואָרן.... — האָט גיטל געפילט, ווי אינעווייניק ווערט זי רויט פון דעם ליגן, וואָס זי זאָגט, נאָר איז געווען צופרידן, וואָס דער גאַסט ווייס פון גאָרניט און גלויבט איר דעריבער.

— איר ווייסט? — האָט יענער פאַרגעזעצט — מיר זיינען דאָך לאַנגע יאָרן געווען חברים: צוערשט אין חדר, דערנאָך אין דער צעירי־ציון באַוועגונג... אַ פראַגע, צי ער געדענקט דאָס נאָך און צי ער וואָלט מיך איצט דערקענט...

און נאָך אַ ווײַלע נאָכטראַכטן האָט ער צוגעגעבן:

— אַז איך וועל קומען און ברענגען פון אַלעמען גרוסן און פון אים ניט, וועט דער עולם דאָס מיר ניט מוחל זיין...

— אָט האָט איר דאָך אַ גערוס פון אים, האָט גיטל געזאָגט, איז דאָס דען ניט גענוג?...

— איך דענק, אַז ניט... — האָט דער גאַסט געזאָגט. — פון אַזאַ אָב־געזעגענעם לאַנדסמאַן זיך אָפּ׳פטר׳ן מיט אַ פּאָר ווערטער איז ניט גענוג... עס וואָלט זייער גוט געווען, ווען איך קאָן אים אַליין זען...

— פּרובירט... — האָט גיטל געזאָגט. — פּרובירט אים טעלעפאָנירן און זאָגט אים, ווער איר זייט, וועט איר זען...

— איך נעם אָן אייער עצה... איך גיי דאָס טאַקע שוין טאָן. סיי־ווי האָב איך שוין ניט אויף ווען אָפּלייגן...

גיטלען האָט פאַרדראָסן, וואָס דער שמועס וועגן פישלען האָט זיך אַזוי פאַרצויגן. זי האָט אָבער געוואָלט זיך מאַכן גלייכגילטיק, איז זי כלומרשט רואיק אַוועק און געבראַכט דעם טעלעפאָן־בוך. נאָך אַ קורצן זוכן האָבן זיי געפונען דעם נומער: פיליפּ דענץ — אויף איינער פון די רייכסטע גאַסן אין שטאָט.

גיטל האָט אָנגעקלונגען און איבערגעגעבן דאָס טרייבל דעם גאַסט.

פון יענער זייט טעלעפאָן האָט זיך דערהערט אַ מענערשע שטימע אין ענגליש:

— יעס... פיליפּ דענץ... דאָס בין איך. ווער רעדט עס?

— דאָס רעדט אַן אַמאָליקער חבר אייערער פון שטעטל אין פוילן... איר מוזט אָבער ריידן יידיש צו מיר, איך קום פון אַרגענטינע...

— ווער זייט איר? — האָט שוין יענער געפרעגט אין יידיש.

— איך בין מיכל דעם ווײַנשענקערס זון... בין געגאַנגען מיט אייך אַמאָל צוזאַמען אין חדר. איר געדענקט?...

— יאָ, איך הויב זיך אָן דערמאָנען...

— איצט בין איך צוגאַסט דאָ אין שטאָט. פאַרשטייט איר דאָך, אַז

עס ווילט זיך טרעפן מיט לאַנדסלייט און ברענגען אַ גערוס פון זיי. וואָס דענקט איר?...

פון יענער זייט טעלעפאָן האָט זיך דערפילט אַן אומצופרידענע און איבערטראַכטנדיקע פּאַוזע.

— וואו געפינט איר זיך? ווי לאַנג וועט איר דאָ נאָך זיין?

— איך וועל דאָ זיין מסתם נאָך אַ פּאָר טעג. נאָר אין דער מינוט געפין איך זיך ביי אַ לאַנדספרוי, גיטעלע דעם חזנס...

פון יענער זייט טעלעפאָן האָט זיך דערהערט אַ שנעלער און פאַרוואונדערטער רעאַגירן:

— ביי וועמען, זאָגט איר, געפינט איר זיך?...

— ביי גיטעלע דעם חזנס... איר מוזט געדענקען: צוויי שוועסטער זיינען גלייכצייטיק אַוועקגעפאָרן... דאַכט זיך, אַז איר זייט דעמאָלט אויך געפאָרן...

— זיכער געדענק איך זיי...

און באַלד צוגעגעבן:

— איך האָב היינט אַ פרייען אָונט... איז קומט טאַקע גלייך צוגיין... און נעמט גיטעלען אויך מיט זיך. איך וויל זי טאַקע זען... מיר וועלן פאַרברענגען אַ פיינעם אָונט. איך וועל וואַרטן אויף אייך...

די שטימע פון יענער זייט טעלעפאָן האָט געקלונגען אויסדריקלעך און גיטל האָט געקאָנט הערן יעדעס וואָרט. זי איז בלאַס געוואָרן און געוואָלט צוואווינקען דעם גאַסט, ער זאָל יענעם איבערגעבן, אַז ער וועט קומען נאָר אַליין. נאָר די שטימע אויף יענער זייט איז שוין געווען איבערגעריסן און דאָס טרייבל אויפגעהאַנגען.

גיטל האָט דערפילט, ווי די קני ברעכן זיך איר און דער קאָפּ האָט זיך איר פלוצלונג פאַרדרייט פון דער אומדערוואַרטעטער ווענדונג, וואָס דער אָונט האָט אָנגענומען.

זי האָט געפילט, אַז זי דאַרף ניט גיין און טאָר ניט גיין שוין צוליב דער אייגענער רואיקייט, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט נאָך אַזוי פיל יאָרן. די אומדערוואַרטעטע ווענדונג האָט איר אויסגעקוקט ווי אַ שטיין אַריינגעוואָרפן אין שטילן טייך, וואָס צעברודזט די רואיקע אויבערפלאַך און מאַכט דאָס וואַסער צעשפּריצן זיך אין אַלע זייטן...

איר קאָפּ האָט גענומען פלינק אַרבעטן צו זוכן אַן אויסוועג פון דער לאַגע. ווי אַזוי קאָן מען זיך דאָ אַרויסדרייען? זי האָט געפּרואווט דערקלערן דעם גאַסט:

— איר זייט געקומען איינמאָל אין אַ לעבן פון אַ פרעמדן לאַנד, איז פאַר אייך דאָ אַן אינטערעס צו זען זיך מיט לאַנדסלייט. אָבער מיר וואוי-

נען דאָך אַלע יאָרן דאָ. מיט וועמען מען קאָן, טרעפט מען זיך, און מיט וועמען מען האָט זיך די אַלע יאָרן ניט געטראָפן — איז וואָס עפּעס פּלוצלונג ?..
באמת, איך פיל ניט קיין שום באַדערפעניש אין דעם. דערצו נאָך אַ זאַך: מיר זיינען פשוטע אַרבעטס־מענטשן, געהערט דעם גאַנצן לעבן צו אַ יוניאָן, און ער — אַן אייגנטימער פון פאַבריקן, איז ווי פּאַרט זיך עס ?...

דער גאַסט, וועלכער האָט גענומען אירע ווערטער בוכשטעבלעך, האָט זיך גענומען איבערצייגן זי:

— איך פאַרשטיי אייך אויסגעצייכנט, אָבער דאָך האַלט איך, אַז איר איבערטרייבט אַ ביסל. עס איז ניט אַזוי שרעקלעך, ווי אייך דאַכט זיך. און אויב אַפילו יע, איז עס דווקא אינטערעסאַנט... אינטערעסאַנט צו זען, ווי אַ מענטש בייט זיך...

ער האָט נאָך צוגעגעבן:

— איך האָב געפילט אין זיינע רייד אַן אויפריכטיקן פאַרלאַנג צו זען אונדז. איר וואָלט געדאַרפט הערן, מיט וואָס פאַר אַ צופרידנקייט ער האָט געזאָגט: „נעמט גיטעלען אויך. קומט ביידע צוזאַמען...״

גיטל האָט געזען, אַז זי קאָן זיך ניט אויסדרייען, סיידן זי זאָל דער־ציילן דעם גאַסט דעם אמת. האָט זי זיך גענומען גרייטן צו גיין.

אין האַרצן האָט איר געקלאַפּט און צו וואָס זי האָט זיך ניט צוגע־רירט, איז איר פון די הענט געפאַלן. אָבער זי האָט געזוכט אָנצושטרענגען איר גאַנצע ווילנסקראַפט נישט צו מאַכן אויפן גאַסט קיין איינדרוק פון אַ באַזונדערער נערוועזיטעט.

8.

די טיר פאַר זיי האָט געעפנט פּישל אַליין. ס׳איז ניט שווער געווען צו דערקענען אים. דורך די יאָרן האָט ער זיך ווייניק געביטן: די זעלבע פריילעכע אייגעלעך מיט עטוואָס חוזק אין זיי און דיזעלבע זיכערע האַל־טונג. ער האָט זיי באַגעגנט מיט אַ פריילעכער באַגריסונג און איינגעלאַדן אין גאַסט־צימער.

דאָס הויז האָט געפינקלט מיט רייכקייט און אַלץ אַרום האָט דערציילט פון אַ גביריש לעבן אָנגעזעטיקט מיט אַלדאָס גוטס.

אַ מינוט האָבן די צוויי געסט געפילט זיך ווי אין אַ פרעמדער סביבה. ביסלעכווייז אָבער האָט זיך אַנטוויקלט אַ פריינטלעכער שמועס צווישן דעם באַלעבאָס און דעם גאַסט פון אַרגענטינע. מען האָט זיך דערמאָנט אינ־צידענטן פון די יינגלשע יאָרן, פונם חדר און רבין, נאָכגעפרעגט זיך אויף לאַנדסלייט, היגע און אַרגענטינער, און באַרירט פּאַסירונגען, וואָס זיינען פאַרלאָפן אין די לעצטע דרייסיק־פערציק יאָר.

ביסלעכווייז האָט זיך דער שמועס פאַרבונדן צווישן זיי ווי צווישן צוויי אַלטע חברים.

ווען פישל האָט איינגעלאַדן זיינע געסט אין אַ צווייטן צימער און איז אַליין אַרויס צוגרייטן און הערלאַנגען די געסט קאַווע מיט אַ לייכטן צו־ביים, האָט דער אַרגענטינער באַמערקט צו גיטלען:

— עס וואונדערט מיך, וואו איז דאָס עפּעס די באַלעבאָסטע ? גאָר אַליין...

און אַז פישל איז צוריק אַריינגעקומען, האָט ער אים טאַקע גלייך געפרעגט:

—זאָג נאָר, איך האָף, אַז דו וועסט זיך אויף מיר ניט באַליידיקן: וואו איז דאָס עפּעס די באַלעבאָסטע ? צופעליק ניטאָ אין הויז, אָדער אפשר גאָר קיינמאָל ניט געווען דאָ ?...

— יאָ, דו האָסט כמעט ווי געטראָפן... — האָט פישל געענטפערט אַ ביסל צעמישט פון דער אומגעריכטער פראַגע: — איך האָב קיינמאָל קיין אינטערעס ניט געהאַט אין דעם... מען איז געווען יונג, די געשעפטן האָבן איינגעשלונגען... און צו וואָס האָב איך געדאַרפט אַ באַלעבאָסטע ? אין שטוב זיינען דינסטן געווען, עסן האָט מען געקענט אין רעסטאָראַן און קיין פאַרווילונג האָט אויך ניט אויסגעפעלט...

און נאָך אַ ווילע נאָכדענקען האָט ער צוגעגעבן:

— זעסטו, איצט איז שוין אַ ביסל אַנדערש... מען ווערט עלטער, מען ווערט מידער... דער רעסטאָראַן איז שוין צוגעגעסן, דער קלוב — ניט אינטערעסאַנט מער... זעסטו, איצט וואָלט שוין ניט געשאַדט קיין באַלעבאָסטע אין הויז.

אין זיין שטים האָט זיך געפילט בענקשאַפט און אין זיין אָפנהערציקייט — אַ מין חשבון־הנפש...

דעם גאַסט האָט שוין פאַרדראָסן אויף זיין פראַגע און ער האָט עס גע־זוכט פאַרדרייען מיט אַ שפּאַס, אָבער די שטימונג איז שוין געבליבן אַן ערנסטע.

— נו, גיטל, וואָס שוויגט איר די גאַנצע צייט ? — האָט זיך פישל פּלוצלונג געווענדט צו גיטלען, וועלכע איז געזעסן די גאַנצע צייט ווי אַ פרעמדע און זעלטן זיך מיט אַ וואָרט אַנגערופן.

— אָט, מען הערט, ווי אַנדערע ריידן און מען הערט זיך צו. אפשר וועט מען קליגער ווערן... — האָט גיטל דורך אַ שפּאַס געפּרואווט פאַר־שטעלן די שווערע שטימונג, אין וועלכער זי האָט זיך די גאַנצע צייט געפונען.

— וואָס הערט זיך ביי איך ? — האָט פישל איבערגעפרעגט : — אַזוי פיל יאָרן ניט געזען זיך, גענוג וואָסערן מסתּם זיינען פאַרשוואונדן...

— יאָ, פאַרשוואונדן... — האָט גיטל זיך געפּרואווט האַלטן זאַכ־מעסיק. — קיין גליקן דאָ ניט דערוואַרט און קיין גליקן דאָ ניט געפונען... ווי אַלע אַרבעטס־פּרויען : געלעבט אָרעם, אָבער באַגנוגנט זיך מיט וואָס מען האָט געהאַט. און איצט, אַז דער מאַן אירער איז שוין דריי יאָר טויט, קלאָגט זי זיך אויך ניט... מען גייט־אָן מיטן לעבן אַזוי גוט, ווי עס לאָזט זיך... ס'איז טאַקע שווערלעך אַ ביסל, אָבער וואָס קאָן מען טאָן ?... מען געפינט שוין מיט וואָס די צייט צו פאַרטרייבן : אַ ביסל מיט זיך, אַ ביסל מיט די קינדער און אַ ביסל מיט כּללשע זאַכן...

גיטל האָט זיך באַמיט צו האַלטן ווירדיק און ניט אַרויסווייזן פאַר פישלען, אַז זי האַלט זיך מיט וואָס עס איז נידעריקער פון אים צוליב זיין רייכקייט. ער האָט זיך מיט באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו אירע רייד.

— איך זע, גיטל, אַז איר זייט געבליבן די זעלבע קלוגע און ערנסטע ווי אַמאָל. גוט, ווען אַ מענטש קאָן זיך דערהאַלטן אונטער אַלע אומשטענדן און פאַרלירט זיך ניט. איך האָב ליב אַזעלכע מענטשן...

ווען דער אַרגענטינער גאַסט איז שפּעטער אַ ווילע אַרויס אין צווייטן צימער צו טעלעפאָנירן צו זיינעם אַ פריינט, האָט פישל, נאָך אַ מינוט פון שווערן שוויגן זיך אָנגערופן :

— אָט אַזוי, גיטל, האָט זיך עס געדאַרפט מאַכן, אַז נאָך אַזויפיל יאָרן זאָלן מיר זיך ווידער טרעפן, און ביי מיר אין הויז... איז עס ניט מער ווי אַ צופאַל ?... איך זע אין דעם גאָטס האַנט...

גיטל האָט זיך פון זיינע אומדערוואַרטע ווערטער שטאַרק פאַרלוירן, זי האָט אויפגעהויבן אויף אים אירע דערשראָקענע אויגן און אים אָנגעקוקט.

— איך בין ניט קיין פרומע און גלויב ניט אין גאָטס האַנט...

— וואָס עס זאָל ניט זיין, זע איך אין דעם עפּעס... אפשר איז עס באַשערט אַזוי, אַז דורך אַ צופאַל זאָל פאַרריכט ווערן אַ טעות, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן מיט יאָרן צוריק... גיטל, איך האָב דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן און קיינמאָל ניט אויפגעהערט טראַכטן פון דיר...

און נאָך אַ מינוט שוויגן האָט ער זיך אָנגערופן :

— קאָן איך דיך דעם זונטיק אָפּרופן ?... איך קאָן צוקומען מיטן אויטאָמאָביל און מיר קאָנען צוזאַמען צופאָרן צו אַ טעאַטער אָדער ערגעץ אַנדערשוואו... וועסט מיר דערלויבן ?...

— ניין, איך דאַנק איך זייער... — איז גיטל געקומען צו זיך פון דער צעטומלטקייט, וואָס זיינע ווערטער האָבן ביי איר אַרויסגערופן —

איך דאַנק איך זיער... איך האָב מיר מיין לעבן און זוך עס ניט צו ענדערן... אַזוי וועל איך שוין אָנגיין...

ווען דער גאַסט איז אַריינגעקומען האָט גיטל זיך גענומען איילן גיין אַהיים.

דער אַרגענטינער האָט זי באַגלייט ביז צו דער שטוב. אָבער גיטל האָט ווייניק געהערט, וואָס ער האָט גערעדט צו איר: זי איז געווען פאַר־נומען מיט אירע אייגענע געדאַנקען און מיט דער טיפער איבערלעבונג, וואָס זי האָט נאָר־וואָס צום צווייטן מאָל אין לעבן דורכגעמאַכט...

שיף־שוועסטער

רייזל און גיטל זיינען געווען שיף־שוועסטער. אייגנטלעך זיינען זיי געווען מער ווי דאָס. זיי האָבן געשטאַמט פון איין שטעטל און אַפילו פון איין גאַס. נאָר אַז רייזלס מוטער איז געווען אַן אַלמנה, אַ בייגל־בעקערין, און געוואוינט אין אַ שטיבל, וואו דער דאַך איז געווען צוגע־בויגן צו דער ערד, און גיטלס פאָטער האָט געהאַט אַ גרויסע הויז, מיט אַ גאַלאַנטעריי־קראָם אין מיטן מאַרק, איז נאַטירלעך געווען, אַז די מיידלעך זאָלן זיך ניט קענען און קיינמאָל ניט ריידן איינע מיט דער אַנדערער. גיטל פלעגט אַפילו יאָ אַריינקומען אַמאָל צו סטישע דער בעקערין, רייזלס מוטער, נאָך פרישע בייגל, נאָר אָדער זי האָט רייזלען אינגאַנצן ניט געטראָפן אין הויז, ווייל נאָך פון קינדווייז אויף האָט זי שוין געאַרבעט ביי אַ נייטאָרין, אָדער די פּאָר ווערטער, וואָס זי האָט מיט איר אויסגערעדט, האָבן געהאַט צו טאָן בלויז מיט די בייגל. ווייטער איז זייער באַקאַנטשאַפט ניט געגאַנגען.

עס האָט זיך אָבער אַזוי געמאַכט, אַז ביידע זיינען געפאָרן מיט דער זעלבער שיף קיין אַמעריקע, און אויף דער שיף טאַקע האָבן זיך ביידע באַגעגנט. דאָ האָט זיך צווישן ביידן פאַרבונדן אַ נאָענטע פריינד־שאַפט. ווען גיטל האָט פּלוצלונג אויפן דעק דערזען רייזלען, האָט זי זיך אויפריכטיק דערפרייט און איז צוגעגאַנגען צו איר, ווי צו אַן אַלטער באַקאַנטער. גיטל, וועלכע האָט פון קיין שווערן לעבן קיינמאָל ניט געוואוסט און איז בכלל צו קיין אַרבעט ניט צוגעוואוינט געוואָרן, איז געווען שטאַרק אַנגעשראָקן סיי פון דער ווייטער נסיעה, סיי נאָכמער פון דעם אומבאַקאַנטן לעבן אין דעם נייעם לאַנד, וואו — ווי יעדערער האָט געזאָגט — יעדער איינער מוז אַרבעטן און נאָך שווער אַרבעטן דערצו. ווען זי האָט אויפן שיף דערזען אַן אייגענעם מענטשן, נאָך דערצו פון דער אייגענער גאַס, און אַזאַ וואָס איז נאָך פון קינדווייז־אָן געוואוינט געווען צו אַרבעט, האָט זי זיך מיט איר שטאַרק דערפרייט. די שטעטלדיקע שטאַנד־אונטערשיידן זיינען באַלד אָפּגעווישט געוואָרן און גיטל מיט רייזלען זיינען געוואָרן ווי צוויי גלייכע חברטעס, וואָס פאָרן אין איין און דעמזעלבן וועג. גיטל איז דעם גאַנצן וועג מער ניט אָפּגעטראָטן פון רייזלען און איז געוואָרן מיט איר אינטים און אויפריכטיק באַפריינדעט.

אין ניו־יאָרק, וואוהין די מיידלעך זיינען געקומען, זיינען זיי פאַר־

פֿאָרן צו באַזונדערע פּריינט. ווען זיי האָבן אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום אָנגעהויבן אַרבעטן און געמוזט אַוועק פֿון די קרובים אויפֿן אייגענעם, האָבן ביידע מיידלעך זיך צוזאַמענגערעדט און צוזאַמען גענומען איין צימער. עס איז אַזוי נאַטירלעך געווען, אַז ביי קיין איינער איז אויף קיין מינוט קיין צווייפֿל ניט געווען, אַז עס קאָן גאָר זיין אַנדערש. דאָס צוזאַמענוואוינען האָט די מיידלעך נאָך מער דערנענטערט און זיי זיינען געוואָרן ווי צוויי לייבלעכע שוועסטער. אַ סך האָבן זיי טאַקע אָנגענומען פֿאַר שוועסטער, מער ניט וואָס גיטל איז געווען אַ בלאָנדע און רייזל — אַ טונקעלע, אַ שוואַרצע.

אָבער לאַנג וואוינען צוזאַמען איז ביידן ניט אויסגעקומען. ביידע זיינען געווען ניט קיין מיאוסע מיידלעך און האָבן שנעל געקראָגן בחורים. גיטלען האָט אירע אַ קרובֿה באַקענט מיט אַ בחור און רייזל האָט זיך באַקענט מיט אַ בחור אין דער אָוונט־שול, וואו ביידע האָבן זיך געלערנט ענגליש. גיטלס בחור איז געווען אַ פּראָסטער, ניט קיין געהובלטער, דערפֿאַר אָבער אַ גרויסער פֿאַרדינער. ער איז געווען אַ סטאָליער, האָט געהאַט סיי כּוח און סיי חשק צו אַרבעטן און פֿלעגט יעדע וואָך ברענגען פֿון זיין באַלעבאָס אַ „פֿולע קעשענע געלט״. גיטלס קרובֿה האָט געוואוסט דערפֿון און האָט צוגערעדט גיטלען, אַז זי זאָל ניט דורכלאָזן די געלעגנ־הייט. גיטל, וועלכע האָט בכלל ניט צו שטאַרק ליב געהאַט צו אַרבעטן, און אויף וועלכער די אַרבעט אין שאַפּ איז דעריבער געפֿאַלן אַ סך שווערער, האָט זיך צו לאַנג ניט געלאָזט בעטן און האָט איינגעשטימט, כאָטש אין דער היים וואָלט זי זיכער פֿון אַזאַ ניט געוואָלט הערן.

רייזלס בחור איז שוין געווען אַן אַנדערער: אַן איידעלער און אַ געלערנטער, נאָר אַ קנאַפּער פֿאַרדינער. רייזל האָט אים קיינמאָל ניט געפֿרעגט וויפֿל ער פֿאַרדינט, ניט פֿון וואָס ער פֿאַרדינט. אָבער ווען זי פֿרעגט אים אַפֿילו, וואָלט ער אויף ביידע פֿראַגן קיין באַשטימטן ענטפֿער סיי ווי ניט געקענט געבן: ער האָט פּשוט אַליין ניט געוואוסט...

אָבער איר איז דאָס צו שטאַרק ניט אָנגעגאַנגען. ווען זי פֿלעגט אַ מאָל אַ טראַכט טאָן וועגן דעם, פֿלעגט זי זאָגן צו זיך אַליין:

— ווייזט אויס, אַז קיין גבֿירטע וועל איך קיינמאָל ניט זיין. דער דלות וועט זיך שוין נאָך מיר נאָכשלעפּן דעם גאַנצן לעבן...

זי איז געווען צופֿרידן, וואָס ער איז אַ שטילער, איידעלער בחור און וואָס ער איז שטאַרק פֿאַרליבט אין איר. איר מאַמע נאָך פֿלעגט שטענדיק זאָגן, אַז געלט איז, ווי איינעם פֿעלט, אָבער אַז מען האָט אין קאָפּ איז דאָס גאָטס אַ גאָב... און איר בחור קומט שטענדיק צו איר מיט אַ בוך אין האַנט, אָדער אַ צייטונג, און האָט ליב צו ריידן וועגן

ביכער און אַנדערע הויכע זאַכן. ניט אַלץ פאַרשטייט זי — זי האָט צופיל אין איר לעבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו לערנען — אָבער צוליב אים זעט זי שוין איצטער אַ ביסל אַנצויאָגן און באַמיט זיך צו פאַרשטיין אַלץ, וואָס ער רעדט צו איר און וואָס ער דערקלערט איר.

גיטלס בחור האָט איר באַלד געקויפט אַ דימענטענעם רינגעלע און עס איז קלאָר געווען, אַז די טעג אירע אין שאָפּ זיינען געציילטע. רייזלס בחור, דאַקעגן, האָט איר מער ווי אין אַ ביליקן רעסטאָראַן ניט געקענט אויסנעמען, אָדער אין אַ טעאַטער אויף אַ ביליקן בילעט. און רייזל האָט געוואוסט, אַז דער שאָפּ איז איר באַשערט אַזוי לאַנג, ווי זי וועט האָבן כוח צו אַרבעטן, אָדער ביז דאָס קליינוואַרג וועט איר צו דעם שטערן...

אין גיכן האָבן ביידע מיידלעך חתונה געהאַט. גיטל איז געוואָרן מרס. קרוט און רייזל — מרס. פייגלסאָן.

אין רייזלס לעבן איז קיין שטאַרקע ענדערונג ניט פאָרגעקומען. ווי פריער איז זי נאָך אַ צייט געגאַנגען אַרבעטן אין שאָפּ... זי האָט איצט אויסגעפונען גענויער איר מאַנס באַשעפטיקונג. קיין באַשטימטע אַרבעט האָט ער ניט געהאַט און קיין באַשטימטע שכירות אויך ניט. ער האָט געהאַט עטלעכע העברעאישע לעקציעס, וועלכע זיינען קיינמאָל ניט געווען זיכער און פון צייט צו צייט פלעגט ער אָפּדרוקן אַן אַרטיקל אין אַ ליטעראַרישן זשורנאַל, וועלכער האָט אויך שלעכט באַצאָלט דערפאַר. זיי האָבן זיך באַזעצט אין דריי קליינע קאַלטע צימערלעך און זיינען געווען צופרידן מיט זיי.

גיטלס לעבן, דאַקעגן, איז אַוועק גאַנץ אַנדערש. איר מאַן האָט געדונגען דריי שיינע צימערן אין אַ נייעם הויז, מיט סטים און הייסע וואַסער, און האָט זיי גלייך אויסגעמעבלירט מיט די פיינסטע מעבל. ווען דער גרעסטער גביר אין שטעטל וואָלט איצטער אַריינגעקומען אין גיטלס וואוינונג, וואָלט ער פריער געדאַרפט דריי מאָל די פיס אָפּווישן...

וועגן ווייטער גיין אַרבעטן האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין. ניט זי האָט עס געדאַרפט, ניט זי האָט עס געוואָלט, ניט איר מאַן וואָלט דאָס גאָר דערלאָזן. ער האָט זיך געטרייסלט איבער איר און ניט געלאָזט איר טאָן די קלענסטע זאַך, ווען ער איז נאָר געווען אין שטוב, גלייך ווי זי וואָלט שוין געווען אין ניינטן מאָנאַט... ער האָט באַלד נאָך דער חתונה פאָרטרעט גיטלען, אַז ער קלייבט זיך ניט דעם גאַנצן לעבן אַרבעטן ביי יענעם: ער קען אַליין זיין אַ באַלעבאָס. אמת, קיין געלערנ־טער איז ער ניט, אָבער אויף דעם דאַרף מען קיין סך תורה ניט האָבן: קיינער פון זיינע באַלעבאַטים איז ניט געווען געלערנטער פון אים. איז

וואָס האָט ער דאָ וואָס מורא צו האָבן? געלט האָט ער, די אַרבעט קען ער, און שכל וויפל אַנדערע האָט ער אויך — וועט ער פּרובירן דעם מזל.

מיסטער קרוט איז געוואָרן אַ באַלעבאָס פאַר זיך. ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך מיט קליינע צוויי־שטאָקיקע הייזלעך. ער האָט אויפגעבויט די ערשטע פינף. דער פאַרזוך איז געווען אַ געלונגענער. ער האָט געמאַכט אָן די הייזלעך עטלעכע טויזנט דאָלער, און דאָס האָט ער באַטראַכט, ווי אַ גוטן אָנהויב, ווי אַ סימן מזל... איצטער איז ער אַריין אין די ביזנעס מיט ביידע פיס און גענומען בויען גרויס. די צייט איז געווען אַ גוטע און עס איז אים געגאַנגען. גיטל האָט עס באַטראַכט ווי אַ רעזולטאַט פון זיין קלוגשאַפט, געניטקייט און אויסרעכענונג — און איז געווען שטאָלץ מיט דעם... קיין קינדער האָט זי ניט געהאַט.

אָבער ווי שטאָלץ גיטל איז ניט געווען מיט דעם מאַנס דערפאָלג און מיט איר אייגענעם דערפאָלג דאָ אין לאַנד, האָט זי זיך קעגן רייזלען קיינמאָל ניט געהאַלטן גרויס און ניט געזוכט זיך צו באַרימען פאַר איר. זי איז געבליבן איר אַלטער פריינט ווי אַמאָל, און פּונקט אַזוי איבער־געגעבן ווי פריער. ווי זי וואָלט געפילט, אַז רייזלס דערפאָלג דאָ אין לאַנד איז ניט קלענער פון אירן.

רייזלס לעבן איז געווען צופרידן בלויז גייסטיק. מאַטעריעל האָט רייזל געלעבט אין אָרעמקייט, וואָס איז געוואָרן אַלץ גרעסער, וואָס גרעסער עס איז געוואָקסן דאָס געזינדל. דערווייל זיינען שוין געווען פיר, אָבער די אויסזיכטן זיינען געווען אויף נאָך און נאָך... רייזל האָט באַלד ביים שוואַנגערן מיטן ערשטן קינד געמוזט אויפהערן גיין אין שאָפּ און פון דעמאָלט אָן האָט זי מער קיין געלעגנהייט ניט געקראָגן ווידער אָנצוהויבן... די אָרעמקייט אין הויז איז געווען שרעקלעך גרויס. פּונקט ווי אַמאָל די קינדער ביי רייזלס מאַמען אין הויז, אַזוי האָבן צווישן אירע קינדער דאָ, די יינגערע שטענדיק געמוזט אויסטראָגן די זאַכן פון די עלטערע, און אַ נייע פּאָר שיכלעך אָדער אַ ניי קליידעלע אָדער מאַנטעלע, האָט דאָס גליק געהאַט אָנצוטאָן בלויז דאָס עלטסטע קינד. די יינגערע — עס האָט ניט אויסגעמאַכט צי אַ יינגל, צי אַ מיידל — האָבן אָנגעטאָן איינע פון די אַנדערע, וואָס עס האָט זיך געלאָזן און זיינען געווען צופרידן מיט דעם...

גיטל זעט רייזלס געמאַטערט לעבן און עס פאַרדריסט איר: ביידע גלייך געקומען און אַזאַ אונטערשייד אין מזל!... זי האָט געפּרוּוט ריידן מיט איר מאַן, מיסטער קרוט, אפשר וואָלט ער עפּעס געקענט טאָן פאַר פייגלסאָנען: פיילייכט וואָלט ער עפּעס געפונען פאַר אים אַרום

זיינע הייזער. אָבער מיסטער קרוט שמייכלט: ווי קומט אַ מלמד צו אַזעלכע זאַכן ?... גיטל איז ניט מסכים. זי האָט ליב איר חברטע און האַלט שטאַרק פון יענערס מאַן. זי גלויבט, ער וואָלט זיך צוגעפּאַסט. די צרה איז אָבער, וואָס פייגלסאָן אַליין וואָלט ניט איינגעשטימט... ווען גיטל הערט פייגלסאָנען רעדן וועגן ביכער, קונסט, אָדער אַנדערע אַזעלכע פראַגן, פאַרלירט זי איר מוט און וואָגט ניט צו רעדן וועגן דעם אַפילו מיט רייזלען...

פונדעסטוועגן פרואווט גיטל עפּעס טאָן: זי נוצט אויס יעדע געלעגנהייט צו קומען צו רייזלען און ברענגען אַ מתנה. עס מעג זיין אַ יום־טוב, צי אַזוי אַ שמחהלע און אוואַדע אויף אַ געבורטסטאָג — גיטל איז דאָ מיט אַ מתנה: שטענדיק פאַר די קינדער, ניט זעלטן פאַר רייזלען און אַמאָל אויך אַפילו פאַר פייגלסאָנען... רייזל זשעניִרט זיך, וויל ניט נעמען און טענהט: — ווען וועל איך דאָס דיר אַלץ אָפּגעבן ?... אָבער גיטל פאַרגלעט מיט איר ענטפער: — אַ מתנה ברענגט מען ניט אָפּצו־ קריגן צוריק...

ווען די פייגלסאָנס קומען צו די קרוטס — אין אַ יום־טוב, אָדער אַ זונטאָג אַ מאָל — טרעפן זיי אַ פולע הויז מיט געסט. דאָס זיינען מערסטנטיילס קרוטס שותפים אין די ביזנעס, אָדער אַנדערע אַזעלכע ווי ער — בויער פון הייזער. אין פאַרגלייך מיט זיי קוקן די פייגלסאָנס אויס נעבעכדיק און אָרעם. זיי פאַרלירן זיך טאַקע אַ מינוט און פאַרשעמען זיך פאַר זייער הולך. פייגלסאָן אַליין, מיט זיין דאַרן, מאָגערן אויסזען, אין זיין ביליקן אנצוג, קוקט אויס נעבעכדיק אַנטקעגן די הויכע בייכלדיקע יידן מיט די טייערע סוטס, גראָבע גאָלדענע קייטן אויף די בייכער און דימענטן אויף די הענט. רייזלס שענסטע קלייד, וועלכע זי טוט אָן צו דער געלעגנהייט, קוקט אויס זייער ביליק אין פאַרגלייך מיט די טייערע קליידער פון די אַנדערע פרויען. זי אַליין קוקט אויס מיד און איינגעפאַלן, וואָס איז אין פולן היפוך צו די אויסגעצאַליעטע און גוידערדיקע פרויען פון די בייכלדיקע מענער. אַלע זיצן און שפּילן קאָרטן: די מענער ביי איין טישל און די פרויען — ביי אַ צווייטן. אויףביידע טישלעך ליגן הויכע קופּקעס פון זילבער און פּאַפּיר־געלט לעבן יעדערן. די קרוטס הויבן זיך באַלד אויף פון די פלעצער און באַגעגענען די ניי־אָריינגעקו־ מענע געסט מיט ניט־געמאַכטער פריינטלעכקייט. מיסטער קרוט שטעלט פאַר פייגלסאָנען ווי אַ לערער און שרייבער, וואָס שרייבט אין די צייַ־ טונגען. די געסט ווערן ווייניק נתפעל פון ביידע פּראָפעסיעס. זיי ווייסן: קיין הייזער בויען מיט זיי קען מען ניט... פונדעסטוועגן, פון העפלעכ־ קייט וועגן, הויבן זיי זיך אויף פון די פלעצער און גריסן זיך צו ביידן

— צו פּייגלסאַנען און זיין פרוי. באַלד אָבער ווערט מען אַריינגעטאָן צוריק אין די קאַרטן.

ווען אַלע געסט גייען אַוועק, בלייבן די פייגלסאָנס איבער. זיי זיינען געקומען שפּעטער פון אַלעמען און די קרוטס פאַרהאַלטן זיי דערי־בער און לאָזן ניט אַוועקגיין. זיי דערפילן זיך פרייער און די קרוטס אַליין דערפילן זיך אויך לייכטער: זיי קענען זיך אינגאַנצן אָפּגעבן מיט די פייגלסאָנס. גיטל סערווירט פאַר די פייגלסאָנס דינער. יענע פּרובירן זיך אָפּזאָגן, טענהן איין, אַז זיי האָבן דאָך ניט לאַנג געגעסן, אָדער דאַרפן זיך איילן אַהיים צו די קליינוואַרג, אָבער עס העלפט ניט. אַזאַ אָנגענער־מענע זאַך איז שוין ביי די קרוטס, אַז די פייגלסאָנס מוזן ביי זיי עסן דינער, אַז אָפּזאָגן זיך איז פאַר יענע אוממעגלעך.

— אויב דו וועסט נאָר וואָגן ניט צו עסן ביי מיר — סטראַשעט גיטל רייזלען — וועל איך ביי דיר קיינמאָל זיך צו גאָרנישט צורירן. געדענק זשע...

די קרוטס באַמיען זיך צו זיין איינפאַכער מיט די געסט, ניט צו רעדן פון ביזנעס און ניט צו באַרימען זיך מיט זייער רייכקייט. פונדעסטוועגן, ווען אויפן טיש ווערן געלייגט די טייערע זילבערנע לעפל און די טייערע פאַרשיידן־קאָלירטע געפעסן, דערפילט זיך רייזל ביי זיך אַליין אַזוי געפאַלן, אַז עס טרעפט אַ מאָל, גאָר אָן אַ שום אורזאַך, ווערט זי רויט אין מיטן דערינען... אַלע באַמערקן עס, אָבער נאָר גיטל אַליין וויס די אורזאַך. זי זוכט מיט וואָס צו פאַררעדן דעם איינדרוק...

דערפאַר אָבער פילט זיך רייזל געהויבן, ווען די קרוטס קומען צו זיי אין געסט. מיט קיין זיידענע צודעקן און טייערע זילבערוואַרג האָט זיך רייזל ניט צו באַרימען. די שטוב קוקט אויס אָרעם שוין אַפילו נאָכדעם, ווי גיטל האָט געפּרואווט פאַרשטעקן די אָרעמקייט אין די לעכער און אַרויסנעמען פון די שופלאָדן דאָס שענסטע, וואָס זי האָט געהאַט. אין הויז האָט זיך אָבער געפילט אַן אַנדער רייכקייט: אַ גייסטיקע רייכקייט. די שאַפעס און די פּאָליצעס זיינען פול פאַרלייגט מיט ביכער און זשור־נאַלן. אויף די ווענט — בילדער פון שרייבער און אַנדערע גרויסע מענטשן. אין אַ זונטאָג, געוויינטלעך, איז דאָס הויז פול מיט מענטשן. דאָס זיינען אָדער פייגלסאָנס קאָלעגן אָדער אַזוי יונגע שרייבער, וואָס זיינען געקומען הערן אַ גוט וואָרט וועגן זייער בוך, אָדער אַזוי הערן, ווי ער רופט זיך אָפּ און קריטיקירט אַ ניי בוך, אָדער אַ נייע דערשיינונג אין דער ליטעראַרישער וועלט.

רייזל באַטייליקט זיך ניט אין דער דיסקוסיע און פאַרשטייט אַפילו ניט אַלץ. זי זעט אָבער, ווי ער רעדט מיט התלהבות, ווי אַלעמענס אויגן

זיינען געוועגדט צו אים און זי ווערט שטאַלץ ביי זיך. זי וואָלט איר פייגלסאָנען ניט אויסגעביטן אויף צען „בילדערס״ מיט זייערע פּאַלאַצן...

עס קומען אַריין די קרוטס. זיי דערפילן זיך מאָדנע מיט זייער אויס־געפּוצטקייט צווישן דער חברה יונגע, אייגפּאַך, און אָפּט אָרעם געקליידעטע מענער און פרויען.

פייגלסאָן הויבט זיך אויף פון אָרט און באַגריסט זיי פריינטלעך. ער שטעלט זיי פאָר פאַר זיינע געסט און זאָגט:

— איך בויט אונדז די ליטעראַטור און דער מאַן בויט פאַר אונדז די הייזער. ביידע זיינען וויכטיק...

מען גריסט זיך פריינטלעך מיט די געסט און מען מאַכט פּאַר זיי פּלאַץ צווישן די אַלטע. די קרוטס אַנטשולדיקן זיך, וואָס זיי זיינען אַריינ־געקומען אין מיטן און איבערגעשלאָגן. מען באַרואיקט זיי און מען מאַכט זיי פילן זיך היימיש. די דיסקוסיע ווערט פאַרגעזעצט. מיסטער קרוט הערט זיך איין גלייך מיט אַלעמען, אָבער ער לאַנגווייליקט זיך. זיינע פריינט, די פּאַרטנער אין די ביזנעס, וואָלטן מסתמא אויף אַזאַ דיסקוסיע געזאָגט:

— וואָס דרייען זיי אַ קאָפּ דאָרטן, די יאָלדן? וואָס ווילן זיי?...

מיסטער קרוט אָבער האָט זיך אויסגעלערנט פון זיין פרוי צו רעס־פּעקטירן פייגלסאָנען און ער שטרענגט זיך אָן צוגלייך מיט אַלעמען אויפ־מערקזאַם זיך צוצוהערן.

אַז די דיסקוסיע ענדיקט זיך, אָטעמט ער פרייער אָפּ. אייגנטלעך ענדיקט די דיסקוסיע רייזל. ווען דער עולם איז שוין מיד און מסתמא הונגעריק אויך, גיט זי אַ זאָג:

— נו, גענוג זיך שוין אָנגערעדט... וואָס צו גאָט, איז צו גאָט און וואָס צו לייט, איז צו לייט, שוין צייט צו נעמען עפּעס אין מויל...

דער עולם לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן. מען איז שוין קענטיק צוגע־וואוינט צו דעם. דאָס נעמען אין מויל באַשטייט פון הייסע בולבעס מיט פּעלצלעך, פון וועלכע עס גייט אַ פּאַרע, גרויסע צעשניטענע הערינג און טונקעלען ברויט. דאָס אַלץ האָט רייזל צוגעגרייט שטילערהייט, ווען די דיסקוסיע איז אָנגעגאַנגען. דער עולם וואַרפט זיך אויף דעם, ווי די הונגעריקע, און עסט מיט אַפּעטיט.

די קרוטס זיצן און קוקן זיך צו. זיי איילן זיך ניט צו גיין צום טיש. אָבער אַז רייזל קומט אַריין און זעט אַז זיי זיצן ביי דער זייט, רופט זי זיך אָן צו גיטלען:

— וואָס? ווערסט אפשר ניט עסן ביי מיר? געדענק, אויב דו וועסט וואָגן ניט צו עסן, וועל איך זיך קיינמאָל מער ניט צורירן צו גאָרנישט ביי דיר...

גיטל זעט, אַז זי וועט גאָרניט מאַכן, זאָגט זי גוטמוטיק:

— נו, נו, מירן זיך שוין אויסגלייכן... — און גייט צוזאַמען מיטן מאַן צום טיש.

ביים אַוועקגיין באַגלייט רייזל און איר מאַן די קרוטס צו זייער קאַר. קרוט זאָגט צו פּייגלסאָנען:

— וואוילע חברה, די דאָזיקע. וואָס זיינען זיי אַלע, שרייבער?...

— יאָ, שרייבער — ענטפערט פּייגלסאָן ערנסט — און צוזאָגנדיקע שרייבער...

און גיטל, נאָך אַלץ אונטערן איינדרוק פונעם נאָכמיטאָג, זאָגט צו רייזלען:

— האָסט אַ פיינעם מאַן, רייזל, גאָט זאָל מיר אַזוי העלפן. פּערל האָט זיך דאָך געשאָטן פון זיין מויל, ווען ער האָט גערעדט. איך האָב אַזוי הנאה געהאַט.

און אַז רייזל ענטפערט ניט גלייך, גיט זי צו:

— אַזאַ מאַן רייזעלע, איז מערער ווערט ווי אַלע געלטער...

— נישט צו פאַרזינדיקן, גיטל. מיר האָבן זיך ביידע נישט צו באַקלאָגן.

זיי צוקושן זיך ביים געזעגענען, און די קרוטס פאָרן אַוועק.

ניט־גלייכע יאָרן

מיט צוועלף יאָר צוריק איז ווילי אַראָפּגעקומען פון אַמעריקע אינעם קליינעם פּוילישן שטעטל, ניט ווייט פון דער רוסישער גרענעץ. ער איז געקומען מיטן גאַנצן קנאַק פון אַן אַמעריקאַנעם ביזנעסמאַן און אַן אַמע־ריקאַנעם דזשענטלמאַן: נעט ראַזירט, שיין געקליידט, מיט אַ זיכערקייט אין דער באַנעמונג און אַ געמיטלעכקייט אין דער שטימונג.

פאַר די שטעטלדיקע יידן איז עס געווען אַן אויסטערלישע זאַך צו זען אַ מענטשן גלאַט ראַזירט, מיט אַ ווייסער געפּרעסטער העמד יעדן טאָג אין וואָך, מיט אַן אַנדער קראַוואַט יעדעס מאָל, מיט אַן אַנדער אַנצוג אַפילו, מיט אַ קנייטש אין די הויזן, וואָס האָט שטענדיק געמוזט זיין גלייך ווי אַ סטרונע, מיט אַ ווייס טיכעלע אין דער אויבערשטער טאַש פון רעקל און מיט אַ שרונט אין מיטן פון זיינע גלאַט־פאַרקעמטע, ווי באַנעצטע, טונקעלע האָר. סיי לויט זיין אָנטאָן און סיי לויט זיינע מאַנירן איז ער גיכער ענלעך געווען אויף די אַרומיקע פּוילישע פּריצים, ווי אויף ווען פון די שטעטלדיקע יידן.

פונדעסטוועגן איז ער געווען אַ ייד און גערעדט יידיש, כאָטש אַ גע־בראָכענעם און מאָדנעם אַזאַ, געמישט מיט פרעמדע קאָמישע ווערטער, אָבער פאָרט אַ יידיש. ער האָט אַפילו געשטאַמט פונעם זעלבן שטעטל, פון וואַנען ער איז מיט אַ סך יאָרן צוריק, אַלס פּופּצן־יאָריקער ייִנגל, דורך אַ צופאַל צוזאַמען מיט זיין פאָטערס אַ ברודער אַוועק אין אַמעריקע. ער איז דאָס טאַקע איצט געקומען צו־גאַסט, צו זען זיך מיט ברידער און שוועסטער, צו באַקענען זיך מיט משפחה און פריינט און פאַראייניגונגס צו זיין אויף קבר־אבות ביי טאַטע־מאַמע, וואָס זיינען דורך דער צייט געשטאָרבן.

אין שטעטל האָט דאָס אָנקומען פונעם אַמעריקאַנעם גאַסט געמאַכט אַ טומל. פון ברידער און שוועסטער און אַנדערע קרובים האָט מען גע־וואוסט נאָך פון פריער, אַז דער גאַסט, וואָס דאַרף אָנקומען, איז עפּעס ניט אַבי־ווער, אַן אַרבעטער, וואָס פינצטערט אין „שאַפּ", נאָר אַ גוט־אַרויפגעאַרבעטער יונג, וואָס האָט אַליין אַ פאַבריק, ביי וועלכן עס אַרבעטן ווער ווייסט וויפל מענטשן. מען וואָלט געקאָנט זאָגן אַפילו, אַז ער איז אַן אַמעריקאַנער גביר, שיעור ניט אַ מיליאָנער. זיין קומען האָט באַשטע־טיקט, אַז דאָס איז געווען ניט קיין פּוסטע באַרימערייִ מצד זיינע קרובים. ניט נאָר זיין אָנטאָן, וואָס האָט זיך לויט די שטעטלדיקע באַגריפן געפּאַסט

פאַר אַ מיליאָנער, נאָר זיין פרייקייט און וואַרפן זיך מיט געלט האָט עס אויך באַשטעטיקט. ניט נאָר האָט ער יעדערן פון די קרובים געבראַכט מתנות, און אַזעלכע וואָס אין שטעטל האָט מען עס קיינמאָל ניט אָנגעזען, נאָר בכלל איז ער זייער פרייגיביק געווען: עס איז געווען גענוג, אַז עמעצער זאָל אַריין און אָנהויבן קלאָגן און וויינען פאַר אים, אַז יענער זאָל שוין מיט ליידיקן ניט אַוועקגיין.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס אין שטעטל האָט זיך געטאָן און וואָס פאַר אַ רעש עס האָט אַרויסגערופן, ווען ער איז געקומען. גאַנצע נעכט איז מען אַרומגעהאַנגען אַרום די פענצטער צו כאַפּן אַ קוק אויף אים, און ווען ער איז געגאַנגען אין גאַס, זיינען אים נאָכגעגאַנגען גאַנצע כאָפּטעס יינגלעך און אַמאָל אַפילו — הינטער זיי — אויך דערוואַקסענע.

ווען דער ערשטער טומל איז אַריבער און מען האָט זיך אַביסל באַרואיקט, האָבן שטעטלדיקע ווייבער און גלאַט יידן גענומען חוקר ודורש זיין: פאַרוואָס איז ער געקומען אַליין? צי האָט ער אַ ווייב מיט קינדער? פאַרוואָס האָט ער זיי ניט מיטגענומען מיט זיך? און אַז מען האָט אַזוי חוקר ודורש געווען, האָט מען אויסגעפונען, אַז דער אַמעריקאַנער גאַסט האָט גאָר קיינמאָל ניט געהאַט ניט קיין ווייב און ניט קיין קינדער, און אַז ער איז נאָך גאָר אַ בחור — אַן „אַלטער בחור"...

אין שטעטל האָט דאָס אַרויסגערופן נאָך אַ גרעסערן טומל. ווי זיין קומען אַליין. אויב אַזוי, איז דער ציל פון זיין קומען נאָך קלאָרער געוואָרן ווי פריער: ער איז געקומען ניט בלויז אויף קבר־אבות אָדער זען זיך מיט אייגענע, נאָר פאַראייניוועגס זיך אויך איינהאַנדלען אַ כלה... מסתמא זיינען פאַר אים די אַמעריקאַנער מיידלעך ניט גוט גענוג, אָדער עס האָט אים בעסער געצויגן צום היימישן שורש...

מיידלעך און יונגע אלמנות און אַפילו גלאַט אַזוי ווייבלעך האָבן זיך גענומען וואַשן און פוצן און אויסזען „אַמעריקאַניש". יעדע איינע האָט געקוקט אין שפּיגל און געזוכט, צי וואָלט זי זיך צוגעפּאַסט צום אַמעריקאַנעם גביר.

דאָס הויז, וואו ער איז איינגעשטאַנען, איז פול געוואָרן מיט מענטשן. מען האָט ניט געוואַרט אויף כבוד, נאָר אַליין זיך פאַרבעטן. עס איז ניט שווער געווען צו געפינען אַ תירוץ מיט וואָס אַריינצוקומען. עס זיינען אַריינגעקומען טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער און אַפילו די, וועלכע די זאַך איז נוגע געווען פערזענלעך...

ווילי האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס מען וויל פון אים, און באַגעגנט אַלעמען מיט אַ גוטמוטיקן אָבער חוזקדיקן שמייכל. ס'הייסט: — איך

דאַנק אײַך זייער פאַר אייער זאָרג און טרחה, אָבער צום באַדויערן זע איך ניט, וואָס איך קען טאָן פאַר אײַך...

מיטן זעלבן שמייכל און חוזק האָט ער אויך באַגעגנט די אייגענע שוועסטער, וועלכע האָבן געפּרוּאווט מאַכן אַ רייד מיט אים וועגן אַ שידוך.

ווען די שוועסטער זיינען שפּעטער געוואָרן ערנסטער און גענומען צושטיין צו אים און מאָנען: ביז ווי לאַנג איז דער שיעור צו וואַרטן? וואָס איז די חכמה? — האָט זיי ווילי דערקלערט, אַז ער וואַרט ניט און אַז ער קלייבט זיך בכלל קיינמאָל ניט חתונה האָבן. ער זעט ניט די נויט־ווענדיקייט פון דעם... אין אַמעריקע איז דאָס אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך... טויזנטער מענטשן זיינען פאַראַן דאָרטן אַזוינע ווי ער — קלובן גאַנצע, פאַראיינען...

אויף די שוועסטער האָט דאָס געמאַכט אַ שווערן איינדרוק: זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין אַזאַ באַציאונג און אַזאַ גלייכגילטיקייט צו אַזאַ וויכטיקער פראַגע.

פאַר ווילין אָבער איז דאָס געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. אים האָט אין אַמעריקע גאָרנישט געפעלט. פאַר געלט האָט ער געקראָגן אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט, איינגעשלאָסן פרויען. אַ גאַנצן טאָג איז ער געווען פאַר־נומען אין שאָפּ און אין ביזנעס און די אָוונטן האָט ער געהאַט פריי. ער האָט זיי מערסטנס פאַרבראַכט מיט גוטע ברידער ביי אַ גלעזל וויין און קאָרטן־שפּיל און אַמאָל, אין זיין אַפּאַרטמענט, מיט אַ פרוי. ער האָט זיך צוגעוואוינט צו לעבן פריי און פון גאָרנישט געבונדן. זיין באַציאונג צו פרויען איז געווען אַ ציניש̈ע. לויט זיין מיינונג האָט מען קיינער פון זיי ניט געקענט געטרויען.

האָט ער באַשלאָסן אָפּלעבן אַזוי און קיינמאָל ניט חתונה האָבן.

ווען אַלע אין שטעטל האָבן זיך אַזוי גענומען יאָגן נאָך אים, האָט עס אים אויסגעזען קאָמיש און אַמוזירנדיק. אַזוי האָט ער אויך געפילט, ווען די שוועסטער האָבן אָנגעהויבן צושטיין צו אים מיט זייערע פאָרשלאָגן און עצות. באַלד אָבער האָט עס זיך אים צוגעגעסן און אַפילו געוואָרן איבערדריסיק: וואָס ווילן זיי פון אים? וואָס נעגען זיי אים? יעדער איינער האָט זיינע פּרינציפּן און זיין קוק אויפן לעבן, און אויך ער האָט זיינע. אַזוי געפעלט אים און אַזוי וויל ער לעבן. וועמען דאַרף עס אָנגיין?

אָבער ווען די שוועסטער האָבן באַשלאָסן זיך ניט אונטערצוּוואַרפן זיין איינגעשפּאַרטקייט און אויספּרובירן אייגענע מיטלען צו באַווירקן אים, און צונויפגעפירט אים דעריבער מיט מירעלען, זיינען זיי אַליין איבער־ראַשט געוואָרן צו זען, ווי דערפאָלגרייך זיי זיינען. אומדערוואַרטעט האָבן זיי אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון. איבער נאַכט איז מיט ווילין פאָרגעקומען

אַ גאַנצע ענדערונג. גאָרניט מעגלעך געווען צו דערקענען דעם פריערדיקן מענטשן. ווי אַ ווינט וואָלט זיך מיטאַמאָל אַרייַנגעריסן אין זיין נשמה און אַלץ איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. אַלע זיינע פריערדיקע איינשטעלונגען און פילאָזאָפּיעס זיינען פּלוצלונג איבערגעדרייט געוואָרן און אָנגענומען אַ נייע ווענדונג. זיין גאַנצע פריערדיקע באַציאונג צו זאַכן, און איבערהויפּט צו פרויען, איז פּלוצלונג צעשטערט געוואָרן. מירעלע איז פאַר אים איצט געוואָרן אַלץ. אָן איר האָט זיין לעבן אויסגעקוקט פאַר אים פּוסט און נאַריש. מיט איר האָט ער זיך געפילט ניי און דערהויבן. אַ נייע וועלט האָט זיך איצט פאַר אים אויפגעעפנט, מיט ברייטע צוזאָגן און אַ נייער צוקונפט. אַלץ האָט זיך איצט געווענדט אָן מירעלען.

ווער זשע איז געווען מירעלע?

מירעלע איז געווען איינע פון די שענסטע מיידלעך אין שטעטל. אַזוי האָבן אַלע געהאַלטן. זי איז געווען דין און איידל, מיט אַ ליכטיקן פּנים, מיט טונקל־בלאָנדע האָר און מיט אַ קלאָרער דורכזיכטיקער הויט. איר שטימע האָט געקלונגען ווייך און אָנגענעם. אירע באַוועגונגען זיינען געווען לייכט און איידל. אָבער איר צויבער איז געלעגן ניט אַזוי אין איר שיינקייט, ווי אין איר חן, אין איר קינדישקייט און ערלעך־צאַרטן בליק אין אירע אויגן. זי האָט געהאַט אַזויפיל הילפלאָזע קינדישקייט אין זיך און אַזוי פיל ווייכע איידלקייט, אַז יעדערן האָט זיך געוואָלט צוגיין צו איר און גלעטן זי און קושן און פּיעשטשען ווי אַ קינד. אַלע האָבן זי ליב געהאַט און באַטראַכט ווי די מיזינקע פון שטעטל. ביים באַגעגענען זי האָט מען שטענדיק דערפילט אַן אָנגענעמען און וואַרעמען געפיל אין זיך. אַלע בחורים אין שטעטל האָבן זיך נאָך איר געיאָגט און געזוכט איבערשטייגן איינער דעם צווייטן אין פלינקייט און בראַווקייט, קלוגשאַפט און געלערנטקייט, כדי איר געפעלן צו ווערן.

ווען ווילי האָט זי דערזען, איז ער געבליבן פאַרגאַפט. עס איז געווען, ווי ער וואָלט פּלוצלונג דערזען אַ וואונדער. דער לייכטער, צינישער שמייכל, וואָס ער האָט געהאַט צו כמעט אַלע אַנדערע פרויען, איז פּלוצלונג פאַרשוואונדן און דער פּנים האָט אויף זיך מיטאַמאָל אַרויפגעצויגן אַן ערנסטקייט. ער איז געשטאַנען פאַרוואונדערט ניט בלויז פאַר דעם, וואָס ער האָט דערזען פאַר זיך, נאָר אויך פאַר דעם, וואָס ער האָט דערפילט אין זיך. צום ערשטן מאָל איז ער געבליבן שטיין פאַר אַ פרוי, צו וועלכער ער פילט רעספּעקט און וועלכע צווינגט אים צו האַלטן זיך ערנסט אין איר אָנוועזנקייט און אַפילו נאָכדענקען די ווערטער, וואָס קומען אַרויס פון זיין מויל. עס איז געווען די ערשטע פרוי, פאַר וועלכער ער האָט זיך געפילט שוואַכער און וועלכער ער האָט געזוכט געפעלן צו ווערן.

ווילי האָט דערפילט, ווי עפּעס האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן ביי אים אין האַרצן. עס איז געווען צום ערשטן מאָל אין לעבן. ער האָט זיך פאַרשעמט: ער, דער דערוואַקסענער און ערנסטער מענטש, דער דערפאָלגרייכער אַמע־ריקאַנער ביזנעסמאַן איז פּלוצלונג געבליבן שטיין פאַר אַ קינד און דערשראָקן זיך!... דאָס פּאַסט גיכער פאַר אַ יונגן יינגל און ניט פאַר אַ מאַן אין זיינע יאָרן.

צום ערשטן מאָל האָט ער זיך פאַרטראַכט איבער זיינע יאָרן און עס האָט אים באַנג געטאָן, וואָס זיי זיינען אַזוי פיל אין צאָל...

עס איז אָבער געווען אַן אַנטפּלעקונג פאַר אים און עס האָט אים גערייצט און געצויגן.

ווען די שוועסטער, באַמערקנדיק זיין צעטומלטקייט און הילפלאָזיקייט, און וויסנדיק פון וואַנען עס קומט, האָבן זיך פריילעך געגומען רייצן מיט אים, איז ער געוואָרן אין כעס אויף זיי — ניט פאַר זיך, נאָר פאַר מירעלען...

און ווען די שוועסטער האָבן ערנסט גענומען רעדן מיט אים, ער זאָל ניט דורכלאָזן די געלעגנהייט, האָט ער פאַרדראָסיק אַ זאָג געטאָן:

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו רעדן? זי איז צו־גוט פאַר מיר...

— צו־גוט, נאַרעלע, איז קיינמאָל קיין חסרון ניט — האָבן די שוועס־טער אים געפּרוווט איינריידן, — אַלנפאַלס פאַרזיכערן מיר דיר, אַז דאָס וועט קיין מניעה ניט זיין...

ווילי האָט דערפילט אין זייערע רייד עטוואָס פון זיין אייגענעם אַמאָליקן ציניזם און האָט זיך אַזש דערפילט באַליידיקט פאַר מירעלען: זי איז שוין געשטאַנען אין זיינע אויגן ווייט אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע און פאַרנומען אַ באַזונדער ווינקל אין זיין האַרץ — אַן אָפּגעצאַמטן, אַ ריינעם...

די שוועסטער זיינען געווען גערעכט געווען: עס איז קיין מניעה ניט געווען טאַקע. גראַדע דאָס, וואָס האָט אויסגעקוקט ווילין צו זיין די וואַנט, וואָס טיילט אים אָפּ פון מירעלען, איז געווען די טיר, וואָס האָט אים געעפנט אַ וועג צו איר.

זיכער איז מירעלע, פּונקט ווי אַלע אַנדערע מיידלעך אין שטעטל, פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם גלאַנץ און עלעגאַנץ, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם גאַסט פון אַמעריקע. זיכער האָט זי געצויגן די אַנדערשקייט אין אים, די ברייטקייט און פאַרנעם, וואָס אינעם שטעטל האָט מען פון דעם קיין אַנונג ניט געהאַט. זיכער האָט זי אויך געצויגן די פּערספּעקטיוו פון אַן אַנדער לעבן אין אַן אַנדער, לעגענדאַרן לאַנד. מירעלען האָט אָבער אויך געצויגן דער געזעצטער און זיכערער ווילי, דער איינגעשטעלטער אין

לעבן. ווי אַ קעלבל, וואָס טוליעט זיך צו דער מוטער, האָט זיך מירעלע געטוליעט צו זיין עלטערקייט און געזוכט דאָרט שוץ און זיכערקייט. איר האָט אימפּאָנירט די קאָמבינאַציע: ער — דער פאָטער, זי — דאָס קינד...

און דעריבער, ווען ער האָט געוואָלט זיין ערלעך צו איר און וואָרענען זי, און געזאָגט צו איר:

— ווייסט, מירעלע, מיט וויפל איך בין עלטער פון דיר? איך וואָלט דאָך געקאָנט זיין דיין פאָטער...

האָט זי אויך פונקט אַזוי ערלעך און אויפריכטיק — איבערצייגט געענטפערט:

— צו וואָס רעדן וועגן דעם? עס איז ניט וויכטיק...

זי איז דעמאָלט אַלט געווען איין־און־צוואַנציק יאָר און ער — פינף־און־פערציק...

דאָס שטעטל איז כּאַדראַם געגאַנגען: אַזאַ גליק! אַזאַ גליק!

די מיידלעך האָבן איר מקנא געווען און די בחורים — אים...

גליקלעכע האָבן זיי ביידע פאַרלאָזן דאָס שטעטל און אַוועק צוריק קיין אַמעריקע אָנצוהייבן אַ ניי לעבן.

***

צוועלף יאָר זיינען פון דעמאָלט אַריבער — צוועלף יאָר, וואָס זיינען אפשר ניט קיין צו־לאַנגע צייט, אָבער וואָס האָבן אויף זיי ביידן קענטיקע צייכנס איבערגעלאָזט. ביידע זיינען פאַר דער צייט עלטער געוואָרן, אָבער ניט ביידן האָבן די יאָרן געשטופּט אין דער זעלבער ריכטונג: איר האָבן די יאָרן געשטופּט באַרג־אַרויף און אים — באַרג־אַראָפּ...

ווילי האָט זיך שטאַרק געענדערט פאַר דער צייט, איבערהויפּט פאַר די לעצטע יאָרן. די עלטער האָט זיך גענומען אַרויפּציען אויף אים ראַשיק, שנעל. די ערשטע עטלעכע יאָר האָט ער זיך נאָך געהאַלטן יונג, שיעור ניט אינגער געוואָרן אַפילו. וועלנדיק זיך צופּאַסן צו מירעלעס איין־און־צוואַנציק יאָר, האָט ווילי זיך באַמיט אַראָפּצוקוועטשן פון זיינע פּלייצעס און פון זיין גייסט אַ פּאָר צענדליק יאָר. אַ קורצע צייט איז אים דאָס געלונגען: ער איז געוואָרן נאָך אינגער ווי געווען. שפּעטער אָבער האָבן די דורכגעלאָזענע פאַר יאָר ווי גענומען אָפּנעמען פאַרן פריערדיקן און אַרויפגעוואָרפן זיך אויף אים מיטן גאַנצן אימפּעט. צוערשט האָט ער אָנגעהויבן גרוי ווערן בלויז ביי די שלייפן, אָבער וואָס ווייטער אַלץ מער שטח האָט עס אָנגעהויבן פאַרכאַפּן. לעצטנס איז אים די עלטער באַפאַלן ווי אַ הונגעריקער וואָלף און צופּט פון אים שטיקער נאָך שטיקער. מיט שוידער קוקט ער זיך איין אין שפּיגל און באַמערקט, ווי יעדעס מאָל קומט צו אַ נייער צייכן, אַ נייער אָנזאָג. דאָ באַמערקט ער אַ נייעם פאַלד

אויפן האַלדז, דאָ אַ טיפערן קנייטש אויפן שטערן און דאָ אַ גרעסערן שטיק אָפּגעהוילטן קאָפּ... אָבער אַממערסטן שרעקן אים די רונצלען און פאַלדן אויף די באַקן און אונטער די אויגן. ווי אויסגעלייזדיקטע זעקעלעך הענגען זיי אַראָפּ און זאָגן עדות אויף אויסגעליידיקטע יאָרן. מער ווי אַלע אַנדערע סימנים, גיבן זיי אַרויס זיין עלטערן זיך און זיין גאַנג באַרג־אַראָפּ...

ווילי איז ניט פון די שרעקעדיקע. ער שרעקט זיך — ניט פאַר אַלט ווערן און ניט פאַר שטאַרבן. אָבער וואָס אים שרעקט יאָ, איז מירעלע... אַוועק פון מירעלען, אָדער אָנווערן זי, איז פאַר אים ערגער, ווי אָנווערן דאָס לעבן...

מירעלע האָט זיך אויך היפּש געענדערט פאַר דער צייט, אָבער ביי איר איז עס געגאַנגען אין אַ פאַרקערטער ריכטונג — באַרג אַרויף... זי איז שענער געוואָרן, רייפער. איר קינדיש געזיכט איז פולער געוואָרן און די שטריכן פון איר קערפּער — רייפער. זי איז איצט אין איר פולער בלי־צייט, ווי אַ בלום אינמיטן זומער. איר טראָט איז זיכערער געוואָרן, איר ברוסט פולער, איר שטימע זאַפטיקער און איר געדאַנק ערנסטער. נאָר איין זאַך איז ביי איר געבליבן פון אַמאָל און זיך כמעט ניט געענ־דערט: דאָס איז דער חן אין אירע אויגן און די צאַרטקייט פון איר פּנים. מירעלע האָט קיין קינדער ניט געהאַט און איר פיגור איז דעריבער געבליבן ניט געררירט: מיידלש־דין און מיידלש־גראַציעז. אויך דער קינ־דיש־נאַאיווער און צאַרטער בליק אין אירע אויגן, וואָס מאַכט זי ביי יעדן איינעם אַזוי באַליבט אין יעדער געזעלשאַפט, אין וועלכער איר קומט אויס צו פאַרקערן, — פונקט ווי פריער דערפילט יעדער איינער אַ וואַרעמקייט ביים באַגעגענען זי.

פאַר די צוועלף יאָר האָט זיך מירעלע פולשטענדיק אַקלימאַטיזירט און רעדט פליסיק די שפּראַך פון לאַנד, ניט צו דערקענען כמעט קיין אונטערשייד. אויך אין קליידן און אָנטאָן זיך האָט זיך מירעלע אַמעריקאַ־ניזירט. מיט אַ באַזונדערן געשמאַק פּאַסט זי צו אירע קליידער און זאַכן, וואָס גיבן איר צו נאָך מער חן און רייץ. מירעלען האַלטן אַלע פאַר אַ שיינהייט אַפילו דאָ אין לאַנד. אָבער ניט פאַר דעם, נאָר פאַר איר חן און צויבער פאַרגעטערן זי אַלע. מירעלע איז דער אָפּגאָט פון אַלע אירע באַקאַנטע און ווערט גלייך דער צענטער־פונקט פון יעדן צוזאַמענקום. די פרויען קוקן אויף איר דערפאַר מיט באַהאַלטענער קנאה און די מענער קענען ניט באַהאַלטן זייער אָפענע פאַרערונג. אָבער אַפילו די פרויען זיינען איר סוף כל סוף מוחל, זעענדיק איר אומשולדיקן בליק און איר קינדערשע צאַרטקייט.

ווילי פילט זיך אין דער געזעלשאַפט מיט איר ווי אַ פאַרגעסענער, שיר ניט ווי אַן איבעריקער. אַמאָל וואַרפט אים וועד צו — צוליב איר טאַקע — אַ ביסל אויפמערקזאַמקייט, אַמאָל ווערט ער באַרויבט אויך פון דעם — טאַקע ווידער צוליב איר: זי פאַרשטעלט אים... אַמאָל באַמערקט ער אַ ניט־פאַרגינערישן פייערל אין די אויגן פון די מענער און אַ סך מאָל דערפילט ער אַ טראַציקע באַציאונג צו זיך, אַ מין בייזקייט, וועלכע דריקט אַזוי אַרום אויס אַלעמענס פּראָטעסט קעגן אים פאַר אַנ־הענגען זיין פאַטערלעכע עלטער דער דאַזיקער יונגער קינדיש־צאַרטער פרוי.

ווילי זעט און באַמערקט אַלץ. זיינע געפילן זיינען געמישט. אַמאָל איז ער שטאָלץ מיט איר, צופרידן מיט איר דערפאָלג און זעט אין דעם אַ פאַרגיטיקונג פאַר עפּעס אַנדערש, וואָס איר פעלט... אַמאָל ווידער איז ער אויפגערייצט און ברענט מיט איפערזוכט — צו איר יוגנט, צו איר רייץ, צו איר דערפאָלג ביי אַנדערע... ער האָט זי איצט ליב פונקט ווי פריער, נאָך ליבער אפשר, נאָר זיין געפיל פון שטאָלץ ליידט שטאַרק: ווי אַלץ האָט זיך איבערגעביטן! אַמאָל איז ער געווען דער העלד, היינט האָט זי אים פאַרטונקלט, פאַרשטויסן אַן אַ זייט... אַמאָל האָט ער דעם געפיל, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין האַנט אַ טייערן אוצר, אַ זעלטענעם דימענט נאָר דער אוצר איז ניט זיינער... עס ציטערט אים דאָס האַרץ, מען זאָל עס באַלד ניט צונעמען ביי אים... ער באַמיט זיך מיט אַלע כוחות צו פאַרשטויסן דעם געפיל פון זיך, די מורא, צו פאַרטרייבן די יאָרן און פאַרגלעטן די קנייטשן אויפן פנים — אָבער עס לאָזט זיך ניט... ער באַמיט זיך נאָכגיין נאָך איר, אַנהאַלטן דעם ריטם, אָבער עס איז אים שווער זי נאָכצופאָלגן. ער שטייט אָפּ און בלייבט שטענדיק פון הינטן...

מירעלע באַמערקט זיין אונטערגאַנג און טראַגעדיע און פילט מיט מיט אים שטאַרק. זי מאַכט זיך ניט זעענדיק, ניט פאַרשטייענדיק, אָבער זי באַמערקט אַלץ און פאַרשטייט. זי באַמיט זיך צו פאַרלייכטערן אים און אָפּ־טעמפּן די שאַרפקייט פון זיין ליידן. זי ווייזט אים אַרויס די זעלבע ליבע און איבערגעגעבנקייט, ווי פריער, נאָך אפשר אין אַ גרעסערער מאָס. עס איז ניט געקינסטלט. זי פילט צו אים שטענדיק אַ דאַנקבאַרקייט פאַר די זיבן גוטע יאָר, וואָס ער האָט איר געגעבן. די לעגענדעס, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען אין שטעטל וועגן זיין רייכקייט, זיינען אפשר געווען היפש איבערטריבן, אָבער ניט אינגאַנצן. ווען ער האָט זי געבראַכט דאָ אין לאַנד, האָט ער זי אַוועק־געפירט צו אַ פיר־שטאָקיקער געביידע, וואו אויף אַ גרויסער שילד מיט זילבערנע אותיות האָט זיך געלייענט: „ווילי‌אַם העסקעס — טעקסטיל פאַבריק". ער האָט זי אַריינגעפירט אינעווייניק און געוויזן, אַז דאָס אַלץ

איז זיינס. ער איז דער באַלעבאָס פון דעם. ער האָט זי פאַרזאָרגט מיט אַ שיינער דירה, מיט אַ דינסט, זי זאָל ניט דאַרפן אַליין אַרבעטן, און מיט געלט אויף אויסצוגעבן, וויפל זי האָט נאָר געדאַרפט און געוואָלט. זי האָט צופיל ניט פאַרלאַנגט פון אים, אָבער סיי ווי איז אים קיין זאַך ניט שווער געווען פאַר איר. זי האָט דאָס אַלץ געדענקט און געפילט אַ דאַנק־באַרקייט צו אים. איצט, אין זיין שווערער שעה, האָט זי אים געוואָלט אָפּדינען דערפאַר. אמת, דער אַמאָליקער געפיל צו אים, ווען זי האָט זיך געטוליעט צו זיין ברוסט און געזוכט דאָרט קראַפט און שטיצע, איז איצט פאַרשוואונדן. דערפאַר אָבער האָט זיך אַ נייער געפיל באַוויזן ביי איר. זי פילט מיט מיט זיינעליידן און זוכט זיי צו פאַרלייכטערן. אָפּטער ווי פריער גייט זי צו צו אים, לייגט צו אירע ליפּן צו זיינע. זעט, ווי ער דערפרייט זיך, לויכט אויף, דערפילט זיך אויפגעלייגטער און שטאָלצער, און זי דערפילט אַ באַפרידיקונג אין זיך. אַ סך מאָל זוכט זי אַפילו צו פאַרבויגן אירע אייגענע פאַרלאַנגען און פאַרגעניגנס, אַבי וואָס ווייניקער ליידן צו פאַרשאַפן אים.

אָבער ניט אַלע מאָל לאָזט זיך פאַרטושן זאַכן, פאַרגלעטן און אָפּווישן דעם אונטערשייד צווישן זייביידן. עס טרעפט אַמאָל: מען זיצט אין געזעלשאַפט און אַ פרעמדער, וואָס זעט זיי צום ערשטן מאָל, ניט האָבנדיק נאָך קיין געלעגנהייט זיך פונאַנדערצוקלייבן וואָס און ווען, גיט אַזוי אין מיטן שמועס אַ זאָג צו איר, גאַרנישט וויסנדיק:

— אייער פאָטער...

אָדער צו אים:

— אייער טאָכטער...

זי ווערט רויט און באַמערקט ווי אַלץ אין אים הויבט אָן צו ציטערן. זי פאַרשטייט: וואָס איז יענער שולדיק? נאָר סיי ווי שטרייכט עס נאָך מערער אונטער די לאַגע און מאַכט זי אַנגעשטרענגטער, נאָך שווערער.

אַמאָל הויבן אַפילו זיינע אייגענע פריינט און באַקאַנטע אָן אָפּצולאַכן פון אים. בלומרשט אויף שפּאַס הויבן זיי אים אָן רופן „פּאַפּ"... ער פאַרלירט זיך ניט, העלפט אַליין מיט אין דעם שפּאַס און זוכט אויסצוקע־רעווען דעם שפּאַס קעגן זיי אַליין. אָבער וואָס עס טוט זיך דעמאָלט אין זיין האַרצן, ווייס נאָר זי אַליין.

פיל ערגער איז, ווען עס קומט זיי אויס אַמאָל אויסצוגיין צו אַ פאַר־ווילונג, וואו די פונקציע פון יעדערן איז ניט בלויז אַ פּאַסיווע, צו זיצן און קוקן און אַמוזירן זיך, ווי אין אַ טעאַטער אָדער אַ מואווי, נאָר וואו יעדערן קומט אַליין אויס אַקטיוו זיך צו באַטייליקן און אַמוזירן אויך אַנדערע. צום ביישפּיל צו אַ באַל, אָדער אַ טאַנץ. אין אירע געפּאַסטע,

געשמאַקפולע און שיינע קליידער קוקט זי אויס אינגער און שענער פון אַ סך יונגע מיידלעך. ווען זיי קומען אַריין, קוקן זיך אַלע איין, ווי זי גייט דורך. יעדערער באַגלייט זי מיט די אויגן. באַלד הויבט מען זיך אָן אַרומ־קלייבן אַרום איר. יעדערער וויל איר זאָגן אַ גוט וואָרט, באַקומען פון איר אַ שמייכל, אַ גלאַנץ מיט די אויגן, אָדער אַ בלענד מיט אירע ווייסע פּערלדיקע ציין. יעדער האָט ליב צו שטיין אַרום איר, הערן איר שטימע און כאַפּן אַ בליק פון אירע אויגן. באַלד הויבט מען זי אָן איינלאַדן צום טאַנצן. מען געפינט שוין אַ תירוץ, ווי אַזוי צו באַזעצן די אייגענע פּרווי מיט וועמען, אָדער איבערצוגעבן זי צו אַ צווייטן, און אַליין ווערן פריי צו טאַנצן מיט מירעלען. עס פעלן אויך ניט קיין בחורים. מירעלע קען ניט אָפּזאָגן. עס פּאַסט איר ניט און זי האָט ניט קיין אורזאַך. זי וויל טאַקע אַליין אויך זיך דורכצוטאַנצן אַ ביסל. צוליב דעם איז זי געקומען. מיט איר אייגענעם מאַן, מיט ווילין, קען זי ניט טאַנצן. יענער איז לעצטנס געוואָרן שווער אויף די פיס און פילט אַליין די אומגעלומפּערטקייט פון זיינע באַוועגונגען. דערצו פאַרדרייט זיך אים דער קאָפּ און עס דאַכט זיך אים, אַז ער פאַלט באַלד אום. פון יוצא וועגן טאַנצט זי מיט אים דורך דעם ערשטן טאַנץ. באַלד אָבער קומען צו איר צו אַנדערע. זי נעמט אָן זייער איינלאַדונג. דאָס זיינען פלינקע, געאיבטע טענצער, וואָס טאַנצן אַ גאַנצע נאַכט קען זיי ניט מיד מאַכן. אַזוי איז אויך מירעלע. זי לאָזט זיך אַוועק מיט זיי אין אַווירבלדיקן טאַנץ. אינעם טאַנץ פאַרגעסט זי איר לעבן, איר טרויער און דערפילט זיך צוריק מיידלש: מיידלש־לייכט און מיידלש־זאָרגלאָז. לופטיק און פלינק טראָגט זי זיך איבערן זאַל און רירט קוים אָן מיט אירע לייכטע פיס דעם גלאַנציקן דיל. דער עולם ביים זייט פאַלגט זי נאָך און באַוואונדערט זי, און ווען זי ענדיקט, ווערט זי באַגלייט מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן. דער עולם קלייבט זיך ווידער אַרום איר אויסצודריקן איר זייער באַוואונדערונג. זי רוט זיך אָפּ אַ ווײַלע צו אָננעמען באַלד די איינלאַדונג פון אַ צווייטן.

אָבער ניט אַלע מאָל איז דער טאַנץ ווירבלדיק און שטורמיש. אַ מאָל איז ער רואיק און געלאַסן, פאַמעלעך און טראַכט־מעסיק, ווי אַ שטיל טייכל, וואָס פליסט פאַרשלאָפן און לאַנגזאַם אין שיטערן וועלדל צווישן יונגע ביימלעך און נידעריקע קוסטעס. די מוזיק שפּילט ווייך און אויסגעצויגן, סענטימענטאַל און ליריש, ווי זי וואָלט צוויי יונגע קינדער איינגעוויגט צום שלאָפן מיט אַ שטילן וויג־ליד. די פיס באַוועגן זיך לאַנגזאַם און פויל, ווי זיי וואָלטן גאָר דעם דיל ניט פאַרלאָזן און צוזאַמען מיט דער מוזיק שפּילן זיי אויס אַ ליד צי אַ מעשהלע פון צוויי פאַרליבטע, וואָס זיצן ערגעץ אין אַ וואַלד און חלומען אויס זייער ליבע אויף דער וואָר. אַ שטיל

טייכל פליסט ביי זייערע פיס און אין זיין פליסן שפּילט ער זיי אויס געזאַנגען פון העלע טעג און אַ גליקלעכער צוקונפט. ביידע פאַרליבטע זיצן אַרומגענומען און דאָס טייכל פאַרוויגט זיי אין זייער גליקלעכן טרוי־מען... מירעלעס „פּאַרטנער" נעמט זי איידל אַרום דער טאַליע און העפלעך און פּאַרזיכטיק דריקט ער זי צו זיך. מירעלע לייגט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל. דער טאַנץ פאָדערט עס, דער ריטם, די שטימונג. מירעלעס אייגענער דראַנג. זי שפּאַרט אָן איר קאָפּ אויף זיין אַקסל און דערפילט זיך פּלוצלונג אַזוי נייַ און לייכט, אַזוי מיידלש־פריי און זאָרגלאָז, און אַזוי אָנגענעם און גוט, ווי מיט יאָרן צוריק...

נאָך אַזאַ טאַנץ פילט זי זיך מיד און אויסגעשעפּט און קען שוין מער דעם אָוונט ניט טאַנצן. איר איז דעמאָלט אויך שווער צו קוקן איר מאַן גלייך אין די אויגן, און אומבאַשטימט פאַרוואָס, פילט זי דעמאָלט אַ פאַר־דראָס, סיי צו זיך און סיי צו אים...

אַזוי ציט זיך מירעלעס לעבן: מאָמענטן פון אַריינגעכאַפּטער פרייד און טעג אויסגעפילטע מיט בענקשאַפט.

אָבער לעצטנס איז אַ נייע זאָרג צוגעקומען מירעלען און אַ נייע ערגערניש: ווויליס פאַרדראָס איבער זיך אַליין און זיין איפּערזוכט איבער איר האָבן אָנגענומען נייע פאָרמען — אָפענערע, גרעבערע. קיינמאָל ביז איצט איז נאָך ווילי אַזוי ניט געווען. עפּעס האָט, ווייזט אויס, פּלוצלונג געפּלאַצט אין אים, צוזאַמענגעבראָכן און אַרויס אויף דער אויבערפלאַך. אָפטער און אָפטער זעט זי אים אין אַ שלעכטער שטימונג אָן ווּעלכער ס'איז געוויינלעכער אורזאַך. אָפטער און אָפטער זעט זי אין זיינע אויגן אַ קאַלטן און פרעמדן פלעמל און אָפטער און אָפטער באַפאַלט ער זי מיט טענות פאַר זאַכן, פאַר וועלכע זי פילט זיך אַבסאָלוט אומשולדיק. אויך זיין גאַנצע באַנע־מונג צו איר האָט זיך מיטאַמאָל געביטן: געוואָרן אומגעצווימטער, פרייער. ביי יעדער קלייניקייט זוכט ער איר אַרויסצואווייזן, אַז ער איז נאָך אַלץ דער באַלעבאָס, דער דעה־זאָגער, איבערהויפּט ווען עס קומט צו געלט־פראַגן. עס איז קיינמאָל ביז איצט אַזוי ניט געווען. מירעלע פילט זיך באַליידיקט און געקרענקט. זי ווייס, זי איז ניט שולדיק. זי גיט אים ניט קיין שום אורזאַך פאַר אַזאַ באַנעמונג.

מירעלע פאַרשטייט די אורזאַך דערפון און זוכט ווייכער צו מאַכן איר אייגענעם פאַרדרוס. איר דאַכט זיך, אַז עס גיט זיך איר איין. אָבער טיף אין האַרצן פילט זי, ווי עס טאַטשעט דאָרט אַ וואָרעם און פרעסט און מאָנט: פאַרוואָס? און צוליב וואָס?

זי פילט, ווי נישט ווילנדיק ווערט אויך ביי איר אין האַרצן געשאַפן אַ שווערער געפיל צו אים, אַ נישט־פריינדלעכער געפיל. פון ערגעץ־וואו

רוקן זיך אַרויס טענות און אומצופרידנקייטן, מאָנונגען און ניט־באַפרידי־קונגען, וואָס זיינען איר ביז איצט גאָר פרעמד געווען און קיינמאָל אויפן געדאַנק ניט געקומען. זי וואונדערט זיך אַליין: פון וואַנען נעמען זיי זיך? אָבער אַלצאיינס: פאַרטרייבן זיי איז איר איצטער שווער. זיינען זיי געקר־מען, לאָזן זיי זי שוין ניט אָפּ: צופּן און רייסן, רעגן און מאָנען...

מירהעלע זוכט זיך צו ווערן קעגן זיי, אַנטלויפן, באַהאַלטן, אָבער וואו זי זאָל ניט זיין, פילט זי, ווי זיי גייען איר נאָך, פאָלגן נאָך און פאַרפאָלגן. זי פילט ווי דער באָדן האָט זיך אָנגעהויבן שאָקלען אונטער אירע פיס און וואַקלט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער. זי פילט, ווי זי ברעכט צוזאַמען אונטער אַ שווערער לאַסט און לאַנג וועט דאָס ניט קענען אויסהאַלטן...

אין דער דאַמבע האָט זיך אַ שפּאַלט באַוויזן און דאָס וואַסער רייסט זיך דורך דאָרט אומגעשטערט און אומגעצוימט...

איי פ ע ר ז ו כ ט

וואָס ווייטער האָט פאַניע בערגער אַלץ מער באַמערקט, אַז זי הויבט אָן ווערן אַלט. ניט נאָר איז איר אַמאָל שוואַרצער געדיכטער קאָפּ האָר איצט כמעט אינגאַנצן גרוי — דאָס וואָלט נאָך ניט געווען אַזוי שרעקלעך: פאַראַן גענוג מענטשן, וואָס זיינען אַפילו יונגערהייט גרוי — נאָר אינעם גאַנצן קערפּער אירן, אין אַלע אברים, האָט זי דערפּילט, ווי די עלטער הויבט זיך אָן איינעסן אין איר, איינבייסן זיך ווי מיט ציין. די באַקן אירע האָבן אָנגעהויבן איינצושרומפּן; די הויט אויף זיי און אויפן האַלדז, אונטערן קין, האָט אָנגעהויבן קנייטשן און רונצלען זיך און אַראָפּהענגען אין פּעלבלעך, — בולטע סימנים פון וועלקונג. אין דערזעלבער צייט האָט דער גאַנצער קערפּער אירער אָנגעהויבן פולער ווערן און ווייכער, די מוסקולן פון די הענט און בויך — לויזער און אַראָפּהענגענדיקער. די פיס האָבן זיך אָנגעהויבן אָנגיסן מיט שווערקייט און פוילקייט, און זי האָט דייטלעך דערפילט, ווי איר גאַנג ווערט שוואַכער און פּאַמעלעכער און מער ענלעך צו דעם פון אַן עלטערן מענטשן...

פאַניע האָט זיך דערשראָקן.

זי האָט אַלע מאָל געפילט אַ שרעק און אַ ווידערגעפיל צו אַלטקייט און שוואַכקייט, און ווען עס איז אַמאָל אויסגעקומען צו רעדן וועגן דעם האָט זי שווער אָפּגעזיפצט און מיט אַ קרעכץ באַדויערט.

איצט איז די עלטער געשטאַנען ביי איר אייגענער שוועל און גע־קלאַפּט אין איר אייגענער טיר...

פאַניע האָט שוין לאַנג געפּרואווט פאַרדעקן די סמנים פון עלטער. זי האָט זיך געפּרואווט באַהאַלטן זיי, אָדער פאַרווישן דורך אַלערליי מאַ־סאַזשן און רייבונגען, שמירעכצן און זאַלבן, שמינקע און פודער. עס האָט אָבער אַלץ ווייניקער געהאָלפן. ווייל נאָכדעם האָט זיך איר אַלע מאָל אויסגעוויזן, אַז איר פּנים קוקט אויס נאָך צעקנייטשטער ווי פריער. אַחוץ דעם איז שווער געווען צו גיין אַלעמאָל פאַרשטעלט און צוגעריכט, ווי מיט אַ מאַסקע אויפן פּנים. עס איז שווער געווען איינצוהיטן זיך פאַר אַנדערע, — פאַרן מאַן איז עס אינגאַנצן אוממעגלעך געווען...

אָבער, אויב אַלע אַנדערע זאַכן האָט זי נאָך ווי עס איז געקענט פאַרדעקן, איז אָבער איין חסרון אירן, וואָס איז ווייטער געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער, האָט זי בשום אופן ניט געקענט באַהאַלטן. דאָס איז געווען איר טויבקייט. זי האָט געפילט, ווי איר געהער ווערט אַלץ שוואַכער און זי מוז זיך אַלץ מער אָנשטרענגען צו כאַפּן יענעמס ווערטער. פאַר

פרעמדע האָט זי נאָך ווי עס איז געקענט אויך דאָס פאַדדעקן, פאַרן מאַן אָבער בשום אופן ניט. גיי דערהער, ווען ער רעדט צו דיר פונעם צווייטן, אָדער דריטן צימער!... און ווי אויף צו להכעיס, דאַכט זיך איר, פּרוּאווט ער דווקא ריידן צו איר פון דער וויטן... און טאָמער שטייט ער שוין לעבן איר, דאַכט זיך איר, אַז פּונקט אַזוי בכיוון רעדט ער שוין צו־שטיל... אין ביידע פאַלן איז זי זיכער, טוט ער עס צו באַטאָנען איר שוואַכקייט, איר פעלער...

דאָס רייצט זי אויסערגעוויינלעך שטאַרק. עס דאַכט זיך איר, אַז דאָס פּרוּאווט ער איצט נעמען נקמה פאַר די אַלע יאָרן, וואָס זי האָט זיך געהאַלטן העכער פון אים.

יאָ, אמת, זי האָט זיך טאַקע געהאַלטן העכער פון אים און ניט איינמאָל געגעבן אים צו פילן, אַז זי שטאַמט פון דער היים פון גרויסן יחוס. דערצו איז זי נאָך געווען אַ „געענדיקטע", איז געגאַנגען אויף קורסן אין פּעטער־בורג... און ער, וואָס איז ער געווען? אַ ליידיקגייער אַ בחור, וואָס אויסער זיין שיינער פיגור און שיינע וואָנסעלעך האָט ער מער גאָרניט פאַרמאָגט — ניט קיין יחוס און ניט קיין אַטעסטאַטן...

זי פילט, אַז זי איז מיט דעם קיין בייז ניט באַגאַנגען. וואָס דען האָט זי געקענט טאָן? לאָזן זיך טרעטן פון אים? לאָזן אים פילן, אַז דאָ איז ער דער יחסן, דער פאַרדינער?...

עס איז געווען די איינציקע „קאָרט", וואָס זי האָט געהאַט קעגן אים, איר איינציק געווער. און זי האָט זיך קיינמאָל פון זיי ניט אָפּגעזאָגט. דער־מאָנט אים, אַז איר פאָטער איז געווען אַ גרויסער וואַלד־סוחר, וועמעס פליטן עס זיינען געגאַנגען איבערן ניעמאַן אַזש קיין דאַנציג, און פון דאָרטן נאָך ווייטער... אַז דער פאָטער פלעגט צוליב זיינע געשעפטן מאַכן אָפטע רייזעס קיין דייטשלאַנד, וואָס אין יענע יאָרן איז עס געווען אַ גרוי־סער יחוס... און זי אַליין איז אויך ניט אַבי־ווער געווען! געענדיקט גימנאַזיע אין שטעטל און שפּעטער געפאָרן אויף קורסן אין פּעטערבורג. אויב זי האָט ניט געענדיקט, איז עס בלויז געווען, ווייל די מלחמה האָט זיך אַריינגעמישט...

ביז היינטיקן טאָג פילט פאַניע אַ שטאָלץ מיט איר פאַרגאַנגענהייט. זי פילט, אַז דאָס איז די איינציקע זאַך, וואָס קען איר געבן פּרעסטיזש און אָנזען ביי מענטשן — ניט אויפן מאָנס רעכענונג, נאָר אויף איר איי־גענעם... כאָטש זי איז שוין דאָ אין לאַנד אַ היפּשע צאָל יאָרן, באַמיט זי זיך נאָך אַלץ צו ריידן רוסיש, מיט וועמען זי קען נאָר, און אַפילו איר יידיש איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַ סך רוסישע ווערטער און אַמאָליקע הויכע פראַזן...

אָבער, ווי עס זאָל ניט זיין, קעגן מאַן האָט זי קיינמאָל די „קאָרט" פון האַנט ניט אַרויסגעלאָזן. איצט, דאַכט זיך איר, אַז ער וויל זיך מיט איר אָפּרעכענען פאַר די אַלע יאָרן. אַמאָל האַלט זי זיך ניט איין און באַמערקט אים:

— וואָס רעדסטו אַזוי שטיל, אַז מען זאָל ניט קענען הערן? פאַר־טרויסט עמעצן אַ סוד?...

אָדער פאַרקערט:

— וואָס שרייסטו אַזוי? מען קען נאָך מיינען, אַז מען קריגט זיך דאָ...

איןביידע פאַלן איז זיין ענטפער מערסטנס:

— שטענדיק דאַכט זיך דיר, אַז איך רייד אָדער צו שטיל, אָדער צו הויך. איך רייד אַלעמאָל מיט דער זעלבער שטים... אפשר הערסטו ניט אַלע מאָל גלייך...

זיין ענטפער פלעגט זי אַנצינדן. מיט מאַטערניש פלעגט זי זיך איינהאַלטן אָפּצושוויַיגן אים, עס זאָל ניט גיין נאָך וויַיטער און זיינע ענטפערס זאָלן ניט זיין נאָך אויסדריקלעכער, נאָך שאַרפער.

איר גאַנצער ליידן פונעם געפיל פון עלטער ווערן נעמט זיך טאַקע פון אים, פון דעם מאַן אירן. זי ווייסט טאַקע, אַז דאָס איז אַ זאַך, וואָס מען קען ניט אויסמיידן. פריער אָדער שפּעטער מוז דאָס טרעפן יעדן איינעם. אָבער, וואָלט דאָס כאָטש טרעפןביידן גלייך!... דאַכט זיך, ביידע כמעט אין איין עלטער — און אַז ער איז ייִנגער פון איר מיט אַ פּאָר יאָר, איז וואָס? — נאָר ווי זי קוקט אויס, און ווי ער!... וואָלט ער זיך דאָס ענדערן כאָטש אויף אַ האָר: פונקט ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק קוקט ער נאָך אויס גלייך און שטייף און שלאַנק. איר דאַכט זיך, אַז ער איז אַפילו שענער און ייִנגער געוואָרן... צו אַכט און פופציק יאָר וואָלט ער דאָס האָבן כאָטש איין גרויען האָר אין קאָפּ!... וועמען וועט דאָס גאָר איינפאַלן צו געבן אים מער ווי פופציק?... זי האָט טאַקע באַמערקט לעצטנס, ווען מען קומט זיך צוזאַמען ביי באַקאַנטע, ווי נאָך גאָר יונגע פרויען, אפשר ניט מער, ווי פון אַ יאָר פערציק, דרייען זיך אַרום אים און זוכן מיט אים צו פאַרברענגען. און ער, פונקט ווי אַ ייִנגעלע, זוכט צו זיין לייכט און שפּילעוודיק. מיט יעדן איינעם לאַכט ער און וויצלט זיך, זוכט צו שמייכלען צו יעדערן און זיין פריינטלעך, און מער ווי אַלץ טאַקע צו די פרויען, וואָס דרייען זיך אַרום אים...

פאַניע פילט זיך געקרענקט. זי איז ניט אייפערזיכטיק, — חלילה! — אָבער זי וויל ניט בלייבן שולדיק. זי וויל ניט, אַז ער זאָל זי איבעריאָגן... נעמט זי אַרויס פון אַרסענאַל איר אַלט אויספּרובירט געווער: איר יחוס. זי געפינט שוין אַ וועג, ווי אַזוי צו פאַרבינדן דעם אָנגעקניפּטן שמועס

מיטן אַמאַליקן שטעטל, מיטן אַמאַליקן לעבן, און דאָס גיט איר שוין אַ געלעגנהייט אַריבערצוגיין צו דער אייגענער שטוב און דערציילן פון די אַמאַליקע גליקן: ווי דער פאָטער איז געווען אַ גרויסער וואַלד־סוחר, ווי ער פלעגט פאָרן אין דייטשלאַנד, און אַזוי ווייטער...

די מענטשן האָבן דאָס שוין טויזנט מאָל געהערט. עס איז זיי דערעסן. אויב זי איז פון אַזאַ גרויסן יחוס, טאָ זאָל זי זיך אַליין פרעגלען אין אים... אַנדערע פאַרגינען איר פשוט ניט. פאַר נאָך אַנדערע קלינגט עס, ווי אַ מעשה פון קבר אַרויס... ווי עס זאָל ניט זיין, בלייבט זי אַמאָל איבער מיט איר דערציילונג איינע אַליין, אין דער צייט וואָס דער קרייז אַרום איר מאַן ווערט אַלץ גרעסער...

פאַניע קומט אַהיים אַ צעבראָכענע. עס ווילט זיך איר אַזש וויינען. אָבער דאָס ווידער וואָלט געמיינט אַרויסגעבן זיך פאַר אים און ווייזן קנאה, איפערזוכט. ניין, טויזנט מאָל ניין! זי וועט בעסער אין האַרצן דערשטיקן ביי זיך און ליידן נאָך שטאַרקער, אַבי ער זאָל גאַרנישט דערקענען...

פאַניע קוקט לעצטנס אַלץ אָפטער און אָפטער אין שפיגל, און אַלץ מער מאַסאַזש וועגדט זי אָן און אַלץ מער שמינקע פאַרוועגדט זי. אָבער פאַר אַ מאַן איז זיך שווער אויסצוהיטן. אַמאָל זעט ער זי אין אַזאַ צושטאַנד, אַז זי וואָלט גלייכער אין קבר אַריין...

דערפאַר האָט פאַניע לעצטנס געפונען אַ געלעגנהייט צו שטילן איר האַרץ און פילן אַ שטיקל באַפרידיקונג. עס איז געווען, ווען ער איז איינמאָל געשטאַנען ביים שפיגל און לאַנג זיך איינגעקוקט אין אים. פאַניען האָט עס גערייצט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פוצט ער זיך אַזוי און באַטראַכט זיין שיינע פיגור. האָט זי ניט אויסגעהאַלטן און אַ זאָג געטאָן:

— וואָס שטייסטו דאָס אַזוי לאַנג ביים שפיגל? דערקענסט זיך ניט!..

— איך דערקען זיך טאַקע ניט — האָט ער רואיק, אָבער מיט אַ שטיקל פאַרדראָס געענטפערט: — איך האָב ערשט געפונען ביי זיך עטלעכע גרויע האָר אין קאָפּ...

פאַניע האָט דערפילט, ווי אין האַרצן ביי איר האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן.

— וואָס, עטלעכע גרויע האָר? — האָט זי מיט אַ באַהאַלטענער פרייד געענטפערט. — דו פאַרגעסט אָפּנים, אַז דו ביסט שוין באַלד אַ זעכציקער... אייביק יונג קען מען ניט בלייבן...

זי האָט נאָך עפּעס געזאָגט, באַמיענדיק זיך אָנצוהאַלטן אַ גלייכגילטיקן טאָן, אָבער אין האַרצן האָט זי געפילט, ווי עס וואַקסט דאָרט אָן אַ שטילע צופרידנקייט און ווי פון די פּלייצעס אירע קייקלט זיך אַראָפּ אַ שווערער באַרג...

שטילער פּאַרדראָס

אסתר האָט זייער ליב איר מאַן און איז זייער שטאָלץ מיט אים. אַ יונגער שרייבער, איז ער אין אַ קורצער צייט געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז יעדע נייע דערציילונג זיינע ווערט אויפגענומען מיט פרייד און לויב, און דער נאָמען זיינער ווערט אַרויסגערעדט פון אַלעמען מיט גרויס דרך־ארץ. אויך די קריטיקער זיינען באַגייסטערט פאַר אים און לייגן גרויסע האָפענונגען אויף אים אין דער צוקונפט.

אסתר שאַצט דאָס אַלץ אָפּ און איז שטאָלץ מיט דעם, וואָס זי איז דער נאָענטסטער, אינטימסטער מענטש צו אים, און יעדע נייע זאַך, וואָס גייט אַרויס פון זיין פען, ווערט איר דער ערשטער אונטערגעטראָגן. איר מיינונג העלפט אים אָפט אַפילו אויספורעמען די זאַך און באַשטימען איר ענדגילטיקע געשטאַלט. זי פילט דעריבער אויף זיך אַ מין פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר זיין שאַפן און, טאַקע פאַר זיין טובה וועגן, באַמיט זי זיך אַלעמאָל צו זיין אָביעקטיוו.

דעריבער, ווען עס לויכט־אויף איר פנים פון אַ נייער שאַפונג זיינער, פאַרוואָלקנט ער זיך אָבער באַלד פון אינעווייניקסטן פאָרוואורף, וואָס די פרייד ווערט ביי איר אַרויסגערופן ניט אַזוי פון דעם ווערק גופא, פון דער שיינקייט און ווערט זיינעם, ווי פון דער שטאָלצקייט און הנאה, וואָס דער וואָס לייענט די זאַך פאַר איר, איז איר נאָענטסטער און טייערסטער, און יעדער נייער דימענט פון זיין שאַפן וואַרפט אויך אַ שיין אויף איר. זי דאַרף זיך אָנטאָן אַ כוח כדי אַריינצודרינגען אין דער זאַך טיפער און אָפּשאַצן אַזוי, ווי דאָס וואָלט געווען געשריבן פון אַ מענטשן, וואָס האָט מיט איר קיין שום פערזענלעכע שיכות. זי באַרואיקט זיך ערשט דעמאָלט, ווען זי גיט אַ טראַכט: „אָבער עס איז דאָך פאָרט אַזוי שיין! ווי קאָן מען ניט אַנטציקט ווערן פון אַזאַ זאַך?...״ דעמאָלט גיט זי די פולסטע פריי־הייט איר באַוואונדערונג און איבער איר גאַנצן קערפער צעגיסט זיך ווידער אַ געפיל פון שטאָלץ און פרייד.

באַזונדערס שטאָלץ און גליקלעך דערפילט זיך אסתר, ווען זי דער־קענט אַמאָל אין זיינער אַ דערציילונג אַ טייל פון זייער אייגענעם לעבן. זייער לעבן קוקט איר דעמאָלט אויס העכער און שענער, ווי עפּעס וואָס האָט פאַר זיך אַ באַזונדערן ציל. זי אַליין ווערט דערהויבן ביי זיך און פילט זיך ווי אַ העכערער סאָרט מענטש, וואָס דינט די צוועקן פון גייסטיקער שיינקייט, ווי מאַטעריאַל אויסצומייסטרעווען פון אים מאָנומענטן

פאַר דער אייביקייט... זי איז דעם יונגן מאַן אירן אַזוי דאַנקבאַר דעמאָלט און אירע אויגן לויכטן מיט אַזויפיל פרייד און גליק...

דערפאַר אָבער איז דאָס מאַטעריעלע לעבן אירס גאָרניט צופרידנ־שטעלנדיק. עס איז פול מיט אָנשטרענגונג און זאָרג. דער מאַן אירער אַרבעט אין שאַפּ. ער איז אַ צושניידער ביי דאַמען־קליידער. זי אַרבעט אויך אין שאַפּ, ווען עס איז דאָ נאָר אַרבעט און ווען זי פילט זיך געזונט. פון זיין שרייבן און אַרבעטן און פון איר אַרויסהעלפן קאָנען זיי ביידע קוים אויסקומען אויפן לעבן. חוץ דעם, וואָס ער איז אַ קליינער פאַרדינער, ליידט ער אַ סך פון זיין לאַגע. דאָס אַרבעטן אין שאַפּ מאַכט אים שטענדיק מיד און נערוועז, נעמט ביי אים צו דעם בעסטן טייל פון טאָג און לאָזט אים ניט אַנטוויקלען זיך אינטעלעקטועל, אויסברייטערן און פאַרטיפן זיין טאַלאַנט. אַ סך וויכטיקע אַרבעטן, וואָס ער פאַרטראַכט, וואָס וואָלטן אים געקאָנט אַפילו מאַטעריעל אַרויסהעלפן, קאָן ער ניט דורכפירן, ווייל עס פעלט אים צייט און הויפּטזעכלעך די רואיקייט, וואָס איז נויטיק צו קאָנצענטרירן זיך. דאָס שרייבן ווידער, און הויפּטזעכלעך דער דערפאָלג וואָס ער האָט, לאָזן אים ניט אָפּגעבן זיך מיט מער אינטערעס צו זיין שאַפּ־אַרבעט און ווערן אַ גוטער בעל־מלאכה. זיינע באַלעבאַטים זיינען שטענדיק גרייט אויסצובייטן אים אויף אַן אַנדערן... זי, ווידער, איז אַ שוואַכע, און אָפּאַרבעטנדיק אַ פּאָר מאָנאַטן אין שאַפּ, מוז זי נאָכדעם אַ פּאָר מאָנאַטן רוען. און ווען זי פילט זיך שוין נאָכדעם ווידער בכוח צו גיין אַרבעטן, איז שוין דאַן מערסטנטייל קיין אַרבעט ניטאָ.

אַזוי, אַז איר לעבן, אויסער די פריידיקע מאָמענטן פון זיין שרייבע־רישן דערפאָלג, איז שטענדיק פול מיט זאָרגן און נויטן. אסתר אָבער פילט זיך קיינמאָל ניט דערשלאָגן פון דעם און ליידט קיינמאָל ניט פון דעם. פאַרקערט, זי מאַכט עס שטענדיק אָוועק מיט דער האַנט און וויל גאָרניט קלערן דערפון, ווי עס וואָלט געווען עפּעס אַ ניט־שיינער, ניט־פּאַסנדער געדאַנק. אויב זי קלערט יאָ אַמאָל פון אַ בעסערן מאַטעריעלן לעבן, איז דאָס הויפּטזעכלעך טאָקע צוליב אים, איר מאַן, צו שאַפן פאַר אים בעסערע באַדינגונגען און בעסערע מעגלעכקייטן פאַר זיין שאַפן. זי באַמיט זיך אָבער שטענדיק צו זיין פריילעך און אויפגעלייגט און זוכט נאָך אים צו צעשטרייען, ווען ער פילט זיך אַמאָל אין אַ שלעכטער שטימונג.

אויף אין זומער זיינען זיי ביידע אַרויסגעפאָרן אַרבעטן אין אַ גרויסן געזעלשאַפטלעכן זומער־קעמפּ, וואו עס געפינען זיך שטענדיק ביז עטלעכע הונדערט געסט. ער — אַלס אויפפּאַסער איבער דער ביבליאָטעק און אָנפירער פון די ליטעראַרישע נאָכמיטאָגס, און זי — אַלס געוויינלעכע

אַרבעטערין ביי די עס־טישן. די אַרבעט אירע איז ניט געווען קיין לייכטע, עס האָט זיך געפאָדערט שעהן און שעהן פון שטיין אויף די פיס, אָבער דאָך איז עס איר ניט געפאַלן צו־שווער. עס האָט איר שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס ער האָט אַ מעגלעכקייט אַ זומער ניט צו אַרבעטן שווער, צו טאָן אַן אַרבעט, וואָס איז גיכער צוגעפּאַסט פאַר אים, און ער וועט אָנקלייבן פרישע כּוחות און פרישע איינדרוקן פאַר נייע שאַפונגען.

יעדע וואָך פלעגן זיך בייטן אין קעמפּ הונדערטער געסט. אַ סך פון די געסט זיינען געווען אַנטציקט פון זיין טאַלאַנט און געהאַט די העכסטע לויב פאַר זיין שאַפן. אין די זונטיקדיקע פּרימאַרגנס פלעגן אין דערבייאיקן וועלדל איינגעאָרדנט ווערן ליטעראַרישע פאַרלעזונגען, וואו סיי ער און סיי אַנדערע יונגע שרייבער פון צווישן די אָנגעקומענע געסט, פלעגן פאַרלייענען זייערע שאַפונגען. כּמעט אַלע מאָל פלעגן זיינע זאַכן אַמבעסטן געפעלן ווערן דעם עולם, אַזוי ביי זיינען זיי געווען, אַזוי פול מיט דראַמאַטישן און פאַרכאַפּנדיקן אינהאַלט. אסתר איז געווען איבערגליקלעך מיט זיין דערפאָלג און געפילט דערביי אין האַרצן אַזאַ שטאָלץ און מונטערקייט, וואָס האָט אין איר אַריינגעגאָסן פרישע כּוחות און געמאַכט פאַר איר איר אַרבעט ווי אַ לייכטע שפּיל.

נאָר אָט האָט זי זיך באַקענט מיט איינער פון די געסט, וואָס איז געקומען אין קעמפּ צו פאַרברענגען דעם זומער־סעזאָן — אַ יונגע סימפּאַטישע פרוי, וועלכע מען האָט פאָרגעשטעלט פאַר איר ווי דאָס ווייב פון איינעם אַ יונגן דערפאָלגרייכן דיריגענט. אסתר האָט זיך נאָענט באַפריינדעט מיט איר. אינגיכן איז יענע געוואָרן איר בעסטע חברטע און צוזאַמען פלעגן זיי פאַרברענגען די פרייע צייט. יענע איז געווען אַ שטילע און צוריקגעהאַלטענע און האָט ווייניק גערעדט פון זיך. נאָר פון אַנדערע האָט אסתר געהערט, אַז דער מאַן אירער איז אין איר שטאַרק פאַרליבט און אַז זי לעבט בכלל זייער גליקלעך. אסתר איז געווען זייער צופרידן צו הערן אַזעלכעס וועגן איר נייער פריינדין. יענע פלעגט דערהאַלטן יעדן טאָג אַ בריוו, און פון דעם זעלביקן אויסערלעכן אויסזען פון די בריוו און פון דעם אופן ווי יענע פלעגט זיי אַלעמאָל עפענען און שטיל פאַר זיך לייענען, האָט אסתר פאַרשטאַנען, אַז די בריוו זיינען פון איר מאַן און אַז ער שרייבט איר יעדן טאָג. אסתר האָט געפילט אַ טיפע פריינדשאַפט צו איר חברטע און האָט דעריבער געפילט אויך אַ טיפע דאַנקבאַרקייט צו איר מאַן, וואָס ער שרייבט צו איר אַזוי אָפט.

אין גיכן איז יענערס מאַן אויך געקומען אין קעמפּ צו פאַרברענגען דאָ די לעצטע פאַר וואָכן פון זומער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פריינדלעכער און אינטערעסאַנטער צוזאַמענלעבן פון ביידע פאָרלעך. צוזאַמען פלעגט

מען שפּאַצירן איבער די אַרומיקע וועגלעך, צוזאַמען זינגען און צוזאַמען פֿאַרברענגען אין די אָוונטן. דער פֿריינדינס מאַן איז געווען אַ פֿריילעכער, אַ לעבעדיקער. ער האָט באמת שטאַרק ליב געהאַט זיין פֿרוי. מער ווי דאָס — ער האָט זי פּשוט פֿאַרגעטערט. מען האָט ניט געדאַרפֿט האָבן קיין שאַרף אויג צו באַמערקן דאָס, כאָטש אין זיין באַנעמונג צו איר איז קיינמאָל גאָרניט געווען אַזוינס, וואָס זאָל שרייען, אָדער רייסן די אויגן. פֿאַרקערט, ער איז שטענדיק געווען איינגעהאַלטן און רואיק. אָבער ווען ער האָט געקוקט אויף איר, האָבן זיינע אויגן ממש געלויכטן מיט פֿרייד, אַזוי, אַז יעדער איינער האָט דאָס געקאָנט באַמערקן. ביי זיין גאַנצער שפּילעוודיקייט פֿלעגט ער בלייבן ערנסט־שטיל יעדעס מאָל ווען זיין פֿרוי פֿלעגט נעמען אַ וואָרט אין אַ דיסקוסיע. און פֿון זיין פֿייערלעכער אָנגע־שטרענגטקייט האָט מען געקאָנט זען, וואָס פֿאַר אַ טיפֿע אַכטונג ער פֿילט צו יעדן וואָרט, וואָס קומט אַרויס פֿון איר מויל. די פֿריינדין האָט איר מאַן אויך זייער ליב געהאַט, כאָטש זי איז געווען נאָך צוריקגעהאַלטענער פֿון אים און האָט איר ליבע צו אים צווישן מענטשן ניט אַרויסגעוויזן. אָבער אסתר האָט דאָס באַמערקט אין איר צאַרטקייט צו אים, אין איר שמייכל און אין איר שטילן אויפֿלויכטן יעדעס מאָל, ווען זי האָט אים באַגעגנט.

צוערשט האָט אסתר געפֿילט אַ טיפֿע צופֿרידנקייט פֿון איר חברטעס גליק. די שיינע האַרמאָניע פֿון איר לעבן האָט איר אויסגעזען ווי אַ פֿיינע פּאָעטישע שאַפֿונג, פֿון וועלכער זי איז אַנטציקט געוואָרן. אָבער ביסלעכווייז האָט זי אָנגעהויבן פֿילן עפּעס אַ בענקשאַפֿט, אַן אומעט. זי האָט לכתחילה ניט געוווּסט געניו, פֿון וואָס עס קומט. זי האָט זיך אַפֿילו דערשראָקן צו דערוויסן זיך פֿון וואַנען דאָס קומט. זי האָט געטריבן די געדאַנקען פֿון זיך און באַמיט זיך ניט צו טראַכטן. אָבער איינמאָל, ווען איר חברטעס מאַן האָט זי באַזונדערס וואַרעם געצערטלט און פֿון זיינע אויגן האָט אַרויס־געשטראַלט די ליבע צו זיין פֿרוי, האָט אסתר פּלוצלונג דערפֿילט די פֿולע באַדייטונג פֿון דעם אומעט ביי זיך אין האַרצן. זי האָט פּלוצלונג דערפֿילט, ווי אַ דין ווענטל וואָלט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן איר און איר מאַן און ווי אַ שטילער פֿאַרדראָס, וואָס איז ערגעץ־וואו געלעגן באַהאַלטן און געדרעמלט, וואָלט זיך אַרויסגעריסן אויף דער אויבערפֿלאַך.

פֿאַר אירע אויגן האָבן זיך אַרויסגעשטעלט צוויי בילדער פֿון ביידנס לעבנס — אירס און איר חברטעס — און אין פֿאַרגלייך מיט יענערס, האָט איר אייגן לעבן איר אויסגעוויזן איצט אָרעם ניט נאָר אין מאַטעריעלע באַקוועמלעכקייטן, נאָר אויך אין וואַרעמקייט און אויפֿמערקזאַמקייט. צו־קוקנדיק זיך צו די פֿאַרשיידענע צערטלעכקייטן און אויסדריקן פֿון ליב־

שאַפּט, מיט וועלכע איר חברטעס מאַן רינגלט זי אַרום, האָט איר אייגן לעבן איר אויסגעקוקט בלאָס און קאַרג.

דאַכט זיך אַ קלייניקייט: יעדן טאָג כמעט פלעגט יענערס מאַן אויסזוכן אין דער קעמפּ־קאַנטין עפּעס אַן אָריגינעלע זאַך, דעם ווערט אַמאָל פון אַ נאַרישקייט, און ברענגען עס זיין פרוי אַ מתנה, אָדער מאַכן איר אַ וועלכן עס איז אַנדער סורפּריז. אסתּר פלעגט עס זען און אויפנעמען, דאַכט זיך, רואיק און גלייכגילטיק. אָבער טיף אין האַרצן פלעגט זי דערפילן אַ שטילן פּאַרדראַס, אַ לייכטן געפיל פון קנאה, וועלכן זי פלעגט זיך סטאַרען צו דערשטיקן אין זיך, ניט וועלנדיק זיך דערנידעריקן און דעם מאַן אירן באַליידיקן. עס זיינען קיינמאָל ניט געווען די זאַכן גופא, זייער ווערטפולקייט און נוצלעכקייט, וואָס האָבן ביי איר אַרויסגערופן די דאָזיקע געפילן, נאָר דאָס, וואָס איז געלעגן הינטער זיי — דאָס שטענדיקע באַטראַכטן, דאָס שטענדיקע אינזינען האָבן, די שטענדיקע וואַכזאַמקייט, וואָס איז ניט איבערגעריסן געוואָרן און וואָס האָט שטענדיק געזוכט נייע פאָרמען פון אויסדרוק.

אין איר לעבן האָט עס כמעט קיינמאָל ניט פּאַסירט.

זי האָט פּלוצלונג זיך דערפילט אַזוי דערשלאָגן און דערדריקט, אַז איר האָט זיך געוואָלט וויינען. זי האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן. אָנשטאָט דעם איז זי, ווי פון אַ שטאַרקן שטויס, אַריינגעלאָפן אין איר מאַנס צימער. ער איז געזעסן און געשריבן. זי איז צוגעפאַלן צו אים און אַרומנעמענדיק זיין האַלדז, האָט זי שטיל געפליסטערט:

— זאָג מיר, האָסט מיך ליב?...

— וואָס עפּעס פּלוצלונג? — האָט ער זי דערשראָקן אָנגעקוקט — וואָס עפּעס פּלוצלונג איז דיר איינגעפאַלן מיר גאָר די פראַגע צו שטעלן?

— אַזוי... איך וויל וויסן... — האָט זי אַזוי ווי זיך געבעטן ביי אים. — שוין לאַנג, אַז איך וויל דיך דאָס פרעגן, אָבער איצט האָב איך געמוטשט... זאָג מיר: האָסטו מיך ליב, ווי איך דיך?...

ער האָט אויף איר געקוקט מיט פאַרוואונדערטע אויגן און ווייך געזאָגט:

— אַוודאי האָב איך דיך ליב, וואָס דען? וואָס פאַר אַ פראַגע איז דאָס גאָר?...

ער האָט זי צאַרט אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און געזאָגט:

— גיי, אסתּרקע, איך וועל באַלד פאַרטיק ווערן מיט מיין אַרבעט, וועל איך אַרויס צו דיר... וואָס איז דיר פּלוצלונג איינגעפאַלן אַזאַ פראַגע?...

אסתּר איז אַרויס און געפילט זיך אַ ביסל באַרואיקט. זי האָט געוואָלט אָנהויבן לאַכן פון איר אייגענער נאַרישקייט. זי האָט אָבער געוואוסט, אַז דער פריערדיקער געפיל איז נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעוועפּט...

די נייע דערפאַרונג

שלמה ציווין איז אַ יידישער שרייבער. זיינע דערציילונגען און סקיצן דערשיינען פון צייט צו צייט אין צייטונגען און זשורנאַלן.

אין פלוג וואָלט אַזאַ מענטש געדאַרפט זיין צופרידן מיט זיך: כבוד און אָנזען ביי לייטן און אינערלעכע באַפרידיקונג פון דער אייגענער אַרבעט. ציווין איז עס אָבער ניט. פאַרקערט, אַ שטענדיקע אומצופרידנקייט דריקט זיין געמיט און מאַכט אים שטענדיק אויסזען אומעטיק, אַפילו אַביסל פאַרטרויערט.

מען וואָלט געקענט מיינען, אַז עס נעמט זיך אפשר פון דעם, וואָס ציווין איז ניט גענוג דערפאָלגרייך מיט זיין שרייבן. איז עס אָבער ניט אַזוי. אויב דערפאָלג זאָל געמאָסטן ווערן מיט אַלגעמיינער אָפּשאַצונג און אָנערקענונג, האָט ער געהאַט פולע רעכט צו דענקען וועגן זיך, אַז ער איז זייער דערפאָלגרייך. נאָך יעדער דערציילונג זיינער פלעגט אים אויסקומען הערן גוטע אָפּרופן און אַ סך מאָל אַפילו שטאַרקע לויב. ניט איין מאָל האָט ער פון געטרייע לייענער געקראָגן צוגעשיקט בריוו מיט דאַנק־אויסדרוקן און לויב־אָנערקענונגען פאַר דער אָדער יענער דערציילונג, אָדער סקיצע. זיינע טעמעס זיינען שטענדיק געווען לייכטע, ניט קיין צו־איבערשפּיצטע, און דעריבער צוגענגלעכע צו דעם פשוטן צייטונגס־לייענער. אין דער פרי, ווען ער פלעגט אַראָפּגיין קויפן אַ צייטונג, אָדער אין אַ נאָכמיטאָג, ווען ער פלעגט אַמאָל נעמען אַ שפּאַציר, פלעגן באַקאַנטע פרויען אים אָפּשטעלן און מיט אַ פריינטלעכן שמייכל אָפּגעבן אַ צופרידענעם גרוס פון דער דערציילונג, וואָס איז מיט אַ טאָג, אָדער צוויי, פאַר דעם געווען געדרוקט. ציווינען האָבן שוין כמעט אַלע געקענט אין דער געגנט, און אַ סך מאָל פלעגט ער באַמערקן, ווי עמיצער ווייזט־אָן אויף אים פון דער זייט, שפּאַצירנדיק מיט אַ פריינט — פון אַן אַנדערער געגנט מסתם, וואָס האָט אים ניט געקענט.

אויך צווישן קאָלעגן־שרייבער האָט ציווין געקענט פאַרצייכענען געוויסע אָנערקענונג. כאָטש קיינער פון זיי האָט אויף אים ניט געקוקט, ווי אויף אַ גרויסן שרייבער — ער אַליין אויך ניט — האָט אָבער יעדערער געמוזט צוגעבן, אַז עפּעס באַזיצט ער. די ספּעציעלע טעמען, וואָס ער פלעגט אויסקלייבן, ווי אויך די לייכטקייט מיט וועלכער ער פלעגט זיי אַרויסברענגען, איז געווען עפּעס אייגנאַרטיקס. און דעריבער, ווען זיי האָבן אים באַגעגנט נאָכדעם ווי זיינע אַ דערציילונג איז אָפּגעדרוקט געוואָרן,

האָבן זײ כמעט שטענדיק געהאַט װאָס אָנגענעמעס צו באַמערקן אים.

אַפּילו דער צײַטונגס־רעדאַקטאָר, אַ שטאַרק־פּאַרנומענער מענטש, האָט שטענדיק אַרױסגעװיזן צו ציװיען אַ געװיסע מאָס פֿרײַנטלעכקײט. יעדעס מאָל, װען ציװין פֿלעגט אַרײַנקומען מיט אַ נײַער אַרבעט, װי פֿאַרנומען דער רעדאַקטאָר איז ניט געװען, פֿלעגט ער אים אױסשטרעקן די האַנט און בעטן זיצן. באַזונדערס האָט אױף ציװיען געמאַכט אַן אײַנדרוק, װען ער האָט אײנמאָל, צוליב אַ געװיסער אורזאַך, ניט באַװיזן זיך אין דער צײַטונג פֿאַר עטלעכע מאָנאַטן, און ער האָט פֿון רעדאַקטאָר געקראָגן אַ בריװעלע מיט אַן אָנפֿראַגע, פֿאַרװאָס מען „זעט" אים עפּעס אַזױ לאַנג ניט. ציװין האָט זיך אַ צײַט אַרומגעטראָגן מיטן בריװעלע און איז שטאַרק שטאָלץ געװען דערמיט.

אַזױ, אַז אױך פֿון דער זײַט איז ציװינען שטאַרק געגאַנגען און עס האָט געקענט בלױז הײבן זײַן „איך" און זײַן װערדע אין די אײגענע אױגן.

אױב אָבער ציװין איז געװען אומצופֿרידן און איז אַ סך מאָל אומגע־גאַנגען מיט אַ געדריקטער שטימונג, איז עס געקומען גאָר פֿון אַן אַנדער קװאַל, פֿון אַזאַ צד, װאָס קײנער װאָלט זיך אױף דעם ניט געריכט: פֿון דער אײגענער פֿרױ...

בײַ איר, בײַ דער פֿרױ זײַנער, האָט ער קײן אָנערקענונג ניט געהאַט. עס האָט קײנמאָל ניט געטראָפֿן, אַז ער זאָל פֿאַר איר פֿאַרלײענען זײַנע אַ זאַך, און זי זאָל ניט האָבן װאָס אױסצוזעצן, געפֿינען עפּעס אַ פּגימה. עס האָט קײנמאָל ניט געטראָפֿן, אַז זי זאָל אים זאָגן, אַז דאָס מאָל איז זי צופֿרידן מיט זײַן אַרבעט. פֿאַרקערט, אײניקע מאָל האָט זי עס אינגאַנצן אַרונטערגעריסן.

און װאָלט ער אַזױ שטאַרק ניט געהאַלטן פֿון איר מבֿינות אױף ליטעראַטור, װאָלט עס אים אַזױ שטאַרק ניט פֿאַרדראָסן. װאָלט ער גע־טראַכט בײַ זיך, אַז זי באַנעמט עס ניט, װי עס באַדאַרף צו זײַן, אָדער פֿאַרשטײט עס ניט ריכטיק.

איז אָבער די צרה, װאָס ער קען דאָס װעגן זײַן װײַב ניט זאָגן. פֿאַרקערט, ער װײס, אַז זי פֿאַרשטײט שױן צו־גוט. צװישן אַלע פֿרױען פֿון זײַנע קאָלעגן איז זי די געבילדעטסטע און אינטעליגענטסטע. נאָך אַמאָל אין רוסלאַנד האָט זי געענדיקט גימנאַזיע און איז ניט נאָר אָנגעלײענט מיט דער רוסישער ליטעראַטור און די רוסישע קריטיקער, נאָר אױך מיט אַנדערע ליטעראַטורן. ביז הײַנטיקן טאָג נאָך אַפּילו הערט זי ניט אױף לײענען. יעדער אײנער פֿון זײַנע קאָלעגן און פֿרײַנט רעכנט זיך מיט איר און קוקט־אױס אױף אַ גוטער מײנונג פֿון איר פֿאַר זײַן אײגענער דערצײלונג אָדער ליד. דעריבער טאַקע טוט עס אים אַזױ װײ.

צווישן זיינע עטלעכע צענדליק קאָלעגן און באַקאַנטע שרייבער צײלט ציווין אַ פינף־זעקס נעענטערע, אינטימערע. צוזאַמען זיינען זיי אַן ענגע־רער קרייז, וואָס טרעפט זיך כמעט יעדן שבת אָונט, דאָ ביי איינעם, דאָ ביי אַ צווייטן. די פרויען זעען שוין, אַז אַ פיינער טיש זאָל געדעקט ווערן, און צווישן איין נאַשעריי און דער צווייטער לייענט ווער פאַר פון זיינע לעצטע שאַפונגען. אַמאָל זיינען עס לידער, אַמאָל אַ דערציילונג, און אַמאָל אַ קאַפּיטל פון אַ נייעם ראָמאַן. נאָכדעם אַנטוויקלט זיך אַ דיסקוסיע, און דער עולם זאָגט זיך אַרויס וועגן דעם געלייענטן.

אין דעם קרייז זיינען די אָונטן זייער באַליבט. דער עולם באַטראַכט זיי סיי ווי אַ לאַבאַראַטאָריע, וואו מען טוישט זיך אויס מיט מיינונגען און מען קען עפּעס לערנען פון אַ צווייטן, סיי ווי אַ מיטל צוזאַמען צו פאַרברענגען אַ גייסטרייכן אָונט.

ציווינען, נאַטירלעך, קומט אויך אויס אַ סך מאָל פאַרצולייענען. ער איז צופרידן אויסצוהערן באַמערקונגען וועגן בויטיקע אויסבעסערונגען, און אַ סך מאָל, ווען ער אָנערקענט עס נאָר, און עס האַנדלט זיך וועגן קלייניקייטן, פירט ער עס דורך באַלד אויפן אָרט. אָבער יעדעס מאָל, ווען עס קומט זיין פרוי אויס צו נעמען אַ וואָרט, וויס ער שוין פאָרויס, אַז קיין גוטס וועגן זיין אַרבעט וועט זי ניט האָבן צו זאָגן. זי וועט עס אַזוי צענעמען אויף שטיקלעך, אַז עס וועט פון דעם גאָרניט בלייבן. ניט אויף אויבערפלעכלעכע קלייניקייטן וועט זי אָנווייזן, וואָס עס איז לייכט צו פאַרריכטן, נאָר אויפן סאַמע תוך — כאָטש נעם צעוואָרף די געביידע און שטעל זיך בויען צוריק פונדאַסניי...

עס טרעפט אַ סך מאָל, אַז זי נעמט איר וואָרט נאָכדעם, ווי די אַנדערע האָבן זיך שוין אַרויסגעזאָגט, און גראַדע זיך גוט אַרויסגעזאָגט, אַפילו געלויבט עס. דער עולם, וועלכער רעכנט זיך שטאַרק מיט איר מיינונג, בלייבט נאָכדעם זיצן אַביסל פאַרשעמט פון דער איבערגעאײלטער מיינונג, וואָס מען האָט אַרויסגעזאָגט, און ציווין דערפילט דעמאָלט אין האַרצן, ווי עפּעס וואָלט געפּלאַצט דאָרט. עס פאַרדריסט אים: וואָס האָט ער גאָר געדאַרפט דאָס מאָל זי מיטנעמען? באַזונדערס טוט אים וויי, וואָס טיף אין האַרצן מוז ער אָנערקענען, אַז זי איז געווען גערעכט. וואָס אים פאַרדריסט אָבער, איז וואָס זי גייט צו אים אַלעמאָל צו מיט אַ צו גרויסער מאָס. ווען מען טוט אָן אַ צו גרויסן מלבוש, מוז עס הענגען... צו וואָס מעסט זי זיין שאַפן מיט הויך־ליטעראַטור? ווען מען זאָל אַזוי צו יעדן איינעם צוגיין, וואָלט מען געדאַרפט יעדן קלענערן שרייבער אַרונטעררייסן און וואַרטן, ביז עס וועט געבוירן ווערן דער גרויסער, דער געניאַלער, דער חד בדורו... אָבער דאָס, טראַכט ער, וואָלט געווען אַ שלעכטער צוגאַנג, וואָס

וואָלט געקענט בלויז שעדיקן דער ליטעראַטור און אפשר אויך אָפּשטעלן איר גאַנצן וואוקס.

ער געדענקט, אַלעמאָל האָט זי געהאַט אַזאַ צוגאַנג צו זיין שאַפן. ווען זיי האָבן זיך באַקאַנט — דאָס איז געווען נאָך מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק — האָט ער געשריבן בלויז לידער. פון דערציילונגען שרייבן האָט ער דעמאָלט גאָרניט געטראַכט. פלעגט ער קומען צו איר אַ פאַרליבטער, אַ צערויטלטער און ברענגען זיינע נייעסטע לידער, וועלכע, ער האָט גע־גלויבט, דאַרפן ביי איר אַרויסרופן ניט ווייניקער ענטוזיאַזם, ווי ביי אים אַליין. אים האָט זיך געדאַכט: וואָס קען זיין אַ שענערע אידיליע, ווי דער דיכטער, זיין מיידל, און דאָס ליד אינצווישן? אָבער זי פלעגט אויסהערן זיינע לידער, און מיט איר שטענדיקער רואיקייט אויפנעמען זיי, ווי ער וואָלט זיי איר וועמעס אַנדערש פון אַ ביכל אַרויסגעלייענט. מער ווי פריינטלעכע טאָלעראַנץ האָט ער אויף איר געזיכט ניט באַמערקט. קיין שום ענטוזיאַזם... ער פלעגט פילן, ווי עס טרייבט אים צייטנווייז פון זינען. עס איז אפשר געווען איינע פון די אורזאַכן, וואָס האָבן אים באַ־ווירקט אַריבערצוגיין פון דיכטונג צו פּראָזע.

עס איז געווען דעמאָלט אַ שווערער מאָמענט פאַר אים — אַ מאָמענט, ווי אים האָט זיך אויסגעדאַכט, פון ירידה. כאָטש ער האָט דאָס אויבנאויף ניט אויסגעדריקט, האָט ער אָבער ביי זיך אין האַרצן געפילט, אַז עס איז אַ קאַנצעסיע פון זיין זייט, אַ נאָכגעבן דער שטימונג, וואָס פרעסט אים יעדעס מאָל, ווען ער לייענט איר פאַר זיינע לידער, וואָס דאַרפן אַרויסרופן ביי איר פרייד און שטאָלץ מיט אים, — און זי בלייבט גאָר גלייכגילטיק...

ציווין האָט געוואוסט: פּראָזע שטייט אויף קיין האָר ניט נידעריקער פון דיכטונג. אים האָט זיך אָבער געדוכט, אַז ווען אַ שרייבער הויבט אָן מיט פּאָעזיע, דערגרייכט אַ היפּשע הויך און גייט שפּעטער אַריבער צו פּראָזע, איז עס אַ סימן פון ירידה, איז עס אַ באַווייז, אַז דער דיכטערי־שער פונק אין אים הויבט זיך אָן אויסלעשן און די דיכטערישע וויזיע הויבט אָן בלאַס ווערן...

אַזוי האָט ציווין געקוקט אויף זיך דעמאָלט, געפילט, ווי עפּעס הויבט זיך אָן אָפּטאָן פון אים, אויסוועפּן. שוין דעמאָלט האָט דער אומעט זיך אויסגעלייגט אויף זיין פּנים און דער טרויער האָט זיך איינגעגעסן אין זיינע אויגן. אָבער ווענדנדיק זיך צו פּראָזע, האָט ער געהאָפט, אַז דאָ וועט ער זיך אויף אַ נייער באַרזשע, וואָס וועט אים טראָגן איבער נייע וואַסערן צו נייע ברעגן. דער רעזולטאַט איז געווען אַן ערגערער. אויב פריער האָט זיין פרוי זיך באַצויגן צו זיינע לידער מיט גלייכגילט, באַציט זי זיך

איצטער צו זיין פּראָזע מיט שאַרפער קריטיק. דער איינדרוק אויף אים איז נאָך אַ שווערערער.

ציווין פילט זיך שטאַרק באַליידיקט. אַן אייגענע פרוי, טראַכט ער, וואָלט אַזוי ניט געדאַרפט האַנדלען, אַפילו ווען זי איז באַרעכטיקט דערצו אַלס פרייער מענטש און ערלעכער קריטיקער. אַרונטעררייסן זיין פּרעס־טיזש, דאָס מיינט דערנידעריקן אים, אַרויסרופן ביי אים אַ געפיל פון ביטערקייט קעגן זיך. ער זעט עס ניט ביי די אַנדערע פרויען פון זיינע קאָלעגן.

ציווין באַשליסט, ער מוז איר ווייזן. איינמאָל פאַר אַלעמאָל מוז ער שאַפן אַ דערציילונג, וואָס אַפילו זי זאָל ניט האָבן וואָס אויסצוזעצן קעגן דעם, וואָס אַפילו זי זאָל עס מוזן אָנערקענען. עס איז אים שוין ניט געגאַנגען אַזויפיל אין שאַפן אַ זאַך, וואָס זאָל אים מיטאַמאָל אַרויסהויבן, אַוועקשטעלן פלוצלונג אויף אַ מער אָנגעזעענער הויך, ווי „דערזען אַן איר נקמה״, זיצן און קוקן איר אין די אויגן, ווי זי זוכט ערגעץ אַ שפּאַלט, אַן עפענונג, וואו זי זאָל זיך קאָנען ערגעץ אַריינרייסן און מוז סוף כל סוף צוריקפאַלן — צוגעבן, אַז דאָס מאָל האָט ער געשאַפן אַ באמת־ווערטפולע זאַך. כאָטש אַביסל צו שפּעט, אָבער אפשר וועט דאָס ווערן אַ ווענד־פּונקט אין זיין גאַנצער שטימונג, אַרויסהויבן אים פון זיין אינערלעכער דערשלאָגנקייט און אַרויפהויבן אים אויף נייע פליגל צו נייע הויכן...

אויפגעמונטערט פון דער אייגענער שטימונג, האָט ער זיך געזעצט שרייבן. ער האָט אויסגעקליבן אַ טעמע, וואָס אים האָט זיך געדאַכט איז ווייניק באַרירט געוואָרן און איז צוליב דעם אַליין שוין געווען אַ דאַנק־באַרער באָדן צו באַאַרבעטן. ער האָט זיך גענומען צו דער טעמע מיט פלייס און חשק. שפּעטער נאָכאַנאַנד האָט ער געקענט אָפּשרייבן און ניט מיד ווערן. אַ נייער אימפּעט האָט זיך אין אים אַריינגעזעצט, אַ נייער טעמפּ פון אַרבעט. ער האָט קיינעם פון זיין פּלאַן ניט דערציילט — זיין פרוי געוויס ניט — און געטאָן זיין אַרבעט שטיל, באַהאַלטן, זי זאָל קיין אַנונג ניט האָבן פון דעם, די איבערראַשונג זאָל שפּעטער זיין פאַר איר וואָס גרעסער.

ציווין האָט אַלעמאָל געפיילט זיינע אַרבעטן, געשריבן און איבערגע־שריבן. אָבער דאָס מאָל האָט ער עס געטאָן מיט באַזונדערער כוונה, געפיילט און געשליפן, דורכגעזיפּט יעדן זאַץ און אויסדרוק און געזען, אַז יעדעס וואָרט זאָל זיין אויף זיין געהעריקן פּלאַץ און אָפּשפּיגלען גענוי דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן.

ענדלעך איז די אַרבעט פאַרטיק געוואָרן. ציווין האָט עס אפשר צום

צענטן מאָל איבערגעלייענט און געבליבן שטאַרק צופרידן. עס האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ יום־טובדיקע געהויבענע שטימונג. ער איז אַרומגע־גאַנגען אַן אָנגעלאָדענער מיט פריידיקער דערוואַרטונג און גלייכצייטיק מיט אומגעדולדיקן ציטער. ער האָט זיך קוים געקענט דערוואַרטן דעם טאָג.

ענדלעך איז דאָס געקומען. ציווין איז געווען אויפגערעגט און צע־ברויזט. ער האָט אָנגעטאָן זיין שענסטן אָנצוג און איינגאַנצן געפילט זיך ווי אַ מחותן אויף אַ זייער געהויבענער חתונה. ער האָט זיך באַמיט צו באַהאַלטן די אינעווייניקסטע אויפרעגונג, אָבער אים איז דאָס שווער אָנגעקומען. יעדער איינער האָט עס געקענט באַמערקן, כאָטש קיינער האָט ניט געוואוסט די אורזאַך. צו דער פרוי איז ער געווען קעלטער ווי אַלעמאָל, כאָטש ער האָט זיך באַמיט צו בלייבן אויפמערקזאַם.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער סאַמע אַנטשיידנסטער מאָמענט. ציווין האָט אַרויסגענומען דעם העפט און גענומען לייענען. זיין שטימע האָט צוערשט אַביסל געציטערט, אָבער באַלד האָט זי אָנגענומען דעם נאָרמאַלן גאַנג. ער האָט געלייענט מיט פּאַטאָס, אַריינלייגנדיק אין יעדן וואָרט דעם גאַנצן אינהאַלט זיינעם, די גאַנצע אינטאָנאַציע. אַלץ האָט געזאָגט, אַז ער אַליין גיט צו דער דערציילונג אַ באַזונדער באַדייטונג. עס איז געווען ניט קיין קורצע דערציילונג, אָבער ציווין איז פאַרכאַפּט געווען מיט זיין לייענען און די בלעטלעך פון העפט האָבן זיך געקערט איינס נאָכן צווייטן.

ענדלעך איז דאָס אויך געווען פאַראיבער. די לעצטע זייטלעך האָבן געפירט צום קלימאַקס פון דער דערציילונג, און ציווין האָט עס געלייענט מיט אַ שנעלן טעמפּאָ און פאַרענדיקט אין אַ העכערן טאָן, ווי אַ מוזיקאַ־ליש שטיק, וואָס וואַקסט און וואַקסט ביז עס דערגרייכט דעם שפּיץ און רייסט זיך איבער.

דער עולם, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן צוגעשמידט צו די פּלעצער און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צום לייענען, האָט באַגלייט די לעצטע ווערטער פון ציווינס דערציילונג מיט אַן אויסברוך פון אַפּלאָדיס־מענטן. אינעם שטאַרקן אַפּלאָז זייערן האָט זיך געפילט ניט בלויז די אָנגענומענע העפלעכקייט, נאָר טאַקע אַ בפירושער אויסדרוק פון גוטהיי־סונג, פון הסכמה.

ציווין האָט אַ מידער און אַן אויסגעשעפּטער אַוועקגעלייגט דעם העפט און אָנגעשפּאַרט זיך אין ווענטל פון שטול. מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן האָט ער גענומען באַטראַכטן זיינע פריינט און דעם איינדרוק, וואָס די דערציילונג האָט געמאַכט אויף זיי. ער האָט לאַנג ניט געדאַרפט זוכן: זיי האָבן אים אַלע אָנגעקוקט מיט פריינטלעכקייט און איבערגעגעבנקייט,

און פון זייערע אויגן האָט אַרויסגעשיינט פרייד און דאַנקבאַרקייט. ער האָט זיך דערפילט זיכער מיט זיי.

ער האָט איצט געוועדעט די אויגן צו דער פרוי. וואָס איז איר איינדרוק? איז זי נאָך אַלץ איינגעשפּאַרט מיט איר ביטולדיקער מיינונג איבער אים, אָדער די נייע דערציילונג האָט זי אַביסל אויפגערודערט און אָנגערעגט, ווי די אַנדערע דאָ?

ער איז גאָר איבערראַשט געוועזן פון דעם, וואָס ער האָט דערזען. גאָר אַן אַנדער מענטש האָט ער איצט געטראָפן. איר פּנים האָט געלויכטן מיט פרייד און די אויגן האָבן געשיינט מיט גוטסקייט. ער האָט זי נאָך קיינמאָל אַזאַ ניט געזען. זי איז, קענטיק, געוועזן אַליין איבערראַשט פון אומדערוואַרטקייט און היפּשלעך פאַרלוירן. מיט אומאַנטשלאָסענע טריט און אַ ביסל פאַרשעמט, ווי אַ יונג מיידל, איז זי צוגעגאַנגען צו אים, אַרומגענומען אים און אַ קוש געטאָן. ער האָט זיך פאַרלוירן און שטאַרק צערויטלט זיך...

ווי וועלנדיק זיך פאַרענטפערן פאַר דעם, וואָס זי האָט נאָר וואָס געטאָן, האָט זי זיך אָנגערופן:

— דאָס מאָל, שלמה, האָסטו זיך ווירקלעך איבערטראָפן. עס ווייזט, אַז טאַלאַנט קאָן אַמאָל אַ לאַנגע צייט שלאָפן, ביז ער רייסט זיך סוף־כל־סוף אַרויס. איך גראַטוליר דיך מיט דיין נייער שאַפונג. עס איז ווירקלעך אַ שטיק פיינע קונסט...

ציוון האָט זיינע אייגענע אויערן ניט געגלויבט. דער גאַנצער עולם האָט הויך אַפּלאָדירט אירע ווערטער, ווי געפינענדיק אין זייער קורצקייט דעם אויסדרוק פון זייער אייגענער אָפּשאַצונג.

ציוון איז געזעסן אַ גליקלעכער אויף זיין פּלאַץ. פאַרביי זיין אויער זיינען דורכגעפלויגן די ווערטער פון לויב, וואָס זיינע קאָלעגן האָבן געשאָטן אויף אים אין דער דיסקוסיע, וואָס האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט. ער האָט זיך וויניק צוגעהערט צו זיי. ער איז איצטער אינגאַנצן געווען פאַרכאַפּט פון דער נייער איבערלעבונג, פון דער נייער דערפאַרונג, וואָס ער האָט באַקומען אין לעבן: די אָנערקענונג מצד דער אייגענער פרוי...

יונגע ליבע

שלמהלע און חנהלע האָבן זיך, קען מען זאָגן, אויפגעהאָדעוועט אין קעמפּ „יונגוואַלד", וואָס ביי דער קאָלאָניע „גרינע פעלדער". פון זינט זיי זיינען אַלט געווען אַ יאָר 7—8 פאָרן זייערע עלטערן יעדן יאָר אַרויס מיט זיי אַהין. די קינדער האָבן זייער ליב דעם קעמפּ, וואו זיי קענען אי געניסן פון אַלע אַקטיוויטעטן פונעם קעמפּ־לעבן, אי גלייכצייטיק זיין פריי פון דער דיסציפּלין פונעם קאָנסעלאָר צו גיין פּונקט צו דער מינוט שלאָפן, דאָס טאָן און דאָס ניט טאָן. קעמפּ „יונגוואַלד" איז אַ בייטאָגעדיקער קעמפּ, וואו די קינדער פאַרברענגען מיט די קאָנסעלאָרס בלויז אַ 6 — 7 שעה אַ טאָג און דאָס איבעריקע זיינען זיי אונטערן רשות פון די עלטערן און זיינען פריי צו טאָן, וואָס זיי ווילן.

שוין אַ יאָר זעקס, אַז זיי פאָרן אַרויס אַהין און דערוואַרטן זיך קוים אויפן זומער, אַז זיי זאָלן זיך קענען צוריק טרעפן מיט די פאַראַיאָריקע פריינט און קאָנסעלאָרס און קענען פאַרזעצן דאָס פאַראַיאָריקע לעבן פון פרייד, שפּיל און פאַרגעניגן.

נאָר אַט האָבן שלמהלע און חנהלע זיך דערפילט שוין ניט מער אַלס קינדער, נאָר אַלס דערוואַקסענע, מיט אַן אייגענעם פרייען ווילן און מיט אַן אייגענעם פאַרלאַנג דורכצופירן די אייגענע וואונטשן. עס איז געווען, ווען זיי זיינען אַרויסגעוואַקסן פון צו זיין מער קעמפּ־קינדער, נאָר זיינען באַשטימט געוואָרן צו זיין אַליין קאָנסעלאָרס: שלמהלע צו זיין דער ספּאָרט־קאָנסעלאָר, צו לערנען די קינדער שפּילן באָל, טעניס און שווימען, און חנהלע — צו זיין דער דראַמאַטישער קאָנסעלאָר און צו לערנען די קינדער טאַנצן. די נייע פליכטן, וואָס די קינדער האָבן אויף זיך גענומען, האָבן געמאַכט זיי אַליין אויסצוזאָגן ביי זיך אין די אויגן און אויסקוקן וויכטיקער. זיי האָבן מער ניט געקאָנט ליידן, ווען אַ סך עלטערן פון די קינדער, וואָס האָבן זיי געקענט פון קינדערווייז־אויף, און אַפילו זייערע אייגענע עלטערן האָבן זיי גערופן מיט זייערע אַמאָליקע נעמען: שלמהלע און חנהלע. דאָס האָט פאַר זיי איצט געקלונגען קינדעריש און אַרונטער־געזעצט זיי פון דעם פּרעסטיזש, וועלכן זיי האָבן איצט געצויגן פון זייערע נייע פּאָזיציעס. זיי האָבן געוואָלט מען זאָל זיי רופן סאָל און ען.

סאָל און ען, וועלכע זיינען פריער געווען בלויז פריינט, אַזוי ווי די צענדליקער אַנדערע אינגלעך און מיידלעך אין קעמפּ, האָבן פּלוצלונג באַמערקט איינע די אַנדערע. עס האָט זיי אָנגעהויבן צו ציען איינער צום

אַנדערן און עס איז זיי אנגענעם געווען צו באַגעגענען זיך און רעדן און אַוודאי, ווען איינעם איז אויסגעקומען צופעליק אָנצורירן דעם צווייטנס האַנט. עס איז פאַר זיי אַ נייע אַנטפּלעקונג געווען, עפּעס ווי אַ נייער חוש וואָלט זיי צוגעקומען. זיי האָבן אָנגעהויבן קוקן איינער אויפן אַנדערן מיט גאָר אַנדערע אויגן. סאַל האָט פּלוצלונג באַמערקט ענס שלאַנקקייט און בויגעוודיקייט און ווי גראַציעז זי טאַנצט און באַוועגט זיך, און ען האָט פּלוצלונג באַמערקט, ווי שיין סאַל שווימט און שפּילט טעניס און אויך ווי לייכט ער טאַנצט. ען האָט איצט געוואָלט טאַנצן בלויז מיט סאַלן און פאַר אַ פּאַרטנער אין טעניס האָט זי אויך אויסגעקליבן בלויז אים. עס איז אָבער געווען נאָך עפּעס, וואָס די קינדער האָבן באַמערקט איינע אין די אַנדערע. סאַל האָט באַמערקט די זיך אויספורעמענדיקע טיילן פון איר קערפּער און ען — די לייכט־שפּראָצנדיקע, קוים־באַמערקבאַרע הע־רעלעך איבער זיין אויבערשטער ליפּ. ביידע האָבן איצט ליב געהאַט צו באַגעגענען איינע די אַנדערע און אַ פייערל פלעגט זיך אָנצינדן אין ביידנס אויגן, ווען זיי פלעגן אָנהויבן רעדן איינער צום אַנדערן.

סאַל איז געווען אַביסל צעמישט פון די נייע געפילן און איז אומ־געגאַנגען אַזוי ווי פאַרחלומט. דאָס זעלבע וואָלט מען געקענט באַמערקן אויך אין ען, מער ניט, וואָס ביי איר האָט זיך עס אויסגעדריקט אַביסל אין אַן אַנדער אופן: אין וועלן טרעפן זיך מיט סאַלן וואָס אָפטער און אין זוכן אין זיינע אויגן יענעם באַהאַלטענעם פלעמל, וואָס נאָר זי אַליין האָט געקענט זען און וועלכער האָט זיך נאָכאַנאַנד געצויגן צו איר האַרצן.

נאָר אָט האָט סאַל דערפילט, אַז יענער מטושטשער, ניט קלאָרער געפיל אין האַרצן, וואָס האָט געהאַלטן אין אָנוואַקסן, איז פלוצלונג רייף געוואָרן. אים איז געוואָרן שווער דערפון, פיינלעך שווער. ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן דעם שווערן סוד, וואָס האָט געדריקט אויף אים. סאַל איז פון דער נאַטור געווען אַ שטילער און ערלעכער אינגל. אַ סך שווערע פּראָבלעמען פלעגט אים זיין מוטער העלפן לייזן. אָבער ווי קען ער קומען צו דער מוטער מיט דער פּראָבלעם?

ער האָט באַשלאָסן צו טיילן זיך מיט אים מיט ען.

ניט לאַנג טראַכטנדיק האָט ער עס אויך געטאָן. שבת אָוונט, טאַנצנדיק מיט איר אין קאַסינאָ, האָט ער איר שטיל און פאַרטרוילעך איינגערוימט: „ווילסט שפּעטער גיין צום טייכל?...״ זי האָט זיך עטוואָס פאַררויטלט, אַרויסגעלייענט פון זיינע אויגן וואָס עס דריקט אים, און אויך שטיל, קוים באַרירנדיק דאָס וואָרט מיט די ליפּן, געענטפערט: „גוט״...

איר איז אויך שווער געווען צו טראָגן איר סוד, און איר האָט זיך אויך געוואָלט פאַרלייכטערן די משא דורך אַנטפּלעקן אים פאַר סאַלן.

שפּעט אין דער נאַכט איז אין דער קאַסינאָ שטיל געוואָרן. די לאָמפּן זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן און די קאָלאָניע איז פאַרזונקען אין שטילקייט און אין שלאָף. סאַל און ען זיינען געגאַנגען מיטן וועג, וואָס האָט געפירט צום טייכל. עס איז געווען אַ ניט־געפלאַסטערטער וועג פול מיט שפּיציקע שטיינדלעך. סאַל האָט געהאַלטן ענס האַנט און זי האָט צוטרויליך נאָכ־געפאָלגט. זי איז זיכער געווען, אַז מיט אים קען זי ניט פאַלן און קען ניט געשטרויכלט ווערן. זיי זיינען געגאַנגען און געשוויגן, בלויז אָפּגעריסענע באַמערקונגען, ווי איבערלאָזנדיק די ווערטער אויף שפּעטער.

ענדלעך זיינען זיי צוגעקומען צום טייכל. דאָס וואַסער האָט אונטן שטיל געפלאָסן, לאַנגזאַם און מעטאָדיש, אָבער פול מיט בייניאַכטיקער געהיימניספולקייט. מיט עמעצן אַנדערש וואָלט זי אַהער איצט ניט געגאַנגען און אַוודאי ניט געבליבן שטיין דאָ. מיט אים אָבער האָט זי געפילט ווי אַ מאָדנע רואיקייט און זיכערקייט. איר האָט ניט געאַרט דאָס אַליין זיין מיט אים אינמיטן וואַלד און דאָס אומאויפהערלעכע און סודותדיקע רוישן, וואָס האָט זיך געטראָגן סיי פונעם וואַלד און סיי פון דער נאַכט. אַן אויסגעשטערנטער הימל פון אויבן האָט העלער געמאַכט די טונקלקייט און לייכטער געמאַכט אויפן האַרצן.

זיי זיינען ביידע אַרויף אויפן בריקל, וואָס איז געווען איבערגעוואָרפן איבערן טייכל. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער פאַרענטשע און ער — לעבן איר.

זיי האָבן אַ ווײַלע געשוויגן.

— עס איז אַזוי שטיל דאָ און סודותדיק — האָט זי איבערגעשלאָגן דאָס שווייגן: — זאָג עפּעס, סאַל...

ער האָט אַ סעקונדע ניט געענטפערט.

— זאָג עפּעס, סאַל, איך בעט דיך...

— דו ווייסט, ען, אַז איך האָב דיך ליב?...

ער האָט אַרויסגערעדט די ווערטער פּלוצלונג, ווי שרעקנדיק זיך אַליין פאַר דעם קלאַנג זייערן.

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים אין דער פינצטער און ער האָט דערפילט, ווי איר האַנט טוליעט זיך וואַרעמער אין זיינער.

— דו ווייסט?... — האָט ער נאָכאַמאָל שוין דרייסטער איבערגע־פרעגט.

— יאָ, איך ווייס...

— פון וואַנען ווייסטו עס?...

— איך פיל עס... איך פיל עס שוין לאַנג אין דיר...

— טאַקע?...

— יע, סאַל...

— און דו, ען?

— זאָג, וואָס פילסטו אין מיר, סאַל?...

— איך פיל אויך דאָס זעלבע אין דיר... מאַך איך ניט קיין טעות?...

— ניין, סאַל.

זי האָט אַרויפגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל און ער האָט איינגעגראָבן זיין קאָפּ אין אירע געדיכטע האָר.

זיי זיינען אַ היפּשע ווילע געשטאַנען אַזוי אין דער פּאָזיציע.

זי האָט זיך די ערשטע אויפגעכאַפּט און, נעמענדיק אים פאַרן האַנט, ווייך געזאָגט:

— עס איז שפּעט, סאַל, מיר מוזן גיין אַהיים...

ער האָט זיך ניט גערירט.

די שטילקייט פון דער נאַכט איז געוואָרן טיפער און דער סודותדיקער גערויש — איינגעהאַלטענער, פאַרטייעטער.

נאַכט־פליגעלעך האָבן געצונדן זייער פאָספאָר, אויפפלאַקערנדיק יעדע סעקונדע דאָ אין איין פלאַץ, דאָ אין אַ צווייטן.

זי האָט אים אַ צי געטאָן פאַרן האַנט און געזאָגט:

— דו זעסט, ווי שיין עס איז און ווי — שרעקלעך...

— פאַרוואָס שרעקלעך, טייערע?...

— אַזוי... מיר דאַכט, אַז די ליבע צינדט זיך און פאַרלעשט זיך — ווי די פייערלעך...

— זיי ניט קיין קינד, ען. די פייערלעך לעשן זיך קיינמאָל ניט אויס. די פליגעלעך האַלטן זיי בלויז באַהאַלטן, כדי זיי זאָלן אויפגליען אַ מינוט שפּעטער מיט אַ נייעם גלי...

זי האָט זיך, ווי אין מורא, צוגעטוליעט צו אים:

— סאַל, וועסט מיך אייביק ליב האָבן?...

— אייביק, ען, איך שווער...

זי האָט צוגעדריקט אירע ליפּן צו זיינע. דער שיין פון אַ דורכפאָרנדיקן אויטאָמאָביל האָט זיי פונאַנדערגעריסן.

זיי זיינען געגאַנגען צוריק שווייגנדיק, נאָר מיט אַ לייכטערן טראָט און שווינגענדיק די צוזאַמענגעשלאָסענע הענט, ווי איבערלאָזנדיק דאָרט ביים טייכל די שווערע לאַסט, וואָס האָט זיי פריער ביידן געדריקט...

אַ פאַרשטערטער זומער

צוואַנציק יאָר שוין זינט דער פּלאַץ איז פאַרבויט געוואָרן מיט זומער־באַנגעלאָס און קיין איינציקן מאָל נאָך האָט אַזוינס ניט געטראָפן. אָבער דעם מאָל האָט עס ענדלעך פּאַסירט.

עטלעכע צענדליק משפחות פלעגן יעדן זומער אַרויספאָרן אין דעם זומער־פּלאַץ. דער פּלאַץ איז געווען אַ שיינער מיט אַ סך באַקוועמלעכקייטן, מיט אַ טייכל צום באָדן זיך, מיט אַן אָרט פאַר די קינדער צום שפּילן און אויסלעבן זיך, מיט אָפּטע פאַרווייליונגען פאַר די דערוואַקסענע, — זיינען די איינוואוינער העריבער געווען שטאַרק פאַרליבט אין אים, און איז שוין איינער איינמאָל געקומען אַהין, איז אים נאָכדעם שווער געווען צופּאַסן פאַר זיך אַן אַנדער פּלאַץ, און ער פלעגט שוין יאָר נאָך יאָר קומען אַהער.

די איינוואוינער האָבן שוין גוט געקענט איינער דעם צווייטן, פלעגן זיך אַרומכאַפּן ביי דער ערשטער באַגעגעניש און פרייען זיך, וואָס מען טרעפט זיך ווידער געזונטערהייט. שפּעטער פלעגט מען שוין צעפאַלן אין באַזונדערע גרופּעס, יעדער לויט זיין געשמאַק און נייגונגען, און אָנהאַלטן נאָענטערע פאַרבינדונגען בלויז מיט דער אייגענער גרופּע.

פּונקט ווי אין שטאָט האָט מען אויך דאָ געזוכט די נאָענטקייט און פאַרבינדונג מיט מענטשן דערהויפּט פון אייגענעם גראַד און שטאַנד. מיט די אַנדערע האָט מען אָנגעהאַלטן גוט־שכנותדיקע קאָרעקטע באַציאונגען, באַגעגנט זיי מיט אַ „העלאָ" אָדער „גוט־מאָרגן", באַגלייט דערביי מיט אַ פריינטלעכן שמייכל.

דער פּלאַץ האָט פאַרמאָגט אַ הויכן טייל, אַ באַרגיקן, וואו עס זיינען געשטאַנען די בעסער־געבויטע טייערערע באַנגעלאָס, באַוואוינט הויפּט־זעכלעך פון פאַרמעגלעכן סוחרים־עלעמענט, און אַ נידעריקן, אַ ביליקערן, נאָענט צום קינדער־פּלאַץ און קאַנטין, וואו עס איז אַ גאַנצן טאָג געווען טומלדיק און פול מיט באַוועגונג — באַוואוינט פון אַרבעטער און ערגער־באַצאָלטע פּראָפעסיאָנאַלן. דעם באַלעבאָס פון פּלאַץ איז ניט אָנגעגאַנגען וועמען ער פאַרדינגט, אַבי יענער האָט אים געגעבן דעם געהעריקן פּרייז, באַצאָלט אין צייט און אויפגעפירט זיך אָנשטענדיק, איז ער שוין געווען צופרידן. בכלל האָט זיך דער באַלעבאָס באַמיט אָנצוהאַלטן אַ גלייכגעוויכט צווישן די געסט און זען, אַז קיין רייבערייען און צוויסטיקייטן זאָלן צווישן זיי ניט פאָרקומען.

געוויינלעך האָבן זיך די „באַרג"־מענטשן ניט געמישט צופיל מיטן

„טאָל", און איז מען זיך צוזאַמענגעקומען צו אַ פאַרווײַלונג, וואָס דער באַלעבאָס האָט פון צייט צו צייט אײַנגעאָרדנט, האָבן די „בארג־מענטשן" פאַרנומען דעם אויבן־אָן און ברייט זיך אויסגעשפּרייט, ווי זיי וואָלטן געווען די מיוחסים און עס וואָלט זיי געקומט אַזוי, און די פון „טאָל" האָבן פאַר־נומען די נידעריקערע וויטערע פלעצער, אַראָפּצו. מען האָט אפשר אַביסל אונטערגעמורמלט, אָבער קיין וועזן האָט מען דערפון ניט געמאַכט: מען איז שוין געוואוינט געווען דערצו.

אין איין ווינקל אָבער אין דעם זומער־פּלאַץ איז ניט געווען קיין אונ־טערשייד צווישן איין טייל און דעם צווייטן, און ביידע האָבן זיך פריי אויס־געמישט: דאָס איז געווען אין קינדער־קעמפּ. דער קעמפּ איז געווען בלויז אַ בייטאָגיקער, דער אָפּצאָל פאַר דעם ניט קיין צו גרויסער, האָבן אַפילו די ניט־פאַרמעגלעכע עלעמענטן זיך געקענט אָנשטרענגען צו שיקן אַהין זייערע קינדער, און קיין איין קינד איז דעריבער ניט געווען, וואָס זאָל דעם קעמפּ ניט באַזוכן.

אין קעמפּ איז קיין אונטערשייד ניט געווען צווישן די קינדער. די לופט און דער שפּיל־פּלאַץ זײַנען אָפן און פריי פאַר אַלעמען, די אַקטיוויטעטן גלײַך פאַנאַנדערגעטיילט, און אין פרט פון פיאיגקייט און אויסצייכענונג האָבן די אָרעמע אַ סך מאָל געקענט איבערשטײַגן די רײַכערע.

נאָך מער ווי די עלטערן אפשר, פלעגן די קינדער יאָר־איין, יאָר־אויס קוים דערוואַרטן זיך דעם זומער און אַרײַנשטראָמען אין קעמפּ מיט טומל און פרייד.

אַזוי פלעגן זיך ביסלעכווייז גיין די יאָרן. די קינדער פלעגן אויסוואַקסן אין קעמפּ און אַרויסוואַקסן פון אים. אַ סך פלעגן נאָכדעם אַליין בלײַבן אַרבעטן אין קעמפּ — צוערשט אַלס געהילפן און שפּעטער אַלס פולע קאָונ־סעלאָרס — ביז מען פלעגט אויך פון דעם אַרויסוואַקסן און אין איין זומער צוריקקומען אין פּלאַץ אויף אַ באַזוך, אָדער מיט אַ „פריינט", אָדער שוין חתונה געהאַט.

נאָר אַ מאָדנע זאַך איז געווען מיטן קעמפּ: דאַכט זיך, צוזאַמען זיך געהאָדעוועט, צוזאַמען אויסגעוואַקסן, נאָר ס'האָט ניט פּאַסירט, אַז אַ בחור אָדער אַ מיידל זאָלן זיך צוקלײַבן זייער פּאָר פון צווישן די געוועזענע חברים, פון צווישן די יונגע מיטוואוינער פון דעם פּלאַץ.

אַ סך עלטערן האָבן זיך געוואונדערט, ניט געוואוסט ווי אַזוי דאָס צו דערקלערן. אַז ס'האָט זיך אַמאָל יאָ עפּעס פאַרוויקלט צווישן די יונגע קינ־דער, האָט עס אָנגעהאַלטן ניט זייער לאַנג: בלויז איבערן זומער...

נאָר איין מאָל האָט יאָ עפּעס פּאַסירט, שוין גאָר די לעצטע זומערן.

און פֿאַסירט האָט עס דווקא צווישן אַ נישט־גלייכער פּאָר: צווישן אַ „באַר־גיקן" און אַ „טאַליקער"...

דער באַרגיקער — איז געווען אַלען דימענטשטיין, און די טאַליקע — סעלמאַ רובין. צווישן ביידע האָט זיך פֿאַרבונדן אַן אויפֿריכטיקע ליבע.

אַלען האָט געשטאַמט פֿון אַ רייכער פֿאַמיליע. זיין פֿאָטער איז געווען אַ צירונג־סוחר און אויף איינער פֿון די הויפּט־גאַסן פֿון ניו־יאָרק האָט איבער אַ גרויסן געשעפֿט אַראָפּגעקוקט אַ ברייטע שילד מיט גאָלדענע אותיות: „דימענטשטיין און גאָלדפֿאַרב — צירונג־הענדלער".

אַלען איז געווען אַ שטילער פֿאַרטרוימטער אינגל, וואָס האָט ליב געהאַט צו לייענען אַ סך און דענקען. ער האָט זיך מיט גאָרנישט געפּאַסט פֿאַר דער פּראַקטישער קאַריערע, וואָס זיין פֿאָטער האָט פֿאַר אים געפּלאַ־נעוועט, — אַ ביזנעס־קאַריערע צוערשט אין דעם אייגענעם געשעפֿט און נאָכדעם נאָך העכער...

אַלען האָט ניט געהאַט קיין חוש פֿאַר ביזנעס, אָדער פֿאַר געלט מאַכן בכלל. אים איז גאָר געלעגן אין זינען דאָס לערנען זיך: ער האָט געוואָלט ווערן אַ דאָקטאָר. גאַנצענע טעג איז ער געווען פֿאַרנומען מיט זיינע שטודיען און אין זינען ניט געהאַט דעם פֿאָטערס פּלענער.

זומער איז ער געקומען אין קעמפּ, וואו ער איז אַמאָל אַליין געווען אַ קעמפּ־קינד, צו אַרבעטן אַלס קאַונסעלאָר. דער פֿאָטער האָט גראָדע גע־וואָלט, אַז ער זאָל אויסנוצן דעם זומער צו מאַכן אַ רייזע קיין איראָפּע, צו באַקאָנען זיך מיט נייע מענטשן און נייע לענדער, און אַגב אורחא מיטן צושטאַנד פֿון דער צירונג־אינדוסטריע אין יענע לענדער. אָבער אַלען האָט בעסער געוואָלט אַרבעטן דעם זומער. ער האָט געוואָלט פֿאַרדינען אויף זיינע קלענערע אויסגאַבן און פֿילן זיך דורך דעם מער זעלבסטשטענדיק און מער פֿריי.

אין דעם זעלבן קעמפּ מיט אים האָט געאַרבעט אַלס קאַונסעלאָרין סעלמאַ רובין. זי איז אויך געווען אַ געוועזענע קעמפּ־קינד. אין היפּוך צו אַלענען, האָט זי געאַרבעט, ווייל זי האָט זיך פּשוט גענויטיקט אין דעם. די עלטערן אירע, אַרבעטער, האָבן פֿון קינדווייז־אָן באַמיט זיך צו געבן איר אַ דערציאונג, מיט פּיאַנאָ און טאַנצן, קעמפּ און אַנדערע לוקסוסן, וואָס איז אייגנטלעך געווען ניט פֿאַר זייער קעשענע. די מוטער האָט דעריבער געמוזט אַרויסהעלפֿן דעם פֿאָטער און ווינציקסטנס עטלעכע מאָנאַטן דורכן יאָר אויך גיין אַרבעטן אין שאַפּ. איצט איז סעלמאַ געגאַנגען אין קאָלעדזש און די אויסגאַבן זיינען נאָכמער פֿאַרגרעסערט געוואָרן. זי האָט דעריבער געמוזט אַרבעטן זומער צו פֿאַרלייכטערן די עלטערן און אַרויסהעלפֿן זיך אַליין.

אַלען איז די גאַנצע צייט מיט איר צוזאַמען געגאַנגען אין קעמפּ, נאָר,

ווייזט אויס, ביז איצט זי ווי ניט באַמערקט. פּלוצלונג איז זיין אויג געפאַלן אויף איר. זי האָט זיך טאַקע היפּשלעך געענדערט: פון אַ קינד געוואָרן אַ דערוואַקסענע מיידל, אַ שוואַרץ־חנעוודיקע, אַ שיינע, אַן ערנסטע און אַ ליבהאָבערין פון ביכער, פּונקט ווי ער.

ער אַליין האָט זיך אויך געענדערט: פון אַ אינגל געוואָרן אַ בחור מיט אַן אָנגענעמען סימפּאַטישן פּנים, מיט אַ פאַרטרוימטן בליק אין די אויגן.

ביסלעכווייז האָבן זיך ביידע קאָנסעלאָרס דערנעענטערט און באַפריינדעט. אָפטער און אָפטער האָט מען אָנגעהויבן באַמערקן ביידן צוזאַמען, זען זיי האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, און טרעפן זיי אומגיין צוזאַמען ביז שפּעט אין דער נאַכט אויף די וועגן און שטעגן, וואָס האָבן געפירט פונעם זומער־פּלאַץ צו די אַרומיקע פאַרמס און קאָלאָניעס.

מען האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם אין דעם פּלאַץ, אָבער צו־ערנסט האָט עס קיינער ניט גענומען. ערשטנס האָבן שוין אַזעלכע זאַכן פּאַסירט ניט איינמאָל און שפּעטער זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. צווייטנס, האָט זיך די זאַך ניט געלייגט קיינעם אויפן שכל: דער „באָרג" מיטן „טאָל" — וואָס פאַר אַ פּאָר קלײדער?...

אָבער, ווייזט אויס, אַז דאָס מאָל האָבן די איינוואוינער געמאַכט אַ טעות. ווייל באַלד, ווי מען איז געקומען אין שטאָט, האָט סעלמאַ פאַרטרויט דער מוטער אַ סוד:

— דו ווייסט, מאַמע, אַלען האָט מיר געזאָגט, אַז ער מיינט עס ערנסט... ער וויל זיך מיט מיר ווייטער טרעפן און וויל אַפילו איך זאָל אים דערלויבן קומען צו אונדז אין שטוב...

ביי דער פרוי רובין האָבן זיך פאַררויטלט די באַקן פון אויפרעגונג. באַלד אָבער האָט זי זיך באַרואיקט און אָנגעהויבן באַנעמען די זאַך קילער און מיט מער ישוב הדעת. און אַז זי האָט עס זאַכלעך און ערנסט צעקייט, האָט זיך די גאַנצע פריערדיקע פרייד ביי איר אויסגעוועפּט.

אמת, אַלען אַליין איז ביז גאָר אַ פיינער בחור און זי וואָלט זיך ניט געוואונטשן קיין בעסערן פאַר איר טאָכטער. וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז ער איז צו גוט! וואָרעם ווי קומען זיי צו די דימענטשטיינס! זיי — פּשוטע אַרבעטער, און יענע — אַזעלכע נגידים... און נאָך וואָס פאַר אַ נגידים! האַלטן אין איין בלאָזן פון זיך... אַז די פרוי דימענטשטיק גייט דורך און זאָגט שוין עמעצן „העלאָו", אָדער „גוט־מאָרגן", איז עס ווי זי וואָלט יענעם אַ נדבה צוגעוואָרפן, אָדער ווער ווייסט וועלכע טובה געטאָן... מיט די רובינס ספּעציעל, זינט סעלמאַ האָט אָנגעהויבן אַרומגיין מיט זייער זון,

מיידן זיי בכלל אויס צו באַגעגענען זיך און קערן אָפּ דעם קאָפּ יעדעס מאָל, ווען מען איז געצוואונגען צו באַגעגענען זיך אויף אַ סטעזשקע, אָדער אין קאַנטין. איז גיי זיי זיך משדך מיט אַזעלכע!...

סעלמאַס מוטער האָט פֿיינט רייכע. זי האַלט זיי ניט פֿאַר קיין שלעכטע מענטשן, זי האַלט פֿון זיי בכלל ניט. זי האָט זיך צופֿיל אָנגעזען אין לעבן און צופֿיל געהאַט צו טאָן מיט זיי: מיט די אַלע באַסעס אין די שעפּער און לענדלאָרדס אין די דירות. ווען מען פֿרעגט ביי איר, וואָלט מען זיי בכלל ניט געדאַרפֿט האָבן אויף דער וועלט... אַמאָל האָט זי זיי געהאַסט און וואָלט ניט געוואָלט שטיין אין זייערע דלד אמות. נאָר דאָ, אין דעם פֿלאַץ, האָט זי זיך אויסגעלערנט אַלעמען טאָלערירן און באַהאַלטן די אינעווייניק־סטע געפֿילן...

און איצטער זאָל עס איר סעלמאַ דאַרפֿן אַריינפֿאַלן אין דער אַטמאָ־ספֿערע און אָטעמען מיט יענער פֿאַרפֿעסטעטער לופֿט?...

איר איז שווער געווען שלום צו מאַכן מיט דעם געדאַנק...

פֿונדעסטוועגן האָט זי זיך ניט געוואָלט מישן און זאָגן דער טאָכטער: ניין! זי האָט געוואוסט, וואָס פֿאַר אַן ערנסטע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט זי וואָלט אויף זיך מיט דעם גענומען און פֿילייכט שפּעטער זיך קיינמאָל ניט געקענט מוחל זיין. האָט זי בעסער פֿאַרשטיקט אין זיך אירע געפֿילן און שטימונגען און מוטערלעך געזאָגט:

— אויב דו דענקסט, אַז ער מיינט עס, קענסטו טאָן, ווי דו פֿאַרשטייסט. נאָר אײדער דו פֿאַרבינדסט זיך, זע אַליין, צי איז עס ערנסט אויך פֿון דיין זייט... דיין געפֿיל האָט דאָ אויך עפּעס צו זאָגן... עס איז ניט קיין שפּילעכל...

פֿון דעמאָלט אָן איז אַלען געוואָרן אַן אָפֿטער אַריינגייער צו די רובינס אין הויז. צוערשט אַביסל שעמעוודיק, בלויז אויף אַ ווײַלע, ביים קומען נאָך סעלמאַן און ביים אָפּפֿירן זי. נאָר וואָס ווײַטער האָט ער זיך אָנגעהויבן פֿאַרהאַלטן אַלץ לענגער, ביז ער האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן היימיש מיט די שטוביקע און די שטוביקע מיט אים. אינגיכן האָבן זיי אים אָנגעהויבן איינלאַדן אויף מיטאָג, און פֿון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן אַ גאַנץ אָפֿטער גאַסט ביי די רובינס.

די רובינס האָבן ליב געקראָגן דעם אינגל און ניט געטראַכט מער פֿון זיין משפּחה. זיי האָבן אים באַטראַכט ווי אַן אייגענעם, אַ קינד...

גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער צוגעגאַנגען מיט דעם צווייטן צד. דאָרט האָט זיך געטעשט און געקאָכט. ווען די דימענטשטיינס האָבן באַמערקט דעם זונס חברן זיך מיט דער אָרעמער מיידל, וואָס שטאַמט פֿון אַן אַרבע־

טער־הים, האָבן זיי זיך דערפילט שטאַרק שאָקירט און באַליידיקט: — ווי קומט ער צו אַזאַ?... וואָס פאַר אַ שייכות קען ער האָבן מיט איר?...

זיי האָבן עס באַטראַכט ווי אַ משוגעת פון זיין זייט און פאַר אַ גרויסן אומגליק.

זיי האָבן באַשלאָסן גלייך צו מאַכן אַ סוף דערצו, איידער עס ווערט שפּעט. די מוטער האָט פּשוט געזאָגט דעם זון:

— איך וויל ניט, דו זאָלסט גיין מיט איר, דו הערסט!... דו ביסט נאָך אַ אינגל און ווייסט ניט, וואָס דו טוסט...

דער שטענדיק שטילער און איינגעהאַלטענער אַלען האָט זיך דערפילט שטאַרק געטראָפן און באַליידיקט און, ניט ווי ער איז געוואוינט געווען צו ריידן מיט דער מוטער, איר שטרענג אָפּגעענטפערט:

— מאַ, דו קענסט מיר אין אַזעלכע זאַכן גאָרניט איינזאָגן... איך גיי מיט וועמען מיר געפעלט...

זי האָט שיר ניט געחלשט פון דאָפּלטער אויפרעגונג. און דער פאָטער, אַליין אויפגעבראַכט ביז גאָר, האָט, אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך יעדן אָנשטעל פון געלאַסנקייט און רואיקייט, זיך הויך צעשריען:

— אָט מיט יענע „קייקס” ווילסטו זיך דאָס פאַרבינדן, מיט יענע לאַפּאַצאַנעס? נישט אַנדערש?... ווייניק מיידלעך פעלן — שענערע, געבילדעטערע, פון פיינערע משפחות?...

— פאָ, רייד גאָרניט אויף סעלמאַן, — איז אַלען אויפגעשפּרונגען אַן אויפגעצאַרנטער — דו קענסט זי ניט און ווייסט זי ניט, און האָסט ניט קיין רעכט צו באַליידיקן זי... באַליידיק בעסער מיך, אויב דו מוזט דאָס טאָן, אָבער ניט זי...

— אַזוי?... האָט די מוטער סאַרקאַסטיש איבערגעקרימט: — ניט זי, ניט די פּרינצעסין...

— יאָ, ביי מיר איז זי אַ פּרינצעסין, אויב דו ווילסט... און סיי־ווי, וואָס זי זאָל ניט זיין, האָט זי אייך קיין שלעכטס ניט געטאָן...

די עלטערן האָבן דערפילט, אַז מיט בייזן וועלן זיי גאָרניט מאַכן, האָבן זיי באַשטימט דערווייל צורו לאָזן די זאַך. זיי האָבן געהאָפט, אַז עס וועט זיך אויספרעסן פון זיך אַליין. דאָס מיידל אַליין וועט אפשר איינזען די ניט גלייכקייט און אויפגעבן איר פּלאַן צו „פאַנגען” אַ רייכן זינדל...

אַ גאַנצן ווינטער איז די זאַך ווי געהאַנגען אין דער לופטן. ניט די עלטערן האָבן גערעדט וועגן דעם און ניט אַלען האָט געפונען פאַר נויטיק עפּעס וואָס צו זאָגן די עלטערן. זיי האָבן אַפילו באַמערקט, אַז באַשטימטע אָוונטן קומט ער שפּעט אַהיים און פעלט אַ סך מאָל אויס צו דינער, אָבער זאָגן מיט פולער זיכערקייט, אַז דאָס פירט ער זיך אַרום מיט „איר”, האָבן

זיי ניט געקענט. אַזוי איינגעגלויבט זיינען זיי געווען, אַז עס וואָלט געווען אַ שרעקלעכע זאַך, אַ משוגעת, אַ זעלבסטמאָרד מצד זייער זון, אַז זיי האָבן געהאַפֿט, אַז ער אַליין וועט עס איינזען און באַצייטנס זיך אַרויסדרייען פֿון דער „פֿאַסטקע", וואָס דאָס מיידל האָט פֿאַרלייגט פֿאַר אים...

אַז דער זומער איז געקומען, האָבן די עלטערן גענומען איינטענהן מיט אים, ער זאָל מער ניט פֿאָרן אין קעמפּ אַרבעטן; אַז זיי זיינען ווילִיק אים צו געבן וויפֿל געלט ער וויל, ער זאָל פֿאָרן וואוהין ער וויל: אין מעקסיקאָ אָדער בראַזיל, אין פֿראַנקרייך, איטאַליע, אָדער דער שווייץ. זיי האָבן גע־נומען איינטענהן מיט אים, אַז אַזאַ פֿאַרמעגלעכער אינגל ווי ער דאַרף ניט פֿאַרקויפֿן זיין וואַקאַציע פֿאַר אַ בישטיקע פֿאַר דאָלאַר... אַלץ אָבער איז געבליבן איינגעשפּאַרט און איז באַשטאַנען אויף זיינס.

דערווייל האָבן זיך די איינוואוינער פֿון דעם פּלאַץ גענומען צונויפֿפֿאָרן און פֿאַרנעמען זייערע שטענדיקע באַנגעלאָס. אויך די רובינס זיינען געקומען.

אַלץ איז איצט מער געווען אין דער רובין־באַנגעלאָ, ווי אין זיין איי־גענער. פֿאַר אַלעמען איז קלאָר געווען, אַז זיין פֿריינדשאַפֿט מיט סעלמאַן איז ניט קיין פֿאַראיבערגייענדיקע... דאָס מאָל איז עס געווען ניט בלויז אַ זומער־שפּיל.

וואָס אין דער דימענטשטיין־באַנגעלאָ האָט זיך אָפּגעטאָן, איז קיינעם ניט באַוואוסט געווען. נאָר אַלע האָבן באַמערקט, אַז די פֿרוי דימענטשטיין האָט זיך אָנגעהויבן ווייזן זעלטענער צווישן מענטשן און גאָר זעלטן, כמעט גאָרניט, אין קאַנטין. איר פֿיגור איז אַזוי ווי קלענער געוואָרן און די שטאָלץ און גאווה פֿון די אויגן האָט זיך אויסגעלאָשן. אנשטאָט דעם האָט זיך אַ ביטערקייט באַוויזן אין איר בליק... דער זון, ווייזט אויס, האָט איר גוט אָנגעטראָטן...

אָבער קיינער אין „טאָל" האָט מיט איר קיין מיטלייד ניט געהאַט. פֿאַרקערט, אַ סך האָבן מיט באַהאַלטענער צופֿרידנקייט געוויצלט זיך:

— נאָך אַזאַ פֿאַרשטערטן זומער וועט זי שוין מסתם מער ניט קומען אַהער...

יונגוואַרג

דער וועג פון דער קאָלאָניע אין שטעטל האָט זיך געצויגן אַ גלאַטער, אַ שטילער, אַ שמאָלער און אַן אומעטיקער. פון ביידע זייטן איז געווען וואַלד: רעכטס — אַ טיפער, אַ געדיכטער, דורכגעשפּרענקלט וואו ניט וואו מיט גרינע לאָנקעס און קליינע פאַרמס, און לינקס — אַ שיטערער, אַ דורכזיכטיקער, דורך וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעזען אַ שמאָלער און פלאַכער טייך, באַזוימט לינקס מיט אַ קייט פון הויכע בערג.

כמעט שטענדיק איז דער וועג געווען שטיל און ווייניק באַטראָטן, סיי פון דורכפאָרנדיקע אָטאָמאָבילן, סיי פון שפּאַצירנדיקע פוסגייער. זייער ווייניק האָבן זיך באַנוצט מיט אים. אַ גאַנצע וואָך איז די קאָלאָניע געווען כמעט אַן אויסשליסלעך „ווייבערשע מלוכה" פון יונגע מוטערס, עלטערע באָבעס, און ביידע האָבן ניט געהאַט אָדער קיין מעגלעכקייט אָדער קיין פאַרלאַנג אויסצונוצן אים: די ערשטע — דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען פאַרנומען מיט די קליינע קינדער און קוים באַוויזן זיך אַרויסצוכאַפּן פאַרנאַכט אַ ווײַלע אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, און די צווייטע — ווייל מיט זיין שמאָלקייט און שלענגלען זיך אין וואַלד האָט ער זיי בכלל אָפּגעשראָקן. ניט איינמאָל פלעגן זיי האַלטן אין וואָרענען דאָס קליינוואַרג, און אַפילו די עלטערע, פאַר אַ שלאַנג, וואָס מען קען אָנטרעפן אויפן וועג און פאַר אַן אויטאָמאָביל, וואָס קען פּלוצלונג אָנקומען און חלילה וועמען איבערפאָרן. אַפילו די, וואָס האָבן שוין קיין קלענערע קינדער ניט געהאַט, און די עלטער האָט זיי אויך ניט געקענט שטערן אין דעם, זיינען ניט צו באַגייסטערט געווען צו כאַפּן אַ שפּאַציר דורכן וואַלד. סיי ווי האָט דער וועג אין ערגעץ ניט געפירט — צום שטעטל איז גאַנצע פיר מייל געווען! — און אַחוץ דעם באַפאַלט די נאַכט אין די בערג אַזוי פּלוצלונג, אַז איידער מען האָט נאָך צייט נאָך סאַפּער זיך אַרומצוקוקן, איז שוין די גאַנצע געגנט איינגעהילט אין פינצטערניש.

בלויז באַב און עליס האָבן אויסגענוצט דעם וועג אין דער פולער מאָס. פאַר זיי זיינען ניט די לענג זיינע און ניט די פינצטערניש ביינאַכט קיין מניעות ניט געווען. די פינצטערניש האָבן זיי דורכגעשניטן מיט זייערע יונגע געזונטע אויגן, און פאַר אַ נויטפאַל האָט דער אויפגלי פון אַ „פלעש-לייט" געוויזן זיי וואו אויסצומיידן אַ געפערלעכן אויסבויג. און די ווייטקייט אין שטעטל האָט זיך אויך פאַרלאָרן אין זייערע הויכע און דינע פיס, וואָס האָבן געקענט מאַכן ברייטע שפּרייזן, ווען מען האָט

געדאַרפט. איבעריקנס האָט זיי דאָס שטעטל גאָרניט אַזוי געצויגן און זיי פלעגן פאַרגיין אַהין בלויז זעלטן נאָך אַ סאָדע, אַן אייז־קרים, אָדער אַ מואווי. דער וועג אַליין איז געווען אינטערעסאַנט גענוג און באַהאַלטן אין זיך אַ סך מער איבערלעבונגען, ווי דאָס שטעטל האָט זיי געקענט געבן.

באָב און עליס זיינען געווען קאָנסעלאָרס אין דעם טאָג־קעמפּ, וואָס ביי דער קאָלאָניע. באָב איז געווען דער ספּאָרט־דירעקטאָר, געלערנט די קינדער שפּילן באָל, טעניס, שווימען און אַנדערע ספּאָרטן, און עליס האָט געדאַרפט אָנפירן מיטן זינגען און טאַנצן פון די קינדער, ווי אויך צוגרייטן מיט זיי דראַמאַטישע שפּילן.ביידע זיינען געקומען פון דער זעלבער שטאָט, אָבער פון פאַרשיידענע געגנטן, און האָבן זיך פריער קיינמאָל ניט געקענט. דאָ זיינען זיי געוואָרן נאָענט צווישן זיך. סיי צוליב דעם, ווייל זיי זיינען געווען די איינציקע יוגנטלעכע דאָ און סיי צוליב זייערע געמיינזאַמע פליכטן אין קעמפּ, צוליב וועלכע זיי האָבן געמוזט קומען אין טעגלעכער באַרירונג איינער מיטן צווייטן. יעדן פאַרנאַכט כמעט נאָך סאַפּער האָבן זיי זיך געדאַרפט טרעפן אָפּצוגעבן זיך אַ חשבון פון דער אַרבעט פון דעם פאַרגאַנגענעם טאָג און אויסאַר־בעטן צוזאַמען די פּלענער פאַרן קומענדיקן טאָג. נאָך אַזאַ קורצן מיטינג פלעגן זיי זעלטן צעגיין זיך באַזונדער. מערסטנס פלעגן זיי צוזאַמען אַוועק־שפּאַצירן מיטן וועג.

אין דער קאָלאָניע אין דער אָנוועזנהייט פון די מוטערס און די קינדער, האָט מען געדאַרפט האַלטן שטאַט. אָבער אַזוי שנעל, ווי מען איז אַרויס אין מיטן וועג און פאַרשוואונדן אין וואַלד, זיינען אַלע שטערונגען אָפּגעפאַלן. באָב און עליס פלעגן זיך נעמען פאַר די הענט און שפּילעוודיק שפּאַנען מיט שנעלע טריט. איינגיכן פלעגט די נאַכט אָנקומען און איינהילן זיי אין דער פינצטערניש, וועלכע האָט אין וואַלד אויסגעקוקט נאָך שטאַר־קער און געדיכטער. אָבער זיי האָבן פאַר איר זיך ניט געשראָקן. זיי האָבן שוין געקענט דעם וועג און געקענט יעדן בוים ביים זייט. איינער אַזאַ, אַן אַלטער דיקער בוים, האָט זיי געדינט פאַר אַ סטאַנציע. דאָ פלעגן זיי בלייבן שטיין. עס איז ניט געווען קיין אָפּגערעדטע זאַך, נאָר אינסטינקטיוו פלעגן זיי זיך אָפּשטעלן, ווי דאָס וואָלט געווען דאָס אָרט, צו וועלכן זיי זיינען לכתחילה געגאַנגען. אָנשפּאַרנדיק זיך אָן בוים, פלעגט באָב זי צוציען צו זיך, אַרומנעמען זי און אָנהויבן קושן. עליס פלעגט זיך ניט ווערן. באָב פלעגט קושן שטאַרק, זאַפטיק און לאַנג, ווי איינבייסנדיק זיך מיט געזונטע ציין אין אַ רייפן עפּל, ביז עליס פלעגט מיד ווערן און נעמען זיך בעטן:

— נו, באָב, לאָז אָפּ, איך בעט דיך. איך קען ניט מער...

באָב פלעגט זי אָפּלאָזן.

נאָכן קושן זיך פלעגט מען, ווי אָנגעזעטיקטע, אַוועק ווייטער. דער גאַנג איז געווען איצט פּאַמעלעכער און רואיקער.ביידע זיינען געווען מיד. אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן. ביסלעכווייז האָט זיך צוריק פאַרבונדן אַ שמועס. מען האָט גערעדט מערסטנס וועגן פריינט, דערציילט קאָמישע עפּיזאָדן וועגן זיי, דערציילט לייכטע פּאַסירונגען פון שטאָט, געהערטע און געלייענטע וויצן און גערעדט פון באַקאַנטע מאוויס, וואָס איינער אָדער ביידע האָבן געזען. אַ מאָל פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין שמועס אויך אַ בוך, וואָס ביידע אָדער איינער פון זיי האָט געלייענט, מערסטנס אַ פּאָפּולערער ראָמאַן, וואָס האָט פאַרהאַנדלט עפּעס אַ פּאַפּירענע פּראָבלעם. דער שמועס איז אַלע מאָל געווען לייכט, זומערדיק, ניט טיף און ווייניק אינטעלעקטועל.

נאָר אָט איז די שעה געוואָרן שפּעטער, דער טראָט און דער שמועס אָפּגעהאַקטער. ביסלעכווייז איז ער אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן. ביידע האָט געצויגן צו שווייגן. מען איז צוגעקומען צו אַ שטאָם פון אַ געפאַלענעם אָדער אָפּגעזעגטן בוים, וואָס איז געלעגן ביים וועג, און מיד זיך אַוועקגעזעצט. עליס שפּאַרט אָן איר קאָפּ אויף באָבס אַקסל. זי נעמט אים אַרום מיט אירע הענט. די מידקייט, די שטילקייט און די פינצטערניש צעגיסן אַ פוילקייט אין אירע אברים. זי בענקט איצט נאָך צערטלעכקייט, נאָך ווייכער באַרירונג און נאָך שטילע איינרוימענדיקע ווערטער — אָט אַזעלכע, ווי עס זינגט זיך אין די זיסע, לירישע לידלעך... אָבער באָבס געדאַנקען און שטימונג איז ערגעץ פאַרטיפט אין זיך און ער פייפט שטיל אויס אַ פּאָפּולערע מעלאָדיע. עליס דריקט זיך צו אים שטאַרקער...

גאָר שפּעט קערט מען זיך אום צוריק. ביידע מיד און אויסגעשעפּט פונעם שפּאַציר, פון דער נאַכט. אַ שלעפעריקע פירט באָב צו עליסן צו איר באַנגעלאָ און צעזעגנט זיך מיט איר.

בלויז זעלטן פלעגט זי איינפאַלן אַ געדאַנק צו גיין אין שטעטל. מיט שנעלע געמאָסטענע טריט פלעגט מען אין אַ שעה צייט דורכשפּרייזן דעם וואַלד און אַריינקומען אין שטעטל. די העל־באַלויכטענע און אָנגעפּילטע קענדי־סטאָר איז געווען אין פולן קאָנטראַסט צו דער שטילקייט און פינצטערניש פונעם וועג. עס זשומעט דאָרט מיט יונגוואַרג, אויך אַזעלכע בחורים און מיידלעך ווי זיי, קאָנסעלאָרס פון די אַרומיקע קעמפּס. אַלע לאַכן, וויצלען זיך און זופּן סאָדאַס דורך לאַנגע שטרויען. באָב און עליס שטייען אַ ווײַלע, הערן זיך צו, וואַרפן אַמאָל אַריין אַ פּאָר אייגענע ווערטער, טרינקען אויס זייערע סאָדאַס און, אויסקלייבנדיק אַ ביכל „פּאַנניס", גייען זיי צוריק אַ היים.

אָט אַזוי האָבן באַב און עליס געניצט דעם וועג דורך די זומערדיקע נעכט און דער וועג פון זיין זייט האָט זיי אויך געדינט געטריי באַלוינענדיק פאַר זייער אויפמערקזאַמקייט צו אים...

אַז דער זומער האָט זיך געהאַלטן ביים ענדיקן, איז עליס געוואָרן ערנסטער. אירע רייד זיינען געוואָרן געמאָסטענער און אויסגעצויגענער און די אויגן פאַרקלערטער. זי האָט אָנגעהויבן פאַרהאַלטן איר בליק אויף באַבן לענגער און דאָס קושן זיך — פון איר זייט — איז אויך געוואָרן צאַרטער און אינטימער. אויך דער סדר פונעם נאַכט־שפּאַציר האָט זיך אַביסל געענדערט: זי האָט איצט ליבער געהאַט צו זיצן איידער אַרומגיין און, אַוועקזעצנדיק זיך, פלעגט זי אַרומפלעכטן אירע הענט אַרום באַבס האַלדז און אָנשפאַרנדיק איר קאָפּ אויף זיין אַקסל, זיצן און שווייגן. אַמאָל, ווי געשטויסן פון אַ אינערווייניקסטן אימפּולס, פלעגט זי צובויגן איר פּנים צו זיינעם און אָפּזעצן אַ קוש אויף זיינע ליפּן. דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדער סאָרט קוש, ווי יענע ווילדע, ליידנשאַפטלעכע און הייסע, וואָס זיי פלעגן זיך געבן איינע די אַנדערע פריער — איצט איז עס געווען איינגעהאַלטענער, געטרייער און באַדייטנגספולער. ער האָט ניט ווילנדיק געמוזט ענטפערן מיטן זעלבן...

עס זיינען געקומען די לעצטע טעג פון זומער. דער קעמפּ האָט זיך געשלאָסן און די זומער־איינוואוינער האָבן זיך אָנגעהויבן ביסלעכוויז פונאַנדערצופאָרן. באַב און עליס האָבן צוזאַמען פאַרפּאַקט די קעמפּ־מכשירים און באַזונדער געפּאַקט די אייגענע זאַכן. עליס איז געווען אַנגעשטרענגט און אַזוי ווי אויף עפּעס געוואַרט. באַב איז געווען פאַר־זאָרגט און געטראַכט וועגן זיין קומענדיקן טערמין אין קאַלעדזש. בייטאָג האָט די זון געוואַרעמט ליבלעך, אָבער קיל, און די נאַכט איז צוגעפּאַלן פרי און מיט דורכדרינגענדיקער קאַלטקייט. מיטן אויסנאַם פון אַ פּאָר שעה אין מיטן טאָג איז אין דער קאָלאָניע געווען ניט אָנגענעם און אומ־היימלעך. עס האָט געצויגן אין שטאָט. דער וועג איז איצט געלעגן אַן איינזאַמער, אַ האַרבסטיקער, פאַרלאָזן אַפילו פון די געציילטע באַזוכער זיינע.

עס איז געווען דער לעצטער פאַרנאַכט. צומאָרגנס האָבן באַב און עליס געהאַלט אַוועקפאָרן. אַלץ איז שוין געווען פאַרפּאַקט. עליס איז געקומען צו באַבן אין באַנגעלאָ.

— וואָס, עליס, ביסט שוין אײַנגאַנצן גרייט?

— יאָ, און דו?

— איך אויך. דו זעסט דאָך... איך דאַרף מאָרגן בלויז נאָך פאַרפּאַקן דאָס קישעלע און קאָלדרע — און פאַרטיק...

— מיט וועמען פאָרסטו?

— מיט דער באַן... און דו?

— איך ווייס ניט... אפשר זאָל איך אויך פאָרן מיט דער באַן?...

— מיט וועמען האָסטו געזאָלט פאָרן?

— מיט דער קעמפ־פאָרזיצערין. זי האָט מיך איינגעלאַדן אין איר קאַר...

— די בעסטע זאַך... אַ סך בעסער, ווי שלעפּן זיך מיט דער באַן. הלוואי שלאָגט מיר עמעצער פאָר...

עליס איז געוואָרן אומעטיק.

— ווילסט גיין אַ ביסל אויפן וועג?

— איצטער?... עס איז אַזוי ניט אָנגענעם און איך האָב נאָך געוואָלט דאָ עפּעס פאַרענדיקן...

— וועסט שפּעטער ענדיקן... אַזוי פיל אויסגענוצט דעם וועג — און איצטער אַוועקפאָרן גאָר אָן אַ זיי־געזונט?... עס וואָלט געווען ניט שיין...

— אָל־רייט, עליס, קום...

זיי זיינען ביידע שטיל געגאַנגען. עליס האָט אים שטייף געהאַלטן אונטערן האַנט און געוואַרט, ער זאָל עפּעס זאָגן. ער האָט אָבער, ווי זי, געשוויגן.

ענדלעך האָט זי ניט אויסגעהאַלטן און די ערשטע געפרעגט:

— וואָס דענקסטו איצטער, באָב, צו טאָן אין שטאָט?

— וואָס איך דענק? ווייסט ניט? איך דאַרף זיך לערנען, כ'דאַרף גיין אין קאָלעדזש...

— און אויסער דעם?...

— וואָס קען זיין אויסערדעם? דער קאָלעדזש נעמט צו מיין גאַנצע צייט...

— גייסט גאָר קיינמאָל ניט אויס?

— זייער זעלטן... סיידן אַמאָל צו אַ בעסקעט־באָל גיים...

— און אַזוי גייסטו גאָר מער ערגעץ ניט?...

— כמעט...

עליס האָט זיך דערפילט קאַלט. אַ קאַלטע נאַכט איז צוגעפאַלן און פון באָבס ווערטער האָט אויך געווייט מיט קעלט. עליסן האָט פאַרדראָסן וואָס זי איז גאָר געגאַנגען.

זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דעם אַלטן בוים, אונטער וועלכן זיי זיינען אַזוי פיל מאָל געשטאַנען און געקושט זיך. זיי זיינען אים פאַר־בייגעגאַנגען אומבאַמערקט.

— קום צוריק באַב...

— יאָ, קום צוריק. עס איז אַזוי קאַלט און איך דאַרף נאָך עפּעס פאַרענדיקן...

זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק. עליס האָט אַרויסגענומען איר האַנט פון אונטער באַבס. ער האָט זי צוגעפירט צו איר באַנגעלאָ. אַלע איבעריקע אַרום זיינען שוין געווען פּוסט און פאַרלאָזן. בלויז אין אַ ווייטער באַנגעלאָ האָט נאָך געברענט אַ פייערל.

— זיי געזונט, עליס. איך וועל דיך שוין מסתּם מער ניט זען...

— זיי געזונט, באַב...

זי איז שנעל אַריינגעלאָפן אין באַנגעלאָ און אַ וואָרף געטאָן זיך אויף איר בעטל. אין האַלדז האָבן איר געשטיקט טרערן. זי האָט איינגעגראָבן דעם פּנים אין קישן און שטיל זיך צעוויינט...

דער שליסל

קיין זאַך האָט אַזוי ניט אויפגערודערט די ראַזוענס און אַזוי קלאָר ניט אויפגעדעקט פאַר זיי, ווי אָפּגעפרעמדט זייער איינציקער זון סימאַר איז געוואָרן פון זיי, ווי די מעשה מיטן שליסל.

אָנגעהויבן, אייגנטלעך, האָט זיך עס נאָך לאַנג פאַר דעם, טאַקע באַלד ווי ער האָט זיך באַפריינדעט מיט זיין מיידל. ער איז איינמאָל געקומען און פאַרטרויט דער מוטער, אַז ער האָט שוין אַ מיידל און וויל זי ברענגען אַהיים צו זיי צו באַקאַנען זיי מיט איר.

די עלטערן זיינען געוואָרן מלא שמחה. זייער הויפּט־וואונטש איז געווען צו דערלעבן נחת אין זייער איינציקן זון, און איצט, ווייזט אויס, איז געקומען דער מאָמענט דערצו. זיי זיינען נאָר געווען אַ ביסל אומרו־איק, צי האָט ער ניט געהאַנדלט אַ ביסל איבעראיילט, און עס האָט זיך זיי שוין וואָס שנעלער געוואָלט זען דאָס מיידל, צי איז זי טאַקע ווערט זייער זון.

די ראַזוענס האָבן שטאַרק געהאַלטן פון זייער זון. כאָטש נישט קיין פאַרמעגלעכע, אָבער אינטעליגענטע מענטשן, האָבן זיי זיך שטאַרק אָנ־געשטרענגט צו געבן זייער זון אַ גוטע דערציאונג. ער איז אויסגעוואַקסן אַ הויכער, אַ שיינער, אַ געענדיקטער קאַלעדזש, און זיי האָבן געגלויבט, אַז ער פאַרדינט אַ מיידל אויך מיט מעלות, וואָס זאָל ווערט זיין אַזאַ ווי ער.

ווען סימאַר האָט אָבער אַריינגעפירט זיין מיידל, איז זיי פינסטער גע־וואָרן אין די אויגן. ער — אַ הויכער, אַ שלאַנקער, ווי אַ שיינער יונגער בוים, און זי — אַ קליינינקע, אַ דאַריבקע, שיר ניט אַ העלפט די גרויס פון אים. בלויז אויגן האָט זי געהאַט גרויסע און שפילעוודיקע.

זיי זיינען אויף אַ מינוט צעטומלט געוואָרן, אָבער שנעל זיך באַהערשט און געזוכט צו פאַרשטעלן דעם שווערן איינדרוק, וואָס זי האָט געמאַכט אויף זיי. זיי האָבן זיך באַמיט די גאַנצע צייט צו זיין צו איר ניט נאָר העפלעך, נאָר אויך פריינטלעך.

ווען זי איז נאָך דינער אַוועק און סימאַר איז אַוועק מיט איר אָפּפירן זי אַהיים, אין אַן אַנדער טייל שטאָט, זיינען ביידע עלטערן, באַגלייטנדיק זי ביז דער טיר, געבליבן שטיין אָפּהענטיקע, פאַרלאָרענע, ווי מען וואָלט ביי זיי נאָר־וואָס אַ טייערע זאַך אויסגענאַרט.

אַ גאַנצע נאַכט נאָכדעם האָבן זיי ניט געקענט איינשלאָפן. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין ישובן, צי עס איז נאָך ניט צו־שפּעט, און אפשר וואָלטן

זיי געדאַרפט אויסאיבן זייער איינפלוס אויף אים, ער זאָל מיטן מיידל איבעררייסן, איידער עס ווערט צו־שפּעט.

פון דערפאַרונג האָבן זיי געוואוסט, אַז אַזעלכע זאַכן העלפן זייער זעלטן, און אַ סך מאָל פירט עס נאָך דערצו, אַז ניט נאָר די שנור ווערט אָפּגעפרעמדט און אַ דם שונא אויפן גאַנצן לעבן, נאָר אַפילו דער אייגענער זון פילט אויך אַ פאַרדראָס.

זיי האָבן באַשלאָסן אָנצוגיין זייער פּאַרזיכטיק.

ווען סימאָר האָט אויף מאָרגן פרי, דערפילנדיק פון דער מוטערס שוויגן און דערשמעקנדיק עטוואָס אָנגעשטרענגטעס אין הויז, ניט זיכער געפרעגט די מוטער: — נו, ווי געפעלט זי דיר? ... — האָט יענע ניט גאָר באַלד, נאָר ווי באַטראַכטנדיק זיך אַ ווײַלע, געענטפערט: — ווי, דענקסטו, דאַרף זי מיר געפעלן ווערן? ... האָסט שוין גאָרניט געקענט געפינען קיין שענערע, קיין העכערע? כאָטש בלויז מיט איין קאָפּ ניי־דעריקער פון דיר? ...

די מיינונג פון די עלטערן איז געווען קלאָר ...

סימאָר, זיינענדיק געפּלעפט פון דער מוטערס ענטפער, און דערפילנדיק זיך באַליידיקט פאַר דער מיידל זיינער, האָט שאַרף אָפּגעענטפערט:

— מענטשן מעסט מען ניט אויפן יאַרד — דאָס איז ניט קיין סחורה ...

ער האָט נאָכדעם מער ניט גערעדט אַ גאַנצן טאָג מיט די עלטערן, ביז ער איז אַרויס פון הויז.

בלייבנדיק אַליין, האָבן די עלטערן געפּרואווט טראַכטן און ברעכן זיך דעם קאָפּ: מיט וואָס אַזוינס קענען און דאַרפן זיי זי מעסטן, זיי זאָלן דערזען איר ווערטפולקייט, כאָטש עפּעס געפינען אין איר ... דאַכט זיך, אַ געוויינטלעכע, דורכשניטלעכע מיידל, וואָס ווייס נאָר, ווי צו חנדלען זיך און קאָקעטירן פאַר זייער זון ...

די עלטערן האָבן אים דעמאָלט מער גאָרניט געזאָגט, אָבער זיי האָבן געפילט, אַז עפּעס צווישן אים און זיי איז פאַרגעקומען און אַז אַ ריס צווישן זיי האָט זיך אָנגעהויבן.

סימאָר האָט זיין מיידל געבראַכט צו זיך ניט צו אָפט, און ווען זי פלעגט קומען, פלעגן זיי זיך פאַרשפּאַרן אין זיין צימער און אָפּזיצן דאָרט די גאַנצע צייט, ביז ער פלעגט זי דאַרפן אָפּפירן צוריק אַהיים. יעדעס מאָל כמעט פלעגט זי זיך אָפּזאָגן צו עסן ביי זיי, אויסער די באַשערייען, וואָס סימאָר פלעגט אַריינברענגען צו זיך אין צימער, און ער איז קיינמאָל ניט באַשטאַנען אויף דעם. די געציילטע מאָל, וואָס זי האָט יאָ געגעסן דינער ביי זיי, זיינען געווען ווי אַרויסגעצוואונגענע אויף אַלעמען: קיינער האָט זיך ניט געפילט פריי, נאַטירלעך, מיט אַ לעבהאַפטן שמועס ביים טיש.

די עלטערן, וויסנדיק פון דערפאַרונג, אַז די זאַך איז אָפּגעטאָן און פאַרפאַלן, האָבן געזוכט צוריקכאַפּן דאָס, וואָס זיי האָבן קאַליע געמאַכט, און באַמיט זיך צו זיין באַזונדערס העפלעך און פריינטלעך, אָבער עס האָט זיך שטענדיק געפילט אַ געוויסע אָנגעשטרענגטקייט און געמאַטערטקייט.

דאָס מיידל, וואָס האָט זיך אויך באַמיט צו זיין העפלעך, האָט אָבער, ווייזט אויס, קיין סך פון דעם ניט באַזעסן און במילא ניט געקאָנט פאַרשטעלן די גלייכגילטיקייט צו די פרעמדע צווי מענטשן, וואָס דורך אַ צופאַל וועלן זיי דאַרפן זיין אַ טייל פון איר נאָענטסטער משפחה. באַזונדערס האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן איר לייכטע שפּילעוודיקע קאָקעטישקייט צו זייער זון, וואָס האָט אַ סך מאָל אַפילו געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אינטימער נאָענטקייט און איבערגעגעבנקייט, און די איינגעהאַלטענע, ערנסטע, כמעט קאַלטע, באַציאונג צו זיי.

אָבער וואָס נעענטער עס איז געקומען צו דער חתונה, אַלץ ווייניקער איז אַפילו פון דעם געבליבן ביי איר. ווען אַ דירה פאַרן יונגן פּאָר איז געדונגען געוואָרן, מעבל שוין איינגעקויפט, אַ האָל פאַר דער חתונה באַ־שטעלט און איינלאַדונגען צו די געסט אַרויסגעשיקט, האָט זי זיי אויפגעהערט אַזוי ווי צו באַמערקן, אַפילו ביי זיי אין הויז, און אַ סך פון זייערע באַמער־קונגען זיינען אָפט געבליבן ווי ניט דערהערט.

די עלטערן האָבן דאָס געפילט און עס האָט זיי שטאַרק וויי געטאָן. זיכער ניט דאָס האָבן זיי דערוואַרט פון זייער איינציקן זונס מיידל, פון זייער צוקונפטיקער שנור. אָבער אַזוי ווי העלפן האָבן זיי סיי־ווי ניט געקענט, האָבן זיי זיך געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז זיי זיינען ניט די איינציקע: אַזעל־כע זאַכן האָבן שוין פּאַסירט... זיי האָבן זיך בלויז באַמיט צו האַנדלען לויט זייער פאַרשטאַנד: וואָס קעלטער זי איז צו זיי געוואָרן, אַלץ פריינט־לעכער זיינען זיי צו איר געוואָרן...

אין דעם טאָג פון דער חתונה, ווען אַלע זיינען שוין געווען אָנגעטאָן, גרייט צו פאַרלאָזן דאָס הויז, וואַרטנדיק בלויז אויף דער טעקסי, וואָס זאָל קומען זיי נעמען, האָט סימאַר, אַזוי ווי דערמאָנענדיק זיך אָן עפּעס, פּלוצלונג זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— איך האָב דיר פאַרגעסן, מאַמע, אָפּגעבן דעם שליסל פון הויז. איך וועט ער מסתמא צוניץ קומען, איך דאַרף אים מער ניט...

אָט די, דאַכט זיך, קליינִיקייט, וואָס איז נאָך דערצו געקומען אומגע־ריכט, האָט דערלאַנגט דער מוטער ווי איבערן קאָפּ.

— דאַרפסט אים מער ניט? — האָט זי אים שטאַרק אָנגעקוקט: — וואָס איז, קלייבסט זיך גאָר מער קיינמאָל ניט קומען אַהער?...

— יאָ, אָבער צו אָפט מסתם, וועל איך דאָך ניט קענען קומען. און

ווען איך וועל קומען, וועל איך אָנקלינגען... צו וואָס דאַרף איך זיך אַרומ־טראָגן מיט אים?...

די מוטער האָט געקוקט אויף אים און געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָדער פרעגן, אָבער אין האַרץ האָט איר פאַרדריקט און אין די אויגן האָבן זיך איר געשטעלט טרערן. סיי־ווי איז די שטימונג אירע דעם טאָג געווען אַ געבראָכענע: ניט דאָס האָט זי זיך פאַרגעשטעלט פאַר איר איינציקן זון... דאָס לעצטע איז געווען ווי אַ פאַרבייסונג...

דער זון, ווייזט אויס, דערפילנדיק דער מוטערס אַנטוישונג און באַ־לײדיקונג און באַמערקנדיק טרערן אין אירע אויגן, האָט געפּרואווט ווײ־כער מאַכן דעם איינדרוק:

— וואָס נעמסטו עס אַזוי ערנסט, מאַמע? ווייסטו ניט, אַז אַזוי פירט זיך?... ביז איצט האָב איך געוואוינט מיט אייך, און איצט גיי איך בויען מיין אייגענע היים... דאַרפסט זיין צופרידן און ניט וויינען...

די מוטער האָט געפילט אינגאַנצן אַנדערש. נאָר סיי־ווי האָט זי געזוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן איינצוהאַלטן זיך. אַז אַ מאַמע זאָל וויינען בשעת דעם איינציקן זונס חתונה איז נאַטירלעך, נאָר אַז זי זאָל קומען אַ פאַר־וויינטע פון דער היים — דאָס איז שוין ניט אַזוי נאַטירלעך, און וואָלט געקענט מאַכן אַ סך געסט צו וואונדערן זיך.

זי איז דעריבער נאָר אַריין צום מאַן, וועלכער האָט זיך בשעת מעשה געפונען אינעם צווייטן צימער, געגעבן אים דעם שליסל און געזאָגט:

— נאָ, לייג עס אַוועק — פאַר אַן אָנדענקונג...

דער פאָטער האָט עפּעס געוואָלט פרעגן, אָבער באַלד אַליין פאַר־שטאַנען, און צוגעמענדיק ביי איר דעם שליסל, אַריינגעלייגט אין שופלאָד פון קאָמאָד. זיין פּנים, וואָס איז אַזוי אויך געווען אָנגעכמורעט, איז גע־וואָרן נאָך שטרענגער און מער אָנגעצויגן.

ווען דער חתונה־מאַלצייט האָט זיך שפּעט געענדיקט און כמעט אַלע זיינען זיך שוין צעגאַנגען, זיינען די עלטערן צוגעגאַנגען זיך געזעגענען מיטן זון. עס איז געווען באַשטימט, אַז דאָס יונגע פּאָרל גייט נעכטיקן צו אירע עלטערן און מאָרגן, באַלד אין דער פרי, פאָרן זיי אַוועק אויף זייער „האָני־מון".

— וועסט נאָך אפשר אָפּרופן מאָרגן אין דער פרי פאַרן אָפּפאָרן?

— האָט די מוטער געפרעגט דעם זון.

— דו שפּאַסט?... — האָט ער, ווי מיט סאַרקאַזם געענטפערט: — צו וואָס?...

— נו, און פון דאָרטן וועסטו שרייבן? וואו איר זייט? ווי איר פילט?...

— ווייסט ניט, מאַמע, אַז אויף אַ האַני־מון וויל מען זיין ווייט פון אַלץ און אַלעם?... און צו וואָס? ווייסט דאָך, אַז מיר פאָרן אין די אַדיראָנדעקס, און אַז מיר וועלן קומען, וועלן מיר זיך מסתמא זען...

די מוטער האָט געטראַכט, אַז זי וואָלט מסתם אַנדערש געהאַנדלט, נאָר, וויזט אויס, אַזוי פירן זיך די יונגע. דער פאָטער האָט געשוויגן און איז בלויז געווען בייז אין האַרצן.

די גאַנצע צוויי וואָכן פונעם האָנימון האָבן די עלטערן גאָרניט געהערט פונעם יונגן פּאָר. ווען זיי האָבן זיך אָבער פּאָרט ניט געקענט איינהאַלטן און געפּרוּווט אָפּרופן אירע עלטערן, פּילייכט האָבן זיי עפּעס געהערט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יענע האָבן דורך דער צייט שוין אַ פּאָר מאָל געהאַט געררוסן פון די קינדער: די טאָכטער זייערע האָט זיי צוויי מאָל געשריבן. טאָקע בלויז קאַרטלעך, און אַ פּאָר ווערטער נאָך דערצו, אָבער בעסער ווי גאָרניט...

די מוטער איז געווען צופרידן, וואָס זיי הערן פונעם זון, כאָטש דורך אַ צווייטן...

ווען די קינדער זיינען געקומען צוריק פונעם האָנימון און זיך איינ־געאָרדנט אין דער אייגענער דירה אין דעם אַנדערן טייל שטאָט, ניט ווייט פון אירע עלטערן, זיינען די ראָזענס אוודאי געווען צופרידן. אונטער אַנדערע אומשטענדן וואָלטן זיי אפשר געקענט דערוואַרטן, אַז זייער איינ־ציקער זון, וועלכער איז די גאַנצע צייט געווען אַזוי צוגעבונדן צו זיי, איז איצטער, ווען ער וואוינט ווייט פון זיי, וועט אפשר זאָגן: — מאַמע, נאַ דיר אַ שליסל צו אונדזער אַפּאַרטמענט. טאָמער מאַכט זיך, אַז איר קומט אַמאָל און טרעפט אונדז ניט, זאָלט איר קענען אַריין און ניט דאַרפן פאָרן צוריק מיט גאָרנישט, אָדער שטיין אין דרויסן און וואַרטן...

איצטער האָט אַזאַ געדאַנק גאָרניט געקענט קומען אין קאָפּ די עלטערן. איצטער וואָלטן זיי געווען צופרידן, ווען זיי קענען בכלל אָפּט זען דעם זון. אָבער דאָס, וויזט אויס, איז אויך ניט געווען פון די גאָר גרינגע זאַכן. יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן אים אָפּגערופן און געוואָלט איינלאַדן צו קומען מיט דער יונגער ווייבל אויף דינער, זיינען יענע געווען פאַרנומען דאָ ביי איין משפחה אירער, דאָ ביי אַ צווייטער; דאָ ביי איין פריינדין אירער און דאָ ביי אַ צווייטער... אָפּרופן די עלטערן, ווידער, אַז יענע זאָלן קומען צו זיי, האָבן זיי זיך אויך ניט געכאַפּט. און אַזוי זיינען אַוועק וואָכן און די עלטערן זאָלן ניט האָבן געזען דעם זון זייערן. וועגן אַליין קומען צום זון אַמאָל אומדערוואַרטעטערהייט, האָט גאָרניט געקענט זיין קיין רייד. אַפילו ווען זיי וואָלטן יענע געטראָפן אין הויז, איז געווען די געפאַר, אַז זיי זאָלן זיי באַגעגענען מיט אַזאַ

פאַרוואונדערונג, וואָס זאָל זיך גרענעצן מיט דער אָנצוהערעניש, אַז אַזוי טוט מען ניט...

און אויסשטייך וועלכע עס איז באַליידיקונג, מעג זיין די סובטעלסטע, האָבן זיי געוואָלט אויסמיידן. זיי האָבן בעסער באַשלאָסן צו וואַרטן אויף אַן איינלאַדונג, מעג זיך עס ציען ווי לאַנג פאַר זיי. געווײנטלעך איז די איינלאַדונג געקומען ניט פאַר זיי אַליין, נאָר שטענדיק בשותפות מיט אירע עלטערן, אָדער מיט אַן אַנדער מיטגליד פון איר משפחה. די ראָזענס האָבן זיך עס אויסגעלערנט נעמען...

איר מוטער האָט, ווייזט אויס, יאָ געהאַט די פּריווילעגיע און אַריינ־געכאַפּט זיך צו דער טאָכטער, ווען איר האָט זיך נאָר געגלוסט. זי איז גראָדע געפעלן געוואָרן די ראָזענס מער ווי די טאָכטער. פאַר איר האָבן זיי קיין מורא ניט געהאַט אַמאָל אַרויסריידן אַ וואָרט, וואָס האָט זיי געדריקט אויפן האַרצן. איינמאָל האָט אַפילו יענע אַליין זיך אַראָפּ־גערעדט פון האַרצן:

— וואָס? כבוד וועט איר פון די היינטיקע קינדער דערוואַרטן? מען נעמט און מען קומט ניט אָנגעפרעגטערהייט... אדרבא, זאָלן זיי עפּעס זאָגן...

די פרוי ראָזען האָט געפילט, אַז אַ סך אמת איז פאַראַן אין דער מחותנתטעס רייד. דאָך וואָלט זי עס אַליין קיינמאָל ניט געטאָן: פאַרט איז יענע אַ מוטער און זי בלויז אַ שוויגער — און אין שטוב איז די שנור די באַלעבאָסטע...

נאָר סיי־ווי איז איר ניט אָנגעשטאַנען צו פילן זיך ווי אַן אָנגעוואָרפענער גאַסט און דאַרפן נאָך דערצו מורא האָבן פאַר אַ וואָרט אָדער באַמערקונג פון דער שנור, צי אַפילו פון דעם זון, וואָס זי זאָל קענען אויסטייטשן, ווי אַ באַליידיקונג פאַר זיך — ווען אפילו ניט קיין געמיינטע...

דער פאָטער האָט גאָר געזאָטן. ער האָט ניט געוואָלט הערשטיקן אין זיך דעם פאַרדראָס און עס לייכט אַראָפּשלינגען. עס האָט געברענט אין אים און געקאָכט:

— אויב ער וויל זיך גטן מיט טאַטע־מאַמען און מתחתן זיין זיך מיט דער ווייבס משפחה — געזונטערהייט... זאָל אים גאָט העלפן! עס טרעפט, אַז מענטשן שמדן זיך אַפילו צוליב אַ ווייב...

די מוטער האָט געפּרוּווט שטילן דעם פאָטערס כעס און פאַר אַלץ געפּרוּווט זוכן אַ תירוץ, וואָס זאָל לייכטער מאַכן דעם זונס שולד. טיף אין זיך אָבער האָט זי געפילט דאָס זעלבע, וואָס דער מאַן.

דערפאַר, ווען דאָס ערשטע קינד איז געבאָרן געוואָרן און די שנור, קומענדיק פון שפּיטאָל, האָט זיך געבויטיקט, אַז יעדע איינע פון די מוטערס,

ביטנדיק זיך, זאָל כמעט יעדן טאָג קומען אַרויסהעלפן, האָט מיסעס ראָזען זיך אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט דעם זון:

— אפשר וואָלסטו מיר געגעבן אַ שליסל צו דער טיר? איך וועל ביי דיר חלילה גאָרניט אַרויסנעמען... נאָר אַמאָל קאָן זיך מאַכן, אַז איך זאָל קומען און זי זאָל פּונקט זיין פאַרנומען מיטן קינד און ניט קענען אָפּ־טרעטן פון אים צו עפענען מיר. אָדער, שפּעטער אַ ביסל, קען זי גאָר זיין מיט אים אויף אַ שפּאַציר. וואָלט גוט געווען, איך זאָל קענען אַליין אַריינגיין — פאַרשטייסט זיך, אָנקלינגענדיק פריער...

דער זון, ניט דערוואַרטנדיק דער מוטערס פאַרלאַנג, איז געבליבן אַ מינוט ווי אין פאַרלעגנהייט. באַלד אָבער האָט ער זיך געכאַפּט און גע־פונען וואָס צו ענטפערן:

— איך וועל זאָגן פרענסיסן...

דער ענטפער אַליין האָט שוין דער מוטער אַ סך געזאָגט. און כאָטש עס האָט זי אַ ברען געטאָן, האָט זי זיך געמאַכט, ווי זי נעמט עס רואיק און באַציט זיך צו דעם גלייכגילטיק. סיי־ווי איז איר געווען טשיקאַווע צו הערן, וואָס די שנור וועט באַשטימען...

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען דער זון האָט זי אָפּגערופן און געבעטן צו קומען, האָט זי אים דערמאָנט:

— נו, וואָס האָט פרענסיס געזאָגט?...

זי האָט דערפילט דורכן טעלעפאָן, אַז דעם זון איז געוואָרן אַ ביסל ניט באַקוועם. ווי פאַרענטפערנדיק זיך, האָט ער געזאָגט:

— פרענסיס האָט געזאָגט, אַז איר מוטער האָט אויך ניט קיין שליסל... אין פאַל זי וועט ניט קענען עפענען אויף דער מינוט, וועסטו צוואַרטן אַ ווײַלע...

דער מוטער האָבן דעם זונס ווערטער, כאָטש זי האָט ניט דערוואַרט קיין בעסערן ענטפער, אַ שטאַרקן ברי געטאָן און דער פּאָטער, דערהערנדיק, איז אויפגעשפּרונגען אַ צעקאָכטער:

— אָט ביי דער שטיקל גאָרנישט וועסטו שטיין אונטערן טיר און וואַרטן מיט דיינע שוואַכע פיס? ניט דערלעבן וועלן אונדזערע שונאים... אויב זי וועט דיך דאַרפן, וועט זי דיר מוזן געבן אַ שליסל, און אַז ניט — זאָלן זיי ביידע זיין געזונט פון דער ווייטנס...

זיי האָבן זיך ביידע לאַנג ניט געקענט באַרואיקן.

יוגנט־שאַטנס

זיי האָבן זיך אומדערוואַרטעט געטראָפן אויף בראָדוועי, אַרויסגייענדיק פון אַ ביינאַכטיקער פאָרשטעלונג.

צופעליק האָבן זייערע בליקן פאַרטשעפּעט איינער דעם צווייטן, און אינמיטן דעם געדראַנג פון אַרויסגייענדיקן עולם, זיינען זיי געבליבן שטיין איינער קעגן אַנדערן — געפּלעפטע.

זיי האָבן אַ סעקונדע שאַרף און דורכדרינגענדיק אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן, ווי וועלנדיק זיך איבערצייגן אין דער זיכערקייט פון זייער אויג, און פּלוצלינג האָט זיך פוןביידן גלייכצייטיק פריידיק אַרויסגעריסן:

— גרישאַ, דאָס ביזטו?!

— סאָניע, דאָס ביזטו?!

זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין זיינע אָרעמס און ער האָט זי פעסט צוגעדריקט צו זיך.

דאָס פאַרוואונדערטע אָנקוקן זיי פונעם אַרומיקן עולם, ווי אויך דער געדראַנג, וואָס האָט ניט־ווילנדיק און העפלעך, אָבער אומאויפהערלעך און זיכער געשטויסן זיי צום אַרויסגאַנג, האָט זיי אויפגעוועקט פון פאַרגעסנקייט און מיטגעריסן מיט זיך.

זיי זיינען אַרויס אין דרויסן.

זי האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין קלאַמערן זיך אין זיין אָרעם און אין איין באַגייסטערטן איבערחזרן:

— אָ, וואָס פאַר אַ צופאַל! וואָס פאַר אַ וואונדערלעכער צופאַל! אַזאַ איבעררעשונג!

און ער האָט, אויך אין באַגייסטערונג, אָבער עטוואָס געלאַסענער, צוגעגעבן:

— יאָ, אַ מאָדנער צופאַל. שיר ניט אַ וואונדער...

זיי זיינען געבליבן שטיין אַ ווײַלע, באַפרייענדיק זיך פונעם שיטער־ווערנדיקן עולם.

די קילקייט פון דער לופט האָט זיי אויפגעטשוכעט פון דער איבער־ראַשונג און ניכטער געמאַכט פאַר דער ווירקלעכקייט.

— נו, סאָניע, איז וואָס טוען מיר איצט? גייען מיר ערגעץ צוזאַמען? האָסט דאָך מסתּמא אַזוי פיל צו רעדן און דערציילן — האָט ער האַלב זיכער און האַלב פרעגנדיק געזאָגט. — ווילסט אפשר אַריין אין אַ רעסטאָ־ראַן?

די לעצטע ווערטער זיינע האָבן זי פלוצלונג אויפגעוועקט פונעם חלום, אין וועלכן זי האָט זיך געפונען, און וואָך געמאַכט, ווי נאָך אַ קאַלטן שפּריץ.

— ניין, גרישאַ, האָט זי שטיל און ווי פאַרשולדיקט געענטפערט. איך קען מיט דיר איצט לאַנג ניט בלייבן. עס איז שפּעט. איך מוז גיין אַהיים.

אַ קוים באַמערקבאַרער וואָלקן האָט זיך פאַרצויגן איבער זיין פּנים.

— וואָס, מוזט פרי אויפשטיין צו דער אַרבעט?

— ניין, נישט דאָס...

— וואָס דען, ביזט פאַרהייראַט? — האָט ער מיט אַ שטילן פאַרוואורף געפרואווט טרעפן.

— יאָ, האָט זי מיט נאָך מער פאַרשולדיקטקייט אַרונטערגעלאָזן די אויגן און ניט געקוקט אים גלייך אין פּנים.

אַ געדיכטערער וואָלקן האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף זיין פּנים און אויגן, וועלכן ער האָט געפרואווט צושטערן און פאַרשטעלן, אָבער וועלכן דאָס בלענדנדיקע בראָדוועיער ליכט האָט קלאָר אַרויסגעבראַכט.

— נו, און דו? — האָט זי געפרואווט פאַרקלענערן די אייגענע שולד און מיט געמאַכטער מונטערקייט אַריינגעקוקט אים אין די אויגן און גע־פרואווט שפּאַסן.

— דערוויל — ניט, האָט ער עטוואָס צערייצט געענטפערט.

זיי האָבן אַ ווײַלע אומאַנגענעם געשוויגן.

— איז וואָס? פיר איך דיך צו ביז דער סאָבוועי? און דאָס אַלץ?

— ניין, קענסט מיך באַגלייטן ביז מיין הויז.

— און דאָס אַלץ?

— אָ, ניין. איך וויל דו זאָלסט צו מיר מאָרגן קומען. אומבאַדינגט קומען. איך פאָדער דאָס פון דיר.

און ביים געזעגענען זיך שפּעטער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט:

— וועסט זיין מאָרגן? זיכער? איך וועל וואַרטן אויף דיר.

צומאָרגנס אין דער פרי איז ער געווען ביי איר. זי האָט אים באַגעגנט אין דערוואַרטונג און דערפרייט זיך מיט אים.

זי האָט זיך געזעצט אויף דער סאָפע און איינגעלאַדן אים לעבן זיך.

— אַזויפיל יאָרן פאַרגאַנגען, האָט ער געזאָגט, און דו ביזט נאָך אַלץ אַזוי שיין ווי אַמאָל.

— און דו ביזט נאָך אַלץ אַזוי דין און שלאַנק ווי אַמאָל.

— ביזט נאָך אַלץ די זעלבע סאָניע, אין וועלכער מען קען זיך אַזוי לייכט פאַרליבן.

— און וועלכע מען קען אויך פונקט אַזוי לייכט פאַרגעסן — האָט זי געזאָגט מיט אַ טאָן, אין וועלכן עס האָט זיך געפילט אי שפּאַס, אי ווייטאָג.

ער האָט פאַרשטאַנען דעם פאָרוואורף און זיך אָנגערופן:

— דו ווייסט, איך בין קיין באַוויז ניט. געבאָרן געוואָרן אַזאַ, מיט אַ לייכטן טראָט: לייכט צו קומען און לייכט אַוועקצוגיין.

— ביזט נאָך אַלץ אַזאַ?

— כ'ווייס ניט. מען ווערט עלטער, ווערט דער טראָט אַביסל שווערער...

זיי האָבן אַ ווײַלע געשוויגן, יעדערער קענטיק פאַרזונקען אין זײַנע אייגענע געדאַנקען און ערינערונגען.

— הייסט עס דו ביזט פאַרהייראַט — האָט ער דער ערשטער איבער־געריסן דאָס שווייגן — שוין לאַנג?

— שוין איבער פינף יאָר.

— ביזטו גליקלעך?

איר פנים האָט זיך שנעל געענדערט. זי האָט אים שטרענג אָנגעקוקט.

— צו וואָס דאַרפסטו עס וויסן? איז עס פאַר דיר אַן אונטערשייד?

— האָסט אַ קינד?

— ניין.

— ניט געוואָלט?

— צו וואָס אַזוינע פראַגן, גרישאַ? האָסט פאַרוואונדעט מיין האַרץ און איצט ווילסטו זיך נאָך שפּילן מיט דער וואונד?...

— שוין אַזוי לאַנג, דאַכט זיך, און נאָך אַלץ ניט פאַרהיילט?

זי האָט געשוויגן און ניט געענטפערט.

— האָסט געדענקט מיך?

— גאָר קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

— און געבענקט אַמאָל?

— קיינמאָל ניט אויפגעהערט.

— נאָך געהאָפט מיך אַמאָל צו טרעפן?

— איך ווייס ניט. אַלענפאַלס געוואָלט... און דו?

— ווי אַמאָל... דו ווייסט, דו ביזט ביי מיר ניט די איינציקע געווען. נאָר שטאַרקער ווי אַנדערע האָסטו זיך איינגעשניטן אין מיין זכרון און האַרצן. קענטיק, ביזט אַנדערש געווען פון אַנדערע, אויפריכטיקער... אמתדיקער...

— יאָ, האָט ער נאָך אַ ווײַלע נאָכדענקען געזאָגט — איך האָב דיך מער געדענקט, ווי אַלע אַנדערע.

אירע אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן אָנפילן מיט פייכטקייט און מיט גרויס מאַטערניש האָט זי געזוכט איינצוהאַלטן אין זיך די וואַקסנדיקע טרערן.

— קום צו מיר, קינד — האָט ער, גערירט פון די אייגענע געפילן,

גענומען איר האַנט און פֿאַטערלעך זי צוגעצויגן צו זיך — דריק זיך צו צו מיר און טוליע זיך צו — ווי אַמאָל... געדענקסט, ווי דו פֿלעגסט ליב האָבן איינצושרומפּן זיך, זאָלסט ווערן קלענער, קליין ווי אַ קינד, אַריינ־זעצן זיך אין מיין שויס און טוליען זיך צו מיר, ווי צו אַ גרויסן פֿאָטער?...

— יאָ, איך געדענק. און דו ביזט געווען אַזאַ גרויסער, אַזאַ שטאַרקער — דער העלד פֿון אַלע מיידלעך. און אויך מיין העלד...

זי האָט זיך געלאָזט צוציען פֿון אים און אָנגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל.

ער האָט זי געקושט אין שטערן:

— עס איז גוט, וואָס מיר האָבן זיך ווידער געטראָפֿן. נאָך אַזוי פֿיל יאָרן — ווען אונדזערע איצטיקע באַגעגענישן זיין זיסער, פֿריידיקער, און צוליב אונדזער רייפֿערן עלטער — זאַפֿטיקער, פֿולער. די יוגנט־טעג פֿון אַמאָל וועלן ווידער אויפֿשיינען פֿאַר אונדז און די בלויע נעכט וועלן ווידער אָנפֿילן אונדזער לעבן מיט רייץ און מיט ציטער.

זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און אָפּגערוקט זיך פֿון אים.

— דו פֿאַנטאַזירסט, גרישאַ. ניט קיין גוטער סימן פֿאַר דיר... ביזט קיינמאָל פֿריער אַזאַ ניט געווען. פֿאַרשטייסטו דען ניט דעם אונטערשייד פֿון אַמאָל ביז איצטער?... מיר זיינען עלטער געוואָרן — און נאָך אַ זאַך האָט פּאַסירט: „טרוים ניט פֿון דעם, וואָס עס קען ניט זיין און באַגער ניט דאָס, וואָס עס איז ניט מעגלעך צו דערגרייכן"...

ער האָט זי פֿאַרוואונדערט און האַלב־דערשראָקן אָנגעקוקט:

— דו מיינסט צו זאָגן, אַז אונדזער איצטיקע באַגעגעניש איז נאָר געווען אַ צופֿעליקע, אַ איינמאָליקע? אַז מער וועלן מיר זיך ניט קענען טרעפֿן?

— ניין, גרישאַ, ניט מעגלעך. דו ווייסט, עס איז ניט מעגלעך. איך וועל דאָס ניט טאָן...

— און וואָס איז מיט דער בענקשאַפֿט נאָך מיר, וועגן וועלכער דו האָסט נאָר־וואָס גערעדט — האָסטו זי שוין אינגאַנצן געשטילט?

— ניין, ניט געשטילט. זי וועט זיך אפֿשר קיינמאָל ניט שטילן... איך וועל ווידער בענקען און... ווידער האָפֿן צו טרעפֿן דיך אַמאָל. די בענקשאַפֿט נאָך דיר וועט זיין די טרייב־קראַפֿט פֿון מיין לעבן, אָבער דאָס לעבן אַליין וועט מוזן אָנגיין, ווי ביז איצטער...

ער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געשוויגן.

ער איז שפּעטער אַרויס פֿון איר מיט אַ טיפֿער אומצופֿרידנקייט, אָבער גלייכצייטיק מיט אַ בענקשאַפֿט, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ פֿריער אין זיין לעבן ניט געפֿילט...

די אָפּגענאַרטע...

ביי ערליכן אין הויז האָט געטראָפן אַן אומגליק. זיין פרוי צירל, וואָס אָט ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק נאָך האָט מען זי געזען אין גאַס, איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן אויף אַ געפערלעכער קראַנקייט — און איידער וואָס־ווען, איידער עמעצער האָט נאָך צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן, איז שוין אין הויף געהאַנגען אַ טאָוול, אַרומגעזוימט מיט אַ שוואַרצער ראַם, וואָס האָט גערופן די איינוואוינער צו קומען צו איר לוויה.

אין הויף האָט עס אַלעמען געטראָפן ווי אַ דונער. די שכנות זיינען גאָר געפּלעפט געווען. אַ גאַנצן טאָג זיינען זיי געשטאַנען אין רעדלעך און גערעדט וועגן דעם אומגליק. יעדער איינער האָט באַדויערט די יונגע צירל און באַקלאָגט איר פּריצייטיקן סוף. אַ סך האָבן זיך אַליין באַשולדיקט און גערעדט וועגן זיך, ווי וועגן די שולדיקע אין איר טויט.

— ווען מען וואָלט זיך געכאַפּט גלייך, באַלד אין דער ערשטער מינוט, און גערופן אַ גרויסן דאָקטאָר, וואָלט אפשר דאָס אומגליק ניט געטראָפן. אָבער קיינער האָט גאָרניט געוואוסט, ניט אַרויף אַפילו אַ קוק טאָן...

— וואָס רעדט איר? האָבן אַנדערע געפּרואווט טרייסטן אי די ערשטע, אי זיך אַליין — מסתם האָט ער געטאָן אַלץ, וואָס מען האָט געקענט. נאָר אַז עס איז ניטאָ קיין יאָרן, העלפט סיי־ווי קיין זאַך ניט...

— געוויס האָט ער געטאָן — האָבן די ערשטע זיך ניט געלאָזט טרייסטן און זיך ניט געלאָזט פאַרגעבן — אָבער אין אַזאַ פאַל, ווייסט איר דאָך, ווערט דער קאָפּ פאַרדרייט און מען פאַרלירט זיך. אַ זייטיקער קען מערער אויפטאָן...

אַזוי האָבן די שכנות באַשולדיקט זיך אַליין און ניט געקענט קומען צו זיך פון דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן ניט בלויז ערליכן, נאָר אויך דעם גאַנצן הויף. ביי אַ סך זיינען געווען טרערן פון די אויגן, און אַ סך האָבן זי פּשוט באַוויינט אויפן קול, ווי מען באַוויינט אַן אייגענעם.

אינעם הויף פונעם גרויסן אַפּאַרטמענט־הויז, וואו עס האָבן געוואוינט אַרום זיבעציק פאַמיליעס, האָבן די ערליכס פאַרנומען אַ באַזונדערן פּלאַץ. יעדער איינער האָט זיי ליב געהאַט, באַזונדערס זי — צירלען. פון אַלע פרויען, וואָס האָבן געוואוינט אין הויז, האָט זי זיך אויסגעטיילט און געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. ניט אַזוי מיט איר שיינקייט, אָדער

געבילדעטקייט — דאָס אויך אפשר — נאָר הויפּטזעכלעך מיט דעם, וואָס זי איז געווען אַזאַ דינע און צאַרטע און אויף איר פּנים איז שטענדיק געלעגן אַזויפיל שטילקייט און פיינקייט, איידלקייט און ווייכקייט. דערצו איז אויך איר האַלטונג מיט אַלעמען געווען אַזוי פּשוט, אַזוי צוגעלאָזן און פריינטלעך, און מיט אַזויפיל גרייטקייט פאַר יעדן איינעם, אַז עס איז אוממעגלעך געווען ניט ליב צו האָבן זי.

האָבן טאַקע אַלע אין הויף אַרויפגעקוקט צו איר. איר געלאַסנקייט האָט יעדן איינעם אָנגעשטעקט און איר איידלקייט האָט זיך אויך איבער־געגעבן צו יעדן איינעם, וואָס איז מיט איר אין באַרירונג געקומען. אַזוי איז זי געווען אין באַצוג צו אַנדערע, אַזוי אויך אין באַצוג צו איר אייגן קינד: שטענדיק רואיק, געלאַסן, אָן געשריי.

איבערן גאַנצן הויף פלעגן זיך אָפט טראָגן די געשרייען פון די מאַמעס, וואָס פלעגן זיך אויסעסן דאָס האַרץ רופנדיק די קינדער צו גיין עסן, אָדער שלאָפן. אָבער קיין איינציק מאָל האָט מען ניט געקענט הערן צירלס שטימע, זי זאָל שרייען אויף איר קינד. און אויסגעוואַקסן איז איר נחמן ניט נאָר ניט ערגער פון די אַנדערע קינדער אין הויף, נאָר אין אַ סך הינזיכטן נאָך בעסער: הויך, שיין, דערצו נאָך פיין און איידל, פּונקט ווי זיין מוטער. פאַר אַ סך מאַמעס איז ער אַ ביישפּיל געווען:

— פאַרוואָס קאָן נחמן גיין ריין אָנגעטאָן, און דו מוזט שטענדיק זיין פאַרמורזעט?...

— פאַרוואָס גייט נחמן אין צייט שלאָפן און איך מוז זיך דאָס האַרץ אויסעסן פון דיר?...

די מאַמעס זיינען ניט געווען איפּערזיכטיק אויף צירלען און איר קינד. זיי האָבן עס אָנגענומען ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך.

— נו, וואָס דען — פלעגן איניקע פון זיי צוגעבן, פאַרגלייכנדיק דעם זויבערן און שטילן נחמן צו זייערע פאַרשטיפטע און אָפט צעכראַס־טעטע קינדער — אַ קינד דאַרף מען ווייסן ווי צו דערציען. ווי מען דער־ציט עס, אַזוי וואַקסט עס...

און פּונקט ווי וועגן צירלען בכלל, אַזוי אויך אין דעם פאַל, האָט קיינער ניט אַרויסגעזאָגט די ווערטער מיט קנאה אָדער פאַרדראָס, נאָר בלויז צוגעגעבן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכן פאַקט.

אָפילו די קינדער אין הויף, אויב זיי האָבן ניט געוואָלט צוגעבן, אַז נחמן איז בעסער פון זיי, האָבן זיי אָבער געהאַלטן, אַז צירל איז אַ בעסערע מאַמע. ניט נאָר האָבן זיי קיינמאָל ניט געזען, אַז צירל זאָל שרייען אויף נחמנען, אָדער שלאָגן אים, נאָר פיל מאָל זיינען זיי אַליין ניצול געוואָרן פון דער מאַמעס קלעפּ אַ דאַנק צירלען. עס פלעגט טרעפן אַמאָל, אַז

אַ מאַמע פלעגט האַלטן אינמיטן שלאָגן אַ קינד און צירל פלעגט אָנקומען, ווי די מאַמע פלעגט בלייבן שטיין פאַרשעמט מיט דער אויפגעהויבענער האַנט און ניט וואַגן עס אַראָפּצולאָזן אויפן קינד. אין צירלס אַנוועזנהייט האָט קיין מאַמע ניט געוואַגט צו שלאָגן איר קינד. אַ סך פלעגן זיך פּרוּוון פאַרענטפערן:

— וואָס קאָן מען טאָן? אַז קיין ווערטער העלפן זיי ניט, וויפל מען זאָל אין זיי ניט אַריינרעדן...

די קינדער אַליין זיינען אויך געווען בעסער אין צירלס אַנוועזנהייט און קיינמאָל ניט געוואַגט צו ענטפערן די מאַמעס אַזוי, ווי זיי פלעגן דאָס געוויינטלעך טאָן.

עס פלעגט טרעפן אַמאָל, אַז אַ קינד פלעגט בליפּענדיק, אויסהערנדיק דער מוטערס פאַרוואורפן, פאַרוואָס ער איז ניט אַזוי ווי נחמן, פאַרוואַרפן דער מוטער אויף צוריק:

— פאַרוואָס ביסטו ניט אַזוי ווי צירל? זי שלאָגט קיינמאָל ניט איר קינד...

די מוטער, געטראָפן און פאַרשעמט, פלעגט ענטפערן:

— אויב דו דענקסט, אַז צירל איז בעסער פון מיר, טאָ גיי צו איר. נאָר פרעג זי פריער, צי זי וועט אַזאַ ווי דו וועלן צונעמען און האַלטן...

אין האַרצן אָבער פלעגט זי טראַכטן, אַז דאָס קינד איז אפשר גערעכט...

אין צירלס אַנוועזנהייט זיינען ניט נאָר די קינדער און ניט נאָר די מאַמעס, נאָר יעדער איינער בכלל, געווען איינגעהאַלטענער, רואיקער און געזוכט אויסצוזען פיינער. געפילט האָט מען, אַז ניט אויסגערעכנטע ווערטער אָדער באַוועגונגען קענען אין איר אַנוועזנהייט אויסזען באַזונדערס ניט שיין און שאָקירנדיק. געפילט האָט מען אויך, אַז צירל איז אַזאַ, פון וועלכער עס איז זיך דאָ וואָס אָפּצולערנען און וועלכער עס איז כדאַי נאָכצוטאָן.

אויך ערליכן, צירלס מאַן, האָבן אַלע געקענט און רעספּעקטירט. זיין שיין אידל פּנים האָט עדות געזאָגט אויך אויף זיין פיינקייט.

וואָס אייגנטלעך ערליך האָט געטאָן, מיט וואָס ער האָט זיך פאַרנומען, האָט קיינער אין הויף גענוי ניט געוואוסט. נאָר געוואוסט האָט מען, אַז מיט קיין פיזישער אַרבעט פאַרנעמט ער זיך ניט. געזאָגט האָט מען, אַז ער האַלט לעקציעס פאַר דערוואַקסענע און לערנט ערגעץ אין אַ שול, וואָס גרייט צו לערערס — אַ מין פּראָפעסאָר. אַלענפאַלס האָבן אַלע געוואוסט, אַז ער איז אַ געלערנטער מענטש. אויף דעם האָבן עדות געזאָגט ניט נאָר זיין נעטער אינטעליגענטער אויסזען, נאָר אויך זיין הויכער פיינער

שטערן, זיין אײדעלער פּנים, ווי אויך די געקרייזלטע גרויִלעכע האָר, וואָס האָבן צוגעגעבן אַ סך חשיבות זיין יוגנטלעכן אויסזען.

אָבער ניט בלויז דאָס האָט געמאַכט די ערליכס אַזוי באַליבט ביי אַלעמען און אַרויסגערופן אַלעמענס רעספּעקט צו זיי. עס איז געווען נאָך עפּעס אין זיי — און גראַד אַזוינס, וואָס האָט זיך ניט געוואָרפן שטאַרק אין די אויגן און וואָס מען האָט געקאָנט באַמערקן בלויז מיט אַ שאַרף אויג — עס איז געווען די שטילע פיינע ליבשאַפט, וואָס האָט זיך געפילט צווישן מאַן און ווייב, די טיפע אַכטונג, וואָס ביידע האָבן געפילט איינער צום אַנדערן, און די האַרמאָנישע גלייכגעוויכט, וואָס האָט געהערשט צווישן זיי.

אויסערלעך איז, דאַכט זיך, גאָרניט געווען צו באַמערקן. צירלס באַנעמונג צו איר מאַן איז געווען פּונקט ווי צו אַנדערע: שטיל, באַשיידן און איינגעהאַלטן. אויך זיין באַנעמונג צו איר איז געווען ניט פיל אַנדערש. אָבער די שכנות מיט זייער שאַרפן חוש און דורכדרינגענדיקן בליק האָבן דערשפּירט דאָס, וואָס די ערליכס, איבערהויפּט צירל, האָבן זיך באַמיט צו פאַרשטעלן.

— אַזאַ פיינע באַציאונג פון איינעם צום אַנדערן! — פלעגן זיי שטענדיק איבעררעדן: — אַזויפיל ליבשאַפט און אַכטונג! און אַזויפיל באַוואונדערונג און פאַרשטענדיקונג פון איינעם צום צווייטן!

אַזאַ רואיק און האַרמאָניש צוזאַמענלעבן האָבן די שכינות נאָך קיינמאָל ניט געזען. זיי האָבן זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן פון דעם. עס האָט געררייצט זייער פאַנטאַזיע:

— קיינמאָל זאָל אַ מאַן מיט אַ ווייב קיין וואָרט אויף אַ וואָרט ניט איבערבייטן!...

— וואָס איינער זאָל ניט זאָגן, אָדער טאָן, איז דער צווייטער שטענדיק איינשטימיק!...

אין הויף פלעגט מען שטענדיק רעדן וועגן דעם. ניט דערפאַר, ווייל די שכנות האָבן איר ניט פאַרגונען — צו צירלען האָט קיינער ניט געקענט זיין אַנדערש, ווי גוטמיינענדיק און גוטווינטשנדיק — נאָר פּשוט, ווייל מ'האָט באַוואונדערט דעם פאַקט. צו דעם, וואָס מען האָט געקענט באַמערקן, זיינען צוגעקומען מעשׂות דערפון, וואָס מען האָט ניט געקענט זען — און אָפּמאָל גענומען פון דער פאַנטאַזיע אַרויס — און אינגיכן איז דער הויף פול געוואָרן מיט אַזעלכע מעשׂיות.

— אַז זי קומט פון דער אַרבעט — האָבן שכנות דערציילט — טרעפט זי אַן אָנגעגאָסענע וואַנע צום אַרומוואַשן זיך און אַן אָפּגעקאָכטע וועטשערע. ער אַליין גרייט צום טיש, און נאָכן עסן טוט ער אָן אַ פאַרטעך און

צעוואָשט די געפּעס און צעשייערט די טעפּלעך. און זי זעצט זיך אַוועק לייענען אַ צייטונג...

— נאָר דאָס טוט ער? אַ שכנה איז אַמאָל צופעליק אַריינגעקומען אין הויז און אים געטראָפן שטיין איבער אַ שיסל מיט ווייבערשע זאָקן און וואַשן. נו, וועמעס זאָקן, דענקט איר, האָבן דאָס געקענט זיין?...

די שכנות פלעגן רעדן וועגן דעם אָן אַ ברעקל קנאה. פאַרקערט, זיי זיינען נאָך געווען שטאָלץ מיט דעם און צופרידן, ווי אַנערקענענדיק, אַז זי פאַרדינט דאָס און עס קומט איר.

אין דער אמתן אָבער איז הינטער דעם געלעגן אַ טיפערע אורזאַך. די שכנות זיינען געווען צופרידן, וואָס כאָטש איינע פון זייערע שוועסטער לעבט אַזוי, ווי זיי אַלע וואָלטן געוואָלט לעבן: צופרידן און גליקלעך, געליבט און געשעצט פונעם מאַן, און אַרויסגעהאָלפן פון אים אין זיין פרייער צייט אין דער שטוביקער אַרבעט.

דאָס הויז איז באַוואוינט געווען פון ניט קיין רייכן עלעמענט. מער־סטנס זיינען עס געווען אַרבעטער און קליינע געשעפטסלייט. אין דער פרי פלעגן די מענער אַוועק איילנדיק, אַ סך מאָל ניט אויסגעשלאָפן. און אין אָונט קומען צוריק מידע און אויפגערעגטע. אַ שמייכל אויף די פּנימער האָט מען זעלטן־ווען געזען. די פרויען אַליין זיינען אויך געווען מיד און פאַרמאַטערט פונעם טאָג און נערוועז פון דער שטוב־באַלעבאַטישקייט און אַנדערע זאָרג. און נאָך מער פון די קינדער, וואָס זיינען זיי דורכן טאָג די גאַל דערגאַנגען און פיל מאָל אַרויסגעפירט פון געדולד. סיי דער מאַן און סיי די פרוי זיינען ניט געשטימט געווען פאַר צערטלעכקייטן, נאָך וועלכע ביידע, איבערהויפּט די פרויען, האָבן אָבער שטאַרק געבענקט. אַן אומבאַפרידיקונג האָט ערגעץ־וואו געטליעט, אַ געפיל פון פאַרדראָס. אַ סך דערוואַרטונגען זיינען ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. אַן אַנטוישונג האָט זיך שטיל געדרויכערט פון אונטערן בערגל לעבנס־זאָרגן און לעבנס־פליכטן.

די ערליכס זיינען דעריבער פאַר זיי געווען דער פלאַסטער צו זייער אַנטוישונג, דער באַלזאַם צו זייער פאַרביטערטקייט. די ערליכס האָבן זיי די טרייסט געגעבן, אַז זייערע טרוימען זיינען ניט קיין פאַלשע געווען, פון דער פאַנטאַזיע גענומען, נאָר בלויז ניט קיין דערפילטע; אַז זייער אידעאַל איז ניט געווען קיין אויסגעטראַכטער און פוסטער חלום.

פאַר די שכנות זיינען צירל און איר מאַן געווען די פאַרווירקלעכונג פון זייערע מיידלשע טרוימען. אין זיי האָבן די פרויען געזען דעם פאַר־ווירקלעכטן שיר־השירים, וועלכן די טאַטעס זייערע פלעגן אַמאָל אויס־זינגען מיט אַ ניגון און פון וועלכן זייערע באַקן פלעגן זיך רויטלען. אין

זיי האָבן די פּרויען געזען אַ שיין ליד, ניט פון ווערטער, נאָר פון לעבן גופא.

אַט פאַרוואָס צירלס לעבן האָט ביי זיי קיינמאָל ניט אַרויסגערופן קיין קנאה אָדער פאַרדראָס. פאַרקערט, זיי האָבן זיך נאָך געשפּיגלט אין אים און געפּוצט זיך, ווי אין אַ שיינעם יום־טובדיקן קלייד.

און דעריבער, ווען צירלס פּלוצלונגדיקער טויט איז געקומען אַזוי אומגעריכט, האָט עס אַלעמען אַזוי געפּלעפּט און געטראָפן. דער צער איז געווען אַן אויפריכטיקער און דער ווייטאָג — ווי פון דעם פאַרלוסט פון אַן אייגענעם מענטשן. קיינער האָט זיך ניט געוואָלט טרייסטן.

צוערשט, באַלד נאָכן אומגליק, זיינען אַלעמענס געדאַנקען געווען פאַרנומען נאָר מיט צירלען און מיט איר טויט. מען האָט זיך ניט געקענט מוחל זיין, וואָס זי איז אַזוי פּלוצלונג געשטאָרבן, אַזוי יונג אַוועק. יעדע פרוי האָט גערעכנט און איבערגערעכנט, ווי אַלט זי האָט געמוזט זיין, און ווי לאַנג זי וואָלט נאָך געקענט לעבן. שפּעטער אָבער, געטריי צום ווערטל: „וואָס די ערד דעקט צו מוז פאַרגעסן ווערן", זיינען אַלעמענס געדאַנקען איבערגעווענדט געוואָרן צו די לעבעדיקע — צו ערליכן און צו זיין זון נחמן. צוביידן האָבן די פרויען געפילט אַ גרויס רחמנות, באַזונדערס צום פאָטער. מילא, נחמן, האָבן זיי געטראַכט, איז אַ קינד. געוויס איז אַ גרויס רחמנות, ווען אַ קינד האָט געהאַט אַזאַ געטרייע און איבערגעגעבענע מוטער און דאַרף בלייבן אַ יתום. אָבער אַ קינד איז פאָרט אַ קינד. עס וועט אַריבערגיין אַביסל צייט און ער וועט זיך פאַרגעסן. דערצו איז ער אַלעמאָל געווען צוגעבונדן צום פאָטער ניט ווייניקער, ווי צו דער מוטער, און יענער וועט שוין אויף אים גוט אַכטונג געבן. אָבער וואָס וועט זיין מיט אים, מיט ערליכן? וואָס וועט ער איצטער טאָן? ווי אַזוי וועט ער דאָס גאָר קאָנען אַריבערטראָגן — נאָך אַזאַ צוגעבונדנקייט, נאָך אַזאַ ליבע, נאָך אַזאַ גוט־לעבן?... ווי אַ שיף אין מיטן ים איז ער דאָך געבליבן...

איז וואָס וועט טאַקע זיין מיט אים? ווי אַזוי וועט ער דאָס אַריבערטראָגן און פאַרזעצן דאָס לעבן אָן איר? ביידע זיינען דאָך געווען אַזוי צוגעבונדן איינער צום אַנדערן, אַז איינער אָן דעם צווייטן האָט זיך גאָר קיינמאָל קיין ריר ניט געטאָן. פאַר די אַלע יאָרן, וואָס זיי האָבן געוואוינט דאָ אין הויז, האָבן מענטשן זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן, ווי אַזוי האַלט מען דאָס אָן אַזאַ יונגע הייסע ליבע, וואָס ווערט אַליין קיינמאָל ניט אַלט און מאַכט נאָך די מענטשן מיט יעדן יאָר אויסזען אינגער און פרישער...

און בכלל, ווי קען זיך דאָס גאָר אַ מענטש ווען עס איז טרייסטן, פאַר־לירנדיק אַזאַ טייערן פערל, אַזאַ אוצר, אַזאַ קרוין?...

די שכנים האָבן זיך פשוט געשראָקן פאַר ערליכס געזונט. צו דער לוויה האָט ער אויסגעקוקט שרעקלעך. די באַקן איינגעפאַלן, די ליפּן — דין און אָן אַ טראָפּן בלוט, און פון די אויגן האָט מיט אַזאַ טיפן ווייטאָג געשלאָגן, וואָס האָט געמאַכט אַלעמען אויפשווידערן. מען האָט זיך פשוט געשראָקן, ער זאָל ניט צוזאַמענברעכן.

די שכנות האָבן זיך דעריבער באַמיט צו טאָן פאַר אים אַלץ, וואָס זיי האָבן געקענט. די ערשטע פאַר טעג האָבן זיי זיך געהאַלטן כסדר אין בייטן, אַז אין שטוב זאָל שטענדיק עמעצער זיין, ער זאָל ניט דאַרפן בלייבן אַליין מיטן אומגליק און ווייטאָג. זיי האָבן געזען, אַז ער זאָל אַליין עפּעס נעמען אין מויל און דעם קינד זאָל גאָרניט פעלן, ער זאָל ניט פילן אַזוי שטאַרק די ענדערונג.

שפּעטער, ווייזט אויס, איז ערליכן שווער געוואָרן די שטענדיקע אַנ־וועזנהייט פון די שכנים און ער האָט זיי שטאַרק באַדאַנקט פאַר אַלץ, וואָס זיי האָבן געטאָן פאַר אים.

זיי אַליין איז אויך, ווייזט אויס, שווער געוואָרן דאָס פאַרנאַכלעסיקן די אייגענע הויז און דאָס זיין אין נאָענטער באַרירונג מיט אַ מענטשן, מיט וועלכן זיי זיינען קיינמאָל גאָרניט אַזוי נאָענט געווען.

האָבן זיי אויפגעהערט צו קומען אַזוי אָפט אין הויז, אָבער די השגחה האָבן זיי פונדעסטוועגן פון אים ניט אַראָפּגענומען. ווען זיי האָבן נחמנען באַגעגנט אין הויף, האָבן זיי אים אַרומגערינגלט, אַרומגעקוקט, געפרעגט, צי איז ער וואַרעם אָנגעטאָן, צי איז ער גוט פאַרשפּיליעט, און צי וויל ער אפשר עפּעס.

ערליכן אַליין פלעגן די שכנות אויך אָפּשטעלן. פריער וואָלטן זיי דאָס ניט געטאָן, די העזה ניט געהאַט. אָבער איצטער האָבן זיי זיך געפילט פרייער, כאָטש אויך מיט געניטע אָפּשיי. זיי האָבן אים געוואָלט פאַרלייכטערן און אַרויסהעלפן מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט.

— אויב ער וויל, קען איינע פאַר אים אָן עוף קויפן. זי וועט עס אָפּפליקן און אַריינטראָגן אין שטוב אַ פאַרטיקע...

— אויב ער וועט ניט האָבן קעגן — האָט אַ צווייטע פאַרגעלייגט — קאָן זי פאַר אים פיש קויפן און אַריינטראָגן אין שטוב אָפּגעקאָכטע...

ער האָט אַלעמען פריינטלעך באַדאַנקט און דערקלערט, אַז ער בויטיקט זיך אין גאָרניט. ער פּאַסט אויף ווי געהעריק אויף דער שטוב, אויפן קינד און אויף זיך.

שפּעטער האָבן די שכנות דערקענט, אַז זיין שטימונג לייטערט זיך

אַביסל אויס, און דער אומעט, וואָס איז געלעגן אויף זיין פּנים זינט נאָך צירלס טויט, ווערט ביסלעכווייז קלענער. זיי זיינען געווען צופרידן דערפון: סיי צוליבן קינד, סיי צוליב אים, און טאַקע אויך צוליב זיך אַליין. זיין פריערדיקע געבראָכענע שטימונג האָט זיי שטאַרק באַזאָרגט און געשראָקן. איצט האָבן זיי געקענט זיין רואיקער. זיי זיינען צופרידן געווען צו זען אים צוריק אָנטאָן זיך נעט ווי אַמאָל, גיין צוריק מיט דער טעקע צו זיין אַרבעט, און ביסלעכווייז באַקומען צוריק דעם גאַנצן אויסזען, וואָס אַמאָל.

נאָר אָט האָט פּלוצלונג אַן אומרואיקייט אַרומגעכאַפּט דעם הויף. אַ שטיל געמורמל האָט זיך שאַרף דורכגעטראָגן, אַריינגעכאַפּט זיך צו די שכנים אין הויז, שטיל עפּעס אַריינגעשושקעט אין אויער און שנעל זיך געלאָזן צו אַ צווייטן, אַ דריטן... עס איז געווען ווי אַ שטיל ווינטל, וואָס כאַפּט זיך אַריין צווישן די גראָזן און זאָגט אָן אַ שטורעם. מען איז געוואָרן אומרואיק. מען האָט געזוכט אַן ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס האָט געמאַטערט, אַן אָפּלייקענונג, אַ באַרואיקונג:

— איז עס אמת? איז עס מעגלעך?...

די פראַגע האָט געמאַטערט ווי אַ סוד, נאָר קיינער האָט זי ניט געוואָגט שטעלן דעם צווייטן אין דער הויף. קיינער איז ניט זיכער געווען, אין וואָס דער ענטפער קאָן באַשטיין...

בלויז געציילטע, מער זיכערע, האָבן מיט דער האַנט אַ מאַך געטאָן און געזאָגט:

— עט, מאַלע וואָס עמעצן קאָן איינפאַלן. עס איז ניט מעגלעך...

נאָר איז שוין דער וואָרעם פון חשד צווישן די שכנות אַריינגעדרונגען, האָט ער ניט אויפגעהערט צו טאָטשען. די שכנות האָבן גענומען זוכן און נישטערן צו דערגיין דעם אמת.

וואָס איז געשען?

עס איז געווען אינגאַנצן אַ זעקס חדשים נאָך צירלס טויט, ווי די שכנות האָבן אָנגעהויבן באַמערקן אין ערליכן מאָדנע ענדערונגען, וואָס זיינען זיי זייער שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן. מען האָט באַמערקט, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פּוצן און מער אויפצופּאַסן אויף זיין אויסערלעכקייט; אַז ער האָט זיך געקויפט אַ נייעם הוט און נייעם מאַנטל, און בכלל האָט זיין גאַנץ פּנים עדות געזאָגט אויף באַרואיקונג.

דאָס אַליין וואָלט, פאַרשטייט זיך, ניט גענוג געווען אויפצושטורעמען דעם הויף און אַרויסרופן אַלעמענס אומרואיקייט. האָט זיך אָבער איינמאָל געמאַכט, אַז אַ שכנה האָט זיך צופעליק צוגעהערט צו אַ טעלעפאָן־שמועס, וואָס ערליך האָט געהאַט דורכן טעלעפאָן אין קאָרידאָר, און איר איז

פינצטער געוואָרן אין די אויגן... זי האָט אירע אויערן ניט געוואָלט גלויבן!... ווי אַ יונג בחורל איז ער געשטאַנען און שטיפעריש גערעדט זיך — און זי איז זיכער, אַז דאָס איז מיט אַ יונגן מיידל געווען — און געלאַכט און געוויצלט זיך און קאָמפּלימענטן געזאָגט...

זי איז אַוועקגעלאָפן און דערציילט איין שכנה און אַ צווייטער, און יענע האָבן עס איבערגעטראָגן ווייטער. מען האָט דער פרוי ניט געוואָלט גלויבן. גלייכצייטיק אָבער האָט מען באַשלאָסן אַן אייגענע „אונטערזוכונג" מאַכן. עס האָט לאַנג ניט גענומען, ווי די שכנות האָבן צוגעגעבן דעם אייגענעם דורכפאַל: די ערשטע איז גערעכט געווען...

יעדן טאָג כמעט, אין איין־און־דערזעלבער צייט, האָט געקלונגען דער טעלעפאָן און גערופן ערליכן. ערליך האָט שוין געוואוסט פון דער צייט און אַליין ביים טעלעפאָן אָפּגעוואַרט, ניט געוואָלט מען זאָל אים גיין רופן. די שכנות האָבן זיך דעם קאָפּ געבראָכן און געפרעגט זיך: ווער קאָן דאָס זיין?...

זיי האָבן געטראַכט: אפשר די קוזינע זיינע? — אַן עלטערע און ניט קיין שיינע מיידל... ווען עס וואָלט זי געווען, וואָלט זיי שוין ניט געאַרט. אַ פּאָר מאָל האָבן זיי אַליין וועגן דעם אַ טראַכט געטאָן... אָבער, ערשטנס, איז די קוזינע זיינע ניט אַזאַ, וואָס וועט אַלע טאָג דורכן טעלעפאָן רופן. צווייטנס, האָבן זיי געכאַפּט, אַז די שטימע, וואָס קומט דורכן טעלעפאָן, איז אַ צו־פריילעכע, אַ צו־לעבעדיקע — און די קוזינע זיינע איז גראָדע אַן אומעטיקע, אַ פאַרשלאָפענע...

הכלל, עס איז זיי אין לעבן געגאַנגען אויסצוגעפינען, ווער עס רופט אים כמעט אַלע טאָג און אין דערזעלבער צייט, און מיט וועמען ער האָלט דאָס אַן אַזעלכע לאַנגע און לעבעדיקע שמועסן...

עס האָט זיי לאַנג ניט גענומען, און זיי האָבן אויסגעפונען... זיי זיינען געפאַלן אויף אַן המצאה. זיי האָבן אַ פּאָר פון זיך צוגעשיקט צו אים מיט עפּעס אַ פראַגע כלומרשט, פּונקט איידער ער האָט געדאַרפט אַראָפּ־קומען און וואַרטן אויפן טעלעפאָן...

דער איינפאַל איז געלונגען: ווען דער טעלעפאָן האָט געקלונגען, איז ער ניט געווען דערביי...

אַ שכנה איז צוגעקומען און געפרעגט: — ווער רעדט עס און וועמען דאַרף מען?...

הינטערן טעלעפאָן האָט זיך אַ ווייל געפילט פאַרוואונדערונג און פאַרלוירנקייט. אָבער נאָך אַ סעקונדע פאַרלעגנהייט איז געקומען אַ יונגע שטימע פון אַ מיידל, וואָס האָט געענטפערט, אַז זי דאַרף רעדן צו ערליכן... זי בעט, מען זאָל צוגיין און זאָגן: רעיטשל רופט...

„רעיטשל רופט?... אהאַ!...״ עס איז גענוג געווען...

די שכנות האָבן זייערס אויסגעפונען: טאַקע אַזוי ווי מען האָט געזאָגט — אַ יונג מיידל...

אַ כעס האָט זיך אין זיי צעברענט:

— אַזאַ סקאַנדאַל! ווער וואָלט זיך עס געקאָנט ריכטן אויף אים!...

אין הויף האָט זיך עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד געקאָכט, ווי אין אַ קעסל. ביסלעכווייז אָבער האָט די נייגעריקייט צו דערגיין מער וועגן דער גאַנצער זאַך איבערגעשטיגן דעם כעס. די שכנות האָט זיך שטאַרק געוואָלט דערגיין: ווער איז זי, די העזהניצע? ווי קוקט זי אויס? איז זי טאַקע אַזוי שיין און קלוג, וואָס זי האָט אים געקענט אַזוי גיך דעם קאָפּ פאַרדרייען?...

גענוי אויסגעפינען האָבן זיי דאָס ניט געקענט, אָבער אַ פאָרשטעלונג פון איר האָבן זיי זיך פונדעסטוועגן געשאַפן. צוערשט אַ שוואַכע פאַרשטעלונג, וואָס האָט זיך אָבער וואָס ווייטער אַלץ מער געשטאַרקט ביי זיי און אָנגענומען אַלץ בולטערע פאָרמען מיט יעדע פאַר ווערטער, וואָס זיי איז אויסגעקומען מיט איר אויסצורעדן.

אַ פּאָר מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז זי האָט טעלעפאָנירט דעמאָלט, ווען ערליך האָט עס ניט דערוואַרט. פון די פאָר ווערטער, וואָס זיי האָבן מיט איר אויסגערעדט, האָבן זיי באַקומען אַ פאָרשטעלונג — אַ זיכערע, כמעט איבערצייגטע — אַז זי איז אַ גרויסהאַלטערין און אַ פּוסטער קאָפּ מיט אַ פאַרריסן נעזל...

פונוואַנען האָבן זיי דאָס גענומען?

אין זייערע אויערן האָט דער טעלעפאָן געקלונגען שאַרף יעדעס מאָל, ווען זי האָט אָפּגערופן. איר שטימע האָט פאַר זיי געקלונגען באַפּעלעריש:

— וויל יו, פּליז, קאָל טו דהי טעלעפאָן מיסטער ערליך!...

איר הערט! — „וויל יו פּליז!...״ אַזוי באַפּעלעריש! אַזוי ווי עמעצער וואָלט איר עפּעס שולדיק געווען... זאָגט אַפילו ניט קיין „טהענק יו״, ווי עמעצער וואָלט איר משרת געווען...

ניט איין מאָל האָט זיך די שכנות געוואָלט אויפהענגען דאָס טרייבל מיט אַ טראַסק, און זאָל זי זיך גיין פריער אויסלערנען רעדן מיט מענטשן. מער ניט, די נייגעריקייט צו זען, וואָס דאָ וועט זיך אויסלאָזן, וואָס פון דער גאַנצער מעשה וועט אַרויסקומען, האָט זיי אָפּגעהאַלטן דערפון. אָבער אַ בליק האָבן זיי פון דעם געקראָגן אַ קלאָרן: אַ גרויסהאַלטערין און אַ נאַר...

— זאָל ער זיך נאַר מיט איר צונויפפּאָרן — האָבן די שכנות גערעדט

מיט כעס — קיין אָפּגעריסענע יאָרן וועלן אים שוין ניט פעלן. זי וועט שוין רייטן אויף אים!... דאָס איז ניט צירל...

פאַר די שכנות איז מיטאַמאָל אַלץ קלאָר געוואָרן. אַפילו די איינגע־גלויבטע אין ערליכן האָבן איצט איינגעזען, אַז עפּעס קומט פאַר צווישן אים און דער „מויד" דאָרט. אַ שרעקלעכער כעס האָט זיך אין זיי צעברענט.

זיי האָבן זיך פּלוצלונג דערפילט אַנטוישט און אָפּגענאַרט. יעדע איינע האָט געפילט, ווי ער וואָלט זי געצומען און פון אַ הויכן באַרג פּלוצלונג אַרונ־טערגעשליידערט אין אַ טיפן טאָל; ווי ער וואָלט קעגן איר אַ פּערזענלעכע עוולה באַגאַנגען, פּערזענלעך באַליידיקט און שלעכטס געטאָן... עס איז געוועזן די באַליידיקונג קעגן איינער פון זייערע שוועסטער, וואָס האָט זיי אַזוי שטאַרק געברענט, און די באַליידיקונג קעגן זיי אַלעמען. זיי האָבן עס באַטראַכט, ווי אַ מין פאַרראַט, פאַר וועלכן עס איז ניטאָ קיין פאַר־ענטפערונג.

וואָלט עס נאָך פּאַסירט מיט אַ פּשוטן מענטשן! אָבער ערליך — אַזאַ פיינער געלערנטער מאַן! און דערצו נאָך וועמען באַליידיקט? צירלען! וואָלט זיך גאָר ביי עמעצן געקענט עפּענען דאָס מויל זי צו באַליידיקן? האָט זי וועמען עס איז אין איר לעבן באַליידיקט?...

און צום סוף אַזוי מיאוס צו פאַרראַטן זי, אַזוי שענדלעך צו באַליידיקן זי... צו באַליידיקן איר אָנדענק, וועלכער שפּראָצט נאָך אַזוי פריש פון דער ערד...

זיי האָבן דאָס ניט געוואָלט באַגרייפן, ניט געוואָלט שלום מאַכן מיט דעם...

— ביזן יאָר אַפילו ניט געוואַרט, קיין צייט ניט געהאַט... און שעמט זיך גאָרניט פאַר לייטן!... און פאַר זיך אַליין...

אָבער ניט נאָר דאָס האָט זיי אַלעמען געברענט, ניט נאָר די באַליי־דיקונג קעגן צירלען. עס איז אויך געווען זייער אייגענע באַליידיקונג, זייער אייגענע אַנטוישונג. ערליך האָט אויך זיי פאַרראַטן...

אין זייער שטענדיק־פאַרהאַוועטן און פאַרזאָרגטן לעבן, פול מיט קליינלעכע קריוודעס און באַליידיקונגען, אומבאַפרידיקונג און אומצופרי־דנקייט, איז דאָס שטילע צופרידענע לעבן פון די ערליכס געווען אַ רויִק און שיין ווינקל, אויף וועלכן סיי דאָס אויג און סיי דאָס האַרץ האָבן זיך געקענט אָפּשטעלן און אָפּרוען. עס איז געווען אַ מין גאָרטן פאַרזייט מיט בלומען, וואוהין מען קומט אין די יום־טובדיקע טעג זיך אָפּרוען און אָנשעפּן זיך מיט געמיטלעכקייט. מען וואַרפט אַראָפּ פון זיך די וואָכעדיקע זאָרג, און מען קומט אַרויפּציען אויף זיך יום־טובדיקייט.

דאָס פיינע און געמיטלעכע לעבן פון די ערליכס איז אויך געווען ווי אַ מוסטער, צו וועלכן די שכנות האָבן אַרויפגעקוקט און געוואונטשן זיך פאַר זייערע קינדער ניט ערגער.

אָט פאַרוואָס דער „פאַרראַט" איז געווען אַזוי קלאָר, און יעדע שכנה האָט עס געפילט אַזוי טיף. פאַר דעם איז ניט געווען קיין פאַרגעבונג.

זיי האָבן מיטאַמאָל פאַרלוירן דעם רעספעקט צו ערליכן. נאָך מער ווי דאָס: זיי האָט זיך כסדר געוואָלט אַרויסווייזן אים אומאַכטונג, רייצן זיך מיט אים, וואַרפן אים אין די אויגן זיין „פאַרראַט".

ניט נאָר האָבן זיי אים אויפגעהערט טראָגן דעם „גוט־מאָרגן" אַנט־קעגן, נאָר פאַרקערט, זיי פלעגן זוכן אָפגיין אָן אַ זייט, כדי אויסצומיידן צו באַגעגענען זיך מיט אים.

איינציקווייז האָבן זיי נאָך אַזוי די חוצפה ניט געהאַט, נאָר ווען אַ רעדל איז געזעסן צוזאַמען און ער איז פאַרבייגעגאַנגען, האָבן זיך באַלד פונעם רעדל אַרויס, הינטער אים, געטראָגן די גאַרניט־צווידייטיקע באַמערקונגען, וואָס ער האָט זיכער געדאַרפט דערהערן:

— איך וועט זיך, אַז ער וועט נאָך אַ מצבה אויך פאַרגעסן שטעלן...

— איר וועט זען, אַז ער וועט נאָך דאָס קינד אויך ערגעץ אַוועק־שיקן...

און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער...

אַמאָל איז נאָך צו דעם צוגעקומען דער דראָענדיקער צורוף:

— זאָל ער זי נאָר פרוואון ברענגען אַהער...

אָבער דאָס, ווייזט אויס, איז נאָך אויך געווען צו־ווייניק. עס האָט זיך זיי נאָר געוואָלט אים באַליידיקן עפנטלעך, פאַר אַלעמען אין די אויגן, אַרויסזאָגן וואָס זיי דענקען און פילן וועגן אים. אָבער פאַר דעם האָט זיי שוין קיין מוט ניט געסטאַיעט, און דעם כעס זייערן האָבן זיי געמוזט לאָזן איבערקאָכן זיך אינעווייניק אין זיך.

ערליך האָט דערווייל אָנגעהויבן באַמערקן די געענדערטע באַציאונג צו אים. ער האָט ניט געוואוסט אַלץ, וואָס גייט אָן אין הויף, אָבער פון דעם וואָס ער האָט באַמערקט, איז גענוג געווען צו מאַכן אים פילן שטאַרק אומבאַקוועם. די פלוצעמדיקע קאַלטקייט פון די שכנים צו אים, זייער וויכן פון אים, און די באַליידיקנדיקע צורופן, וואָס האָבן אים פון צייט צו צייט דערגרייכט, האָבן אין אים אַרויסגערופן פאַרדראָס.

— וואָס האָבן זיי צו טאָן מיט אים? וואָס גייט זיי אָן זיין פריוואַט לעבן? וואָס פאַר אַ רעכט האָבן זיי גאָר די מינדסטע באַמערקונג צו מאַכן וועגן אים?

ער האָט דאָס אַנטשיידן צוריקגעשליידערט.

אָבער די קראַפט, מיט וועלכער זיי האָבן זיך אַריינגעריסן צו אים, דאָס רעכט וואָס זיי האָבן זיך אַליין געגומען, האָט אים אויך באַהערשט, און ניט ווילנדיק האָט ער זיך געמוזט רעכענען מיט דעם.

— וואָס איז ער שולדיק? — האָט ער געטראַכט ביי זיך, ווי זוכנדיק זיך צו פאַרענטפערן — אַזוי איז דאָס לעבן, גערעכט צי אומגערעכט. ניט ער האָט גורם געווען צירלס טויט, און ניט ער האָט געזוכט רעיטשלס ליבע.ביידע זיינען געקומען פאַר אים אומדערוואַרט, קעגן זיין ווילן.

שוין ניט דאָס ערשטע יאָר, אַז ער קען רעיטשלען. ער קען זי פונעם אָפיס, וואו זי אַרבעט, און וואוהין אים פלעגט אויסקומען פון צייט צו צייט אַרויפצוקומען צוליב פאַרשיידענע אָנגעלעגנהייטן, פאַרבונדן מיט זיין אַרבעט. אָבער קיינמאָל איז אים גאָרניט איינגעפאַלן, אַז ער זאָל זיך ווען עס איז פאַרבינדן מיט איר, און נאָך ווייניקער — אַז ער זאָל זיך פאַרליבן אין איר.

אמת, שוין דעמאָלט האָט ער זי באַמערקט, און ניט־ווילנדיק פלעגט ער פאַרהאַלטן זיין בליק אויף איר. אָבער דאָס איז געווען צוליב גאַנץ אַנדערע אורזאַכן. עס האָט דעמאָלט געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט איר אויסערגעוויינלעכע ווייבלעכקייט, איר רייץ און בלענדנדיקע שיינקייט. אָבער מער ווי אַלץ, וואָס האָט געצויגן זיין בליק צו איר, איז געווען דער באַזונדערס קלאָרער און ליכטיקער קאָליר פון איר פנים, איר האַלדז און אירע האַלב־נאַקעטע הענט. אַזוי דורכזיכטיק איז זייער הויט געווען, אַז די זון וואָלט זיך געקענט דורך דעם דורכלויכטן.

ער איז דעמאָלט ניט דער איינציקער געווען, וועמען רעיטשלס שיינער אויסזען האָט געררייצט. אָבער אים איז דעמאָלט גאָרניט איינגעפאַלן, אַז ער וועט זיך אין איר שפּעטער פאַרליבן...

און געשען איז עס פונקט אַזוי שנעל, ווי אומדערוואַרט.

קיינמאָל פריער, דאַכט זיך, האָט זי אים קיין באַזונדערע אויפמערק־זאַמקייט ניט געשענקט. פאַרקערט נאָך, געווען שטענדיק מיט אים קורץ און זאַכלעך, בשעת מיט אַנדערע פלעגט זי שפּאַסן און לאַכן. מסתמא האָט זי אים באַטראַכט פאַר אַ צו־ערנסטן.

אָבער זינט צירל איז געשטאָרבן, איז זי געוואָרן אינגאַנצן אַנדערש צו אים. זי האָט אָנגעהויבן פריילעך און שפּילעוודיק צו באַגריסן אים, דורך אַ שפּאַס פאַרהאַלטן אים לעבן זיך און אַריינציען אין אַ שמועס. שפּעטער ביים אַוועקגיין איז דער „גוד־באַי" ווידער געווען דורכגע־פלאַכטן מיט אַזאַ שפּילעוודיקער לייכטקייט, אַז עס האָט איבערגעלאָזן אַ רייצנדיקע אויפרעגונג און האַרץ־קלאַפּעניש...

ער האָט טאַקע אָפטער אָנגעהויבן אַריינצוקומען אין אָפּיס, ניט אַזוי צוליב אַנדערע זאַכן, ווי צוליב איר...

און אַזוי איז ער ביסלעכווייז צוגעצויגן געוואָרן צו איר.

נאָר, אַז דאָס זאָל געשען אַזוי גיך, האָט ער ניט דערוואַרט.

און געשען איז עס אינגאַנצן צופעליק און אומגעריכט.

ער איז איינמאָל אַריינגעקומען אין אָפּיס און, ווי שטענדיק לעצטנס, פאַרהאַלטן זיך לעבן איר שרייב־טיש. ער האָט געלאַכט און געוויצלט זיך, און זי האָט אויך געלאַכט, גלאַנצנדיק נאָך העלער מיט אירע בלויע אויגן און ליכטיקן פּנים. ווען ער האָט זיך ענדלעך אָפּגעריסן אַוועקצוגיין, האָט זי פּלוצלונג, ווי דערמאָנענדיק זיך, געזאָגט, אַז זי דאַרף אים עפּעס ווייזן.

זי איז צוגעגאַנגען צו איר האַנט־בייטל, אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ צאָל טעאַטער־בילעטן און דערלאַנגענדיק זיי אים, האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט אַ שטיפערישן טאָן, אין וועלכן עס האָט זיך אָבער געפילט אי זיכער־קייט, אי באַפעלערישקייט:

— איך מוז זיי פאַרקויפן. קלייבט זיך אויס איינעם פון זיי...

ער האָט אַ סעקונדע אַ טראַכט געטאָן, און פּלוצלונג איז אים איינגע־פאַלן צו פרעגן:

— איר אַליין וועט דאָך דאָרט מסתמא אויך זיכער זיין?...

— איך האָף אַזוי... סיידן איך וועל ניט האָבן מיט וועמען צו גיין. אַליין אין טעאַטער גיי איך ניט...

— וואָס?! — האָט ער פאַרוואונדערט אויסגערופן — אַ שיין מיידל דאַרף זיך אויך זאָרגן מיט וועמען צו גיין?

— ווי אַמאָל... — האָט זי קאָקעטיש געענטפערט — שיינע מייד־לעך, דאַרפט איר וויסן, זיינען זייער איבערקלייבעריש...

— נו, און מיט אַזאַ ווי איך, דענקט איר, וואָלט אַ שיין מיידל געוואָלט „אויסגיין"?... — האָט ער פּונקט אַזוי קאָקעטיש געשפּילט זיך.

זי האָט זיך הויך, אָבער גוטמוטיק, פונאַנדערגעלאַכט.

— אויב אַזוי — האָט ער געזאָגט — לאָזט איבער צוויי...

ער איז אַרויס פון אָפּיס צערודערט און צערויטלט. ער האָט גע־וואוסט: עס איז ניט קיין שפּיל מער — זיין גורל ווערט איצטער באַשטימט.

און ווירקלעך, יענער אָוונט שפּעטער, דאָס ערשטע מאָל „אויסגיין" מיט איר, האָט באַשטימט זיין ווייטערדיק לעבן.

דאָס זיצן לעבן איר אין טעאַטער, דאָס האַלטן איר האַנט, דאָס פילן די באַענטקייט פון איר שיין לייב, האָבן אים אַזוי באַרוישט, אַז ער האָט געפילט, ווי ער וואָלט גאַנצע פלעשער ווייַן געטרונקען. דער קאָפּ האָט

זיך אים פאַרדרייט פון שיכּרות. ווי אויסטועענדיק זיך פון יעדער ערנסט־קייט, איז ער געזעסן און געפּלאָפּלט, וואָס אים איז נאָר איינגעפאַלן. ער האָט געפילט, אַז ער רעדט נאַרישקייטן, זאַכן וואָס פּאַסן זיך גאָרניט פאַר זיין עלטער. נאָר אין דער מינוט האָט ער זיך געפילט ווי אַ צענדליק יאָרן וואָלט זיך אים פון די פּלייצעס אַרונטערגעקייקלט, און אַז ער פילט זיך אין דעראמתן נאָך אינגער, שיר ניט ווי אַ זעכצן־יאָריקער...

דעם זעלבן אָוונט נאָך, זיצנדיק אינטים אין אַ רעסטאָראַן, האָט ער זיך איר אין ליבע דערקלערט... זי האָט אים פאַרוואונדערט און כּלומרשט איבערראַשט אָנגעקוקט און, ניט געבנדיק קיין דירעקטן ענטפער, בלויז געפרעגט: „איר מיינט עס?...“ אָבער, ווען ער האָט נאָכדעם די גאַנצע צייט געהאַלטן איר האַנט אין זיינער און געגלעט, און אַ פּאָר מאָל זי אַפילו אַ קוש געטאָן און זי האָט אים גאָרניט געזאָגט — האָט ער עס פאַרשטאַנען, ווי אַ שטומען ענטפער, ווי אַ שטילע הסכּמה...

פון דעמאָלט אָן איז ער אינגאַנצן פאַרשלונגען געוואָרן פון איר. זיינע געדאַנקען, זיינע טעג און נעכט, זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט איר.

— רעיטשל איז זיינע, זיינע... די ווערטער האָבן זיך איבערגעחזרט אין זיין מוח און געקלונגען דאָרט, ווי די מעלאָדיע פון אַ ליד.

ער געדענקט ניט, אַז צו זעכצן יאָר זאָל ער האָבן אַזוי געפיבערט פאַר אַ באַגעגעניש מיט אַ מיידל, ווי ער פיבערט איצט יעדעס מאָל, ווען ער דאַרף זיך טרעפן מיט איר. אין דערוואַרטונג איז ער ווי אַ פלאַקערדיקער פייער, וועלכן דער ווינט האָט נאָך שטאַרקער צעבלאָזן... ער ציטערט נאָר, אַז דאָס גליק זאָל זיך ניט מתקנא זיין אין אים, אַרויסרייסן זי און אַנטלויפן. לעבט ער דעריבער אין פיבער, אין טשאַד און אין שרעק...

פון צייט צו צייט קומט אים אויפן געדאַנק צירל... אַ מאָדנער געפיל באַפאַלט אים דעמאָלט, אַ ניט־קלאָרער, אומאַנגענעמער, אויסגע־מישט אַזוי ווי מיט שרעק... ער טרייבט אים פון זיך און וויל זיך פון אים באַפרייען. ער איז דעמאָלט אין כּעס אויף זיך אַליין פאַר אַרויפברענ־גען זי גאָר אויפן זכרון. צו וואָס באַאומרואיקן גאָר די טויטע אין די קברים? ער פילט זיך דאָך איצט אַזוי ווייט פון איר, ווי זי וואָלט געווען טויט שוין צענדליקער יאָרן... איר פּלאַץ פאַרנעמט איצט דאָך רעיטשל...

ער ווייס: עס איז קיין פאַרגלייך צווישן זיי ניטאָ... צירל איז מיט טויזנט קעפּ געשטאַנען העכער פון איר, אינטעלעקטועל, מענטשלעך. עס טרעפט אַמאָל, אַז צירלס פיינע פּערזענלעכקייט שטעלט זיך אים אַוועק פאַר די אויגן, טייט מיטן פינגער אויף רעיטשלען און רייצט זיך מיט אים און מאַכט חוזק פון אים... עס ווערט אים דעמאָלט אַזוי שלעכט אויפן

האַרצן... אָבער, וואָס קען ער טאָן? אַז צירל איז דאָך טויט, און רעיטשל איז לעבעדיק און ווי אַ רייפע, זאַפטיקע פרוכט לאָקערט זי מיט צוזאָג און רייץ...

דערצו האָט רעיטשל אויך אירע מעלות. אמת, פון אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער ווי צירלס, אָבער דאָך מעלות.

רעיטשל קומט פון אַן אַנדער וועלט, און אירע אינטערעסן זיינען אויך אַנדערע. אמת, פלאַכערע, אָבער דאָך האָבן זיי אויך זייער רייץ און קאָליר.

אָט, אַ שטייגער, דאָס קליידן זיך. וויפל מאָל פלעגט ער דאַרפן איבער־רעדן מיט צירלען און איינטענהן, זי זאָל זיך קויפן אַ נייעם מאַנטל, אַ ניי קלייד, אָדער נייע שיך, און זי פלעגט כסדר האַלטן אין אָפּלייגן, באַווייזן אים, אַז עס איז נאָך דאָ צייט. פאַרוואָס? ווייל צירלען איז דאָס ניט צו־שטאַרק אָנגעגאַנגען.

רעיטשל איז שוין גאָר אַנדערש. דאָס אָנטאָן זיך איז ביי איר איינע פון די וויכטיקסטע זאַכן. יעדעס מאָל, ווען ער „גייט־אויס" מיט איר, קומט זי אין אַן אַנדער קלייד, אַנדער הוט, און אָפט אויך אין אַן אַנדער מאַנטל. וועך ווייס, וויפל זי האָט קליידער און וויפל זי קויפט זיך! און די פילפאַרביקייט פון איר אָנטאָן זיך! דאָס צופּאַסן די פאַרשיידענע קאָלירן, אַז איינס זאָל פּאַסן צום אַנדערן, איינס זאָל אָפּשלאָגן דאָס אַנדערע. אַ שלל פון קאָלירן... היינט די סטענגעלעך און בענדעלעך און שנירלעך און טיכעלעך און שאַליקעס, און צירונג פאַרשיידענע שטיקלעך! אַ ים אַ גאַנצער...

און יעדעס מאָל, ווען ער זעט רעיטשלען אַזאַ אויסגעפּוצטע, אַזאַ פאַרביקע, אַזאַ קאָלירפולע און אַזאַ שמעקנדיקע — דערפילט ער זיך, ווי אין אַ וועלט פון בלומען, געררייצט פון זייער דופט...

בכלל גיט זיך רעיטשל שטאַרק אָפּ מיט איר אויסערלעכן אויסזען און מיט איר פיגור. ווי פאַרנומען זי זאָל ניט זיין, מוז זי אָבער געפינען צייט צו מאַכן איר פריזור, צורעכט מאַכן איר פנים, אויספּוצן אירע נעגל. און ווען זי גייט אַרויס אין גאַס, באַמערקט ער ווי ניט איין מאַן דרייט־אויס דעם קאָפּ און קוקט זיך אום אויף איר. ער איז צופרידן דעמאָלט און איז שטאָלץ מיט דעם, וואָס זי איז זיינע... צו זעקס־און־דרייסיק יאָר וועקט דאָס אין אים אַזעלכע געפילן און שטימונגען, ווי צו אַכצן, און עס בינדט אים אַזוי שטאַרק צו רעיטשלען, ווי ער וואָלט זי די ערשטע באַגעגנט אין לעבן...

יאָ, אַן אַנדערע איז זי, רעיטשל... פון אַן אַנדער וועלט קומט זי, אַ פרעמדלעכער, מיט אַנדערע אינטערעסן, און ער מוז זיך צופּאַסן, סיי צו

רעיטשלען און סיי צו אַט דער וועלט. אין אַ נייער סביבה איז ער איצט אַריינגעפאַלן, מיט נייע מענטשן, נייע געוואוינהייטן — און ער מוז זיך צופּאַסן צו אַט דעם אַלעם.

צוערשט האָט ער זיך געשראָקן פאַר דעם, פאַר דער נייקייט און אַנדערשקייט. געשראָקן זיך, צי וועט ער זיך קענען אַריינפּאַסן. וואָרעם, טאָמער ניט — וואָס וועט דעמאָלט זיין מיטן גאַנצן בנין, וועלכער קאָן זיך דאָן אין איין שיינעם פרימאָרגן אַ שאָקל טאָן און פונאַנדערפאַלן... אָבער זיין שרעק איז געווען אומזיסט. ווי אַ יונג אינגל, וואָס מען פירט צום ערשטן מאָל אין חדר, איז ער געהאָרכזאַם נאָכגעגאַנגען, אַלץ אויסגעפּאָלגט און געזוכט פלייסיק צו לערנען...

און איצט פילט ער זיך זיכער, זיכער מיט רעיטשלען און זיכער מיט זיין גליק. עס באַפאַלט אים בלויז אַמאָל אַ שווערע שטימונג און אַ לייכטער פאַרדראָס גייט אַדורך, וואָס ער האָט געמוזט אַזויפיל מקריב זיין, מיט אַזויפיל איינגעלעבטן און טייערן זיך שיידן... אויך צירל שטעלט זיך אים אַמאָל אַוועק פאַר די אויגן מיט איר גאַנצער גוטסקייט און איידלקייט און טיפער מענטשלעכקייט — און עס דאַכט זיך אים, אַז זי קוקט אים אָן מיט שפּאָט און שטילן בייסנדיקן פאַרוואורף...

דער אומאַנגענעמער געפיל גייט אָבער באַלד אַוועק אַזוי גיך, ווי עס קומט דער באַרואיקנדיקער ענטפער אויף אַלץ, וואָס ער האָט לעצטנס געטאָן און לעצטנס דורכגעמאַכט:

— וואָס קען מען טאָן? אַזוי איז דאָס לעבן, און קעגן לעבן קען מען זיך ניט שטעלן...

מיט זיך אַליין גיט ער זיך נאָך ווי עס איז אַן עצה. ערגער ווי אַלץ אָבער איז מיטן הויף... פאַר די שכנות, ווייזט אויס, גילט ניט קיין פאַר־ענטפערונג. ווי פיילן פאַרפאָלגן אים פון הינטן זייערע באַמערקונגען און רייצן אים און ערגערן.

ער פּרוּווט איינטענהן מיט זיך אַליין:

— וואָס, אייגנטלעך, האָט דאָס צו טאָן מיט זיי? וואָס פאַר אַ רעכט האָבן זיי צו מישן זיך אין זיין פּערזענלעכן לעבן?...

עס האָט אים גערייצט און געערגערט און אַרויסגערופן פאַרביטערט־קייט.

— דאָס בעסטע וועט זיין — האָט ער באַשלאָסן — ניט צו לייגן קיין שום אַכט אויף זיי...

אַ פּאָר חדשים זיינען אַריבער. די שכנות האָבן ניט אויפגעהערט צו וואָכן. זיי האָבן איצט אויפגעהערט זיך צוהערן צום טעלעפאָן, האָבן זיי

דערפאַר אָפּגעהיט אין די אָוונטן, טאָמער וועט ער מיט איר קומען אַהער. זיי האָבן אַליין ניט געוואוסט, וואָס עס וועט זיין, ווען זיי וועלן זי דערזען. אָבער געפילט האָבן זיי, אַז עפּעס וועט געשען. עפּעס וועלן זיי זיכער טאָן צו לאָזן איר וויסן, אַז ניט אַזוי גרינג וועט איר אָנקומען דאָס פאַרנעמען צירלס פּלאַץ.

די מענער האָבן געלאַכט און חוזק געמאַכט פון זייער צעקאָכטקייט און היצן זיך, אָבער די שכנות האָבן געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— זאָל זי נאָר וואַגן קומען אַהער!...

אָבער — צי ערליך האָט פאַרשטאַנען, וואָס די שכנות טראַכטן, צי ער האָט זיך אפשר אַליין געשראָקן, אָדער געשעמט זיך, אָבער קיין איינציקן מאָל האָט ער זיך מיט איר ניט געוויזן אין הויף. אַליין האָט ער זיך אויך ווייניק געוויזן. מען האָט אים ווייניק באַמערקט איצט אין גאַס און נאָך ווייניקער אין הויף. ווען ער פלעגט דורכגיין, פלעגט ער אָפּקערן דעם קאָפּ אין אַ זייט און אויסמיידן צו באַגעגענען זיך מיט עמעצן, ווי ער וואָלט געפילט, אַז ער איז אַ פאַרברעכן באַגאַנגען.

נאָר אין איין שיינעם פרימאָרגן, ווען די שכנות זיינען אַרויס אין הויף, האָבן זיי ביים אַריינגאַנג געטראָפן שטיין אַ טראָק — אַ לאַסט־וואָגן, וואָס פירט איבער זאַכן — און ערליכן אַליין העלפנדיק די מענטשן אַראָפּ־טראָגן און איינפּאַקן די זאַכן. ער האָט זיך, ווייזט אויס, געצויגן אין אַן אַנדער דירה.

די שכנות זיינען געבליבן שטיין געפּלעפט און צעטומלט, קוקנדיק אויפן טראָק און אויף די זאַכן, און פילנדיק ווי ערליך וואָלט זיי איצט האָבן „פאַרראַטן" צום צווייטן מאָל...

וואָס איז דאָס לעבן?

דאָס גוטע לעבן, וואָס רייזל האָט געהאַט פאַר בערישן, און די זעל־טענע ליבע, וואָס ער האָט איר אַרויסגעוויזן, זיינען געווען אַ שם־דבר צווישן פריינט און באַקאַנטע. עס איז ניט נויטיק געווען דווקא צו זיין אַ פריינט זייערער, אָדער אַזוי אַן אָפטער אַריינגייער אין הויז, צו באַמערקן עס. עס איז גענוג געווען בלויז איין מאָל צו טרעפן זיי צוזאַמען, ווי מען האָט געקענט גלייך זען, אַז ניט בלויז איז דער מאַן שטאַרק פאַרליבט אין איר, נאָר אַז ער פאַרגעטערט זי פשוט. ווען ער האָט געקוקט אויף איר, איז עס געווען מיט אַזוי פיל אַנטציקונג, ווי עס קוקט נאָר אַ יונגער פאַרליבטער אויף זיין געליבטע; און ווען זי האָט גערעדט, האָט ער זיך צוגעהערט מיט אַזוי פיל דרך־ארץ, ווי עס הערט זיך צו אַ תלמיד צו זיין רבין, וואָס איז אַ סך עלטער פון אים.

אָנגעהויבן זייער לעבנס־וועג האָבן ביידע כמעט אויף איין און דער זעלבער גייסטיקער פלאַך. ווען ביידע האָבן זיך געטראָפן מיט יאָרן צוריק, איז איינער פון זיי ניט געשטאַנען העכער פונעם צווייטן: זי איז געווען אַן אַרבעטער־מיידל, אַ שניידעריך, און ער אויך דאָס זעלבע — אַ צושניידער ביי לעדער. זיין אויפמערקזאַמקייט צו איר האָט דעמאָלט געצויגן איר אויסערלעכע שיינקייט: אַ פיין פנים, ליכטיקע בלויע אויגן און אַ פיגור, וואָס איז געווען אַ זעלטנהייט אין שטעטל.

אָבער דאָס איז געווען אין דער „אַלטער היים" און מיט אַ פאַר צענדליק יאָר צוריק. שפּעטער האָבן זיך זייערע וועגן אָנגעהויבן צו צעגיין. מען קאָן ניט זאָגן, אַז ער איז דאָ געבליבן שטיין אויף דער זעלבער גייסטיקער מדרגה, ווי אין דער היים. געוויס האָבן די צייט און די נייע אומשטענדן אין דעם נייעם לאַנד געהאַט זייער ווירקונג אויף אים און אויך אים אויפ־געהויבן העכער און געמאַכט ניט צו דערקענען אין פאַרגלייך מיטן ערשטן טאָג, ווען ער איז אַראָפּ פון שיף. אָבער זי האָט זיך באַזונדערס אַ הויב געטאָן און אַריבערגעשטיגן אים ווייט־ווייט.

געשפּילט אַ ראָליע דערביי האָט כמעט ווי אַ צופאַל. רייזל האָט אַלע מאָל געהאַט אַ שיינע שטימע און האָט ליב געהאַט צו זינגען. אָבער קיין צו־גרויסן ווערט האָט קיינער דערפון ניט געמאַכט, ווי מען וואָלט געזאָגט: נו, זינגט זי — איז וואָס?

דאָ אָבער האָבן די מיידלעך און בחורים אין שאַפּ, מיט וועלכע זי האָט געאַרבעט, דאָס גלייך באַמערקט. מען איז צוגעצויגן געוואָרן פון דער

מעלאָדישקייט פון איר שטימע און ליב געהאַט זי צו הערן. אין דער פריִער צייט, ביי דער מיטאָג־שטונדע, פלעגט מען זי בעטן צו זינגען פאַר זיי. עפּעס אַזוינס איז געווען אין איר שטימע, וואָס פלעגט אַלעמען פאַרכאַפּן. זי פלעגט זינגען מערסטנס די לידלעך, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון דער „אַלטער היים״, נאָר האָט זיך גיך אויסגעלערנט זינגען אויך לידער, וואָס זיינען געזונגען געוואָרן דאָ אין לאַנד.

צוליב דעם טאַקע איז זי געוואָרן דער ליבלינג פון שאָפּ. עס האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן זי אָנגעהויבן צורעדן צו פאַרפאָלקאָמען איר זינגען — מעגלעך אין אַ שול, אָדער דורך אָנשליסן זיך אין אַ כאָר.

דאָס האָט איר צוגעגעבן מוט און אַליין געמאַכט זיך צו פאַרטראַכטן איבער איר שטימע. עס האָט געטראָפן אַ פּאָר מאָל, אַז זי איז געווען ביי אַן אונטערנעמונג, וואו ס'איז אויפגעטראָטן אַן אָנערקענטער פאַרוויילער, און עמעצער, וואָס האָט זי געקענט, האָט זי אויך אַרויסגערופן, כדי צוצו־געבן דעם אָוונט נאָך מער אינטערעסאַנטקייט, און זי, נאָך אַ לאַנגן לאָזן זיך בעטן, איז שעמעוודיק אויפגעטראָטן, — ווי דער עולם איז געוואָרן פאַר־כאַפּט פון איר זינגען, און פאַרגעסנדיק אין דעם אָפּיציעלן פאַרוויילער, געשענקט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט נאָר צו איר. ס'איז געווען, ווי מען וואָלט פּלוצלונג אַ נייעם טאַלאַנט אַנטדעקט, וואָס האָט אַריינגעטראָגן אין דעם אָוונט נייע פרייד און דערהויבונג.

זי האָט ביסלעכוויז אָנגעהויבן באַקאַנט ווערן. קליינע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך געיאָגט נאָך איר פאַר זייערע אונטערנעמונגען און זיינען געווען גליקלעך, ווען זי האָט אָנגענומען. זי האָט קיינעם ניט געוואָלט אָפּזאָגן, אָבער גלייכצייטיק געקוקט אויף דעם מיט פאַרוואונדערונג, ווי זי וואָלט זיך גע־חידושט, וואָס אַזוינס האָט מען דערזען אין איר, וואָס מען יאָגט זיך אַזוי נאָך איר.

זי איז צוערשט געווען צוריקגעהאַלטן. אָבער מיטן גרויסן דערפאָלג, וואָס זי האָט געהאַט, און מיט דער ליבשאַפט, וואָס אַלע האָבן איר אַרויס־געוויזן, איז איר צוטרוי צו זיך געוואַקסן.

זי האָט אָנגענומען די עצה פון פריינט און אָנגעשלאָסן זיך אין אַ כאָר. דער דיריגענט האָט איר באַלד פון אָנהייב דערקלערט, אַז איר שטימע איז אפשר ניט קיין צו שטאַרקע, דערפאַר אָבער פאַרמאָגט זי אַ סך ווייכקייט און בויגעוודיקייט, וואַרעמקייט און צאַרטקייט, וואָס ווירקט שטאַרק אויפן צו־הערער. רייזל איז געווען שטאַרק געשמייכלט דערפון.

זינגענדיק אין כאָר, האָט זיך איר שטימע נאָך מער אויסגעפיינערט. מיט דער צייט איז זי געוואָרן איינע פון די סאָליסטינס פון כאָר. איר איי־גענער רעפּערטואַר האָט זיך אויך אויסגעברייטערט. זי האָט אָנגעהויבן זינ־

גען פאָלקס־לידער און לידער פון אַנדערע זשאַנרען. אומעטום איז זי געווען דערפאָלגרייך.

זי האָט זיך אויסגעלערנט לייענען נאָטן און אָנגעהויבן בעמען לעקציעס אין פיאַנאָ־שפּילן. דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף איר און אויפגעהויבן איר גייסטיקן ניוואָ. זי האָט איצט געלעבט אין אַן אַטמאָספער פון קולטורעלער דערהויבנקייט. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן אָפּשפּיגלען אויף איר פּנים און אויף אירע מאַנירן. אירע שטריכן זיינען געוואָרן אידעלער, ראַפינירטער; אירע באַוועגונגען — איינגעהאַלטענער, געמאָסטענער. איר גלויבן אין זיך איז געוואַקסן און צוגעגעבן איר זיכערקייט און ווירדע.

זי איז געוואָרן נאָך שענער ווי געווען. די ליבע, וואָס זי האָט געגאָסן פון איר מאַן און די אָנערקענונג, וואָס זי האָט געגאָסן פון אַנדערע, האָט אָנגעפילט איר פּנים מיט גוטסקייט און פריינטלעכקייט, וואָס צוזאַמען מיט דער ווירדיקייט, וואָס איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף איר, האָט געמאַכט זי צייטנווייז אויסזען שיר־ניט ווי אַ מאַדאָנע, אויף וועלכער עס איז אָנגענעם געווען צו קוקן.

איר הויז איז איצט פול געוואָרן מיט אינטעלעקטועלער געזעלשאַפט־לעכקייט. ס'האָט אַלעמען געצויגן אַהין: זינגער, פּאַרווילער און גלאַט קולטור־מענטשן. אַלעמען האָט באַגעגנט אַ וואַרעמע אַטמאָספער, אַ ציכ־טיק־צוגעקליבענע היים, אַ שיינע און פריינטלעכע באַלעבאָסטע, און טישן אָנגעשטעלטע מכל־טוב. לעבהאַפטע שמועסן פלעגן זיך פאַרבינדן, וואָס פלעגן אָנפילן די לופט — אַמאָל מיט ערנסטער דיסקוסיע און אַמאָל מיט לייכטער פלאַפּלעריי און קלינגענדיקן געלעכטער פון וויץ און הומאָר.

בעריש איז געווען מלא גדולה. די גאַנצע צייט פון רייזלס וואוקס איז ער נאָכגעגאַנגען נאָך איר און געווען גליקלעך מיט איר דערפאָלג. ער האָט ניט געפילט קיין טראָפּן קנאה. ער האָט געוואוסט, אַז רייזל איז אים געטריי, און איז געווען צופרידן צו באַהאַלטן זיך אין שאָטן פון איר דערפאָלג. ווי אַ פאָטער, וואָס איז גרייט פאַר זיין „וואונדער־קינד" אויף אַלע קרבנות, אַזוי איז אים קיין זאַך ניט שווער געווען. איר דערפאָלג איז געווען אויך זיינער. ער האָט גענומען אויף זיך די ראָל פון אַ פּאַר־זאָרגער פון אַ באַקוועם און צופרידן לעבן פאַר איר און באַטראַכט עס פאַר זיין ציל און אויפגאַבע אין לעבן.

אין די זונטיק־אָוונטן, ווען אַ סך מענטשן פלעגן זיך צונויפקומען, פלעגט ער, ווי עקסטרע זוכנדיק זיך אָפּצורוקן אין אַ זייט, צוטיילן רייזלען די ראָל פון אַ גאַסט־אויפנעמערין און פאַר זיך אַליין נעמען די ראָל פון אַ באַלעבאָסטע און סאַרווערין. ער פלעגט זען צו פאַרען זיך אַרום דעם צוגרייטן די שפּייז און געטראַנקען. און ווען די געסט אַמאָל פלעגן וועלן

אים צוטיילן אויך זיין חלק אויפמערקזאַמקייט, פלעגט ער זען זיך אַרויס־דרייען פון דעם און פאַרשווינדן אין קיך.

דערפאַר, ווען ער פלעגט אַריינקומען מיט אַ טאַץ קאַווע און טרעפן רייזלען אין צענטער פונעם עולם, פלעגט ער אויף שנעל אָפּטרעטן זיך מיט זיין אויפגאַבע און בלייבן שטיין זיך צוצוהערן צו דעם, וואָס גייט־אָן. אַליין פלעגט ער קיין אָנטייל ניט נעמען, נאָר צוקוקן זיך, ווי רייזל שוועבט איבערן עולם און איז דער צענטער פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. מען האָט געקענט זען, אַז דער מענטש איז שטאָלץ דערמיט, וואָס זי איז זיין ווייב, און איז איר שטאַרק דאַנקבאַר, וואָס זי האָט געמאַכט די היים זייערע פאַר אַ צענטער פון גייסטיקן פאַרגעניגן.

אַפילו איר זינגען איז פאַר אים שטענדיק געווען ווי ניי. מיט אָן אָפּגעעם מויל פלעגט ער שטיין און איינזאַפּן אין זיך יעדן קלאַנג און יעדן בויג פון איר שטימע, ווי ער וואָלט יעדעס מאָל נייע וואונדער אין איר אַנטדעקט.

מיטאַמאָל איז אַן איבערקערעניש פאָרגעקומען אין הויז. בעריש איז פלוצלונג קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. דאָס האָט געמאַכט אַ דערשיטערנ־דיקן איינדרוק אויף אַלע פריינט. אַ מענטש אין רעכטן בלי, אין די מי־טעלע פערציקער, אַ גליקלעכער, אַ צופרידענער, נעמט און שטאַרבט פלוצ־לונג אַוועק.

דער וויטאָג איז געווען גרויס. אָבער נאָך גרעסער איז געווען דער מיטגעפיל צו רייזלען: צוגעוואוינט געווען צו אַזאַ גליקלעך לעבן, און פלוצלונג — אויס, איבערגעריסן אינמיטן! צוגעוואוינט געווען צו אַזוי־פיל איבערגעגעבנקייט מצד דעם נאָענסטן און אינטימסטן פריינט, צו אַזוי פיל ליבע און אויפמערקזאַמקייט, — וואו קאָן מען עפּעס געפינען, וואָס זאָל כאָטש טיילווייז דאָס קאָנען פאַרבייטן?

אַלע האָבן געפילט, אַז דער גאָלדענער פעריאָד אין רייזלס לעבן איז פאַריבער. נאָך מער: מען האָט געפילט, אַז דער גאַנצער הערלעכער גייסטיקער געוועב, וואָס איז אויסגעפלאָכטן געוואָרן אַרום רייזלס הויז, וועט איצט מעגלעך צעפאַלן ווערן. כאָטש דער פאַרשטאָרבענער האָט תמיד געזוכט צו האַלטן זיך אין שאָטן, איז עס אָבער אין דער אמתן ער געווען דער צענטראַלער נערוו, וואָס האָט געהאָלפן באַווייגן און אָנהאַלטן די גאַנצע גייסטיקע אַטמאָספער אין הויז. אָבער איצט, אָן דעם פונדאַמענט — ווי אַזוי וועט די געבײדע אויפגעהאַלטן ווערן?

ווירקלעך, אויפן הויז האָט זיך אויסגעזעצט אַ טרויער. רייזל איז געווען אַזוי דערשיטערט, אַז זי איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעמישטע. זי האָט

בשום אופן ניט געקאָנט שלום־מאַכן מיטן געדאַנק, אַז בעריש איז טויט. אַפילו די קינדער און די טאָג־טעגלעכע זאָרג וועגן זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרטומלען דעם ווייטאָג און שטילן די וואונד.

אַ מין אָפּיציעלער טרויער איז דערקלערט געוואָרן אין הויז. רייזל האָט איבערגעריסן מיט איר כאַר־געזאַנג, און אַוודאי האָט קיינער ניט געוואָגט קומען איינלאַדן זי אויפצוטרעטן ביי אַן אונטערנעמונג. די גייסט־רייכע זונטיק־אָוונטן זיינען אויך איבערגעריסן געוואָרן.

רייזל האָט זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט ווי פון אַ חלום. אַ שיינער חלום איז געווען דאָס לעבן מיט בערישן, און איצט איז עס פאַרשוואונדן. ס'איז געווען צו־ווייטאָגדיק צו טראַכטן פון דעם. בלויז די פאַרגאַנגענהייט האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס האָט איר געקאָנט געבן טרייסט און אַן אָנשפּאַר אין לעבן. פלעגט זי זיך אַריינלאָזן אין ווייטע זכרונות און פאַרזינקען אין איבערלעבונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע זי פלעגט פּרואוון צוריק אויפשטעלן. אָבער אַנשטאָט באַרואיקונג, פלעגט עס איר געבן נאָך מער פּייניקונג. זי פלעגט אַרומגיין ווי אין אַ חלום, ווי זי וואָלט אין אַן אַנדער וועלט געלעבט. די איינציקע פאַרלייכטערונג איז געווען דאָס אָפּגעבן זיך מיט די קינדער.

אַזוי איז אַ יאָר אַריבער. אַ מצבה איז אויפגעדעקט געוואָרן נאָך בערישן, און דער אָפּיציעלער טרויער איז אַריבער. ביסלעכוויז האָט זיך די טרויעריקע אַטמאָספער אָנגעהויבן אויסצוווענן און אַלץ האָט אָנגעהויבן איינשטעלן זיך און צוביסלעך זיך אויסלייטערן. אַ שמייכל האָט זיך פון צייט־צו־צייט אָנגעהויבן באַווייזן אויף רייזלס פּנים; פריינט האָבן צוריק אָנגעהויבן קומען און פון זייער זייט, איינלאַדן זי צו זיך; פון כאָר איז מען געקומען בעטן זי צוריק, און זי האָט מיט אַ זיפץ אָנגענומען. אויך די אָרגאַניזאַציעס האָבן איצט באַשלאָסן קומען מיט איר צוריק אין קאָנטאַקט: צוערשט פאָרזיכטיק, איינגעהאַלטן, איינלאַדנדיק זי ניט צו זינגען, נאָר בלויז אַזוי צו קומען, און נאָכדעם, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז זי איז ערגעץ־וואו אויפגעטראָטן, זיינען זיי אַליין שוין אויך געוואָרן דרייסטער, זאַכלעכער. מיט איין וואָרט: רייזל האָט צוביסלעך אָנגעהויבן אַריינגיין אין דער פריערדיקער קאַלייע פון לעבן.

אָבער דאָ, גאָר אומדערוואַרט, איז איר אויסגעקומען אָנצושטויסן זיך אויף אַ נייעם פאַקטאָר אין לעבן, מיט וועלכן זי איז ביז איצט כמעט ווי ניט באַקאַנט געווען.

עס זיינען נאָך קיין פולע אָנדערהאַלבן יאָר ניט אַריבער נאָך בעריישעס טויט, ווי איר שוועל האָט ניט אויפגעהערט אָפּצושלאָגן צו ווערן פון פאַרשיידענע אָנבאָטן — חתונה צו האָבן. זיי זיינען געקומען דורך אונטער־

געשיקטע און אָנגעשטעלטע פּאַרמיטלער, און אַ סך מאָל — דורך די בעל־דברס אַליין.

מערסטנס זיינען עס געווען עלטערע מענטשן — אַ סך מאָל מיט אַ פופצן־צוואַנציק יאָר עלטער — וואָס האָבן זי קיין רו ניט געלאָזט. דאָס זיינען געווען רייכע פאַרמעגלעכע יידן, וואָס האָבן פאַרמאָגט גרויסע היי־זער — אַ סך מאָל צו עטלעכע — פון וועלכע זיי האָבן געצויגן גאָר היב־שע יערלעכע איינקונפטן, אָדער רייכע געשעפטס־לייט — איצטיקע, אָדער געוועזענע. זיי אַלע האָבן זיך געשדכנט צו איר און געזוכט זי צו קריגן. אַ סך האָבן זי געקענט נאָך פון פריער; אַנדערע, ווידער, האָבן זיך דער־וואוסט פון איר דורך איר שוואָגער — אַליין אַ רייכער ריעל־עסטעיט מאַן.

זיי האָבן געוואוסט, אַז רייזל איז ניט זייער גלייכן, אָבער זיי האָט עס ניט געאַרט. זיי האָבן געוואוסט, אַז זי איז אַ סך יינגער פון זיי, אָבער דווקא צוליב דעם האָט עס זיי געצויגן צו איר. זיי האָבן געוואוסט, אַז זי גע־הערט בכלל צו אַן אַנדער וועלט, אָבער זיי האָבן געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועט זי זיך „איינבראָכן".

זיי זיינען געוואָרניט געווען אַראָפּגעפאַלן ביי זיך אין באַצוג צו איר. זיי האָבן געפילט, אַז זיי האָבן איר וואָס אַנטקעגנצוגעבן. איר שיינעם און שטאָלצן אויסזען, האָבן זיי געפילט, קאָנען זיי אַנטקעגנשטעלן זייער רייכקייט און ברייטגיביקייט, וואָס זיי זיינען וויליק צו פאַרווענדן אויף איר. דאָס איז: אַ רייך לעבן, אָן זאָרג פאַר זיך און אויך פאַר די קינדער, אַ שיינע רייכע היים, טייערע קליידער און צירונג, פוטערנע מאַנטלען און רייזעס — וויפל און וואוהין זי וועט נאָר וועלן: ווינטער אין פלאָרידא און זומער אין אַנדערע פלעצער.

אין זייערע פריערדיקע יאָרן, צו זייערע ערשטע ווייבער, זיינען זיי גאָרניט געווען אַזוי טאָלעראַנט און פריגיביק. אַ סך זיינען אַפילו געווען ווילד־קאַרג און באַהאַנדלט זייערע פרויען אויפן ערגסטן אופן. אָבער איצט האָבן זיי באַשלאָסן צו „בויגן זיך" און ענדערן דעם אייגענעם כאַ־ראַקטער. רייכקייט איז געווען אָנגעזאַמלט אָן אַ שיר, און זיי האָבן באַשלאָסן אויסצולעבן די לעצטע יאָרן זייערע אין אַזוי פיל פאַרגעניגן, וויפל עס לאָזט זיך נאָר אַריינקריגן פאַר געלט אויף דער וועלט.

רייזל, האָבן זיי געגלויבט, איז צוגעפּאַסט פאַר זייערע פאַרלאַנגען, און דעריבער האָבן זיי זיך נאָך איר אַזוי געיאָגט. זיי האָבן ניט איינגעזען, פאַרוואָס זי זאָל זיי אָפּזאָגן. זיי האָבן זי געהאַלטן אין איין פאַרוואַרפן מיט פאָרשלאָגן, סיי דורך איר שוואָגער, סיי דורך אַנדערע אונטערגעשיקטע מענטשן.

אַז רייזל האָט דאָס דערהערט, איז זי ווילד געוואָרן פון כעס. זי האָט

זיך דערפילט אַזוי באַליידיקט, אַז זי האָט זיך אַזש צעוויינט און אַ צייט־לאַנג אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיט איר שוואָגער, וועלכן זי האָט חושד געווען אין זיין ניט נאָר אַן אויספירער פון שליחותן, נאָר טאַקע אַליין דער איניציאַטאָר זייערער.

דערפאַר אָבער האָט זי אינגאַנצן אַנדערש רעאַגירט, ווען זי האָט זיך געטראָפן צום ערשטן מאָל מיט אַלבערטן. ס'איז געווען ביי אירער אַ פריינדין אין הויז.

זי איז איינמאָל געקומען צו אירער אַ פריינדין און דאָרטן געטראָפן אַ מאַן, וועלכן יענע האָט פאָרגעשטעלט פאַר איר ווי אירן אַ לאַנדסמאַן. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין זייער אַן אינטערעסאַנטער מענטש. ער האָט אַרויסגעוויזן געניטשאַפט אין אַ סך פראַגן און אָנגעהאַלטן אַ לעבעדיקן שמועס. זיין אויסזען אַליין איז אויך געווען איינדרוקספול: אַ הויכער, אַ שטאַלטנער, מיט אַן אינטעליגענטן פנים און פיינע געשניצטע שטריכן.

איר פריינדין האָט איר שפעטער געזאָגט, אַז ער איז נאָך אַ בחור — אַן עלטערער, פאַרשטייט זיך — און פאַרנעמט אַ פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלע אין אַ גרויסער פירמע.

רייזל האָט קיינמאָל ניט געקענט אויסמאַכן, צי די באַגעגעניש איז געווען אַ צופעליקע, צי ניט. זי וואָלט געוועזן זיכער, אַז דאָס האָט די פריינדין אירע אַזוי איינגעאָרדנט. אָבער יענע האָט זיך געשוואָרן מיט אַזעלכע שבועות, אַז זי האָט איר געמוזט גלויבן.

אַלנפאַלס האָט דער מאַן געמאַכט אויף איר אַ שטאַרקן איינדרוק. ווען ער איז אין אַ פאָר שעה אַרום אַוועק, געזעגענענדיק זיך וואַרעם מיט רייזלען, האָט זי דערפילט ביי זיין האַנט־דרוק, ווי אַ רויטקייט האָט זיך צעגאָסן איבער איר פנים און דאָס האַרץ האָט שטאַרקער אָנגעהויבן צו קלאַפּן.

ווען ער איז אַרויס, איז אַ מאָדנע שטימונג געבליבן הענגען אין צימער. ביידע פריינדינס האָבן אַ ווײַלע געשוויגן.

— נו, ווי געפעלט ער דיר? — האָט יענע ענדלעך געפרעגט. — אַ לאַנדסמאַן פון מיין שטאָט. אויף איין גאַס זיך אויפגעהאָדעוועט. כאַפּט זיך אַריין פון צייט־צו־צייט. — אַ בחור נאָך, האָט זי נאָך אַ מינוט שווייגן צוגעגעבן. קיין שום פרוי אָדער מיידל געפעלט אים ניט. נאָר ווער עס וועט אים שוין יאָ געפעלן ווערן, וועט קריגן אַ טייערן מאַן...

רייזל האָט גאָרנישט געענטפערט. זי האָט געפילט, ווי זי האָט זיך נאָך ניט באַרואיקט פון דעם איינדרוק, וואָס יענער האָט אויף איר געמאַכט, און מורא געהאַט, אַז יעדעס וואָרט, וואָס זי וועט אַרויסריידן, וועט זי אַרויסגעבן. זי האָט זיך געמאַכט רואיק און גלייכגילטיק.

אָבער ווען זי איז אַהיימגעגאַנגען, האָט אַ מאָדנער געפיל זי געמאַ־טערט. פאַר די אויגן איז איר די גאַנצע צייט געשטאַנען דער בייער באַ־קאַנטער. זי איז יענע נאַכט נאָכדעם זייער שלעכט געשלאָפן.

אין אַ וואָך אַרום האָט אונדערוואָרט יענער טעלעפאָנירט צו איר. ער האָט זיך שטאַרק אַנטשולדיקט, וואָס נאָך איין מאָל באַגעגענען זיך מיט איר, נעמט ער זיך די דרייסטקייט זי אָפּצורופן. נאָר — ער מוז זיין אָפנהערציק מיט איר. זי האָט אויף אים דעם ערשטן מאָל געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז ער פילט אַ באַגער צו טרעפן זיך מיט איר אַ צווייטן מאָל... און אַזוי ווי ער האָט געהערט, אַז זי איז אַליין אַ זינגערין און איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין געזאַנג, און עס טרעט איצט אויף אַ באַרימטער זינגער — צום ערשטן מאָל דאָ אין לאַנד — פילט ער, אַז זי וועט זיכער זיין פאַראינטערעסירט צו גיין אים הערן. נישט אָנפרעגנדיק זי דעריבער, האָט ער זיך פאַרגרייט מיט צווי בילעטן און לאַדט זי איין מיטצוגיין...

ער האָט מסתם געקענט דערפילן אויף דער צווייטער זייט איר פאַר־וואונדערונג און איבעראַשונג, ווי אויך נישט־אָנגענעמע פאַרלעגנהייט, וואָ־רעם עס האָט גענומען אַ ווילע, ביז זי האָט געענטפערט.

איר האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן. ס׳איז פאַר איר געווען איינגאַנצן אומדערוואַרט.

פאַר דער וואָך צייט, זינט זי האָט זיך מיט דעם מאַן געטראָפן, איז ער איר ביט איינמאָל אויפן געדאַנק געקומען. אָבער יעדעס מאָל האָט זי געפרואווט דעם געדאַנק פאַרטרייבן און איז געווען שטאַרק אין כעס אויף זיך, וואָס זי דערלאָזט גאָר דער געדאַנק זאָל זי באַהערשן אַפילו איין רגע. איר האָט דאָס אויסגעקוקט ווי אַ פאַרשווערונג פונעם אָנדענק פונעם פאַר־שטאָרבענעם מאַן און ווי אַ ווייכע אויפטרייסלונג פונעם שטילן טרויער, וואָס איז נאָך אַלץ געהאַנגען איבערן הויז. אָבער איצט איז זי פּלוצלונג געשטעלט געוואָרן פאַר אַ לאַגע, וואו דער באַהאַלטענער אַנריר פון גע־דאַנק, וועלכן זי האָט אַזוי געזוכט צו פאַרטרייבן, האָט אָנגענומען גאַנץ קאָנקרעטע פאָרמען, וואָס וועלן זיך ביט לאָזן מער טייטשן און פאַרענטפערן. זי האָט זיך געקווענקלט און ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן.

דער מאַן, ווייזט אויס, האָט אויף יענער זייט געפילט איר פאַרלעגנ־הייט און וועלנדיק פאַרשטאַרקן די קראַפט פון זיין אָנבאָט, האָט ער ווי־טער צוגעגעבן:

— ס׳איז אומגעווייגלעך שווער צו קריגן בילעטן פאַר דעם קאָנצערט. מיר האָט זיך איינגעגעבן, דאַרפט איר זיך באַנוצן מיט דעם. דערצו בעט איך אייך זייער שטאַרק...

— נו, גוט... — האָט זיך ביי רייזלען, ווי קעגן איר ווילן, אַרויסגעריסן.
— איך וועל זיך טרעפן מיט אייך אין „לאַבי" פון טעאַטער.

ווען רייזל האָט אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל, איז זי געווען בלאַס און דערשראָקן. זי האָט כמעט געציטערט. זי האָט קלאָר געפילט, אַז דאָס איז ניט גלאַט אָנגענומען אַ פאַרשלאַג צו גיין מיט אַ באַקאַנטן צו אַ קאָנצערט. זי האָט געוואוסט: עס איז אַ סך מער ווי דאָס...

די גאַנצע צייט נאָכדעם ביזן טאָג פון קאָנצערט איז רייזל אַרומגע־גאַנגען אַ צעדרודערטע. זי האָט מורא געהאַט צו טראַכטן און געשעמט זיך אַריינצוקוקן אין שפּיגל. פון וואַנט האָט אַראָפּגעקוקט בערישעס בילד און אַזוי ווי אָנגעקוקט זי פאַרוואונדערט. זי האָט מורא געהאַט אויפצוהויבן די אויגן אויף אים. זי האָט געוואוסט, אַז יענער אָוונט קאָן מיינען אַ נייע ווענדונג אין איר לעבן — און דאָס האָט זי שטאַרק געשראָקן. זי האָט זיך מיט פאַרדרוס פאַרגעוואָרפן אויף איר שוואַכקייט יענעם מאָמענט און געטראַכט אַפילו, צי עס איז ניט צו שפּעט צוריקצורופן די גאַנצע זאַך. גע־פילט האָט זי אָבער, אַז דאָס איז איבער אירע כוחות. די „שוואַכקייט" יענע איז נאָך ביז איצט ניט פאַרשוואונדן, און זי איז גאָרניט זיכער, אַז וואָלט ער איר איצט טעלעפאָנירט און געמאַכט דעם זעלבן פאַרשלאָג, צי זי וואָלט געהאַט גענוג כוח אים אָפּצוזאָגן. וואָרעם דער מאַן, וועלכער גייט שוין אין איר געדאַנק איצט אונטערן נאָמען אַלבערט, האָט געמאַכט אויף איר אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, ווי קיינער פון אירע באַקאַנטע ווען־עס־איז פריער, און פון וועלכן זי קען זיך ביז איצט בשום־אופן ניט באַפרייען.

פאַרן גיין צום קאָנצערט האָט זי זיך שטאַרק אויסגעפּוצט. ס'איז בכלל געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי האָט זיך אויסגעפּוצט נאָך בערישעס טויט. די הענט האָבן איר געציטערט און אַלץ האָט איר געהאַלטן אין איין פאַלן. אָבער זי האָט ניט געוואָלט צופיל טראַכטן. אין דער מינוט האָט זי געוואָלט אויסטאָן זיך פון אַלע חושים און באַוועגן זיך בלויז מעכאַניש.

זי האָט זיך געטראָפן מיט אַלבערטן אין „לאַבי" און באַלד אַריין אין טעאַטער. ס'איז געווען סאַמע פאַרן אָנהייב און אויסער אַ פּאָר באַמער־קונגען האָבן זיי קיין געלעגנהייט ניט געהאַט איינער צום צווייטן עפּעס צו זאָגן. די געלעגנהייט פאַר דעם איז געקומען ערשט ביים אַנטראַקט. אַ וויילע האָבן זיךביידע געפילט אַ ביסל מאָדנע. נאָך אַלעמען האָבן זיי זיך פריער געטראָפן בלויז איין מאָל און ניט געקענט זיך אַזוי גוט צו פילן זיך איינ־גאַנצן פריי.

אָבער אַלבערט איז שנעל געקומען צו זיך און במילא שוין מיט־געצויגן רייזלען. בפרט, אַז קיין טעמע האָט ניט געפעלט: סיי וועגן דעם זינגער, סיי וועגן קאָנצערט בכלל. ס'האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז

אַלבערט האָט היפּשע געניטשאַפט אויך אין דעם קונסט־געביט. כאָטש ס׳איז גיכער געווען איר געביט, האָט ער אָבער געהאַט אַ סך מער צו זאָגן פון איר, און זיינע באַמערקונגען זיינען אויך געווען מער טרעפלעכע. ס׳איז פאַר איר קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט צו טאָן מיט אַ מענטשן פון הויכער אינטע־ליגענץ, וועלכער שטייט פיל־פיל העכער פון איר.

ווען דער קאָנצערט האָט זיך געענדיקט, האָט ער איר פאָרגעשלאָגן אַריינצוגיין אין אַ רעסטאָראַן, אָבער פון דעם האָט זי זיך העפלעך אָפּגעזאָגט. זי האָט עס פאַרויסגעזען און דערפאַר געהאַט גענוג צייט אָנצוקלייבן זיך מיט כוחות און פאַרגרייטן זיך מיט אַ פּאַסיקן תירוץ.

דערפאַר, ווען ער האָט זי באַגלייט צום הויז און ביים געזעגענען זיך געפרעגט זי, צי זי וועט אים דערלויבן אָפּצורופן און טרעפן זי ווידער, האָט די פריערדיקע שוואַכקייט זי ווידער באַוועלטיקט און זי האָט קיין מוט ניט געהאַט אָפּצוזאָגן אים. זי האָט ניט געזאָגט יאָ, אָבער אויך ניט ניין. זי האָט בלויז געשוויגן, און דאָס איז פאַר אים געווען אַ צייכן פון אַ פּאָ־זיטיוון ענטפער.

אַלבערט האָט איצט אָפטער אָנגעהויבן טעלעפאָנירן צו רייזלען. ער האָט שטענדיק געפונען די פּאַסיקע געלעגנהייט אָפּצורופן זי און, אָדער אַזוי ריידן מיט איר דורכן טעלעפאָן, אָדער איינלאַדן זי ערגעץ־וואו. רייזל האָט ניט געקענט ווידערשטיין. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי טוט אַ זאַך, וואָס זי דאַרף ניט טאָן, וואָס ס׳איז אפילו גאָרניט שיין צו טאָן. אויף דער וואַנט איז געהאַנגען בערישעס בילד, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו קוקן אויף איר און אַזוי ווי פאַרוואָרפן איר. אָבער רייזל האָט געפילט, אַז זי איז געפאַנגען אין אַ נעץ, פון וועלכער זי קאָן זיך מער ניט אַרויסרייסן. וואָס מער זי האָט זיך געטראָפן מיט אַלבערטן, אַלץ מער האָט זי געפילט, ווי עס ציט זי צו טרעפן זיך מיט אים ווייטער, און ווי דער מענטש באַ־הערשט זי אינגאַנצן. ביז איצט איז רייזל געוואוינט געווען, אַז אַלע זאָלן אַרויפקוקן צו איר. בעריש האָט זי געהאַלטן אויף אַ הויכן פּיעדעסטאַל און צוגעטיילט איר די גרעסטע מאָס ליבע און פאַרערונג. אַלבערט שעצט זי אויך זייער הויך און ווייזט איר אַרויס ניט קיין קליינע מאָס ליבע און אָנערקענונג. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס דאָס מאָל טוט עס אַ מאַן, וואָס שטייט אַליין זייער הויך אין אירע אויגן, פּאַקטיש העכער פון אַלע אַנדערע, מיט וועלכע איר איז אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך. זיין באַ־ציאונג רייצט איר אייגנליבע און שאַפט ביי איר זייער אַן אָנגענעמען געפיל.

רייזל האָט קלאָר דערפילט, ווי אַלבערט האָט זי פאַרכאַפּט. ער האָט זי פאַרכאַפּט מיט זיין אימפּאַזאַנטקייט, מיט זיין אינטעלעקט און מיט זיין

פלאַץ אין דער געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס רעספעקט. איר איז געפעלן געווען צו גיין מיט אים, צו אַסאָציאירט ווערן מיט אים אין די אויגן פון מענטשן.

רייזל האָט איצט געטראַכט זייער אַ סך. זי האָט געפילט, אַז זי קאָן זיך ניט שפילן אין באַהעלטערלעך — ניט מיט אירע געדאַנקען און ניט מיט אירע געפילן. די לאַגע ווערט יעדעס מאָל אַלץ ערנסטער. פריער אָדער שפעטער וועט זי אַוועקגעשטעלט ווערן פאַרן נסיון אָנצונעמען אַ קאָנקרעטע אַנטשיידונג — אַהער אָדער אַהין, — און זי האָט ניט געוואָלט פאַרכאַפט ווערן אַ צעטומלטע. זי האָט געוואָלט זיין אָפנהאַרציק מיט זיך.

זי האָט געפילט, אַז ניט נאָר איז אַלבערט פאַרליבט אין איר, נאָר אַז זי אַליין איז ניט ווייניקער פאַרליבט אין אים. פריער וואָלט זי זיך געשעמט פאַר די דאָזיקע געפילן, באַטראַכט זיי פאַר פאַרראַט קעגן בערישעס אָנדענק, קעגן זיין גרענעצלאָזער איבערגעגעבנקייט צו איר אין פאַרלויף פון איבער צוויי צענדליק יאָר, און וואָלט געזוכט די דאָזיקע געפילן דערשטיקן אין זיך. איצט אָבער האָט זי דאָס מער ניט געטאָן, באַוואוסטזיניק ניט געוואָלט טאָן.

זי האָט געזוכט זיך אָפצוגעבן אַ חשבון־הנפש. זי האָט געוואוסט: אייביק טרויערן נאָך בערישן וועט זי סיי־ווי ניט. ס'איז קעגן דער מענטשלעכער נאַטור. פריער אָדער שפעטער וועט דער אָנדענק זיינער אָנהייבן זיך אויסוועפן פון איר געפיל און פון איר שטימונג. דער טרויער האָט אָנגעהויבן בלאַסער ווערן נאָך איידער זי האָט זיך געטראָפן מיט אַלבערטן. זיין באַקאַנטשאַפט מיט איר האָט דעם פראָצעס בלויז אונטערגעטריבן. אָבער עס וואָלט געקומען סיי־ווי, כאָטש אַ ביסל שפעטער. אַוודאי וואָלט זי געווען מער צופרידן, ווען איר באַגעגעניש מיט אַלבערטן קומט מיט יאָרן שפעטער, ווען זי וואָלט זיך געפילט מער באַרעכטיקט צו די נייע אומשטענדן און נייע איבערלעבונגען. נאָר אויב ס'איז געקומען פריער — איצטער — צי וואָלט ניט געווען צו קינדעריש דאָס נעמען און אַוועקשטויסן? איינמאָל אין אַ לעבן קאָן זיך אַזאַ זאַך מאַכן, אַ צווייטן מאָל קאָן עס מער ניט קומען...

זי האָט געפילט, ווי ניט גרינג עס קומט איר אויס אַזוי צו אַרגומענטירן מיט זיך. עפעס, האָט זיך איר געדאַכט, איז דאָ ניט גלאַט, שטימט דאָ ניט. צוויי צענדליק יאָר צוזאַמענלעבן... אומבאַגרענעצטע ליבע און איבערגעגעבנקייט... גרייטקייט אויף אַלערליי קרבנות... און דאָ — אָפווישן עס, פאַרגעסן, ווי גאָר קיינמאָל ניט געווען...

זי האָט זיך געפרואווט טרייסטן און צוזאָגן: זי וועט עס ניט פאַר־

געסן... אַ ווינקל וועט בלייבן אין איר האַרצן, אָפּגעזונדערט פאַר בערישן, וואוהין קיינער וועט קיין צוטריט ניט האָבן...

זי האָט אויך געפּרואווט נעמען בערישן אַליין צוהילף: ווען זי קאָן אים פרעגן, ווען ער קאָן רעאַגירן — וואָלט דען זיין באַציאונג ניט געווען אַ פּאָזיטיווע, אַ גוט־הייסנדע, נאָכדעם ווי זיין איינציקער ציל אין לעבן איז געווען נאָר זי, נאָר איר גליק?...

אַלץ האָט געטייט אין דער ריכטונג פון אַנטשלאָסענער אַנטשיידונג. אַלץ מער האָבן די געדאַנקען און געפילן אירע געשטויסן זי אַלץ נענטער צו אַלבערטן און גענויגט איר אויער זיך אַלץ מער צוצוהערן צו זיינע ווענדונגען. און ווען אַלבערט איז איינמאָל צוגעשטאַנען אויף אַן אַנטשלאָסענעם אופן צו מאַכן אַ סוף צו זייערע וואַקלענישן און אַנטשיידן זיך אויף אַ פּאָזיטיוון שריט, האָט רייזל אָנגענומען זיין האַנט און געבעטן אים בלויז אַ קורצע צייט אויף צוגרייטן די קינדער.

זי אַליין איז געווען גרייט. זי האָט געוואוסט: איר צוקונפט איז באַשטימט, איר באַשלוס איז אָנגענומען.

זי האָט זיך בלויז געטרייסט: אַזוי איז דאָס לעבן. אַזוי גייט עס שוין טויזנטער יאָרן... זיך שטעלן אַנטקעגן איז נאַריש...

עס איז געווען אַ זונטיק נאָכמיטאָג. רייזל האָט געבעטן די קינדער אירע — דריי זין — ניט אויפהייבן זיך פון טיש און ניט צוגיין זיך: זי האָט מיט זיי עפּעס זייער וויכטיקעס צו ריידן. איר שטימע האָט געקלונגען שוואַך און ווי צעשראָקן, און די קינדער האָבן דערפילט, אַז עפּעס האָט געמוזט פּאַסירן. די גאַנצע צייט פון מיטאָג האָט זי ווייניק גערעדט און ווייניק געגעסן. עס האָט זיך געשפּירט אַן אומרואיקייט אין איר האַלטונג, און וויפל זי האָט זיך ניט אָנגעשטרענגט צו זיין רואיק און אויפגעלייגט, האָט זיך איר דאָס ווייניק איינגעגעבן.

אַלע זיינען אַריין אין גאַסט־צימער, און רייזל האָט זיך געזעצט אויף דער סאָפע אַנטקעגן די קינדער. זיי זיינען געווען אָנגעשטרענגט, זעענדיק פון דער מוטערס פּנים, אַז עס שטייט זיי פאַר צו הערן עטוואָס זייער ערנסטעס.

אַ מינוט האָבן אַלע געשוויגן. באַלד האָט רייזל, אָפּזיפצנדיק שווער, אָנגעהויבן:

— קינדער, איך וויל מיט אייך היינט איבעררעדן וועגן אַ זאַך, וואָס איז מיר זייער ניט אָנגענעם און אויסערגעוויינלעך שווער צו טאָן. הלוואי וואָלט איך עס ניט געדאַרפט טאָן. נאָר קיין מענטש קאָן ניט באַשטימען זיין לעבן און וואָס עס זאָל מיט אים פּאַסירן אין לעבן. איך בין ניט קיין

אויסנאַם. איך האָב זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה, ניט געוואוסט, און וויס נאָך איצט אויך ניט, ווי אַזוי מען טרעט צו צו דעם... אָבער וואָס עס מוז — מוז געשען... ווי שווער עס זאָל מיר ניט אָנקומען און ווי שווער איך זאָל ניט זיין אויסצוהערן — וועלן מיר עס מוזן אויפנעמען און מוטיק עס דורכמאַכן...

די זין — דעיווּיד, צוואַנציק יאָר אַלט, בעני — אַכצן און ליאָ — פופצן, — זיינען אַלע געזעסן אָנגעשטרענגט און געקוקט דער מוטער גלייך אין מויל אַריין.

רייזל האָט פאַרגעזעצט:

— איר האָט זיכער באַמערקט, אַז פון צייט צו צייט קומט אַרויף אַהער אַלבערט, דער, מיט וועלכן איך האָב אייך ניט לאַנג צוריק באַקאַנט. איר האָט זיך געוויס אָנגעשטויסן, אַז ער קומט אַרויף אַהער נישט צופעליק... די ערשטע צייט איז מיר זייער שווער געווען. מיר איז שווער געווען צו־צולאָזן דעם געדאַנק, אַז נאָך אייער פאָטער זאָל אַן אַנדער מאַן גאָר טראַכטן וועגן מיר... אַוודאי — אַז איך זאָל זיין אויפמערקזאַם צו וועמען עס איז... אָבער דאָס לעבן זאָגט אַנדערש... דאָס לעבן צווינגט אָפט מענטשן צו ענדערן זיך. און דאָס לעבן זאָגט מיר, אַז נאָך עטלעכע יאָר וועלן אַרי־בער, און איר וועט זיך צעפליען... יעדער איינער פון אייך מיט זיין אייגן לעבן. און איך וועל בלייבן אַליין... עס וועט זיין שרעקלעך פוסט און אומעטיק... איך וויס: איך וועל אייער פאָטער קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אָבער דאָס ווערטל גייט: וואָס די ערד דעקט־צו מוז פאַרגעסן ווערן... מען געדענקט טאַקע, אָבער ס'איז אַן אַנדער סאָרט געדענקען — אַ בלאַסער, אַ צערונענער... אַזוי איז דאָס לעבן...

— איצט — האָט זי ווייטער פאַרגעזעצט — איז אין מיין לעבן אַריינ־געקומען אַלבערט. איך האָב אים ניט געזוכט און ניט געטראַכט וועגן אים... אָבער, ער איז געקומען... און איצט איז דאָס אַ פאַקט... פון אַלע מענטשן, וואָס איך האָב ווען געטראָפן, איז ער דער פיינסטער, דער איידל־סטער און פאַר מיר — דער פאַסיקסטער. ער איז אַ מאַן פון בילדונג און אינטעליגענץ און פאַרנעמט אַ פיינע פאָזיציע אין לעבן. ער וויל מיר געבן גליק, און איך פיל, אַז איך האָב קיין רעכט ניט פון דעם זיך אָפּצוזאָגן. איך טאָר זיך ניט אָפּזאָגן... איך פיל, אַז אויב איך וועל עס איצט צו־ריקווייזן, וועל איך זיך שפּעטער אפשר דעם גאַנצן לעבן ניט קאָנען מוחל זיין. נאָר איין מאָל אין לעבן מאַכט זיך אַזאַ צופאַל...

זי איז געבליבן שוייגן אַ ווייל און ווייטער פאַרגעזעצט:

— איך וויס, קינדער, ווי שווער אייך דאַרף דאָס זיין צו הערן. אָבער, גלויבט מיר, אַז מיר איז דאָס ניט גרינגער צו טאָן... הלוואי וואָלט צו

דעם ניט געקומען... אָבער דאָס לעבן פֿרעגט זיך ביי קיינעם ניט אָן און גייט מיט זיינע אייגענע וועגן... איך האָף, אַז איר וועט מיך, קינדער, פֿאַרשטיין און ניט פֿאַרדאַמען מיך...

די קינדער, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט וואָס די מוטער האָט גערעדט, געהאַלטן די אויגן געווענדט צו איר, האָבן זיי איצט אַרונטערגעלאָזן און געזעסן שטיל, פֿאַרטראַכט אין זיך.

— וואָס דענקט איר, קינדער? וואָס איז אייער מיינונג? — האָט רייזל, נאָך אַ היפּשן שווייגן פֿון אַלעמען, געפֿרעגט.

— וואָס זאָלן מיר דענקען? — האָט דער עלטסטער, דעיוויד, נאָך אַ מינוט טראַכטן געענטפֿערט. — אויב דו פֿילסט אַזוי, טו ווי דו פֿאַרשטייסט... וואָס קאָנען מיר דיר זאָגן? אַוודאי איז עס טרויעריק. אָבער ס'איז אויך אמת, אַז נאָך עטלעכע יאָר וועלן מיר זיך איינציקווייז צעגיין און דו וועסט איבערבלייבן אַליין. ניט מיט אַ קעגנוואַרט, נאָר בלויז מיט זכרונות... ווי גוט מיר זאָלן ניט זיין צו דיר, וועלן מיר דיר קיין פֿערזענלעך גליק ניט קאָנען געבן... טאָ ווי קאָנען מיר זיך שטעלן אין דיין וועג און זאָגן: טו ניט...

— איך דענק אויך אַזוי — האָט דער מיטעלער בעני צוגעגעבן.

בלויז דער ייִנגסטער, ליאָ, האָט זיך גאַרנישט אַנגערופֿן און אַפֿילו ניט אויפֿגעהויבן די אויגן צו דער מוטער. ער איז געזעסן אַ צערודערטער און געפּרוּווט צעקייען, וואָס די מוטער האָט דאָ גערעדט. באַזונדערס שווער איז אים געווען צו פֿאַרשטיין אין געדאַנק, וואָס די מוטער האָט כסדר אַרויסגעבראַכט און איבערגעחזרט אַ סך מאָל, און וואָס איז געווען איינגעשלאָסן אין די ווערטער: „אַזוי איז דאָס לעבן...“ — וואָס איז דאָס לעבן?...

ליאָ איז ניט ענלעך געווען צו זיינע צוויי עלטערע ברידער. ער איז בכלל געווען אַנדערש, ניט נאָר פֿון די ברידער, נאָר פֿון אַלע אַנדערע קינדער אין הויף, וואו ער האָט געוואוינט. פֿון קינדהייט אָן איז ער געווען אַ שטילער, אַ פֿאַרטראַכטער מיט איינגעבוירענע גוטע, איידעלע זיטן. ער איז קיינמאָל ניט אומגעלאָפֿן איבערן הויף ווילדערהייט און ניט געוואָרפֿן זיך מיט שטיינדלעך, ווי די אַנדערע קינדער. ער האָט ניט געטראָטן אויף די גראָז, וואָס איז ניט געווען דערלויבט, און אַוודאי ניט געבראָכן קיין צווייגן פֿון דיביימלעך און ניט געפּליקט קיין בלומען. מען האָט אים בכלל ווייניק געזען אין דרויסן; ער האָט מער ליב געהאַט צו לייענען און מאָלן.

קיין סך פֿריינט האָט ער ניט געהאַט. די קינדער האָבן אים ניט ליב

געהאַט און גערופן „סיסי.“ אָבער מיט איין מיידעלע האָט ער זיך באַ־פריינדעט אין עלטער פון זעקס יאָר און געבליבן פריינט מיט איר אויך ווייטער. וואָס עלטער זיי זיינען געוואָרן, אַלץ שטאַרקער איז זייער פריינט־שאַפט געוואַקסן, ווי זי וואָלט געוואַקסן צוזאַמען מיט זיי.

דאָס מיידעלע איז געווען פיליס, אַ שכנס אַ קינד פונעם זעלבן הויף, מיט אַ יאָר יינגער פון אים. ביידנס עלטערן זיינען געווען באַפריינדעט.

ווען פיליס האָט געדאַרפט אָנהייבן גיין אין קינדערגאָרטן און ליאָ אין סקול, איז זיי ביידן אויסגעקומען צו גיין אין איין־און־דער זעלבער צייט. ליאָן, ווי אַן עלטערן און שוין מער דערפאַרענעם, איז איבערגעגעבן געוואָרן די אויפגאַבע אויפצופאַסן אויף פיליסןביים אַריבערגיין די גאַס. אַ צייט אַפילו האָבן זיך ביידע קינדער געהאַלטן ביי די הענט, ביז אַנ־דערע יינגלעך האָבן אָנגעהויבן לאַכן פון ליאָן און ער האָט זיך געשעמט דאָס צו טאָן מער. צוריק פון סקול פלעגט פיליס דאַרפן וואַרטן אויף ליאָן, און ביידע קינדער פלעגן ווידער גיין צוזאַמען אַהיים.

שפּעטער זיינען די קינדער עלטער געוואָרן און מער ניט געגוויטיקט זיך אין גיין צוזאַמען אין סקול און פון סקול. אָבער די געוואוינהייט איז ביי זיי געבליבן. ווען ליאָ איז אַרויס פון הויז פריער, און פיליס איז נאָך ניט געווען, פלעגט ער איר אָנקלינגען און וואַרטן ביז זי וועט אַרונטער־קומען און גיין צוזאַמען. דאָס זעלבע פלעגן זיי אָפּוואַרטן איינער דעם צווייטן און גיין פון סקול צוריק אַהיים. די קינדער האָבן שטענדיק גע־האַט וועגן וואָס צו ריידן און וואָס צו דערציילן איינער דעם צווייטן. אונ־טער ליאָס איינפלוס איז פיליס אויך געוואַקסן אַנדערש פון די אַנדערע מיידלעך אין הויף. זי איז געווען געלאַסענער און אויך באַקומען די גע־וואוינהייט צו לייענען אַ סך. נאָר אָנשטאָט צו מאָלן, האָט זי ליב געהאַט מוזיק און געלערנט זיך שפּילן פּיאַנאָ.

צווישן ביידע קינדער האָט זיך פאַרבונדן אַ שטאַרקע פריינטשאַפט. פונקט ווי די עלטערן, אַזוי פלעגן אויך אָפט די קינדער אַרויפגיין איינער צום צווייטן — שפּילן זיך צוזאַמען, אָדער אַזוי אַרויסהעלפן איינער דעם צווייטן אין דער סקול־אַרבעט. ווען זיי זיינען אָבער עלטער געוואָרן, און ביידע האָבן דערפילט אין זיך דעם איבערגאַנג פון קינדערישקייט צו יוגנט־לעכקייט, האָבן זיי זיך ווי אָנגעהויבן שעמען פאַר די אייגענע עלטערן, האָבן אויסגעמיטן אַרויפצוגיין איינער צום צווייטן און געזוכט בעסער צו טרעפן זיך אויף אַ זייטיקן אָרט.

אַזאַ אָרט זיינען מערסטנס געווען די טרעפּ אין איינעם פון די פיל אַריינגאַנגען אין הויז. ביידע קינדער פלעגן זיצן אָפּגערוקט איינער פונעם צווייטן, און שטיל רעדן צווישן זיך. אַ סך מאָל פלעגן זיי אַפילו ניט ריידן,

נאָר גלאָט זיצן און קוקן איינער אויפן צווייטן. עס פלעגט טרעפן, אַז זיי פלעגן אַזוי זיצן ביז גאָר שפּעט. אַ סך מאָל פלעגן נאָך אַפילו די פּעק מיט די סקול־ביכער ליגן לעבן זיי — אַ סימן, אַז זיי זיינען גלייך פון סקול געקומען אַהער. די שכנים, צוריקקערנדיק זיך פון דער אַרבעט, פלעגן זיי טרעפן זיצנדיק אַזוי און שטילערהייט ריידנדיק איינער צום צווייטן, אָדער אַזוי בלויז קוקנדיק איינער אויפן צווייטן. קיינמאָל האָט מען זיי ניט געטראָפן צו־נאָענט איינער צום צווייטן. די שכנים זיינען געווען אַנט־ציקט פון די צווי קינדער און האָבן באַוואונדערט זייער אידעלע פריינט־שאַפט און ליבע, וועלכע איז געווען אַנדערש — און אין זייערע אויגן אַ סך שענער — ווי ביי פיל אַנדערע קינדער אין הויף. עס האָט זיי דער־מאָנט אין אויפשפּראָצנדיקע בלומען, וועלכע צעלאָזן די בלעטעלעך און גרייטן זיך אַרויסצולאָזן שפּעטער דעם גאַנצן דופט זייערן.

ליאָ האָט פאַרשטאַנען, אַז זיינע געפילן צו פיליסן, זיין שטענדיקער פאַרלאַנג צו טרעפן זיך מיט איר, זיינען ניט בלויז אַלט־חברישע געפילן, נאָר אמתע יינגל־מיידל־ליבע, ליבע צווישן צוויי יונגע קינדער. אָבער ער האָט זיך און פיליסן באַטראַכט פאַר נאָך צו יונג צו לאָזן זיינע געפילן אויסדריקן אין עפּעס מער, ווי אין קינדערשער פריינטשאַפט. ער האָט זיך אַזוי ווי געשעמט פאַר זיינע יונגע געפילן און קיינמאָל וועגן זיי מיט פיליסן ניט גערעדט. זי, וויזט אויס, טיילנדיק די זעלבע געפילן צו אים, איז אויך געווען צוריקגעהאַלטן און שעמעוודיק.ביידנס האַלטונג איז דעריבער קיינמאָל ניט געגאַנגען ווייטער ווי יוגנטלעכע פריינטשאַפט.

אָבער וואָס עלטער די קינדער זיינען געוואָרן, אַלץ שטאַרקער האָט עס זיי געצויגן איינער צום צווייטן און אַלץ קלאָרער איז פאַר זיי געוואָרן, אַז צוזאַמען מיטן אַרויסוואַקסן פון די קינדערישע יאָרן, וואַקסן זיי אויך אַרויס פון דער אומשולדיקער קינדערישער פריינטשאַפט און וואַקסן אַריין אין אַ געפיל פון שטאַרקער ליבע און צוגעבונדנקייט איינער צום צווייטן — טאַקע אַזאַ, ווי עס ווערט געשילדערט אין די ראָמאַנען, וואָס זיי ביידע לייענען. עס האָט זיי געצויגן צו אַ שטאַרקערן און מער אָפענעם אויס־דרוק פון זייערע געפילן.

עס איז געווען אַ וואַרעמער פרילינג־אָוונט, אַ שבת אויף־דער־נאַכט. די מיטלשול פאַר מוזיק און קונסט, וואו ליאָ און פיליס האָבן געלערנט, האָט אַראַנזשירט אַ טאַנץ פאַר די סטודענטן. ביידע זיינען געגאַנגען צוזאַ־מען. פיליס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסער קלייד און אויסגעקוקט באַזונדערס שיין און יום־טובדיק. אירע באַקן זיינען געווען צערויטלט און אירע אויגן האָבן געשטראַלט מיט פרייד. אַלע יינגלעך און מיידלעך האָבן

פריילעך זיך געטומלט אין רעדלעך. פיליס האָט זיך אויך געטומלט, דאָ ביי איין רעדל און דאָ ביי אַ צווייטן. אַלע וויל אָבער איז זי צוגעקומען צו ליאָן. ליאָ, וועלכער איז אויסערלעך אויך געווען פּאַרטאַן אינעם אָוונט, האָט אָבער פון זיינע געדאַנקען ניט אַרויסגעלאָזן פיליסן. ער האָט איר כסדר נאָכגעקוקט און ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר. זי האָט אויס־געקוקט יענעם אָוונט באַזונדערס שיין אין זיינע אויגן און ער האָט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס ער האָט דאָס ביז איצט גאָרניט באַמערקט.

ער האָט זיך געפילט מאָדנע דעם אָוונט. ער האָט זיך געפילט, ניט ווי אַ יינגל, נאָר ווי אַן עלטערער שוין, וועלכער איז איינגעלאַדן געוואָרן צו אַן אָוונט פון קינדער. פיליס, אין איר לענגערער באַל־קלייד, האָט אויך אויסגעקוקט עלטער און הערוואָקסענער. ער האָט געוואָלט, אַז דער אָוונט זאָל שוין וואָס גיכער אַריבער, און ער זאָל קאָנען בלייבן אין צווייען מיט פיליסן.

שפּעטער האָבן זיי געטאַנצט צוזאַמען. פיליס האָט אויסגעמיטן צו טאַנצן מיט עמיצן אַנדערש און געטאַנצט נאָר מיט אים. ליאָ האָט אין איר אויך געפילט אַן ענדערונג דעם אָוונט, ווי אויך זי וואָלט זיך מיטאַמאָל דערפילט עלטער, דערוואַקסענער. ער האָט דערפילט מער ערנסטקייט אין איר האַלטונג און מער אינטימקייט אין באַצוג צו זיך. ווען זיי האָבן געטאַנצט, האָט זי זיך מער ווי ווען־עס־איז פריער געטוליעט צו אים און געהאַלטן איר קאָפּ מער אָנגעבויגן צו זיין אַקסל. זייערע באַקן האָבן זיך אָנגערירט און ער האָט געפילט, ווי די פּאַסמעס האָר אירע, וואָס פאַלן אויף זיין האַלדז און אויער, רופן ביי אים אַרויס אַן אַנגענעמע סענסאַציע. ער האָט נאָך יעדן טאַנץ געדריקט איר האַנט און זי האָט אים וואַרעם געענטפערט.

ענדלעך איז דער טאַנץ געווען געענדיקט. ס'איז געווען היפשלעך שפּעט און די אַנוועזנדע האָבן זיך גענומען איילן צו גיין אַהיים. ליאָן האָט זיך ניט געוואָלט נאָך גיין אַהיים. אים האָט זיך געוואָלט היינט וואָס לענגער בלייבן מיט פיליסן. זי, ווייזט אויס, האָט אויך געהאַט אַזאַ שטימונג.

— ווילסט, פיליס, גיין אין פּאַרק אַ ביסל? מיר ווילט זיך נאָך ניט גיין אַהיים...

— נו, גוט. אויב דו ווילסט...

זיי זיינען אַוועק צום פּאַרק קעגנאיבער און געזעצט זיך אויף אַ באַנק. אַ לענגערע וויילע האָבן זיי ביידע געשוויגן. ליאָ האָט געהאַלטן פיליסעס האַנט אין זיינער.

— ווייסט, פיליס, אַז מיר זיינען שוין מער קיין קינדער ניט? איך האָב דאָס היינט דערפילט... וואָס דענקסטו?...

— איך דענק אויך אַזוי, איך פיל היינט אויך אַנדערש ווי אַלע מאָל... מער דערוואַקסן...

— האָסט, פיליס, אַמאָל געטראַכט פון מיר?

— איך טראַכט אַלע מאָל פון דיר... און דו?

— איך טראַכט אויך אַלע מאָל...

ער האָט געשוויגן אַ ווייל און געזאָגט:

— איך טראַכט פון דיר, און עס ווילט זיך מיר אַלע מאָל דיך עפּעס פרעגן. אָבער איך שעם זיך... איך טראַכט, אַז מיר זיינען נאָך צו־יונג פאַר אַזוינע פראַגן. אָבער היינט אָוונט פיל איך זיך דערוואַקסן און איך קלייב זיך דיך צו פרעגן...

— וואָס איז די פראַגע, ליאָ? שעם זיך ניט...

— ווייסטו, אַז איך האָב דיך ליב?

— אַוודאי ווייס איך...

— פון וואַנען ווייסטו? איך האָב דאָס דיר דאָך קיינמאָל ניט געזאָגט...

— איך דאַרף ניט, דו זאָלסט מיר זאָגן — איך פיל עס...

ליאָ האָט שטאַרקער געדריקט איר האַנט.

— און דו? — האָט פיליס געפרעגט.

— איך פיל אויך דאָס זעלבע...

פיליס האָט זיך שטאַרקער צוגעטוליעט צו ליאָן.

— ווייסט, פיליס, ס׳איז אַזוי גוט ליב צו האָבן... לעצטנס, ווען איך וואַרט אויף דיר, פיל איך דאָס...

פיליס האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ צו ליאָן און צוגעלייגט איר באַק צו זיינע ליפּן. ליאָ האָט זי אַ קוש געטאָן.

זיי זיינען לאַנג געזעסן צוגעטוליעט איינער צום צווייטן און געשוויגן. ליאָ האָט דער ערשטער איבערגעריסן:

— עס איז אַזוי גוט, אַזוי זיס... לאָמיר פאַראייביקן דעם היינטיקן אָוונט.

—ווי אַזוי? דורך וואָס?

— דורך אַ שבועה...

— וואָס זאָלן מיר שווערן?

— אַז מיר זאָלן זיך אייביק ליב האָבן. אייביק!... ביזן טויט... נאָכן טויט אַפילו... אייביק!...

— גוט, איך שווער...

— איך שווער אויך...

זיי האָבן זיך דערלאַנגט די הענט ווי פּאָר אַ שבועה און שטאַרק און הייס זיך צעקושט.

זיי האָבן מער ניט געוואָלט זיצן. ס'איז געוואָרן שפּעט און ביידע האָבן זיך געאײַלט אַהיים.

ליאָ איז אַרײַן צו זיך אין צימער אַ פרייִדיק־צעטומלטער, אַ צעמיש־טער פונעם הײַנטיקן אָוונט. די איבערלעבונג, וואָס ער האָט נאָר־וואָס דורכגעמאַכט, איז געווען אַ ביסל צו־שטאַרק פאַר אים. זײַנע געפילן צו פיליסן, וואָס זײַנען געלעגן אין אים פאַרבאָרגן די לעצטע עטלעכע יאָר, זײַנען הײַנט פּלוצלונג געקומען צום אויסדרוק אויף אַזאַ דראַמאַטישן אופן. ס'איז געווען אַ ביסל צו־שווער פאַר אים און ס'האָט אים אינגאַנצן איבער־וועלטיקט. אַ צעטומלטער, אַ גליקלעכער און אַ מידער, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט און איז באַלד אײַנגעשלאָפן.

ווען ער האָט זיך אויף מאָרגן שפּעט אויפגעכאַפּט, האָט די זון אַרײַנ־געשײַנט אין צימער און פאַרגאָסן עס מיט ליכט. אַ ווײַל האָט ער זיך געפילט ווי פאַרלוירן: ווי קומט עס, וואָס ער איז געשלאָפן אַזוי שפּעט? און גאַרנישט אויסגעטאָן זיך? באַלד האָט ער זיך דערמאָנט...

אַ פרייִדיקער געפיל האָט אים אַרומגעכאַפּט. ער האָט ליב פיליסן; זי אים אויך... ווי גוט, ווי זיס!...

עס ווילט זיך אים אַראָפּשפּרינגען פון בעט און באַווײַזן עפּעס גרויסעס, שטאַרקעס... אַ באַרג וואָלט ער איצט אויפגעהויבן! מיט איין שפּאַן וואָלט ער דעם ים אַריבערגעשפּרייזט!... צו די הימלען אַוועקגעפליגן!...

אים איז שווער אײַנצוהאַלטן די פרייד אין זיך. טײַלן ווילט זיך אים מיט עמיצן. פיליסן וועט ער זען שפּעטער — אָבער דערווײַל?... ווי גוט וואָלט עס געווען, ווען ער האָט עמיצן אַ נאָענטן, אַ אינטימען...

ער כאַפּט זיך פּלוצלונג: זײַן בעסטער פרײַנט, דער פאָטער זײַנער, איז טויט... אָ, ווען ער וואָלט געלעבט!... ווי ער וואָלט דאָס צוגעלאָפן צו אים, אַרומגענומען אים און געטיילט זיך מיט אים! — נאָך נעכטן בײַ־נאַכט וואָלט ער עס אפשר געטאָן...

אָבער דער פאָטער זײַנער איז טויט... אַזאַ גוטער איז ער געווען! — צו אַלעמען: צו פרײַנט, צו דער מוטער, צו די קינדער אין הויז, און באַ־זונדערס צו אים... אים דאַכט זיך, אַז אים האָט ער ליב געהאַט מער פון די אַנדערע קינדער. ער ווייס ניט פאַרוואָס, אָבער אַזוי דאַכט זיך אים... אַן אמתער פרײַנט געווען, אַ חבר... אים וואָלט ער זיך ניט געשעמט צו דער־ציילן אַלץ, וואָס נעכטן איז געווען...

מיט דער מוטער איז ער מער אײַנגעהאַלטן, מער שעמעוודיק...

סיי־ווי איז ער מיט דער מוטער קיינמאָל אַזוי נאָענט ניט געווען, ווי מיטן פֿאָטער... זי איז שטענדיק געווען פֿאַרנומען מיט זיך, מיט איר זינגען, מיט אירע דערפֿאָלגן... דער טאַטע האָט געפֿונען מער צייט פֿאַר די קינדער.

לעצטנס, ווען דער טאַראַראַם אין שטוב האָט זיך איינגעשטילט, האָט זיך אַריינגעמישט דער מאַן, דער אַלבערט, וואָס טעלעפֿאָנירט צו איר אָפֿט און קומט אַפֿילו אין שטוב...

מען טאָר וועגן אַ מוטער קיין שלעכטס ניט טראַכטן. אָבער אים דאַכט זיך: ס'איז ניט ריכטיק, ניט שיין... נאָך קיין צוויי יאָר ניטאָ, ווי דער טאַטע איז געשטאָרבן, און אים דאַכט: ער הייבט אָן פֿאַרגעסן ווערן... ער וועט אים קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן...

ער כאַפּט זיך פּלוצלונג, און עס פֿאַרדריסט אים אויף זיינע שווערע געדאַנקען. ער באַשליסט: ער וועט זיך גרייט מאַכן און גיין טעלעפֿאָנירן פּיליסן...

שפּעטער נאָכמיטאָג האָט די מוטער געהאַט הדעם געשפּרעך מיט די קינדער. זי האָט, ווייזט אויס, שלום געמאַכט מיטן פֿאָטערס טויט. זי איז גרייט צו טיילן איר ליבע מיט אַן אַנדער מאַן, מיט אַלבערטן... זי באַשולדיקט אין אַלץ דאָס לעבן: „אַזוי איז דאָס לעבן..." — האָט זי געהאַלטן כסדר אין איבערחזרן. די עלטערע ברידער האָבן איינגעשטימט מיט איר און גוטגעהייסן איר האַנדלונג. אָבער ניט ער. ער קען דאָס ניט טאָן און וועט דאָס ניט טאָן... דאָס לעבן האָט דאָ גאָרנישט צו זאָגן. אָט ערשט נעכטן האָט נאָך דער טאַטע געלעבט. ער האָט דער מאַמען אויף די הענט געטראָגן. אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געוואָלט, האָט ער איר נאָכגעגעבן... און אָט איז ער געשטאָרבן — און אַזוי ווי גאָר קיינמאָל ניט געווען. און וואו איז די שבועה זייערע?...

ליאָ דערמאָנט זיך אין דער שבועה, וואָס ער און פּיליס האָבן זיך נעכטן געגעבן: — „ביזן טויט!... נאָכן טויט אַפֿילו... אייביק!..."
מסתמא האָט דאָך די מאַמע אַמאָל אויך אַזוי געשוואוירן דעם טאַטן; איז ווי קאָן זי דאָס איצט ברעכן די שבועה?... — ניין! ער און פּיליס וועלן זייער שבועה קיינמאָל ניט ברעכן...

אַ צעבראָכענער און אַ צערודערטער, ניט אויפֿהייבנדיק די אויגן צו דער מוטער, האָט זיך ליאָ אויפֿגעהויבן פֿון זיין פּלאַץ און אַריין צו זיך אין צימער. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפֿן בעט און איינגענורעט דעם קאָפּ

אין קישן. זינט נעכטן אָוונט, פילט ער, איז ער אַ סך עלטער געוואָרן. אַ נײַ לעבן שטייט־פאַר פאַר אים און פיליסן: אַ לעבן פון ליבע און גליק, אַ לעבן פול שיינקייט — און דאָ קומט גאָר די מוטער זיינע, טוט־אָפּ אַ ביט שיינע זאַך און באַשולדיקט דאָס לעבן. — „אַזוי איז דאָס לעבן", זאָגט זי...

— טאָ, וואָס איז דאָס לעבן?...

ליאָ איז געלעגן איינגעקאָרטשעט אין בעט, אַ צעוויטאָגטער, אַ ברוגזער אויף דער מאַמען, און זיך מוח האָט ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן קלאָר־צו־מאַכן פאַר זיך די פראַגע:

— וואָס איז דאָס לעבן?...

שוואַכקייט

וויטקין און רחל זיינען אַרומגעגאַנגען אויף אַן אַלייע אין סענטראַל־פּאַרק פאַרטיפט אין אַן ערנסטן שמועס. אייגנטלעך האָט וויטקין אַליין בלויז גערעדט, און רחל, שווייגנדיק, האָט בלויז פון צייט צו צייט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו אים, אָדער אויפגעהויבן די אויגן און דערמיט געגעבן אַ צייכן, אַז זי איז אויפמערקזאַם צו זיינע רייד. וויטקין האָט זיך באַמיט צו רעדן שטיל, אָבער די ערנסטקייט פון זיין פּנים, די טיפקייט פון דער שטימע און דאָס קוקן די גאַנצע צייט אין איר ריכטונג האָבן עדות־געזאָגט אויף דער וויכטיקייט פון דעם שמועס. פון צייט צו צייט פלעגט ער זי אָנגעמען ביים עלנבויגן, ווי וועלנדיק זי נעמען אונטערן אָרעם, אָבער, ווי באַרעכנענדיק זיך, באַלד אָפּלאָזן.

פון צייט צו צייט, באַגעגענענדיק אַנקומענדיקע שפּאַצירער, פלעגט וויטקין אומצופרידן איבעררייסן זיין רעדן. און כאָטש עס איז ניט געווען צו דערוואַרטן, אַז ווער פון די דורכגייער זאָל האָבן וועלכן עס איז אינטערעס צו כאַפּן אַ וואָרט פון דעם שמועס, פלעגט אָבער וויטקין, אינסטינקטיוו צי פון פאַרזיכט־וועגן, זיך אָפּשטעלן אַ מינוט און איבערוואַרטן ביז יענע וועלן דורכגיין.

ענדלעך האָבן זיי באַמערקט אַ באַנק אין אַ זייטיקער אַלייע און זיך צוגעזעצט.

רחל איז געווען מיד און, קענטיק, אַז דער שמועס האָט איר פאַרשאַפט פּיין.

וויטקין האָט זי גענומען פאַר דער האַנט און נאָך ערנסטער און נאָך הייסער ווי פריער איינגעטענהט:

— באַרעכנט זיך, רחל, עס איז די העכסטע געלעגנהייט אין אייער לעבן. און ווער ווייסט: אפשר די איינציקע, אפשר די לעצטע... איך ווייס, מיר זיינען ביידע ניט קיין יונגע קינדער, אָבער איך פיל, אַז מיר קאָנען ביידע אָנהויבן אַ ניי קאַפּיטל אין אונדזער לעבן. ביידע — ווען מיר וועלן גיין צוזאַמען... פון אַלץ וואָס איך האָב געהערט וועגן אייך, ווייס איך, אַז איר האָט נאָך ביז איצט גאָרניט געלעבט... און ווי לאַנג קאָן אַ מענטש געניסן פון לעבן? ווי לאַנג האָט אַ מענטש אַ זין און אַ באַגער פאַרן לעבן? וויפל נאָך טעג זיינען פאַר אונדז ביידן געבליבן? באַרעכנט זיך און באַשליסט זיך. לאָזט ניט דורך די געלעגנהייט. זי איז געקומען צו אייך און צו מיר ווי פון הימל אַראָפּגעשיקט... הויבט אָן אַ

ניי, גליקלעך און צופרידן לעבן — אַזאַ וואָס וועט פאַרגעבן אויף דער פאַרגאַנגענהייט און פאַרגיטיקן אייך פאַר די פאַרלוירענע טעג...

איר פּנים איז געווען אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד און צעוויטאָגט פון ניט וויסן וואָס צו טאָן, פון ניט קענען זיך באַשליסן. זי האָט געשוויגן און גאָרניט געענטפערט. פאַר דער מינוט איז עס געווען דער איינציקער אויסוועג.

און ער איז געזעסן און געמאָנט פון איר:

— באַרעכנט זיך. נעמט זיך אין די הענט אַריין און באַזיגט אייער שוואַכקייט. באַזיגט איר זיך, עפנט זיך פאַר אייך אויף אַ ניי קאַפּיטל אין אייער לעבן, אַ ניי לעבן מיט אַלע זיינע פריידן און אינטערעסאַנטקייטן. און האַלט איר זיך געפאַנגען פון אייער שוואַכקייט, בלייבט איר ווידער געשמידט אין דער תּפיסה — מיט יעדן טאָג אַלץ טרויעריקער און האָפנונגסלאָזער. באַדענקט זיך און באַשליסט...

עס האָט אָנגעהויבן צו טונקלען, און די לאָמפּן האָבן זיך אָנגעצונדן. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און ער האָט זי צוגעפירט צו דער סאָבווּעי.

רחל איז געקומען אַהיים אַ מידע, אַן אויסגעמאַטערטע. זי האָט בלויז דעם מאַנטל און די הוט אויסגעטאָן, און אַ וואָרף געטאָן זיך אין די זאַכן אויפן בעט. זי האָט איינגענורעט איר פּנים אין קישן. עפּעס האָט איר געדריקט אין האַלדז און עס האָט זיך איר געוואָלט וויינען. זי האָט זיך אָבער מיט אַלע כּוחות געמאַטערט איינצוהאַלטן. די לעצטע וואָכן, און באַזונדערס דער לעצטער שמועס, האָבן זי אינגאַנצן צעשרויפט. די לעצטע פאַר וואָכן גייט זי אום ווי אין אַ חלום און ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זיך. עפּעס איז איר לעבן ווי פאַר אַ שייד־וועג, וואו דער אויסוואַל מיינט לעבן אָדער טויט.

זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געטראַכט. פאַר איר איז דורכגעגאַנגען איר לעבן מיט איר מאַן פאַר די לעצטע צוועלף־פופצן יאָר.

זי האָט זיך באַקאַנט מיט אים כּמעט באַלד, ווי זי איז געקומען אַהער אין לאַנד. זי איז נאָך כּמעט אַ „גרינע" געווען, און יעדע זאַך האָט איר אויסגעקוקט פרעמד, אומפאַרשטענדלעך און אָפטמאָל דערווידער. זי האָט נאָך ניט באַוויזן אָפּצוטרייסלען פון זיך די היימישע ראָמאַנטישקייט און אינטעליגענטישקייט, און יעדע זאַך דאָ האָט איר אויסגעקוקט גראָב, ביליק און מאַטעריאַליסטיש. אָט אין יענער צייט האָט מען זי פאַרגעשטעלט פאַר אים. ער איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער טוער און רעדנער, און טאַקע באַלד נאָך זיינער אַ רעדע, צו וועלכער פריינט האָבן זי גענומען, האָט מען זיי באַקאַנט. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט איר. עס האָט

אים, ווייזט אויס, אימפּאָנירט איר פּרישקייט, איר היימישע נאַאיוויטעט, און איבער אַלץ איר לאַגישער געזונטער אופן פון דענקען. אויף איר האָבן געמאַכט אַן איינדרוק זיין פיינער רעדנער־טאַלאַנט, זיין פּאָלירטע פּראַזע און מער ווי אַלץ די מענטשלעכע אידייען, וועלכע ער האָט גע־פּריידיקט און מיט וועלכע ער האָט געזוכט צו באַאיינפלוסן זיינע צוהערער. די אידייען זיינען פאַר איר ניי געווען, און ניט מיט אַלץ האָט זי איינגע־שטימט. אָבער דאָ, אין דעם גרויען אַרום, האָט עס איר דערמאָנט אין דעם היימישן אידעאַליזם.

אַזוי האָבן זיי זיך באַפריינדעט.

זי איז געווען מער ווי צופרידן; זי איז געווען גליקלעך. ווי אַ גע־פונענעם דימענט, האָט זי איר אומדערוואַרט גליק טיף אין האַרצן באַהאַלטן און מורא געהאַט גאָר צו טראַכטן פון דעם. נאָר אין שטילע פאַרנאַכטן אַליין, אָדער זיינענדיק וואָך אַמאָל ביינאַכט, פלעגט איר צוקונפט, ווי ווייטע דינע האָריזאָנטן, אויסמאָלן זיך פאַר איר אין קאָלירן פון רויז און בלוי. איר געדאַנק, ווי אויף זיידענע טאַפּעטן געטראָטן, וואו מען שרעקט זיך אַ שטייפן טראָט צו שטעלן, פלעגט איר צוקונפטיק לעבן קוים באַרירן. בלויז אין דרייסטע מאָמענטן אַמאָל פון אייגענעם שטאָלץ און זיכערקייט פלעגט זי פאַר זיך איר צוקונפטיקע היים דערזען. עס איז געווען אַ קולטורעל יידיש הויז, וואו ביכער און זשורנאַלן פאַרנעמען דעם אָנגעזעענסטן פּלאַץ, וואוהין אין די אָוונטן, ביי אַ גלעזל טיי, קומען זיך צוזאַמען מענטשן פון גייסט און געדאַנק, קאָלירפולע און אינטערעסאַנטע, און דיסקוטירן פּראָבלעמען פון לעבן און גייסט. עס איז געווען אַ לעבן, וואָס זי האָט דאַן געזען פאַר זיך, ניט רייך מאַטעריעל, נאָר פול מיט אינהאַלט, מיט קאָליר, מיט גייסטיקער רייכקייט. זי האָט געפילט דאַן, אין אַזעלכע מאָמענטן, אַז איר געגנוואַרט גיט איר דאָס פולע רעכט אַזוי זיך די צוקונפט צו מאָלן.

אירע פריינדינס האָבן זי מקנא געווען, אָבער פון גאַנצן האַרצן פאַרגונען איר דאָס גליק. זיי האָבן געפילט, אַז זי פאַרדינט עס פולשטענ־דיק. אין איר קרייז האָט יעדער איינער צו איר געקוקט מיט רעספּעקט, מיט אַכטונג. זי איז געווען באַליבט ביי אַלעמען. מען האָט געשאַצט ניט נאָר איר גראַדן שכל און אינטעליגענץ, נאָר אויך איר באַנעמונג צו מענטשן, איר פיינקייט און איידלקייט. צו יעדן איינעם איז זי געווען פריינטלעך, יעדן איינעם גרייט צו העלפן.

האָט זי אַזוי געלעבט אין טרוימען־לאַנד, ניט טראַכטנדיק פון דעם, אַז דאָס לעבן איז גאָרניט אַזוי איינפאַך און קאָן אפשט זיין פול מיט

שטרויכלונגען. פון די פּראַקטישע שוועריקייטן אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן האָט זי אוודאי ניט געטראַכט.

איר פריינט איז געווען אָנגעשטעלט אין אַן אָרגאַניזאַציע, וואו ער האָט געדאַרפט די אידייען פון דער אָרגאַניזאַציע ברענגען צו גרעסערע מאַסן. ער האָט פאַר דעם געקראָגן ניט קיין צו הויכן געהאַלט. אָבער זי האָט פון דעם גאָרניט געטראַכט. איר איז דאָס ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען. זי האָט קיינמאָל פון קיין רייכקייט ניט געטראַכט, און גבירים האָט זי פיינט געהאַט צוזאַמען מיט זייער לוקסוס־לעבן. פיל מער איז איר אָנגע־גאַנגען דער פאַקט פון קריגן באַצאָלט פאַר פאַרשפּרייטן אַן אידייע. אין אירע געדאַנקען און געפילן האָט זיך עס זייער שווער געפּאָרט. זי האָט אָט די געזעלשאַפטלעכע באַצאָלטע אַמטן קיינמאָל ניט ליב געהאַט, און האָט אַזאַ אַמט אַליין איינמאָל צוריקגעוויזן, ווען מען האָט עס איר נאָך אויף יענער זייט ים פאָרגעלייגט. עס איז אפשר געווען דאָס איינציקע גרויע פינטל אויף איר ליכטיקן האָריזאָנט.

און אַזוי זיינען געגאַנגען די טעג, דערנענטערנדיק זיך צו יענעם מאָמענט, ווען די טרוימען וועלן זיך אָנהויבן פאַרוואַנדלען אין ווירקלעכ־קייט און די חלומות אין וואָר. זי איז מיטגעגאַנגען מיט זיי פעסט אין איר גלויבן און זיכער אין איר צוקונפט.

נאָר אָט האָט זיך אַ וואָלקנדל באַוויזן אויף איר בלויען האָריזאָנט, און איר הימל איז לייכט פאַרכמאַרעט געוואָרן. אין האַרצן האָט זי דער־פילט אַ לייכטן ציטער. עס איז ניט געווען קיין קאָנקרעטע זאַך, וואָס מען קען זען, נאָר עטוואָס לייכטס, אומזעבאַרס, וואָס האָט איר אויער געמאַכט וואַכזאַם אָנגעשטרענגט און אַרויסגערופן ביי איר אַ שלעכטן פאָרגעפיל. עס איז געווען איין שטריך אין זיין כאַראַקטער, וואָס איר האָט זיך אויס־געדאַכט, אַז זי האָט עס באַמערקט, און איז ניט אינגאַנצן זיכער געווען, ווייל זיכער זיין וואָלט געמיינט פאַר איר עטוואָס שרעקלעכס. האָט זי זיך געזוכט איינצורעדן, אַז איר אויג און איר האַרץ האָבן זי אָפּגענאַרט, און געהאָפט האָט זי, אַז מער וועט זי גאָרניט באַמערקן און זי וועט זיך צוריק באַרואיקן.

אָבער איינמאָל פון גלייכגעוויכט אַרויס, איז איר שווער געווען צו־ריקצוקומען צו זיך און איר פריערדיקע רואיקייט צוריק איינצושטעלן.

עס זיינען קליינקייטן געווען, בלויז קליינקייטן, וואָס האָבן זי פון גלייכגעוויכט אַרויסגעפירט און אַרויסגערופן איר אומרו. אָבער קלייני־קייטן האָבן ביי איר אַלעמאָל געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, באַזונדערס ווען עס איז געקומען אָפּצושאַצן דעם מענטשנס כאַראַקטער און באַקענען זיך מיט זיין נאַטור. אין קליינקייטן, האָט זי געגלויבט, דריקט זיך אויס די

אמתע פּערזענלעכקייט פונעם מענטשן. אין גרויסקייטן איז דער מענטש אַלעמאָל פאַרשטעלט, ווייל ער ווייסט, אַז אַלע באַמערקן זיי. צו קליינינקייטן, דאַכט זיך אים, קוקט זיך קיינער ניט צו און ער האַנדלט לויט זיינע אמתע געפילן. האָט זי שטענדיק דעריבער אין יעדן מענטשן, וואָס האָט זי אינטערעסירט, געזוכט די קליינינקייטן פון זיין כאַראַקטער און לויט זיי אים געאורטיילט.

אין אים, אין איר איצטיקן מאַן, האָט זי עס צוערשט פאַרפעלט צו טאָן. זי איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון די ראַזעווע און בלויע קאָלירן, אַז גרויע פינטעלעך האָט איר אויג ניט געקענט כאַפּן. נאָר האָט זי זיי שוין באַמערקט, האָט איר אויג זיי ניט אָפּגעלאָזט און איר האַרץ האָט ניט אויפגעהערט זיי פאַרשן.

עס איז געווען איינמאָל, ווען זי איז מיט אים אין סאָבוועי געפאָרן. אַ בלינדער מאַן, דערצו נאָך אַ קריפּל, איז דורכגעגאַנגען דעם וואַגאָן און אין זיין אויסגעשטרעקטן היטל נדבות געקליבן. דער מאַן האָט געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק. יעדער איינער האָט אין היטל זיין מטבע אַריינ־געוואָרפן, בלויז ער איינער איז געווען אַן אויסנאַם. מיט דער צייטונג, וואָס ער האָט געלייענט, האָט ער זיך פאַרשטעלט דאָס פנים, ווי ער וואָלט געווען שטאַרק פאַרטיפט אין איר. אַן אומאַנגענעם געפיל איז איר דורכ־געגאַנגען: „איז ער טאַקע געווען פאַרטיפט אַזוי? האָט ער גאָר יענעם ניט באַמערקט? ווי קען דאָס זיין?”. זי האָט זיך געשראָקן צו קריגן אַן ענטפער אויף דער פראַגע...

אַ צווייט מאָל האָט זי באַמערקט, אַז ווען זיי האָבן געגעסן אין אַ רעסטאָראַן, וואו דער קעלנער האָט געזאָלט זיין טרינק־געלט פון זיי קריגן, האָט ער זיך באַנוצט מיטן מאָמענט, ווען יענער איז אָפּגעטראָטן אַ וויילע, און גאָרניט איבערלאָזנדיק אים, האָט ער מיט איר פאַרלאָזט דעם רעסטאָ־ראַן. זי האָט אים ניט געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן אויף דעם, ווייל זי האָט שוין דעמאָלט געשפּילט די ראָלע פון אַ באַאָבאַכטער, וואָס קוקט און פאַרצייכנט די קליינינקייטן, צו שאַפן פאַר זיך אַ בילד פונעם גאַנצן.

אַ דריט מאָל האָט זי באַמערקט, אַז ער זוכט שטענדיק צו בלייבן פון די לעצטע, ווען אַ גרויסער קרייז באַקאַנטע גייט צוזאַמען ערגעץ פאַרן און וואו, געוויינטלעך, דער פאָדערשטער באַצאָלט פאַר אַלע.

און אַז זי האָט אָנגעהויבן זוכן און באַמערקן, האָט זי שוין דערזען אַ סך זאַכן. זי האָט באַמערקט, אַז ער „נעמט זי אויס” בלויז אין ביליקע רעסטאָראַנען און אַז אין טעאַטער גייט ער בלויז אין יענע טעג, ווען דער פּרייז איז אַ ספּעציעל ביליקער, און אַז די פינף לאַנגע בלאָק פון זיין הויז ביז דער סאָבוועי מאַכט ער דורך שטענדיק צופוס, אין וואָס פאַר אַ שלעכטן

וועטער עס זאָל ניט זיין, אין דער צייט ווען עס לויפט פאַרביי דער טראַמוויי.

ווען זי האָט אָט די אַלע קלייניקייטן דערזען, איז זי פאַרצווייפלט געוואָרן. ווי אַ קליין קינד, וואָס דערזעט זיך פּלוצלונג אַליין אין אַ שטורעם, איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ שרעק און איר גאַנצער וועזן איז פּאַראַליזירט געוואָרן: זי האָט אַפילו וויינען ניט געקאָנט.

איז געשען דאָס, פאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי שטאַרק געשראָקן? איז איר באַשערט דאָס, וואָס זי האָט אַזוי שטאַרק פיינט און פון וואָס עס עקלט זי? עס איז איר געווען צו־שרעקלעך צו טראַכטן פון דעם.

אין דער גאַנצער פאַמיליע אירער איז קאַרגשאַפט באַטראַכט געוואָרן, ווי אַ מיאוסע זאַך. עס איז געווען אַן אַנגעווייטיקטער פּונקט אין דער משפּחה. דער שוואָגער אירער איז געווען דער רייכסטער מאַן אין שטעטל. אַ האַלב שטעטל קראָמען און הייזער האָבן צו אים געהערט, און דאָך איז זייער שוועסטער געווען די אומגליקלעכסטע פרוי. אַ גאַנצע וואָך פלעגט דער שוואָגער אירער אומגיין מיט אַ בייטעלע איבער די קראָמען און הייזער צונויפקלייבן דאָס דירה־געלט, נאָר אַז עס פלעגט קומען פרייטאָג, פלעגט די שוועסטער אירע מוזן קומען צו דער מאַמען צובאָרגן אַ פּאָר גילדן צו קענען פאַרענדיקן דעם שבת. דער דאָזיקער פאַקט האָט זיך אַזוי איינגעשניטן דער גאַנצער משפּחה אין די הערצער און אין די מוחות, אַז אַפילו די סאַמע קאָנסערוואַטיווסטע מיטגלידער אירע האָבן געקוקט אויף קאַרגשאַפט, ווי אויף אַן עקלהאַפטער קראַנקייט.

אָט דער איינדרוק האָט זיך אויך איינגעשניטן אין איר, און אַמאָל, אין מאָמענטן פון טראַכטן און טרוימען, פלעגט זי קלערן: שוין בעסער אַ קריפּל, אַ פאַרזעעניש, נאָר ניט אַזאַ...

אָבער, ווייזט אויס, אַז דאָס, פאַרוואָס מען שרעקט זיך, קומט אַמאָל דווקא יאָ. און דאָס, פאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי געשראָקן, איז צו איר אויך געקומען. קען דאָס זיין?

זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרצווייפלונג. זי האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. עס איז איר געווען שרעקלעך צו טראַכטן, צו באַנעמען דעם אמת. אָט האָט זי אַ פּערל געפונען און געפרייט זיך מיט דעם, און אָט ווייזט זיך עס גאָר אַרויס פאַר אַ פּראָסטן שטיינדל. זאָל זי עס אַוועקוואַרפן?

זי האָט פאַר קיינעם איר פאַרצווייפלונג ניט אויפגעדעקט, אַפילו ניט פאַר דעם אייגענעם ברודער. אייניקע האָבן איר באַמערקט, אַז זי קוקט אויס ניט גוט. דער ברודער האָט זי אַפילו געפרעגט, פאַרוואָס זי איז אַזוי אומעטיק לעצטנס — אפשר האָט ער עפּעס וואָס חושד געווען — אָבער

איןביידע פאַלן האָט זי אַ תירוץ געפונען, און די אמתע אורזאַך באַהאַלטן.

אַזאַ איז זי שוין שטענדיק געווען: אַ באַהאַלטענע אין זיך, ווען עס איז געקומען צו איר פּערזענלעך. אירע פריינט האָבן געשעצט איר שכל און פלעגן שטענדיק זיך ווענדן צו איר נאָך אַן עצה אין יעדער שווערי־קייט, וואָס זיי האָבן געהאַט, אָדער גלאַט אַזוי זיך קומען גראַפּריידן פון האַרצן פאַר איר. זי אָבער האָט מיט קיינעם קיינמאָל וועגן זיך ניט גערעדט.

נאָך פון קינדערווייז אָן איז זי אַזאַ געווען. האָט אַ חברטע, אָדער ווער עס איז, באַליידיקט זי אָדער אַפילו געשלאָגן, איז זי קיינמאָל אַהיים קיין פּאַרווײנטע ניט געקומען און ניט געזוכט קיין הילף ביי די עלטערע אין שטוב. האָט זי געקאָנט אַליין פאַר דער קריוודע באַצאָלן, האָט זי עס געטאָן; אַז ניט האָט זי די באַליידיקונג פאַרשטיקט טיף אין זיך. אַנדערע צו הילף האָט זי קיינמאָל ניט גערופן. אייניקע האָבן זי אין שטוב דערפאַר געהאַלטן פאַר אַ פאַרביסענע; אַנדערע ווידער האָבן געלויבט אַט דעם שטריך אין איר. אָבער אַזאַ איז זי שוין געווען.

ווען זי איז עלטער געוואָרן, איז זי ניט נאָר מיט דעם שטריך אויס־געוואַקסן, נאָר ער האָט זיך נאָך אין איר אַנטוויקלט אין אַ שטאַרקערער מאָס. ניט נאָר האָט זי שטענדיק אויסגעמיטן צו ריידן וועגן זיך, נאָר האָט אויך געזוכט אויסצומיידן, אַז אַנדערע זאָלן ריידן וועגן איר, איבער־הויפּט וועגן די זאַכן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט איר פּערזענלעכן לעבן. זי פלעגט הערן ווי באַקאַנטע צענעמען אַמאָל איינע אויף טעלערלעך, אַריינגייענדיק אין די אינטימסטע איינצלהייטן פון יענערס לעבן — און זי פלעגט אויפציטערן, ווען זי פלעגט זיך פאַרשטעלן, אַז דאָס זעלבע קען פּאַסירן אויך אין באַצוג צו איר.

עס איז ביי איר אַזאַ שוואַכקייט געווען, וואָס זי האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט באַקעמפן אין זיך. דאָס האָט זי אַ סך מאָל געמאַכט אויסקוקן פאַר אירע באַקאַנטע ווי אַ רעטעניש, ווי אַ ספינקס, — און בלויז דער גרויסער רעספּעקט, וואָס מען האָט געהאַט פאַר איר, האָט זיי אָפּגע־האַלטן פון גריבלען זיך צו טיף אין דער רעטעניש.

איצט איז זי אַריינגעפאַלן אין דער לאַגע, וועלכע זי האָט איר גאַנץ לעבן געזוכט אויסצומיידן: צו זיין „אַ טעמע״ פאַר לייטישע שמועסן און גערײדערײ. אָבער וואָס קען זי טאָן? זי איז געווען ווי צווישן פייער און וואַסער.

זי האָט באַשלאָסן דורכצורײדן זיך מיט אים. זי האָט אים דערקלערט איר ווידערגעפיל פאַר קליינלעכקייטן: עס דערנידעריקט דעם מענטשן און מאַכט קליינלעך זיין ווירדע. אַזאַ מענטש פאַרלירט יעדנס רעספּעקט צו

זיך, און זי, ספּעציעל, האַסט עס. זינט זי האָט עס באַמערקט אין אים, איז איר געפיל צו אים ניט קיין גאַנצער, און אַן אַ פולן געפיל — ווי קען זי זיך מיט אים פאַרבינדן?

ער האָט זי אויפמערקזאַם אויסגעהערט און ווען זי האָט געענדיקט ריידן, האָט ער זיך צעלאַכט. ער האָט איראָניש צונישט געמאַכט אירע באַאַבאַכטונגען, געלייקנט דעם שטריך אין זיך, וואָס זי האָט פאַרדעכטיקט, און אַפילו אָפּגעלייקנט אייניקע פאַקטן. יעדנפאַלס, האָט ער דערקלערט, נעמט ער אויף זיך אַ טייל פון דער שולד: מסתמא מוז אין אים זיין עטוואָס אַזוינס, וואָס שאַפט אַזאַ פאַלשן איינדרוק וועגן אים, און דאָס וועט ער זען מיט אַלע מעגלעכקייטן פאַרניכטן. אָבער סיי ווי, וואָס פאַר אַ חסרונות ער זאָל ניט האָבן, וועט זיין ליבע צו איר געבן אים גענוג כוח צו דערשטיקן עס אין זיך און אויסוואָרצלען.

זי האָט קיין ברירה ניט געהאַט און געמוזט אָננעמען זיין צוזאָג.

זיי האָבן זיך פאַרבונדן און זיינען מאַן און ווייב געוואָרן. אירע פריינדינס האָבן זי פונקט ווי פריער מקנא געווען און פון גאַנצן האַרצן איר פאַרגונען איר גליק. זי אַליין אָבער איז ניט גליקלעך געווען. אין איר האַרצן האָט געלעבט אַ ציטער, אַ שרעק, אַ ניט־זיכערקייט. זי האָט געוואָלט גלויבן אין זיין אויפריכטיקייט. זי האָט אָבער אויך געוואוסט, ווי טיף־איינגעוואָרצלט אין אַ מענטשן ליגן זיינע געוואוינהייטן און ווי שווער עס איז זיי אויסצואוואָרצלען.

זי איז וואַך געווען און אָנגעשטרענגט געזען, ווי ער ראַנגלט זיך מיט זיך אַליין און ווי שווער עס קומט אים אָן יעדעס מאָל זיך בייצוקומען. אַ סך מאָל האָט זי צו אים געפילט אַ רחמנות. אַ סך מאָל אַפילו האָט זי געפּרואווט זוכן אויב ניט קיין פאַרענטפערונג, איז כאָטש אַ דערקלערונג פאַר זיינע האַנדלונגען: געפּרואווט עס זוכן אין זיינע באַגרענעצטע שכירות, אין זייער ניט־שטענדיקער זיכערקייט. זי האָט אָבער בשום אופן ניט געקענט זען אין די אַלע אורזאַכן קיין פאַרענטפערונג, אַוודאי ניט קיין באַרעכטיקונג. איר גאַנצער וועזן האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם. ניט איינ־מאָל, ווען זי איז מיט אים צו זיינע אויפטריטן געגאַנגען, געהערט אים פרעדיקן אידעאַליזם, ברייטהאַרציקייט און טיפע מסירת־נפשדיקע מענטש־לעכקייט, פלעגט זי אירע אויגן צודריקן, כדי ניט צו קוקן אין דער ליכטי־קייט אַריין. זי פלעגט דערנאָך אַ קורצע צייט אויך אויסמיידן צו קוקן אים אין די אויגן און אַפילו צו ריידן מיט אים. עפּעס אַזאַ מאָדנעם פאַר־דראָס האָט זי דעמאָלט געפילט צו אים און אויך ניט ווייניקער — צו זיך אַליין...

איר לעבן איז בשום אופן ניט געווען אַזאַ, ווי זי האָט זיך געמאָלן

אין די ערשטע טרוימען פון זייער באַקאַנטשאַפט. אירע באַקאַנטע און פריינט פלעגן זי באַזוכן, זי האָט געפּרואווט איינאָרדענען אָוונטן, צוזאַמענקונפטן, זי פלעגט אַלעמען מיט דערזעלבער פריינטלעכקייט אויפנעמען, נאָר וואָס ווייטער איז זייער צאָל געוואָרן אַלץ קלענער. זי האָט ניט געוואוסט די אורזאַך, ניט געקענט פאַרשטיין — פאַרוואָס? דאַכט זיך, אַז ער פלעגט זיי אויך אויפנעמען פריינטלעך, מיט יעדן רײדן, דערלאַנגען, אָבער ווייזט אויס, אַז מענטשן האָבן דערפילט די אָנגעשטרענגטקייט, וואָס איז געלעגן אין אים בשעת־מעשה און וועלכע ער האָט זיך געמאַטערט צו פאַרשטעלן. קענטיק, אַז ניט נאָר זי, נאָר אויך זיי האָבן דאָס דערפילט. ווען זי פלעגט טראַכטן וועגן דעם, פלעגט זי פילן ווי דאָס האַרץ אירס צעגייט, פלאַצט....

אָבער דעם גרעסטן קלאַפּ האָט זי געקראָגן אומדערוואַרט, ווי אַ דונער וואָס פאַלט אַראָפּ פּלוצלונג, ווען מען האָט זיך אַמווינציקסטן געריכט אויף אים. עס איז געקומען פון אים, אָבער עס איז פון זיין זייט געווען ניט מיט אַ כיוון, ניט שלעכט־מיינענדיק. פאַרקערט, גראַדע אין אַ מאָמענט פון אינטימער באַענטקייט און געטריישאַפט האָט ער איר זיין סוד דערקלערט, דעם סוד וועלכן ער האָט פון איר ביז איצט געהאַלטן פאַרבאָרגן. ער האָט פאַר איר זיין נשמה אויפגעדעקט, די באַהאַלטנסטע ווינקלען פון זיינע געדאַנקען, און די ווייטערדיקע פּלענער פון זיין לעבן. ער האָט אויפגעדעקט פאַר איר זיין אַנטוישונג מיט די אידייען, וועלכע ער האָט אַזויפיל יאָרן געפּרעדיקט, און זיין איבערדריסיקייט אויף זיך אַליין, פאַרוואָס ער האָט זיי אַזוי פיל יאָרן פון זיין לעבן — די שענסטע און בעסטע יאָרן — אַוועקגעגעבן.

ער האָט אויפגעדעקט פאַר איר זיין אַנטוישונג אין מענטש: דער מענטש איז צו־מאַטעריאַליסטיש געענויגט און דעריבער איז זיין אויער ניט געענויגט אויפצונעמען אידייען און געדאַנקען. דער בעסטער ביישפּיל איז טאַקע זיין אייגענע דערפאַרונג: אַזוי פיל יאָרן האָט ער געהאַלטן אין רעדן צו מענטשן, אין לערנען זיי, אין פּרעדיקן פאַר זיי — און וואָס זיינען די רעזולטאַטן? גאָרנישט מיט נישט. ער קען דאָס מער ניט פאַרזעצן. ער קאָן ניט מער פּרעדיקן יענעם, אין וואָס ער האָט ניט קיין פעסטן גלויבן אַליין. ער קאָן ניט מער איבערחזרן געדאַנקען און ווערטער, וואָס פליסן אויטאָמאַטיש פון זיין מויל, אָן אינעווייניקסטער איבערצייגונג הינטער זיי. ווייזט אויס, אַז דאָס היגע לעבן און דער היגער קלימאַט דיינען אַנדערש: די פלאַנצן און געוויקסן פון איראָפּעאישן באָדן קענען זיך דאָ ניט צונעמען... ער פילט שוין אַזוי אַ לענגערע צייט און דעריבער האָט ער זיך נאָך לאַנג צוריק געגומען גרייטן צו אַן אַנדער לעבן, אַ מער

„רעאַליסטישן”, אַ מער פּראַקטישן... פֿאַר די לעצטע יאָרן האָט ער געשפּאָרט אַ פּעני צו אַ פּעני, ביז ער האָט אַ היפּשע סומע אָנגעקליבן — כאָטש ער האָט איר פֿון דעם ניט דערציילט — און איצט איז ער גרייט אויסצונוצן זיין פֿאַרמעגן און אַ ניי לעבן אָנצוהייבן. ער האָט זי געטרייסט, אַז זיין צוקונפט איז אַ געזיכערטע, און במילא אויך אירע, און אַז זייער ביידנס לעבן וועט נאָך אַמאָל זיין אויסגעבעט מיט בלומען...

זי האָט אויף אים אַ דערשטוינטן לאַנגן קוק געטאָן, ווי פֿרעגנדיק זיך אַליין, צי הערט זי דאָס טאַקע די ווערטער פֿון זיין מויל, אָדער אַ פֿרעמדע אויסגעקרימטע שטימע, וואָס וועט צעברעכן איר לעבן, האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון אַ באַהעלטעניש און שפּאַלט איר אויער און לעכערט איר האַרץ. ווען זי האָט זיך איבערצייגט, אַז עס איז ניט קיין פֿרעמד קול געווען און די שטימע איז זיינע, האָט זי זיך דערפֿילט ווי אַרומגענומען פֿון קריכנדיקע שלאַנגען, וואָס גלעטן זי מיט זייער אָפּשטויסנדיקער גלאַטקייט און ווייכקייט. זי האָט דערפֿילט צו אים אַן עקל. זי האָט גאָרנישט געזאָגט, אָבער דערפֿילט האָט זי, אַז דאָס לעבן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איר מיט אַ שווערן באַרג און וויל זי דערשטיקן. זי האָט בישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. עס איז געווען איבער אירע כוחות. עס איז געווען ערגער, ווי זי האָט געטראַכט, ווי זי וואָלט זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי זי האָט מורא געהאַט... עס האָט זי אַזוי צעשמעטערט, אַז זי איז געלעגן הילפֿלאָז און צעבראָכן, און קיין קרעכץ אַפֿילו איז פֿון איר מויל ניט אַרויסגעקומען. די טרערן זיינען ערגעץ פֿאַרשוואונדן, און זי האָט ניט געקענט וויינען.

טעג איז זי אומגעגאַנגען ווי אַ צעמישטע, אויסמיידנדיק באַקאַנטע און בישט ווייסנדיק, וואָס צו טאָן מיט זיך. איר מוח איז מיד געוואָרן פֿון טראַכטן, אָבער זי האָט גאָרנישט געקאָנט צוטראַכטן, ניט געקאָנט געפֿינען קיין אויסוועג. איין וועג איז פֿאַר איר געלעגן אָפֿן: אַוועק פֿון אים, אַנטלויפֿן. אָפּרייסן זיך פֿון דעם געלן פֿלעק, וואָס וואַרפֿט אַ שאָטן אויך אויף איר, און אָפּוואַשן דעם שמוץ, וואָס ער וויל איר צוקלעפּן. אָבער דאָס איז איר געווען שווער צו טאָן, אוממעגלעך כמעט. אוממעגלעך, צוליב דער שוואַכקייט וואָס האָט זי אַלע מאָל, פֿון קינדהייט אָן באַהערשט; צוליב דער שוואַכקייט, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין אירע ביינער און איז געוואָרן אַ טייל פֿון איר נשמה — די שוואַכקייט צו זיין פֿאַרשלאָסן אין זיך, פֿאַרשטעלט, און מורא האָבן אויפֿצודעקן זיך פֿאַר מענטשן און זיין „אַ טעמע” פֿאַר זייער גערייד־עריי און באַריידעריי. איר איז גרינגער געווען צו ליידן שטילערהייט, ווי אויפֿצודעקן אַ וואונד; אומגיין מיט אַ ווייטיק אין

האַרצן און מיט אַ שמייכל אויפן פּנים, איידער באַגעגענען יענעמס רחמנות־דיקן און מיטפילנדיקן בליק.

זי האָט זיך פאַרגעשטעלט די פאַרוואונדערונג, וואָס וועט אַלעמען אַרומכאַפּן, די איבעררראַשונג און שטוינונג, ווען פריינט און באַקאַנטע וועלן זיך פון דער נייעס דערוויסן, און אַ געפיל פלעגט זי אַרומכאַפּן פון וועלן אויפהערן צו עקזיסטירן, פאַרשווינדן און ניט דאַרפן דורכמאַכן דאָס שרעק־לעכע, דאָס באַגעגענען זיך; דאָס אַנקוקן זיך אין די אויגן, ווען די אויגן וועלן העפלעך זוכן די וויטיקדיקע פראַגע ניט צו באַרירן, כדי נישט צו באַליידיקן זי און ווי צו טאָן, און דאָך אויסדריקלעך זאָגן: מיר ווייסן, מיר ווייסן אַלץ... ניין, איר איז טויזנט מאָל לייכטער געווען צו לעבן אַ מאַרטירער־לעבן און טראָגן דאָס גאַנצע לעבן אַ מאַסקע אויפן פּנים, איי־דער איין מינוט פון שאַנדע און וויטיק.

און זי איז געבליבן, כאָטש עס האָט זי געעקלט. ווי אַ פרעמדע איז זי געווען אין איר הויז, און ווי אַ פרעמדע איז זי געווען צו איר מאַן. זי האָט ווייניק גערעדט צו אים און נאָך ווייניקער געווען פריינטלעך צו אים. זעלטן־ווען מען האָט זיי געזען צוזאַמען און נאָך זעלטענער, ווען עמעצער זאָל האָבן באַמערקט אַ פריינטלעכן שמייכל אויף איר פּנים צו אים. זי האָט איצט געלעבט איר פאַרשלאָסן לעבן, ניט באַרירנדיק מיט אים קיין אײנציק מאָל אירע שטימונגען און געפילן. זי האָט געטראָגן איר וויטיק שטיף פאַרבונדן אין האַרצן און, ווי אַלע מאָל, אַ פריינטלעכן טיף־מענטש־לעכן שמייכל פאַר אירע באַקאַנטע.

און ער? — ער איז זיך אַנגעגאַנגען מיט זיין לעבן, פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן און „דערפאָלגן", און נישט האָבנדיק קיין צייט גאָר צו באַ־מערקן איר קאַלטקייט און פרעמדקייט צו אים. און אפשר האָט ער דאָס יאָ באַמערקט, און אפשר אַפילו פאַרשטאַנען דעם קוואַל פון דעם, נאָר געמאַכט זיך ניט־וויסנדיק, נישט זייענדיק בכוח אָוועקצוגיין פון די אייגענע פאַרלאַנגען און אָפּצורייסן זיך פונעם כוח, וואָס האָט אים געהאַלטן גע־פאַנגען, און געשטויסן אָן אויפהער אַלץ ווייטער פון איר.

ווי עס זאָל ניט זיין, איר איז דאָס סיי־ווי ניט אַנגעגאַנגען. פונקט ווי עס איז איר ניט אַנגעגאַנגען די ליבע, וואָס ער האָט געפילט צו איר און אַרויסגעוויזן, און די רייכקייט און באַקוועמלעכקייט, מיט וועלכע ער האָט זיך באַמיט זי אַרומצורינגלען. זי האָט ניט געוואָלט געניסן פון דעם און מורא געהאַט זיך צורירן צו דעם, ווי צו עטוואָס אומווירדיקס.

אָט אַזוי איז איר לעבן געגאַנגען.

נאָר אָט האָט זיך אַריינגעריסן אַ שטראַל אין איר פאַרשלאָסענעם האַרצן און אָנגעפילט עס מיט וואַרעמקייט און ליכט און אויפגעוועקט

דאָרט לאַנג־פאַרשלאָפענע, האַלב־אָפּגעטויטע געפילן. עס איז געווען איר באַקאַנטשאַפט מיט וויטקינען. זי האָט זיך מיט אים געטראָפן אויף איר נייער שטעלע, וואו זיי האָבן ביידע געאַרבעט: אין אַ גרויסער געזעלשאַפט־לעכער אָרגאַניזאַציע, וואו זי איז די סעקרעטאַרין פון דער עקזעקוטיווע געווען, און ער — דער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל פון דער אָרגאַניזאַציע. צוליב אירע פליכטן פלעגט איר אָפט אויסקומען צו טרעפן זיך מיט אים, סיי ביי די מיטינגען פון דער עקזעקוטיווע, און סיי אויך ביי אים אין אָפיס. זיי האָבן באַמערקט איינע די צווייטע און נענטער געוואָרן איינער מיטן צווייטן. זי האָט באַמערקט זיין ברייטע אינטעליגענץ, זיין ערנסטן פנים און די איבערגעגעבנקייט, מיט וועלכער ער האָט געאַרבעט און וועלכע איז פון אַלעמען אָפּגעשאַצט געוואָרן. און ער האָט באַמערקט איר רואיקייט און געלאַסנקייט, איר אינטעליגענטן אַרט דענקען, ווי אויך די ליבשאַפט און רעספּעקט, וואָס אַלע מיטאַרבעטער האָבן געפילט צו איר.

אומבאַמערקטערהייט האָבן זיי זיך באַפריינדעט. צוערשט פלעגן זיי זיך טרעפן אין דער מיטאָג־שעה אין רעסטאָראַן, וואו ער פלעגט צוקומען צו איר טישל און צוזעצן זיך. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן אַזוי אויסמאַרקירן, אַז זיי זאָלן זיך טרעפן ביים אַרויסגאַנג און צוזאַמען גיין עסן. צוערשט איז זי געווען שטאָלץ און געשמייכלט, וואָס ער גייט צו צו איר, שפּעטער האָט זי דערפילט, אַז עס איז איר אָנגענעם צו זיצן און רעדן מיט אים. נאָך לאַנגע יאָרן פון זיין אַליין מיט זיך, פון זיין מיט אַ מאַן, צו וועלכן זי האָט געפילט בלויז גלייכגילט און פאַרדראָס, איז איר איצט אָנגענעם געווען צו זיצן מיט אַ מאַן פון געזעלשאַפטלעכן פאַרנעם און פירן אַ פריינטלעכן שמועס איבער געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און פראַגן. זי האָט איצט באַגערט דאָס טרעפן זיך מיט אים און שטאַרק הנאה געהאַט פון די שמועסן, סיי ערנסטע און סיי לייכטערע. ביסלעכווייז איז ער געוואָרן מיט איר נענ־טער.

אין דער אָרגאַניזאַציע, וואו ער האָט געאַרבעט, האָט ער געגאָלטן פאַר אַ מענטשן אַן ערנסטן, אַ פאַרשלאָסענעם, בכלל פאַר אַזאַ, וואָס רעדט ווינציק. מיט איר אָבער פלעגט ער אָפּזיצן די גאַנצע מיטאָג־שעה און רעדן, רעדן אַפילו פון זיין פּערזענלעכן לעבן. ער האָט איר דערציילט, ווי שווער עס קומט אים אויס צו לעבן. זינט זיין פרוי איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן און איבערגעלאָזן אים מיט אַ קינד, קומט אים אויס צו זיין ניט נאָר אַ באַלעבאָסטע אין שטוב, נאָר אויך אַ פאָטער און מוטער צום קינד. ער מוז אַליין ראַמען און וואַשן און צוגרייטן דאָס עסן. ער האָט איר אויך דערציילט, אַז זיין אַרבעט דאָ באַצאָלט זיך ניט גענוג, און כדי צו קאָנען אויסקומען, מוז ער נאָך זיצן אין די אָוונטן, אַ סך מאָל ביז

שפּעט אין דער נאַכט, און שרייבן אַרטיקלען פאַר צייטונגען און זשור־נאַלן, און אין די שבת־נאָכמיטאָגס און זונטיקס האַלטן לעקציעס. זי פלעגט זיצן און הערן און פילן אַ שטאָלצקייט פון דעם אינטימען צוטרוי, וואָס ער האָט צו איר. זי איז זיכער געווען, אַז מיט קיין איינער פון די אָפּיס־אַנגעשטעלטע וואָלט ער אַזוי פריי ניט גערעדט. און דעריבער, ווען ער האָט זי איינמאָל אַ שבת־נאָכמיטאָג, נאָך דער אַרבעט, איינגעלאַדן צו זיינער אַ לעקציע, איז זי אויף אַ מינוט אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרלעגנהייט, שטיל אין זיך דערפילט, ווי עס באַשלאָגט זי אַ רויטקייט, אָבער באַלד נאָכדעם צוגעזאָגט צו קומען. פון דעמאָלט אָן איז זי געוואָרן אָן אָפּטע באַזוכערין פון זיינע לעקציעס.

אַזוי זיינען זיי געוואָרן נאָך נעענטער. פון זיך האָט זי קיינמאָל ניט גערעדט מיט אים און ער האָט זי אויך ניט געפרעגט. זי האָט געוואוסט, אַז ער ווייסט, ווער זי איז, אַז ער ווייסט, ווער איר מאַן איז, אָבער ער האָט פון אים קיינמאָל ניט גערעדט און קיינמאָל ניט געפרעגט זיך אויף אים. צי ער ווייס עפּעס פון איר לעבן, צי עמעצער בכלל ווייסט עפּעס, אָדער שטויסט זיך אָן, האָט זי אויך ניט געוואוסט. ער האָט קיינמאָל מיט קיין זאַך ניט אָנגעדייט אויף דעם.

נאָר דאָך האָט זי געפילט, אַז — צי ער ווייס, צי ניט, צי ער שטויסט זיך אָן, צי ניט — פילט ער אַ באַזונדער פרייקייט אין זיין האַלטן זיך מיט איר, אַ באַזונדער אינטימקייט, ווי קיין זאַך וואָלט אים ניט געשטערט, ווי קיינער וואָלט צווישן זיי ניט געשטאַנען. עס האָט זי אי געוואונדערט, אי געשראָקן, פּונקט ווי זיין גאַנצע באַציאונג צו איר האָט זי אי געצויגן, אי געשראָקן — געשראָקן מיט עפּעס אומקלאָרס, וואָס מוז אומפאַרמיידלעך קומען.

און אָט איז עס טאַקע איינמאָל געקומען. עס איז אַ שבת־נאָכמיטאָג געווען. די לעקציע, וואָס ער האָט געדאַרפט האַלטן, האָט צוליב עפּעס אַן אומפאָראויסגעזעענער סיבה אין דער לעצטער מינוט געמוזט צוריק־געצויגן ווערן, און סיי ביי אים און סיי ביי איר, וועלכע איז צו דער לעקציע געקומען, איז געבליבן אַ פרייער נאָכמיטאָג. ביידע זיינען געשטאַנען און געקווענקלט זיך און ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך. אַ געדאַנק איז אים איינגעפאַלן: באַנוצן זיך מיט דער געלעגנהייט און צופאָרן באַקע־נען זיך מיטן נייעם מאָדערניסטישן רעסטאָראַן, וועלכער האָט זיך נאָר־וואָס געעפנט, און וועלכן די צייטונגען האָבן באַשריבן. נאָך אַ סעקונדע קווענקלען זיך האָט זי צוגעשטימט.

עס איז ווירקלעך געווען אַנדערש, ווי אין אַנדערע רעסטאָראַנען. כאָטש עס איז געווען העלער טאָג, איז די שיין פון דרויסן כמעט ניט אַריינגעדרונגען.

די פּענצטער זײַנען געװען פאַרהאַנגען מיט שװערע פּאָרטיערן, און פון אַ באַהאַלטענעם אָרט אין דער סטעליע איז געקומען אַ מאַטעװע ליכט, װאָס האָט קוים באַלויכטן דאָס צימער. אינמיטן טאָג האָט געהערשט אַן אָונ־טיקע אַטמאָספערע. קלײנע טישלעך פאַר צװײ זײַנען געװען אויסגעשטעלט בײַ די װענט און אָפּגעטײלט דורך דינע הויכע װענטלעך, װאָס האָבן עס געמאַכט אויסצוקוקן װי באַזונדערע אינטימע צימערלעך, און געגעבן אַ געלעגנהייט יעדן פּאָרל צו זײַן פאַר זיך, אומגעשטערט פון אַנדערע. עס איז גיכער געװען אַ פּלאַץ פאַר יונגע פאַרליבטע פּאָרלעך, אײדער פאַר ערנסטע, לאַנג־פאַרהײראַטע מענטשן, נאָר סײ־װי איז געװען אינטערעסאַנט איין מאָל צו באַזוכן דאָ און זען, װי עס קוקט אויס.

װיטקין האָט אויסגעקליבן אַ טיש אינעם װײַטסטן עק פון צימער, װאו זײ האָבן געקאָנט זיצן פרײַ און קײנער זאָל זײ מיט גאָרנישט קענען שטערן.

אָבער די טונקעלע ליכט פון אויבן און די ברוינע װענט מיט די קאָ־לירטע אַבאַזשורן האָבן גראָדע ניט געשאַפן קײן שטימונג צו רײדן. גיכער זײַנען זײ געװען אַ סטימול צו שװײַגן. רחל האָט דאָס דערפילט און דעריבער געפילט זיך מאָדנע אין דער ניט־צוגעװאוינטער סביבה און אַזוי װי פאַר עפּעס זיך געשראָקן. צוגעגעבן מער צו דער דאָזיקער שטימונג האָט אויך דאָס, װאָס װיטקין האָט אויסגעקוקט אַ ביסל נערװעז און צעשטרײט און איז ניט אַרײַנגעפאַלן אין דעם לײַכטן אומבאַצװאונגענעם שמועס, װי ער איז עס לעצטנס געװאוינט געװען.

— איך זע, אַז איר זײַט הײַנט ערנסט געשטימט, — האָט רחל מיט אַ געלעכטער זיך אָנגערופן, כדי לײַכטער צו מאַכן די שטימונג. — ערנס־טער װי אַלע מאָל... זאָל זײַן, אַז די אַטמאָספערע דאָ האָט אײַך אַזוי באַװירקט?

— מעגלעך, די אַטמאָספערע, — האָט װיטקין, באַמיענדיק זיך אַרויס־צורופן אַ שמײכל אויף זײַן פּנים, געזאָגט. — אָבער — איז ער באַלד גע־װאָרן ערנסטער — איך גלויב, עס איז מער װי דאָס...

רחל האָט דערפילט אין זײַן שטימע אַ לײַכטע אויפרעגונג און גע־קראָגן דאָס פאַרגעפיל, אַז עפּעס זײַער ערנסטעס קלײַבט ער זיך איצט איר צו זאָגן, מעגלעך דאָס, פאַרװאָס זי שרעקט זיך לעצטנס אַזוי שטאַרק...

זי האָט זיך באַמיט אָנצוהאַלטן די פריערדיקע לײַכטקייט פונעם טאָן:

— װאָס־זשע איז עס אַזוינס, װאָס מאַכט אײַך צו זײַן אַזוי ערנסט? געקומען זײַט איר, דאַכט זיך, אין אַ גאַנץ אויפגעלײגטער שטימונג...

זי האָט זיך באַמיט צו באַהאַלטן די אײגענע אויפרעגונג און געשטאַרקט זיך אַרויסצוברענגען אירע װערטער אַזוי געלאַסן, װי נאָר מעגלעך.

ער האָט זיך טיף איינגעקוקט אין איר, און ווי באַמיענדיק זיך בייצו־קומען אַ שווערע אָנשטרענגונג, שנעל, אָבער מיט האַרץ אַרויסגערעדט:

— איר... דאָס זייט איר טאַקע די סיבה פון מיין ערנסטקייט... איצטער, און אַ סך פריער ווי היינט...

— איך?... — האָט זי כלומרשט פאַרוואונדערט און ניט פאַרשטייענדיק, וואָס ער מיינט, איבערגעפרעגט.

— יאָ, איר... — האָט ער הייס און מיט האַרץ געזאָגט. — אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך וועל היינט זיין אַזוי אָפנהערציק מיט איך... איך האָב עס שוין עטלעכע מאָל אָפגעלייגט, אָבער איין מאָל מוז דאָך עס געשעען...

ער איז געוואָרן אויפגעלעבט, אַ פאַרב איז אים אַריין אין די באַקן, און ער האָט גענומען רעדן טיף און מיט געפיל, קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן.

ער האָט איר געזאָגט, אַז באַלד נאָך זייער באַקאַנטשאַפט האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט איר. גלייך פון אָנהייב האָט זי אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט. ער האָט אָנגעהויבן פאַרשן איר לעבן און באַלד זיך דערוואוסט — אַליין אויך דערפילט — ווי טיף־אומגליקלעך זי איז... ווי זינלאָז עס ציט זיך איר לעבן...

ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר באַרירן די פראַגע, אַ זאַך, וואָס רירט־אָן די טיפסטע טיפענישן פון איר נשמה. אָבער די פראַגע איז איצט ניט נאָר אירע, נאָר אויך זיינע... זינט ער האָט זיך מיט איר באַקאַנט, און באַזונדערס די לעצטע צייט, פילט ער, ווי אַ שטאַרקער שנור, ניט בלויז פון פריינטשאַפט אַליין, בינדט אים צו צו איר און מאַכט יעדן מאָמענט פון איר לעבן פאַר אים וויכטיק און טייער... יאָ, עס איז ניט בלויז אַ באַנד פון פריינטשאַפט, עס איז שטאַרקער ווי דאָס... ווען ער און זי וואָלטן ייִנגער געווען, וואָלט ער געפונען די יוגנטלעכע ווערטער איר זיינע געפילן אויסצודריקן... נאָר סיי־ווי זיינען די ווערטער איבעריק. וויכטיק איז, וואָס ער פילט צו איר — און וואָס זי פילט צו אים. יאָ, ער פילט, אַז טיף אין איר האַרצן פילט זי צו אים דאָס זעלבע, וואָס ער צו איר. און טאַקע דאָס מאַכט אים היינט דרייסטער מיט איר צו רעדן, און דאָס וואָס עס דריקט זייביידן, אָפן און קלאָר אַרויסצוברענגען.

ער האָט נאָך לאַנג גערעדט, גערעדט וועגן דער גייסטיקער און קולטורעלער האַרמאָניע, וואָס עקזיסטירט צווישן זיי ביידן, וועגן דער פולשטענדיקער צוגעפאַסטקייט פון איינעם צום צווייטן, און פאַרענדיקט מיט דעם, אַז עס איז בלויז אַ צופאַל געווען, אַ מיספאַרשטענדעניש, וואָס זיי האָבן זיך ניט געטראָפן פריער מיט יאָרן צוריק, ווען זייער באַגעגעניש וואָלט

די ערשטע אין זייער ביידנס לעבן געווען, און וואָס וואָלט זייער לעבן גאָר אַן אַנדער זין געגעבן. אָבער, ווייזט אויס, אַז איצט איז געקומען די צייט יענעם טעות צו פאַרריכטן...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט גענומען איר האַנט אין זיינער און געוואַרט אויף איר ענטפער. ער האָט געקוקט אין אירע אויגן און געוואָלט אויפכאַפּן איר ענטפער. אָבער זי האָט געשוויגן. זי איז געזעסן צעשראָקן און צעטומלט און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן.

פון דעמאָלט־אָן, ביי זייערע באַגעגענישן, האָבן זיי ווייניק גערעדט, מערסטנס געשוויגן. נאָר אין זייער ביידנס שווייגן איז געלעגן אַ סך. אין זיין שווייגן איז יעדעס מאָל געלעגן דערמאָנונג און מאָנונג, און אין איר שווייגן — צעטומלעניש און אומאַנטשלאָסנקייט.

צום ערשטן מאָל נאָך יענעם שמועס האָט ער מיט איר היינט ווי־דער גערעדט, אין סענטראַל־פּאַרק, און ווידער, ווי דעם ערשטן מאָל, האָט זי אים געענטפערט מיט שווייגן. מיט שווייגן — ווייל דאָס איז געווען דאָס גרינגסטע פאַר איר און, אונטער די אומשטענדן, דער איינציקער אויסוועג.

זי איז איצט געלעגן אויפן בעט מיט אָפענע אויגן, אַ מידע און אַן אויסגעמאַטערטע. זי איז געווען מיד פון דעם טאָג, פון דעם שמועס אין סענטראַל־פּאַרק און פון די לעצטע עטלעכע וואָכן בכלל. זי איז געלעגן און געטראַכט וואָס צו טאָן, און האָט קיין ענטפער ניט געקאָנט געפינען. זי האָט פריער אַליין ניט פאַרשטאַנען, אין וואָס פאַר אַ לאַגע זי פאַרוויקלט זיך און צו וואָס דאָס קאָן פירן. זי האָט באַלד פון אָנהייב געפילט, אַז איר באַקאַנטשאַפט מיט וויטקינען איז מער ווי געוויינלעכע פריינטשאַפט. אָבער זי האָט קיינמאָל ניט געטראַכט אויפצונעמען עס מער, ווי אַן אָנ־גענעמע איבערלעבונג, ווי אַ גייסטיקן אָפּרו פון דער שטוביקער אָנגע־שטרענגטער און דריקנדיקער אַטמאָספערע. אָבער אומדערוואַרט פאַר איר האָט עס דערפירט גאָר צו אַן אַנדער פונקט, צו אַן ערנסטן פונקט, וואו די פראַגע איז שאַרף אַוועקגעשטעלט געוואָרן און וואו אַ קלאָרער ענטפער מוז געגעבן ווערן.

זי האָט געפילט, ווי זי וואָלט געשטאַנען פאַר אַ שייד־וועג און ניט געוואוסט וועלכן וועג אויסצוקלייבן. אין די אויערן האָבן איר געקלונגען וויטקינס ווערטער און געוועקט זי און גערייצט. זי האָט געפילט, אַז פאַר אירע אויגן ליגט אַ דימענט, איר צוקונפט, און זי האָט ניט קיין כוח עס אויפצוהייבן. זי האָט אויך געפילט, אַז דאָס וואָס זי האָט לעצטנס אַזוי אויסגעמיטן צו טראַכטן פון דעם און געטריבן פון אירע געדאַנ־

קען, האָט זיך איצט שאַרף אָווקגעשטעלט פאַר אירע אויגן און צווינגט זי: קוק מיר גלייך אין פּנים.

זי האָט אַרויסגענומען פון זייער טיפעניש באַהאַלטענע און פאַרשלאָסענע געדאַנקען און געפילן און געלאָזט זיי פריי זיך באַוועגן.

„...יאָ, ער איז עס דער מענטש, פון וועלכן זי האָט אַלע מאָל געטרוימט און מיט וועלכן זי וואָלט איצט געקענט זיין גליקלעך...״

„...ער איז עס דער מענטש, וואָס וואָלט זי געקאָנט פון איר טראַגישן לעבן אַרויסרייסן און צוריק אַ ניי לעבן אין איר אַריינבלאָזן — אַ שיין, פול, צופרידן לעבן...״

„...ער איז עס דער מענטש, וואָס וואָלט איר געקאָנט צוריקקערן אירע פאַרלאָרענע טעג און אויפריכטן אירע באַליידיקטע מיידלשע חלומות...״

„...ער איז עס דער, מיט וועלכן זי וואָלט געקאָנט האָבן אַזאַ לעבן, פון וועלכן זי האָט אין די גליקלעכסטע מאָמענטן געטרוימט, און וועלכעס איז שפּעטער צעטראָטן און באַשפּיגן געוואָרן...״

„...יאָ, ער איז עס...״

זי האָט דייטלעך געפילט דעם אמת פון זיינע ווערטער, אַז נאָר דורך אַ צופאַל, דורך אַ מיספאַרשטייעניש האָבן זיי זיך אַמאָל ניט באַגעגנט, און אַז איצט נאָך קען דער טעות פאַרריכט ווערן...

אָבער — ווי אַזוי?

אין דעם מאָמענט שוין, ווען זי האָט געוואָלט זיך אַנטשליסן, ווען דאָס ציגנגל פון דער וואָגשאָל האָט זיך אין אַ באַשטימטער זייט געבויגן און זי האָט איר ווייטערדיקן וועג שוין געהאַלטן ביי באַשטימען, האָט זי פּלוצלונג דערפילט, ווי אַ שטאַרקע קראַפט האָט זי צוריק אַ שלייַדער געטאָן און פעסט אָוועקגעשטעלט אויף דער פּאָזיציע, אויף וועלכער זי איז פריער געשטאַנען. ווי מיט צוויי מעכטיקע הענט האָט עס זי אַרומגענומען און געדריקט צו זיך און געהאַלטן ווי אין צוואַנגען, און ניט געלאָזט זיך אַ ריר טאָן.

זי האָט זיי דערקענט: עס זיינען אַלטע באַקאַנטע געווען... הענט, וואָס האָבן זי דעם גאַנצן לעבן געהאַלטן געבונדן און ניט געלאָזט זיך רירן פון אָרט... עס איז איר אַלטע קראַנקייט געווען, איר שוואַכקייט, וואָס פלעגט זיך יעדעס מאָל אָפּרופן, ווען זי האָט אַ וויכטיקן שריט גע־

דאַרפט מאַכן און אַ נייעם קער אין לעבן אָננעמען: „וואָס וועט מען זאָגן?" „וואָס וועט מען ריידן?..." ווי אַ באַציל האָט זיך דאָס איינגעפרעסן אין איר בלוט און פאַרסמט איר לעבן און פאַראומגליקט זי אויף אייביק...

און אויך איצט האָט זי געפילט זיך אין די הענט פון איר „שוואַכקייט" און געפילט זיך צו שוואַך צו ראַנגלען זיך מיט איר. זי האָט געוואוסט, עס איז אומזיסט: איר קאַמף איז אַ פאַרשפילטער און איר לעבן אַ פאַרלוירנס...

אין גרויס פאַרצווייפלונג האָט זי איר קאָפּ אין קישן איינגעגראָבן און ביטער זיך צעכליפּעט, ווי אַ קינד...

אומזיסטע שרעק

סילווער איז געפֿאָרן צוריק מיטן באָס פֿון די „מאָונטנס". ער איז געפֿאָרן פֿון אַ האָטעל, וואו ער האָט פֿאַרבראַכט די לעצטע פֿיר וואָכן. עס איז געווען אַ שיינער טאָג און די זון האָט מילד געשיינט. סילווער איז געזעסן אויפֿן פֿאָדערשטן פּלאַץ, פֿון וואַנען מען האָט פֿאַרנדיק געקענט גוט זען דעם וועג פֿאַר זיך און די גאַנצע לאַנדשאַפֿט פֿון ביידע זייטן וועג. סילווער האָט אַלעמאָל ליב געהאַט צו זיצן אויף דעם פּלאַץ, פֿון וואַנען ער האָט גוט געקענט באַאָבאַכטן די נאַטור, וועלכע ער האָט אַ גאַנץ יאָר, זייענדיק פֿאַרנומען, זייער זעלטן געזען. אָבער דאָס מאָל איז ער געזעסן דערשלאָגן און געקוקט אויף דער אַרומיקער שיינקייט מיט קנאה און פֿאַר־צווייפֿלונג.

סילווער האָט זיך שוין ניט געפֿילט איבעריק גוט דעם גאַנצן ווינטער און האָט קוים זיך דערוואַרט אויפֿן זומער, ער זאָל קאָנען אַרויספֿאָרן אין אַ האָטעל און עטלעכע וואָכן צייט זיך גוט אויסרוען. דער דאָקטאָר האָט אים ניט אָפּגעשלאָגן דערפֿון.

— עס קען קיינמאָל ניט שאַטן... — האָט ער געזאָגט.

סילווער האָט שטאַרק געבויט אויף דעם אָוועקפֿאָרן. ער האָט געגלויבט, אַז די שטענדיקע אָנשטרענגונג בכלל און די אויפֿרעגונג אין הויז זיינען שולדיק אין זיין ניט פֿילן זיך גוט, און ווען ער וועט זיך אַביסל צייט גוט אויסרוען, גיין שלאָפֿן אין צייט, עסן אין צייט, ניט אויפֿרעגן זיך — דערצו נאָך זיין אויף דער פֿרישער לופֿט אַ גאַנצן טאָג — וועט ער צוריקקומען צו זיך און זיך אָנהויבן פֿילן גוט ווי אַמאָל.

סילווער האָט לעצטנס שטאַרק אויפֿגעפּאַסט אויף זיין געזונט. ער האָט מורא געהאַט ניט אַזוי פֿאַר קראַנק זיין, ווי פֿאַר שטאַרבן. און דער טויט איז אים לעצטנס אָפֿט געקומען אויף די געדאַנקען. ניט דערפֿאַר, ווייל ער איז אַזוי אַלט געווען — ער איז נאָך קיין פֿולע פֿופֿציק יאָר ניט געווען — און ניט ווייל ער האָט זיך בכלל געשראָקן פֿאַר שטאַרבן. נאָר צוליב אַזעלכע אורזאַכן, וואָס ער וואָלט נישט געוואָלט פֿאַרטרויען אַפֿילו זיין בעסטן פֿריינט און וועלכע מיט זיך אַליין האָט ער אויך ניט ליב געהאַט צו דיסקוטירן, סיידן זיי האָבן זיך איינגעגעסן אין אים און ניט אָפּגעלאָזט, ווי אַ בייזע צושטייענדיקע פֿליג...

עס זיינען געווען גאַנץ אייגנאַרטיקע אורזאַכן, צוליב וועלכע דער געדאַנק וועגן טויט איז צו אים אַזוי אָפֿט געקומען און אַזוי שטאַרק געשראָקן.

איינגעטלעך, נישט קיין סך אורזאַכן זיינען דאָס געווען נאָר בלויז איינע: די ווייב זיינע... צוליב איר האָט ער עס לעצטנס אַזוי אָפּגעגעבן זיך מיט זיך און אַזוי אויפגעפּאַסט אויף זיין געזונט.

עס איז געווען אַ מאָדנע פאַרדרייטע געשיכטע, שווער צו פאַרשטיין און שווער צו דערקלערן.

עס טרעפט זייער אָפט: אַ מענטש איז פאַרליבט אין זיין ווייב, שטאַרק פאַרליבט און עגאָאיסטיש דערצו — איז אַז עס פּאַסירט אַ מאָל, ער ווערט פּלוצלינג ערנסט קראַנק און דערשרעקט זיך, אַז ער וועט פיללייכט מוזן „גיין", דערפילט ער פּלוצלינג אַן אייפערזוכט צום ווייב און אַ באַהאַלטענע קנאה צו עמעצן אַן אומבאַקאַנטן, אַ פרעמדן... עס ווילט זיך אים שטאַרק ניט, אַז אַ צווייטער זאָל אים ירשהנען און געניסן פון די פריידן, וואָס ער אַליין האָט ביז איצט גענאָסן. עס טרעפט אַזוינס...

ביי אים איז עס געווען פונקט פאַרקערט. ניט די ליבע צו דער ווייב האָט אים געשראָקן צו שטאַרק, נאָר דער האַס צו איר... אַ לעבן פון האַס האָט ער אָפּגעלעבט מיט איר, אַ לעבן פון קעגנזייטיקער פיינטשאַפט. אַ מיזעראַבעלן לעבן. קיינער האָט פון דעם ניט געוואוסט, אַפילו ניט די אינטימסטע פריינט זיינע. אַזוי פאַרשטעלט איז ער שטענדיק געווען, אַזוי פאַרבאַהאַלטן, אַז קיינער האָט אין גאַרנישט געקענט חושד זיין. אין דער אמתן אָבער האָט אים שטענדיק געטאַטשעט אַ וואָרעם, געזעסן אינעווייניק און געלעכערט, געפייניקט. ער האָט זיך שטענדיק געפילט אומגליקלעך און ניט באַפרידיקט און געזוכט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים פאַרגיטיקן און פאַרטומלען. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי שוין באַלד פון אָנהויב. עפּעס אַן אומחן האָט זי געוואָרפן אויף אים באַך דער חתונה און ניט געזוכט, אָדער אפשר ניט געקענט, באַהאַלטן פון אים. געגעבן אים דאָס צו פילן אויף יעדן שריט און טריט.

און דעמאָלט האָט זיך עס אָנגעפאַנגען. צווערשט פאַרדראָס, באַליידיקונג און נאָכדעם האַס... ער האָט איר אָנגעהויבן צאָלן מיטן זעלבן: כלומרשט אַליין איגנאָרירט זי און געמאַכט זיך גלייכגילטיק צו איר, געזוכט באַפרי־ דיקונג אין דער נקמה. אָבער עס האָט ניט געהאָלפן: געבליבן די זעלבע באַליידיקונג, אייפערזוכט און האַס... און זי? ווי אַ דעמב איז זי געשטאַנען גלייך און אומבויגזאַם און אויף זיינע געפילן צו איר געענטפערט מיט קאַלטקייט, מיט רואיקער, איינגעהאַלטענער קאַלטקייט... אים האָט דאָס שרעקלעך בייז געמאַכט: וואָס פאַר אַ מאַיעסטעטישע רואיקייט! וואָס פאַר אַ שטאַרקע נערוון! וואָס פאַר אַ מאָדנע שטאַרקער גייסט פון אַ פרוי!... ער האָט געפילט ווי צו פּלאַצן...

וואָס עס האָט זי געצוואונגען אַנצוהאַלטן אַזאַ לעבן, וואָס האָט זיכער

איר אַליין קיין פאַרגעניגן ניט פאַרשאַפט, ווייס ער ניט. איבעריקנס איז ער ניט פאַראינטערעסירט געווען צו גריבלען זיך אין דעם. ווארעם, וואס עפּעס נאָר זי — און וואו איז ער אַליין? וואס האָט אים געצוואונגען?

ער האָט געוואוסט: עס איז ניט שווער צו מאַכן אַ סוף צו דעם. מען טוט, וואס טויזנטער אַנדערע טוען אין אַזאַ פאַל: מען האַקט איבער דעם קנופּ — און פּטור... אָבער — דאָ הויבט זיך עס ערשט אָן... דאָ ליגט דאָך דער גאַנצער טשוואַק באַהאַלטן! די איפערזוכט האָט אים געפּרעסן ערשט אין דעם פאַל, ערשט אויף יענער זייט צוים... ער האָט געוואוסט: מער ווי דאָס דאַרף זי ניט — באַפרייען זיך פון אים און אָנהויבן דאָס לעבן פונדאָסניי. און דאָס האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט. זי זאָל אָנהויבן דאָס לעבן פון דאָס ניי — דאָס האָט אים פאַרביטערט זיין לעבן שוין, איידער עס האָט נאָך גאָר געהאַלטן דערביי...

אַזוי שטאַרק האָט זיין האַס אין אים געברענט צו איר!

אַי, ער וואָלט דאָך אויך געקענט טאָן דאָס זעלבע? איז ערשטנס, האָט ער ניט געגלויבט אין דעם: אַליין דורכגעדרונגען געוואָרן מיטן געפיל פון מינדערווערטיקייט, וואס זי האָט די אַלע יאָרן געפּרואווט אים פאַרסמען דערמיט. צווייטנס — וואס גייט אים אָן זיין לעבן, אויב אירס ווערט צוליב דעם אויפגעריכט ווערן?...

ער האָט געוואוסט: די אַלע יאָרן פון ליידן און דערשטיקן אין זיך די אומבאַפרידיקונג פון לעבן האָבן איר פּנים אויסגעליטערט און באַדעקט אים מיט אַ באַזונדער חן און זעלבסט־ווירדע, וואס מאַכט זי אויסזען ווירדיק און אינטערעסאַנט, ערנסט און קלוג. מענער באַציען זיך צו איר מיט גרויס רעספּעקט און אין פאַל פון איר פריי ווערן וועלן זיי זיך איילן מיט זייער גליק פאַר איר און מיט אירן פאַר זיך. און דאָס האָט ער ניט געוואָלט — בשום אופן ניט געוואָלט! זאָל זי גליקלעך און צופרידן מיט אַנדערע — דאָס וואָלט געווען דער גרעסטער קלאָפּ פאַר אים, די שרעקלעכסטע שטראָף! בלויז דער געדאַנק אַליין פון דעם האָט אים צעפּרעסן דאָס לעבן, ביטער געמאַכט יעדע סעקונדע פון טאָג. און די מעגלעכקייט, אַז די לייזונג זאָל קומען אויף אַ נאַטירלעכן אופן — דורך זיין טויט — האָט אים משוגע געמאַכט, האָט אים קראַנק געמאַכט... האָט אים געצוואונגען שטענדיק צו טראַכטן פון זיין געזונט און שטענדיק זיך אָפּגעבן מיט זיך. ער האָט געוואוסט: עס איז אַ קליפּה, אַן איינרעדעניש. עס פאַרביטערט זיין לעבן און מאַכט נענטער די זעלבע מעגלעכקייט, פאַר וועלכער ער אַליין שרעקט זיך אַזוי. אָבער ער האָט זיך ניט געקענט העלפן: עס איז געווען שטאַרקער פון אים...

און אַט האָט ער זיך אָנגעהויבן פילן ניט גוט. אַליין ניט געוואוסט, וואָס אים איז, אָבער געפילט, אַז עפּעס איז מיט אים. ער האָט געוואַרט אויפן זומער, אין וועלכן ער איז געווען איינגעגלויבט, אַז פון אים וועט אים די ישועה קומען: ער דאַרף נאָר אַוועקפאָרן, זיך גוט אויסרוען, עסן און שלאָפן אין צייט, ניט האָבן קיין זאָרגן און איבערהויפּט ניט אויפרעגן זיך פון דער שטוב, די פרישע לופט נאָך דערצו — וועט ער זיך צוריק אָנהויבן פילן גוט, ווי אַמאָל.

אַ גאַנצן חודש איז סילווער געווען אין די בערג אין אַ האָטעל און ניט געפילט קיין וועזנטלעכן אונטערשייד. ער האָט אויסגעפילט אַלע כללים פון רו און עסן אין צייט און געהיט זיך פון ניט איבערעסן זיך און ניט איבעראָנשטרענגען זיך. נאָר איין זאַך האָט ער ניט געקענט אויסמיידן: די אויפרעגונג וואָס די היים פלעגט אים געווייטלעך געבן. עס האָט אים פאַרפאַלגט און דערגרייכט אַפילו דאָ... מיט קנאה פלעגט זיך סילווער צוקוקן צו די געסט, וואָס האָבן דאָ פאַרבראַכט מיט זייערע פרויען, אויפמערקזאַמע איינע צו די אַנדערע, באַזאָרגטע איינער פאַרן צווייטן, פול מיט פריינטשאַפט און אינטימער נאָענטקייט — און ער פלעגט זיך דערפילן נאָך צעבראָכענער און עלנטער, צערייצטער און פאַרביטערטער. קוים צוויי בריוולעך האָט ער פון דער היים געקראָגן פאַר דער גאַנצער צייט, און יענע זיינען אויך געווען אַזעלכע קורצע, זאַכלעכע און קאַלטע. סילווער האָט געפילט, ווי עס עקט זיך אים דאָס געזונט.

זיין לענגער אין האָטעל האָט קיין זין ניט געהאַט, האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן אַ היים. נאָר מיט אַ נאַכט פריער, ווען ער האָט גענומען גרייטן זיך אַוועקצופאָרן מאָרגן גאַנץ־פרי און גענומען איינפּאַקן זיינע זאַכן, האָט ער פלוצלונג דערפילט עפּעס אַזוי ווי אַ שטאָך אין האַרצן. ער איז פאַרציטערט געוואָרן: זאָל זיין אַז דאָס, פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי געשראָקן איז טאַקע געקומען?... ער איז אַ גאַנצע נאַכט ניט אַנטשלאָפן געוואָרן, געטאַפּט זיך פאַרן האַרצן און צוגעהערט זיך צו זיין קלאַפּן. אינדערפרי ביים אָנבייסן האָט ער זיך צו גאַרנישט כמעט צוגערירט — קוים אַ טעפּעלע קאַווע אויסגעטרונקען — און געאיילט זיך צום באַס, אין שטאָט אַריין, און דאָרט גלייך לויפן צום דאָקטאָר.

ער איז געזעסן אין באַס און אים איז גאָרניט איינגעגאַנגען דער שיינער פרימאָרגן און די גאַנצע נאַטור אַרום, וואָס האָט אַזוי רואיק זיך געבאָדן אין די מילדע זון־שטראַלן. אַן אַנדערש מאָל וואָלט דאָס אים פאַרשאַפט אַ סך פאַרגעניגן: ער וואָלט די פרישקייט און די שיינקייט איינגעזאַפּט מיטן פולן האַרצן. דעם מאָל אָבער האָט דאָס אים געררייצט און געשטאָכן:

ניט פֿאַר אים איז דאָס אַלץ — ער וועט דאָס סיי ווי מוזן איבערלאָזן און אַוועקגיין...

אַ פֿאַרצווייפֿלונג האָט אים אָנגעכאַפּט און אַ שווייס האָט אים באַשלאָגן: הייסט עס, עס איז געקומען דער מאָמענט, ווען קיין הילף איז ניטאָ און קיין אויסוועג איז ניט פֿאַראַן... ער וועט מוזן „גיין" — אַ קורצע צייט פֿריער, אָדער אַ ביסל שפּעטער... ער וועט גיין — און זי וועט איבערבלייבן... באַפֿרייען זיך אַזוי פֿון אים אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן, אָן איבעריקע שוועריקייטן, אָן שום חשד פֿון קיינעם — און טיף אין האַרצן פֿרייען זיך, יובלען... און דאַן וועט זיך פֿאַר איר אַ נייע וועלט עפֿענען, אַ ניי לעבן אָנפֿאַנגען. פֿון יוצא וועגן, מסתּם, מענטשן זאָלן ניט רעדן, וועט זי אָפּוואַרטן אַ קורצע צייט. אָבער, וואָס איז אים דער אונטערשייד? קירצער, צי לענגער — עס וועט קומען. זי וועט חתונה האָבן מיט אַ צווייטן און ערשט וויסן פֿון אַ לעבן. חוזק מאַכן פֿון אים אין האַרצן, ווי ער ליגט דאָרטן און פֿוילט... און אפֿשר דאָס אויך ניט? אפֿשר אים גאָר קיינמאָל אויפֿן געדאַנק ניט אַרויפֿברענגען און אויסמעקן אים פֿון זכרון, ווי אַ בייזן שילינגער...

סילווערן כאַפּט אָן נאָך אַ גרעסערער פֿאַרצווייפֿלונגס־געפֿיל. ער וואָלט שוין וועלן וואָס גיכער קומען אין שטאָט און זען זיך מיט אַ דאָקטאָר: אפֿשר איז נאָך ניט אַלץ פֿאַרפֿאַלן, אפֿשר קען מען נאָך עפּעס טאָן פֿאַר אים... ער האָט דאָך געלייענט איינמאָל, געדענקט ער, אַז מיט אַ קראַנק האַרץ קען מען אָפּלעבן אַ סך יאָרן. אפֿשר איז זיין צושטאַנד ניט אַזוי געפֿערלעך?...

סילווער האָט פֿון באַס גענומען אַ טעקסי און איז אַוועקגעפֿאָרן אַהיים. ער איז געווען צופֿרידן, וואָס ער האָט די פֿרוי ניט געטראָפֿן אין שטוב. ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם טשעמאָדאַן און איז גלייך אַוועק צו זיין הויז־דאָקטאָר. יענער איז גראָדע געווען אין אָפֿיס.

— וואָס מאַכט איר, מיסטער סילווער? — האָט אים דער דאָקטאָר געגעבן די האַנט — ווי פֿילט איר עפּעס נאָך דער „קאַונטרי"?

אָבער אַ קוק טוענדיק אויף אים, האָט זיך דער דאָקטאָר דערשראָקן.

— וואָס איז, מיסטער סילווער? וואָס זייט איר אַזוי בלייך? און די אויגן אַזוי צעשראָקן? פֿילט איר עפּעס ניט גוט? האָט עפּעס פּאַסירט מיט אייך?...

— ניין, דאָקטאָר, האָט סילווער געזאָגט, וועלנדיק זען, צי דער דאָקטאָר וועט אַליין אויסגעפֿינען וואָס מיט אים איז. — עס איז גאָרנישט דער מער מיט מיר... איך בין בלויז געקומען איר זאָלט מיך אונטערזוכן, טאַקע נאָכדעם ווי איך בין געווען אַ חודש אויף דער פֿרישער לופֿט. נאָר אונטער־

זוכט מיך גוט, איך בעט אייך... גיט מיר אַ פולע אונטערזוכונג: דאָס האַרץ, דעם בלוט־דרוק...

דער דאָקטער האָט צוגעלייגט דאָס טרייבל, געפירט זי פון איין אָרט צום צווייטן, געטאַפּט, זיך איינגעהערט און ענדלעך געזאָגט:

— איר זייט אַל־ראַיט, מיסטער סילווער. נאָר איר מוזט זיין זייער נערוועז: דאָס האַרץ קלאַפּט ביי אייך שטאַרק און דער פולס איז ניט אין אָרדענונג... וואָס איז דער מער? איר האָט עפּעס זאָרג וועלכע עס איז, אָדער זיך איבערגעשראָקן פאַר עפּעס?...

— אַ ניין, הער דאָקטאָר... עס איז מסתמא פון דער נאַכט, וואָס איך בין ניט געשלאָפן, און פונעם באָס — איר ווייסט דאָך, ווי עס טרייסלט...

סילווער איז געוואָרן פריילעכער און אויפגעלעבטער. ער האָט דערלאַנגט דעם דאָקטאָר אַ גרעסערע מטבע, ווי ער איז אים געווײַנטלעך געווען געוואוינט צו צאָלן און פאַרן אַרויסגאַנג שוין נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט:

— איז וואָס זאָגט איר, הער דאָקטאָר, מיין האַרץ איז אין אָרדענונג?...

— אָ, יע, איר דאַרפט זיך גאָרניט שרעקן פאַר דעם. הלוואי ווייטער ניט ערגער...

סילווער איז אַרויס פונעם דאָקטאָר אַ צופרידענער און אַ שמייכלענדיקער. ער האָט פלוצלינג דערפילט, ווי עס האָט אים אויפגעהערט צו שטעכן און אויף דער נשמה איז אים אויך געוואָרן גרינגער.

ער איז געגאַנגען מיט אַ לייכטן טראָט אַהיים און שטיל אין האַרצן חוזק געמאַכט פון דער פרוי: — ניט באַשערט דיר אַפּנים, האַ? ניט באַשערט... וועסט זיך שוין מוזן עלטערן מיט מיר, ניט אַזוי?...

אָז אַ נאָמען

אַ גאַנצע וואָך האָט גערעגנט. פון זיין בעט האָט גרינשטיין געזען פאַלנדיקע רעגן־טראָפּנס, פאַרטרערטע פענצטער און אַ בלייענעם פאַרוואָלקנטן הימל. אויף קיין מינוט האָט עס ניט אָפּגעלאָזט. דער וועטער האָט געווירקט אויף זיין געדריקטער שטימונג און געמאַכט זי נאָך שווערער.

היינט איז דער ערשטער זוניקער טאָג געווען. די זון האָט העל אַריינגעשיינט און ברייט זיך צעגאָסן איבער דער שטוב. ווי נאָך אַ געוואונענעם שווערן קאַמף, האָט די זון דורכגעריסן זיך דורך די געדיכטע וואָלקנס מיט אירע שטראַלן און פאַרפלייצט מיט זיי דעם גאַנצן דרויסן.

גרינשטיין האָט זיך געפילט אויפגעלייגט און מונטער. די לעצטע פּאָר חדשים, זינט ער איז קראַנק געוואָרן, האָט ער זיך קיין איין מאָל ניט געפילט אַזוי ווי היינט. שוין ניט צו רעדן פון די ערשטע פּאָר וואָכן, ווען מ׳האָט אים פון אָרט ניט געטאָרט רירן, נאָר אַפילו די לעצטע צוויי וואָכן, ווען ער פילט זיך שוין אַזויפיל בעסער, אַז דער דאָקטאָר האָט אים אַפילו דערלויבט אַ פּאָר מאָל דורכן טאָג אַראָפּצוגיין פון בעט און זיך דורכשפּאַצירן איבערן צימער. היינט, וואָלט ער געקענט שווערן, פילט ער זיך געזונט און וואָלט זיך געקענט אָנטאָן און אַרויס אין גאַס. אַן איינגעשפּאַרטער מענטש, דער דאָקטאָר. זאָגט ער עפּעס, מוז מען אים פאָלגן. אַז ניט, שרייט ער און סטראַשעט, אַז ער וועט גאָר מער ניט קומען. און אַלץ איז ביי אים מיט „ניין״ און מיט „ניט״: דאָס טו ניט, דאָס עס ניט, אַזוי ליג ניט...״

לעצטנס איז שוין דער דאָקטאָר פריינטלעכער, ווען ער קומט. ער דערלויבט זיך שוין אַפילו אַ שפּאַס צו מאַכן. נאָר — אַפילו דער שפּאַס איז אויך אַזוי שטרענג און רק דורכגעפלאָכטן מיט פאַרבאָטן און „ניטס״.

— נאָר ניט געזאָרגט, מיסטער גרינשטיין. זאָרגן איז פאַר אייך ניט גוט. טראַכט וואָס ווייניקער וועגן זיך. און אויב איר טראַכט שוין יאָ אַמאָל, איז טראַכט נאָר וועגן פריילעכע זאַכן.

אים איז גרינג צו זאָגן: ניט זאָרגן... ווי קאָן זיך אַ מענטש ניט זאָרגן, אַז ער ליגט שוין אַזוי באַלד דריי חדשים אין בעט און ווייס נאָך ניט, ווען ער וועט געזונט ווערן און צי וועט ער קאָנען צוריק אַרבעטן.

און ניט טראַכטן... אַן איינפאַל פון אַ דאָקטאָר: ניט טראַכטן!...
ער וואָלט וועלן זען עמעצן, אַפילו אים, דעם דאָקטאָר אַליין, ער זאָל אָפּליגן

אין בעט אַ פּאָר חדשים און ניט טראַכטן. וואָס דען זאָל ער טאָן? און בכלל ווי קאָן דאָס אַ מענטש ניט טראַכטן, באַזונדערס נאָך ווען ס׳איז דאָ אַזוי פיל פון וואָס צו טראַכטן... אַ גאַנץ לעבן האָט ער קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט, נאָר געהאָוועט, געשמייעט, האָט זיך אַזוי פיל אָנגעקליבן... און איצטער, אַז ער האָט אַזוי פיל צייט, קומט דער דאָקטאָר און הייסט אים: טראַכט ניט... אַ בעלנות פון אַ דאָקטאָר!...

„און אַז איר טראַכט שוין יאָ, איז נאָר וועגן עפּעס פריילעכס...״ און ווי איז, אַז ס׳איז ניטאָ קיין פריילעכס פון וואָס צו טראַכטן? ער וואָלט וועלן זען עמעצן אַנדערש, טאַקע אים, דעם דאָקטאָר אַליין, ער זאָל אָפּ־לעבן אַזאַ לעבן ווי ער און טראַכטן „נאָר וועגן פריילעכס...״

און אָט טאַקע, אַז מען רעדט שוין: זיין לעבן... גיי טראַכט ניט פון אַזאַ לעבן, אַז ס׳איז עפּעס אַזאַ פאַרדרייעניש, אַזאַ פּלאָנטער, אַז מען קאָן צעפּלאַצט ווערן. אַ פאַרזעעניש, ניט אַ לעבן... נאָך אַזאַ איינעם איז אפשר גאָר אוממעגלעך צו געפינען, אַז מען זאָל אַפילו אַ גאַנצע וועלט אויסזוכן. ער האָט תמיד געוואָלט אָפּשטעלן זיך אַ וויילע, אַריינקוקן אין זיין לעבן און באַטראַכטן עס. וואָס פאַר אַ לעבן איז עס? אָבער ער האָט קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט: שטענדיק געוועזן פאַרהאָוועט, פאַרשמייעט... איצט איז דאָ טאַקע אַ גוטע געלעגנהייט: סיי־ווי ניטאָ וואָס צו טאָן...

שוין איינמאָל אַ לעבן האָט ער אָפּגעלעבט! ס׳הייסט, ניט דאָס גאַנצע לעבן, נאָר זינט ער האָט חתונה געהאַט... אויף זיין קינדהייט האָט ער זיך גראָדע נישט וואָס צו באַקלאָגן: אַ קינדהייט, ווי אַלע קינדהייטן. און אויף זיין יוגנט אויך ניט: ווי געוויינלעך, טרוימען, אַנטוישונגען... נאָר זינט ער האָט זי באַגעגנט, ס׳הייסט זיין פרוי — איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש: דאָ איז שוין אַלץ אַוועק גאָרניט ווי ביי אַלעמען.

דאַכט זיך, אַזוי איז אַלץ ווי ביי לייטן געווען: באַגעגנט אַ מיידל, באַקענט זיך מיט איר, געטראָפן זיך אַ ביסל צייט און שפּעטער חתונה געהאַט. אָבער ווייזט אויס, אַפּנים, אַז פאָרט ניט ווי ביי לייטן. שוין באַלד נאָך דער חתונה דערפילט... אָט נעמט אַ שטייגער: אויף מאָרגן נאָך דער חתונה איז אים איינגעפאַלן זי צו פרעגן: „האָסט מיך ליב?...״ נו, וואָס הערוואָרט מען אין אַזאַ פאַל — אויף מאָרגן נאָך דער חתונה? וואָלט גאָר עמעצן איינגעפאַלן צו דערוואַרטן, אַז זי וועט ענטפערן אַזוי מיר־ניט, דיר־ניט ערנסט און אויפריכטיק: „איך ווייס ניט...״ ווי מיט אַ קאַלטן עמער וואַסער האָט דאָס אים אָפּגעגאָסן.

ער געדענקט שוין ניט ווי אַזוי ער האָט רעאַגירט אויף דעם, אָבער ער געדענקט, אַז דעם גאַנצן טאָג נאָכדעם — דעם ערשטן טאָג נאָך דער חתונה!

— זיינען זיי בײדע אומגעגאַנגען ווי אַנגעבלאָזן, און אין האַרצן האָט ער געפילט אַן אומבאַשטימטן פּאַרדראָס...

און אַזוי איז עס שוין אַוועק. אין אַ פּאָר טעג אַרום קומט ער אַהיים און טרעפט זי אַן אומעטיקע, אַ קאַלטע, כמעט אַ ברוגזע. ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס ס'איז געשען. האָט ער זיך געשטאַרקט און געפרעגט זי: „וואָס איז? וואָס רעדסטו זי עפּעס ניט?" נאָך אַ לאַנגן בעטן זיך האָט ער קוים אַרויסגעקראָגן: עפּעס אַ באַמערקונג זיינע אינדערפרי נאָך, אַ קלייניקייט, וואָס ער וואָלט געקענט שווערן, אַז ער האָט דערמיט גאָרניט געמיינט, האָט זי אין אַ שווערער שטימונג דעם גאַנצן טאָג געהאַלטן...

און אַזוי איז עס שוין אַלע מאָל געווען: שטימונגען, ברוגזן, קאַלטקייט און גלייכגילטיקייט. ער האָט דאָס גאָר קיינמאָל צווישן מאַן און ווייב ניט געזען...

און אַזאַ ניט אויסרעכענען אים, אַזאַ ניט וועלן פאַרשטיין זיינע געפילן! — שווער גאָר פּאַרצושטעלן זיך אַזוינס. אָט נעמט אַזאַ מין מעשה. ס'איז אינגאַנצן עטלעכע חדשים נאָך דער חתונה געווען. ס'איז זומער געווען. קומט צו איר איינמאָל אַ פריינדין, און בײדע באַשליסן צו פאָרן באָדן זיך צום ים. גוט, זאָלן זי פאָרן. ער האָט גראָד עפּעס קיין חשק ניט געהאַט מיטצופאָרן. גייט אַזוי דורך דער טאָג, עס ווערט זעקס, זיבן אַזייגער, הייבט ער אָן צו וואַרטן זי זאָל קומען. ווי לאַנג פאַרברענגט מען ביים ים? ווערט אַכט אַזייגער, און זי איז נאָך ניטאָ. גייט ער שוין צו דער סאָבוויי־סטאַנציע אָפּוואַרטן זי. ניטאָ... הייבט ער שוין אָן צו ווערן אַ ביסל אומרואיק. ווערט ניין אַזייגער. לויפט ער שוין אַהיים זען, אפשר האָט ער זי ניט באַמערקט אַרויסגייענדיק פון סאָבוויי. נישטאָ אין שטוב אויך... גייט ער שוין אַוועק צוריק צום סאָבוויי. ער וואַרט; עס ווערט צען אַזייגער, עלף — לויפט ער שוין צוריק אין שטוב און צוריק צום סאָבוויי, ביז עס ווערט שוין צוועלף אַזייגער. ווערט ער שוין גאָר אומרואיק, ווייסט ניט וואָס איבערצוקלערן: וואָס האָט אַזוינס געקענט פּאַסירן? אפשר אַן אומגליק געשען? וואָרעם וואָלט די זאַך געווען גלאַט — פאַרהאַלטן געוואָרן צוליב עפּעס — וואָלט זי דאָך געקענט טעלעפאָנירן: אין שטוב ביי דער באַלעבאָסטע (זיי האָבן דעמאָלט ביי יענעם אין אַ צימער געוואוינט) אַ טעלעפאָן פאַראַן. איז וואָס־זשע קאָן דאָס זיין? לויפט ער אַזוי פון שטוב צום סאָבוויי — און צוריק. די גאַס ווערט ביסלעכווייז שטילער; מיט יעדער אָנקומענדיקער באַן קומען אַרויס אַלץ ווייניקער מענטשן. ער שטאַרקט זיך און מיט אַ ציטערנדיקער שטימע טעלעפאָנירט ער אין דער פּאָליציי־סטאַנציע. אפשר פון אַזאַ־און־אַזאַ געהערט?... ניין, אַ דאַנק גאָט, גאָרנישט. וואָס־זשע קאָן דאָס פאָרט זיין? אַ ווייל באַרואיקט ער זיך, אָבער

באַלד הויבן אים אָן ווילדע געדאַנקען צו קומען אין קאָפּ: אפשר איז נאָך צו פרי? אפשר וויס נאָך די פּאָליציי ניט?... אַ גאַנצע נאַכט איז ער אַזוי אומגעלאָפן הין־און־צוריק. די פיס האָבן אים געבראָכן, אין מויל איז אים געווען טרוקן, אָבער ער האָט זיך אויף קיין מינוט ניט צוגעזעצט: געלאָפן פון שטוב צום סאַבווי — און ווידער אַהיים. ערשט אַרום צווי ביינאַכט איז ער אַזוי מיד געוואָרן, אַז ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט. וועגן איינשלאָפן האָט קיין רייד ניט געקענט זיין. דער לאָמפּ האָט געברענט, און ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן. ביז ענדלעך אַזייגער דריי איז זי אָנגעקומען. רואיק אַריין אין שטוב, ווי מען קומט געוויינטלעך אַריין בייטאָג פון גאַס, און ווי עס וואָלט געווען נאַטירלעך צו קומען אַזוי שפּעט אין דער נאַכט.

— וואָס האָט פּאַסירט?

גאָרנישט האָט פּאַסירט. עפּעס האָט זי ביים באָדן זיך באַגעגנט מיט אַ חברטע, וואָס וואוינט טאַקע דאָרט ביים ים; האָט זי יענע איינגעלאַדן צו זיך און דאָרט זיינען נאָך באַקאַנטע געווען, האָט זי זיך אַזוי פאַרזעסן...

איר הערט? און אין שטוב איז אַ טעלעפאָן געווען...

ווען ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און שטיל זיך צעוויינט: הייס, אין זיך, קיינער זאָל ניט הערן, ווי אַ באַליידיקט קינד...

און זי האָט ניט געקענט פאַרשטיין: — וואָס איז דאָ געווען וואָס אי־בערצוקלערן? איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט זיך געלייגט און דו שלאָפסט...

זי וואָלט מסתמא טאַקע אַזוי געטאָן.

ער האָט זיך שפּעטער אַליין איבערצייגט אין דעם.

ס׳איז געווען איינמאָל אין אַ ווינטער־אָוונט. אַ גאַנצן טאָג האָט גע־שאָטן אַ שניי און פאַרשאָטן די גאַסן. די טראַמוואַיען האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ניט געקענט מער גיין. די באַנען זיינען געלאָפן אומרעגלמעסיק. אין אָוונט, ווען ער האָט געדאַרפט אַהיימקומען פון דער אַרבעט, האָט זיך צעבושעוועט אַ שטורעם מיט אַ זאַווערוכע. אַ שניידנדיקער פראָסטיקער ווינט האָט גע־ריסן, געהויבן דעם שניי אין דער לופטן און מיט אַ ווייען און פייפן גע־טראָגן זיך מיט אים אין אַ טאַנץ און אַריינגעדרייט אין זיך יעדערן, וואָס האָט נאָר געוואַגט אין דרויסן זיך באַווייזן.

אַלע, וואָס זיינען מיט אים צוזאַמען געווען, האָבן באַשלאָסן: זיי גייען נישט אַהיים; דאָס לעבן אין געפאַר וועלן זיי ניט שטעלן. אייניקע, וואָס האָבן געהאַט טעלעפאָנען ביי זיך אין הויז, האָבן טעלעפאָנירט אַהיים, אַז זיי וועלן וואַרשיינלעך צוליב דעם וועטער ניט קומען און ווי עס איז דאָ איבערשלאָפן. ער האָט זיך געקווינקלט. טעלעפאָנירן האָט ער ניט גע־

קענט, האָט ער באַשלאָסן צו וואַרטן, צו זען, וואָס עס וועט זיין: אפשר וועט דער שטורעם זיך אַ ביסל איינשטילן, וועט ער קענען אַהיים גיין.

אָבער דער שטורעם האָט זיך ניט איינגעשטילט. אַלע מינוט האָט דער ווינט אין פענצטער אַריינגעשמיסן און פאַרשאָטן עס מיט הויפנס שניי. ס׳איז שפּעט געוואָרן און ס׳איז אויך קלאָר געוואָרן, אַז אַזוי גיך וועט דער שטורעם ניט אויפהערן. ער האָט געדאַרפט באַשליסן: איבערזיצן דאָ ביז אינדערפרי, אָדער זיך לאָזן גיין. ער איז געוואָרן אומרואיק. ער האָט גענומען זאָרגן זיך: „וואָס וועט מען אין שטוב איבערקלערן? וואָס וועט די פרוי זיינע איבערטראַכטן? ס׳האָט קיינמאָל ניט פּאַסירט, אַז ער זאָל ניט קומען אַהיים נעכטיקן.״

ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי זי וועט אַלע ווילע אומרואיק צוגיין צום פענצטער זען, צי ער גייט, און אַן אַנטוישטע אָפּגיין צוריק, און יעדער פייף פונעם ווינט וועט אַרויסרופן ביי איר אַ ציטער.

ער האָט דערפילט, ווי אַ שטאַרקע קראַפט שטויסט אים, און יעדע וואַקלדיקייט איז פון אים אַוועק. ער האָט זיך איינגעוויקלט אין מאַנטל, אַרומגעוויקלט זיך מיטן שאַל, די הוט איבער די אויערן אַרונטערגעלאָזט, און געלאָזט זיך גיין.

די אַנדערע האָבן אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט:

— משוגענער, וואָס טוסטו? דיין לעבן איז דיר דערעסן?...

אָבער ער האָט קיינעם ניט געהערט. ער איז אַרויס.

ווען ער האָט דערזען די גרויסע הורבעס שניי און די פאַרשאָטענע טראָטואַרן, האָט ער זיך דערשראָקן אַ ביסל: ווי אַזוי וועט ער צוקומען צום סאָבווי? פינף גרויסע בלאָק! און פונעם סאָבווי צו זיין הויז — אויך אַזויפיל כמעט... אָבער באַלד האָט ער איבערגעטראַכט: אינגאַנצן פינף בלאָק... און זאָל ער שוין נאָר ביז זיין באַן־סטאַנציע דערגרייכן, וועט ער זיך שוין שפּעטער זאָרגן, ווי צו זיין שטוב צוצוקומען.

ער האָט גענומען שפּאַנען איבערן שניי. דער שניי איז געלעגן אויסגעלייגט איבער דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס און ס׳איז ניט קענטיק געווען, וואו ס׳איז די מיט פון דער גאַס און וואו ס׳איז דער טראָטואַר. אומעטום האָט אים דער שניי ביז איבער די קנעכלעך דערגרייכט. ס׳האָט לאַנג גענומען אַ טראָט צו מאַכן, און די פינף בלאָק האָבן אים אויסגעזען ווי פינף לאַנגע מייל.

ער האָט זיך מיט אַ הייסן שוויס באַשלאָגן, אָפּגעמאַטערט זיך — אָבער ער האָט זיך דערשלאָגן ביז צו דער סאָבווי־סטאַנציע.

ער איז דאָרטן ניט דער איינציקער געווען. נאָך עטלעכע מענטשן זיינען געשטאַנען צעשראָקענע און געוואַרט, אַז די באַן זאָל קומען. און אַז

זיי האָבן אים דערזען, איז זיי אַזוי ווי עטוואָס פרייליכער געוואָרן. אויך אים איז געוואָרן עטוואָס פרייליכער: פאָרט ניט דער איינציקער...

ער איז יענעם אָוונט אַהיים געקומען שפּעט. ס'האָט שוין געמוזט זיין אַ זייגער צוועלף. אָבער ווען ער איז אין קאָרידאָר פון זיין הויז אַריין און דערפילט, ווי אַ שווערע לאַסט וואָלט אים פון די פּלייצעס אַראָפּ, האָט ער גלייכצייטיק דערפילט, ווי אַ שרעק איז אים באַפאַלן. ער האָט קלאָר דערזען די געפאַר, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען: דאָס האַרץ האָט ביי אים שרעקלעך געקלאַפּט און איינגאַנצן האָט ער געפילט ווי צו חלשן פון מידקייט. קוים־קוים האָט ער זיך איבער די טרעפּ צו זיין וואוינונג פאַרשלעפּט און געעפנט די טיר. אַ פינצטערניש האָט אים אין די אויגן אַ קלאַפּ געטאָן, און אַ שטילקייט, וואָס הערשט אין אַ ביינאַכטיקן פאַרשלאָפענעם הויז. ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר ווי געפּלעפט. קוים האָט ער זיך פאַרשלעפּט צום גאַסט־צימער און זיך אַ וואָרף־געטאָן אויף דער סאָפע. דעם ווייבס שטילער שנאָרכן, וואָס איז פון שלאָף־צימער געקומען, האָט זיך געריצט מיט אים. ער איז מיד און דערשלאָגן געבליבן ליגן אויף דער סאָפע.

אויף מאָרגן אינדערפרי איז זי, ווי תמיד, אויפגעשטאַנען, אויסגעריבן זיך די פאַרשלאָפענע אויגן, איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסקוקנ־דיק אין דרויסן זיך רואיק און גלייכגילטיק אָנגערופן:

— אָ, וואָס דער שטורעם האָט עס נעכטן אָנגעטאָן!...

ווען און ווי אַזוי ער איז געקומען אַהיים, האָט זי אים ניט געפרעגט...

צופעליק איז אים אויפן געדאַנק געקומען די פּאַסירונג מיטן גיין באָדן זיך און קומען צוריק שפּעט ביינאַכט. ביידע פּאַסירונגען האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט איינאיינעם און אָנגענומען איין געשטאַלט. זיי האָבן ביידע אויסגעדריקט איין זאַך: קאַלטקייט און פרעמדקייט צו אים, און גלייכגיל־טיקייט צו זיינע געפילן און צו אים איינגאַנצן.

אָבער, וואָס האָט ער זיך אַזוי אָפּגעשטעלט אויף דער פּאַסירונג? איז זי דען די איינציקע געווען? אַ סך מאָל האָט פּאַסירט, אַז ער זאָל קומען אַהיים אין שטורעמס און זאַווערוכעס, און זי זאָל זיך זיצן אין וואַרעמען ליכטיקן צימער, טאָן וועלכע־עס־איז אַרבעט און זיך אַפילו ניט אומקוקן אין זיין זייט.

ער פלעגט טראַכטן בשעת־מעשה: ווען אַ קאַץ אָדער אַ הונט וואָלט אין דעם וועטער די טיר געעפנט און פון דרויסן אַריינגעקומען, וואָלט מען זיך אויך אויף דעם אומגעקוקט, צוגעגאַנגען, געזאָגט עפּעס, אָדער אַ גלעט געטאָן.

שפּעטער האָט ער שוין מער ניט געטראַכט. אָבער גאָר פון אָנהייב

פלעגט ער זיך ניט קענען פאַרשטעלן, אַז אַזוינס קאָן פּאַסירן אין דער ווירק־לעכקייט, אַז עס פּאַסירט טאַקע מיט אים אַליין. איר קאַלטקייט צו אים פלעגט ער פרוּוון פאַרענטפערן מיט איר קאַלטן טעמפּעראַמענט בכלל.

אָבער איינמאָל איז זיין גאַנצע פילאָזאָפיע וועגן איר צעקלאַפּט געוואָרן. ס'איז געווען אַ זומער־אָוונט. אַ גאַסט איז צו זיי געקומען, אַ חברטע אירע פון אַ צווייטער שטאָט. זיי האָבן זיך שוין עטלעכע יאָר ניט געזען. נאָכן אָוונט־ברויט זיינען אַלע דריי אַרויס שפּאַצירן. זיי זיינען געגאַנגען צום נאָענטסטן פאַרקל און געזעצט זיך אויפן גראָז. איר חברטע איז ביי איר זייט געזעסן. און אַזוי רעדנדיק, האָט זי איר חברטעס קאָפּ גענומען, צו זיך אויפן שויס געלייגט און צערטלעך גענומען גלעטן: אירע האָר, אירע באַקן, איר האַלדז. ער האָט זיינע אויגן ניט געוואָלט גלויבן — אַזאַ געטריישאַפט וואָלט ער זיך קיינמאָל ניט געקענט פאַרשטעלן ביי איר. אַ ספּאַזם האָט אים דערמאָלט אין האַלדז אָנגעכאַפּט. ער האָט געפילט, אַז עס פעלט אים אויס לופט צו אָטעמען...

וואָס אמת איז אמת: זי האָט אים קיינמאָל מיט קיין וואָרט ניט באַ־ליידיקט, ניט געזידלט זיך, ניט געקריגט זיך. דערפאַר האָט זי אָבער געהאַט אַנדערע מיטלען פון באַליידיקונג — שטילערע, טיפערע און ווייטיקדיקערע.

אָט, צום ביישפּיל, טוט זי זיך אָן צו ערגעץ אַוועקצוגיין.

— וואוהין גייסטו?

— איך דאַרף ערגעץ צוגיין...

— ווען וועסטו צוריקקומען?

— איך ווייס ניט...

שטענדיק איז געקומען אַן אומקלאָרער, אומפאַריינטלעכער ענטפער.

אָדער אָט, צום ביישפּיל, רעדט זי דורכן טעלעפאָן. אַזוי קונציק, אַזוי קורצמעסיק און אַזוי פאַרשטעלט, אַז מען וואָלט געדאַרפט זיין מיט צען קעפּ עפּעס צו פאַרשטיין. אַ האַלבע שטונדע האָט זי אַזוי געקענט מיט עמעצן אָפּרעדן, און ער זאָל קיין וואָרט ניט קענען כאַפּן, ניט וויסן מיט וועמען און וועגן וואָס זי האָט גערעדט. קיין זאַץ, נאָר אַזוי אָפּגעריסענע ווערטער, האַלבע פראַזן: „ווער?...” „וואו?...” „ווען?...” „ווי אַזוי?...” קיין וואָרט האָט ער ניט געקענט פאַרשטיין.

ער האָט געוואוסט: זי האָט ניט קיין סודות און זוכט זיי פון אים נישט צו באַהאַלטן. ער האָט זי אין גאַרנישט ניט חושד געווען. נאָר אַזוי באַליידיקנדיק איז דאָס געווען, אַז ער וואָלט שוין ליבערשט אויסגעקליבן קריגעריי און זידלעריי, איידער אָט־די פאַרשטעלטע פייניקנדיקע פאָרמע פון אויסשליסונג און איגנאָרירונג.

ער האָט דאָס קיינמאָל ביי זיינע פריינט און באַקאַנטע ניט געזען. און אַוודאי האָט ער קיינמאָל ניט געזען, אַז אַ ווייב זאָל שטענדיק האַלטן מיט דעם, וואָס באַוואָלט איר מאַן. ביי אים אָבער איז עס יאָ געווען. ווען ער זאָל ניט האָבן דערציילט וועגן אַ קריוודע, וואָס עמעצער איז קעגן אים באַגאַנגען, האָט זי שטענדיק פאַר יענעם אַ גוט וואָרט געפונען, אַ פאַר־ענטפערונג און אַ באַרעכטיקונג. און אַפילו נאָך ערגער ווי דאָס: ווען יענער איז אַ באַקאַנטער געווען, איז די באַנעמונג אירע צו אים באַלד נאָכדעם נאָך פריינטלעכער געוואָרן און נאָך ליבלעכער. ער פלעגט פילן, ווי אַלץ אין אים קאָכט און זידט פון באַליידיקונג — אָבער אַזוי האָט זי געהאַנדלט.

ער האָט געטראַכט: פאַרוואָס טוט זי דאָס? ווי שעמט זי זיך דאָס ניט פאַר יענעם? וואָס קאָן יענער טראַכטן וועגן אים? וואָס קאָן יענער טראַכטן וועגן זייערע באַציאונגען? אָבער סיי־ווי, אַזוי האָט זי געטאָן...

ווען ער האָט איר אַ פאָר מאָל געפּרוווט אויפמערקזאַם מאַכן אויף דעם, האָט זי אַנטשלאָסן און קאַטבלוטיק געענטפערט:

— אַז דו צעקריגסט זיך מיט עמעצן, מוז איך אויך זיין מיט יענעם ברוגז? מיר האָט יענער גאָרנישט געטאָן...

ווי זיי וואָלטן געווען צוויי באַזונדערע מענטשן, פרעמדע מענטשן...

קענטיק, די שטילע און באַהאַלטענע פיינטשאַפט צו אים איז געווען ביי איר שטאַרקער, ווי דאָס געפיל פון אַנגענומענע געזעלשאַפטלעכע פי־רונגען.

ער האָט פון דעמאָלט אָן אויסגעמיטן צו דערציילן איר פון זיינע אומ־אַנגענעמלעכקייטן, און איז ער פון וועמען אויסגעשטאַנען אַ באַליידיקונג אָדער אַ קריוודע, האָט ער עס טיף, טיף באַהאַלטן אין זיך און איבער־געקאָכט אין זיך אַליין. ווער ווייס: אפשר אַט־דאָס, צוזאַמען מיט די אַנדערע באַליידיקונגען, וואָס ער האָט געטראָגן אין האַרצן קעגן איר, האָבן סוף־כל־סוף אויפגעריסן און זיין האַרץ האָט געפּלאַצט... ווער ווייס?...

אָבער מער ווי אַלץ, וואָס האָט אים געקרענקט איז געווען איינע אַ באַליי־דיקונג, וואָס ער האָט בשום אופן ניט געקענט אַריבערטראָגן. ער ווייס ניט, צי דאָס איז געווען פאַרטראַכט אַזוי, אַ סאַדיסטישער איינפאַל, אָדער ס'האָט גלאַט אַזוי געשטאַמט פון אירע געפילן און באַנעמונג צו אים, — סיי־ווי האָט עס אים שטאַרק דערנידעריקט.

ווען ער זאָל דאָס עמעצן דערציילן, וואָלט יענער מסתמא אים פאַרוואונ־דערט אָנגעקוקט, אָדער זיך גאָר אפשר פאַנאַנדערגעלאַכט. אים אָבער האָט עס געברענט, ביזן מאַרך געברענט. ער האָט געפילט, ווי זיין האַרץ ווערט צעפּלאַצט פון שאַנדע.

הערט אַ געשיכטע: די פרוי זיינע האָט אים קיינמאָל ביים נאָמען ניט אָנגערופן, ניט מיטן ערשטן און ניט מיטן לעצטן... אָבער בוכשטעבלעך קיינמאָל ניט! קיין איינציק מאָל ניט! פשוט איגנאָרירט דעם נאָמען זיינעם... אַ מענטש אָן אַ נאָמען...

צוערשט האָט ער זיך גאָרניט אומגעקוקט אויף דעם. ווער עס זאָל איינפאַלן צו באַמערקן אַזאַ זאַך? נאָר איינמאָל האָט ער עפּעס אַ זייער נויטיק פּעקלעט, וואָס ער האָט געדאַרפט מיטנעמען, פאַרגעסן אין שטוב און איז אַרויס צום סאָבוויי. זי האָט זיך באַלד געכאַפּט, גענומען דאָס פּעק־לעלע און געלאָזט זיך יאָגן נאָך אים. דריי בלאָק האָט זי זיך געיאָגט, ביז זי האָט אים אָנגעיאָגט. אָבער ס'איז גאָרניט נויטיק געווען. דורך איין געשריי, דורך איין מאָל אָנרופן אים ביים נאָמען, וואָלט זי אים געקענט מאַכן אומצוקוקן זיך און דערזען זי. אָבער איר איז, ווייזט אויס, גרינגער געווען נאָכיאָגן אים גאַנצע דריי בלאָק, אײדער איין מאָל אַרויסריידן זיין נאָמען...

פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבן נאָכקוקן, נאָכשפּירן צי איז עס אַ צופאַל אָדער אַ סיסטעם אַזאַ, אַ אינעווייניקסטער ווידערגעפיל... דעם אמת זאָגנדיק קאָן ער ביז איצט ניט באַגרייפן איר כוח, איר איינגעשפאַרט־קייט. פאַר צוואַנציק יאָר קיין איין מאָל זיין נאָמען ניט אַרויסרעדן!...

ער שעמט זיך צו דערציילן: ער האָט דאָס אויך געפּרואווט, געוואָלט איר נאָכטאָן — אָבער ס'איז ניט געגאַנגען. ער איז שנעל מיד געוואָרן און געמוזט עס אויפגעבן...

ער ווייסט ניט, צי מענטשן באַמערקן עס, צי ניט. ער וואָלט זייער ניט געוואָלט, אַז עמעצער זאָל דאָס באַמערקן. עס וואָלט צוגעגעבן נאָך אַ טראָפּן ווייטאָג צו זיין ברענענדיקער שאַנדע און געמאַכט זיין לעבן נאָך אומדערטרעגלעכער. נאָר איינמאָל האָט אַ שכן זיינער, וואָס וואוינט שוין מיט אים אַ טיר לעבן אַ טיר די לעצטע צען יאָר, זיך אָנגערופן:

— זעט, מיסטער גרינשטיין, איך קען אייך שוין אַזוי לאַנג און ווייס ניט אייער ערשטן נאָמען. ווי רופט מען אייך?

ער האָט פון דעם אַ שפּאַס געמאַכט און פאַרגעוואָרפן יענעם, פאַרוואָס ער וואוינט שוין אַזוי לאַנג צוזאַמען און ווייס נאָך אַלץ ניט זיין נאָמען. אָבער אין זיך האָט ער געפילט, ווי ער ווערט רויט פון שאַנד. אַ צווייט מאָל האָט עס מיט זיין אייגענעם קינד פּאַסירט.

ער זיצט אַזוי אין שטוב ביי טאָג — עפּעס האָט ער ניט גוט געפילט דאַן — ערשט זיין יינגל, אַ קינד פון אַ יאָר זעקס, איז פון סקול געקומען. גלייך פונעם ערשטן קוק האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט מיטן קינד פּאַ־סירט. ער איז אַ צעקאָכטער אַריינגעלאָפן, האַסטיק אַ וואָרף געטאָן זיין

ביכער־זעקעלע אויפן טיש. און אײדער ער האָט צײַט געהאַט אים עפּעס צו פֿרעגן, איז דאָס קינד מיט אַ שטימע, פֿול מיט טרערן, צוגעפֿאַלן צו אים:

— פּאַפּאַ, ווי רופֿט מען דיך?

— וואָס איז, מײַן קינד, צו וואָס דאַרפֿסטו דאָס וויסן?

— אַזוי... איך מוז דאָס וויסן. זאָג מיר...

און דאָס קינד האָט זיך מער ניט געקענט אײַנהאַלטן און הויך זיך צעכליפּעט.

קוים מיט צרות האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו באַרויִקן דאָס קינד און אַרויסקריגן פֿון אים, וואָס ס'האָט פּאַסירט. אין קלאַס האָט די לערערין אויסגערופֿן די קינדער און געפֿרעגט יעדן אײנעם דעם פֿאָטערס און דער מוטערס נאָמען. זי האָט עס געדאַרפֿט פֿאַרשרײַבן. האָט יעדעס קינד אָנ־גערופֿן דעם פֿאָטערס און דער מוטערס נאָמען. נאָר ווען עס איז געקומען צו אים, האָט ער דער מוטערס נאָמען געוואוסט און זײַנעם, דעם פֿאָ־טערס, ניט. האָט די לערערין זיך געוואונדערט:

— ווייסט ניט דײַן פּאַפּאַס נאָמען?

ער איז געשטאַנען און געשוויגן.

—און ווי רופֿט אים דײַן מאַמע?

ער איז ווידער געשטאַנען אין פֿאַרלעגנהייט און ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפֿערן.

און די לערערין האָט ווײַטער געזאָגט:

— ווי רופֿט דײַן מוטער דעם פּאַפּאַ דײַנעם? רופֿט זי אים קײנמאָל ניט ביים נאָמען?

— איך ווייס ניט, — האָט דאָס קינד זיך מודה געווען, און איז רויט געוואָרן.

— טאָ פֿרעג הײַנט דײַן פּאַפּאַ און זאָג עס מיר מאָרגן, איך דאַרף עס פֿאַרשרײַבן.

די לערערין האָט מער גאָרנישט געזאָגט און געהייסן אים זעצן זיך. אָבער די קינדער האָבן געהאַלטן אין קוקן אויף אים און שושקען זיך. און ווען ער איז אַהיים געגאַנגען זײַנען זיי נאָכגעגאַנגען נאָך אים און געריי־צט זיך מיט אים:

— ער ווייס ניט ווי מען רופֿט זײַן פּאַפּאַ...

דאָס קינד האָט קוים געענדיקט דערציילן און זיך ווידער הויך פֿאַנאַנ־דערגעוויינט:

— פֿאַרוואָס, פּאַפּאַ, האָסטו מיר קײנמאָל ניט געזאָגט דײַן נאָמען?...

ער האָט אים ווי עס איז דאַן באַרויִקט. אָבער געפֿילט האָט ער, אַז

דאָס קינד ליידט פאַר דער מוטערס פאַרברעכנס און, ווער ווייס, אפשר אויך פאַר זיינע זינד... אַ לעבן־לאַנג, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ קנופּ און האָט ניט קיין כוח עס פאַנאַנדערצוקניפּן...

גריבשטיין איז געלעגן און דערפילט, אַז ער האָט שוין היינט צופיל געטראַכט. ווייזט אויס, אַז דער דאָקטאָר איז גערעכט געווען, ווען ער האָט אים אָנגעזאָגט: „נאָר נישט טראַכטן... וואָס ווייניקער טראַכטן וועגן זיך...״ ער פילט טאַקע איצט, נאָכן טראַכטן, ערגער ווי פריער, אַ סך ערגער... ער פילט זיך שרעקלעך מיד, און דאָס האַרץ איז עפּעס אַזוי אָפּגעשוואַכט. די אויגן ווילט זיך אים נאָר האַלטן צוגעמאַכט...

ער האָט זיך דערשראָקן. ווייזט אויס, אַז דער דאָקטאָר איז גערעכט געווען, ווען ער האָט אים געהייסן וואָס ווייניקער טראַכטן. צופיל גע־טראַכט היינט... צופיל דאָס לעבן פאַנאַנדערגענומען און צופיל אַריינ־געגריבלט זיך אין דעם. נישט געדאַרפט... דער דאָקטאָר איז אָפּנים גע־רעכט געווען, ווען ער האָט אים אָנגעזאָגט:

— נאָר פריילעכע געדאַנקען... טראַכט שטענדיק נאָר וועגן עפּעס פריילעכס...

יאָ, ער איז גערעכט געווען — ווען ער וואָלט אים נאָר געקענט פאָלגן...

האַס

שפּעט אין דער נאַכט, ווען דאָס קינד איז שוין לאַנג איינגעשלאָפן און אין די אַרומיקע וואוינונגען פונעם גרויסן אַפּאַרטמענט־הויז זיינען שוין אויסגעלאָשן אַלע פענצטער, הייבט זיך אָן ביי די עטקינס אין שלאָף־צימער שטיל צו רודערן. אַ גאַנצן טאָג האָבן מאַן און ווייב צווישן זיך קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, אומגעגאַנגען איינע אויף די אַנדערע אָנגעבלאָזן און אויס־געמיטן אַפילו צו קוקן איינע אויף די אַנדערע. ווען מען האָט זיך אָנגעג־טראָפן אין אַ דורכגאַנג, האָבן ביידע אָפּגעקערט די אויגן, כדי די בליקן זאָלן זיך חלילה ניט צונויפטשעפּען.

אַזוי גייט עס אָן שוין פון כמעט באַלד נאָך דער חתונה. עפּעס האָט זיך ניט צונויפגעקלעפּט צווישן זיי ביידן פונעם ערשטן טאָג אָן — אָדער עפּעס צוליב אַ וועלכער עס איז אַנדער אורזאַך — נאָר ביידע טראָגן איי־נע אויף די אַנדערע אַ שווער האַרץ און עס איז זיי שווער צו בלייבן גלייכ־גילטיק איינער צום צווייטן און צו ריידן איינער מיטן אַנדערן. דורכן יאָר וואָלט מען געקענט אָנציילן אפשר אַ פּאָר צענדליק טעג בלויז, ווען מאַן און ווייב ריידן צווישן זיך. די איבעריקע טעג גייט מען אַרום ווי אָנגעג־רודלטע הענער. עס טרעפט אַמאָל: אַ לענגערע צייט — וואָכן, אָדער אַפילו חדשים — זיינען אַריבער, וואָס ביידע האָבן ניט אויסגערעדט קיין וואָרט צווישן זיך; די אורזאַך פון דעם פריערדיקן ברוגז האָט שוין לאַנג פאַרלאָרן איר שאַרפקייט; דער כעס אַליין איז ביסלעכווייז אויסגעוועפּט געוואָרן, — און ביידע הערפילן אין זיך אַ נויגונג צוריק גוט צו ווערן. עס דאַכט זיך, אַז איצט ווערט דאָס שוין זיין אויף לאַנג. אָבער, ניין: מער ווי אַ טאָג, צוויי האַלט דאָס ניט אָן. עס געפינט זיך שוין אַן אורזאַך, וואָס ברענט אויף איינעם קעגן צווייטן — און דער שלום ווערט ווידער איבער־געריסן אויף אַ לענגערער צייט.

עס איז שווער צו זאָגן, ווער פון זיי איז שולדיק אין דעם. ביידע זיינען אינטעליגענטע מענטשן. אָבער דאָס אפשר איז זייער חסרון. ביידע קענען זען זאַכן און קריטיש אָפּשאַצן זיי. זעען ביידע איינער אין דעם צווייטן פאַרשיידענע שלעכטיקייטן—קלייניקייטן און גרויסיקייטן—און קענען פאַר דעם דעם צווייטן ניט מוחל זיין. דערצו זיינען ביידע הויך־סענסיטיוו: פילן אַ באַליידיקונג ניט דווקא אין אַ וואָרט אָדער אַ באַמערקונג — דאָס ניט דערזאָגטע באַליידיקט אַמאָל מער, ווי די ערגסטע ווערטער...

ביידע האַלטן זיך פאַר געקריוודעטע: געקריוודעט, סיי איינער פונעם

צווייטן און סיי דורכן צופאַל פון צוזאַמענטרעפן זיך, און דערפאַר טראָגן בײדע אײנער אויפן צווייטן אַ שטענדיקן כעס, אַפילו אַ האַס. איר דאַכט זיך, אַז ווען ניט ער, וואָלט זי — אַ אינטעליגענטע מיידל, ניט קיין מיאוסע — אָנגעטראָפן אַ קולטורעלן יונגנמאַן, וואָס וואָלט זי פיין באַהאַנדלט און פאַר וועלכן זי וואָלט געקענט לעבן ווינציקסטנס צופרידן, ווי אירע אַנדערע חברטעס. אים, עטקינען, באַטראַכט זי פאַר אַ ברוט, אַן אוממענטש, וואָס מער ווי זיין עגאָאיזם פאַרמאָגט ער ניט. ער, ווידער, באַטראַכט זיך אויך פאַר אומגליקלעך, וואָס ער האָט זיך מיט איר געטראָפן. ווען ניט זי, וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז זי שטייט העכער פון אים און האַלט אים שטענדיק אין איין איגנאָרירן און באַליידיקן, וואָלט ער זיך אָנגעטראָפן מיט אַ מיידל, וואָס וואָלט אים אָפּגעשאַצט, רעספּעקטירט און געגעבן אַ צופרידנשטעלנדיקן לעבן.

בײדע באַטראַכטן זייער צוזאַמענבונד, ווי אַן אומגליקלעכן טראַף, נאָר דאָך טוען בײדע גאָרנישט דעם פאַרדרייטן קנופּ פאַנאַנדערצופּלאָנטערן. זי — ווייל זי פילט זיך פאַרצווייפלט, דערשלאָגן, רעזיגנירט, און האָט ניט, ניט קיין כוח און ניט קיין מוט עפּעס אָנצופאַנגען. און ער, ווידער, פילט אַן אויסערגעוויינלעכן צובונד צום קינד, דעם פינף־יאָריקן ריטשי, וועלכער איז טאַקע אויסערגעוויינלעך שיין, קלוג און געראָטן.

ציען בײדע אַזוי דאָס לעבן, עטוואָס פאַרשטעלט פאַר אַנדערע, און טראָגנדיק אין האַרצן אַ שטילן וויטאָג פאַר זיך און אַ ברענענדיקן פאַרדראָס איינער צום צווייטן. אַ גאַנצן טאָג רעדט מען ניט און ביים טיש צום עסן זיצט מען אָנגעבלאָזענע. מען באַמיט זיך מיט אַלע כוחות צו פאַרשטעלן עס פאַרן קינד, כאָטש מען ווייס, ווי שלעכט עס ווירקט אויף אים. אָבער מען קען זיך ניט העלפן. דער בייזער געפיל איינער צום צווייטן איז שטאַרקער פונעם פאַרשטאַנד און אַפילו פון דער ליבע צום קינד, וועלכע איז ביי בײדן אויסערגעוויינלעך גרויס. פּרוּאווּן דעריבער בײדע אָנשטאָט צו ריידן איינער צום צווייטן — ריידן צום קינד. אָבער סיי־ווי איז דאָס קינד קלוג, און כאָטש ער פאַרשטייט ניט, פילט ער אָבער, אַז ניט אַלץ איז אין אָרדענונג אין הויז, און ניט איין מאָל כאַפּט ער זיך אויף אין מיטן נאַכט מיט אַ פלוצלונגן געוויין, ווי ער וואָלט זיך אין שלאָף פאַר עפּעס איבערגעשראָקן.

אַזוי — אַ גאַנצן טאָג. מען פילט שווער און ניט באַקוועם. אין אָוונט, ווען דאָס קינד גייט שלאָפן, דערפילן זיך בײדע לייכטער. מען דאַרף ניט זיין אַזוי אָפּגעהיט, אָנגעשטרענגט, מען קען לויז־לאָזן די שווערע געפילן. אָבער, אַלצאיינס זאָגט מען דעם צווייטן גאָרנישט. מען קריגט זיך ניט, מען באַליידיקט ניט, נאָר מען שווייגט טיפער, איינגעשפּאַרטער, פאַר־

ביסענער. נאָך אַ טאָג שווערער הויז־אַרבעט, זעצט זי זיך אַוועק אין אַ ווינקל און פאַרטיפט זיך אין אַ בוך, ווי מער קיינער וואָלט אין צימער ניט געווען. ער זעצט זיך אַוועק אין דער וויך־שטול ביים אַבאַזשור־לאָמפּ מיט אַ צייטונג אין האַנט. אין צימער איז אַזוי שטיל, ווי קיינער וואָלט דאָרטן ניט געווען, מער ניט דאָס איבערקערן פון אַ זייטל הערט זיך פון צייט־צו־צייט, אָדער דאָס שורשען פון אַ בלאַט־צייטונג. עס דאַכט זיך, יעדערער איז פאַרטיפט אין זיין ענין. אין דער אמתן פילן ביידע מענטשן דעם צווייטנס אָנוועזנהייט און ביידנס געדאַנקען זיינען אַ סך מאָל ניט ביים בוך, וואָס מען לייענט, אָדער ביי דער צייטונג, נאָר גאָר ערגעץ־אַנדערש...

אין שלאָף־צימער טוען זיך ביידע אויס שטיל און ברוגזדיק. ביידע שלאָפן אין באַזונדערע בעטן. זי, מיד פונעם טאָג אַרבעט, ווערט באַלד אַנטשלאָפן. ער ליגט לאַנג און קאָן ניט איינשלאָפן. אים שלעפערט זיך ניט. ער איז ניט אַזוי מיד פונעם טאָג, און די אויפרעגונג און אָנגעשטרענגטקייט מאַכט אים אויך וואַך און אויפגעלייגט. ער ליגט מיט אָפענע אויגן. פלוצלונג פאַלט זיין בליק אין דער ריכטונג פון דער ווייבס בעט. איר נאָענטקייט באַווירקט אים. ער ווערט אָנגעצונדן. עפּעס גיט זיך אין אים מיטאַמאָל אַ צאַפּל. ער ווערט אומרואיק.

ער פּרוּווט זיך איבערדרייען מיטן פנים צום וואַנט, אָבער ער פילט — עס איז איבער זיינע כוחות: צוויי טריט פון אים ליגט אַ יונגע פרוי — זיין ווייב! — און איר נאָענטקייט ציט אים און רעגט.

דער בייזער געפיל, וואָס ער האָט אַ גאַנצן טאָג געטראָגן אין האַרצן צו איר, פאַרלירט מיטאַמאָל זיין אָנגעשטרענגטקייט. יעדע רגע ווערט עס אַלץ ווייכער און ווייכער און צעגייט זיך אין דער טונקלקייט פונעם צימער און רינט אַרויס דורך די שפּאַלטן פון טיר און די עטוואָס אָפענע פענצטער. ער פילט, ווי עפּעס שווערעס, וואָס האָט פריער אַזוי שטאַרק געדריקט אויפן האַרצן, הייבט זיך אָן אַראָפּקייקלען און דערווייטערן. אַ נייער געפיל הייבט אָן אין אים אָנוואַקסן, אַ נייער געפיל צו זיין פרוי — אַ ווייכער אַזאַ, אַ פריינטלעכער, אַ פאַרגעבנדער . . .

ער דערשרעקט זיך פאַר זיך אַליין: ווי אַזוי האָט דאָס פלוצלונג געקענט קומען צו אים? אין איין מינוט?

ער ווערט אין כעס אויף זיך און שטרענגט זיך אָן מיט אַלע כוחות דעם אומגעבעטענעם געפיל אין זיך צו פאַרטרייבן. — אָפּזאָגן זיך! דערשטיקן אין זיך! . . . צוליב איין מינוט פון באַפרידיקונג, טאָר ער ניט אָפּשוואַכן אין זיך, אויסלעשן דעם ברענענדיקן צאָרן פון האַס, וואָס ברענט אין אים שטענדיק, ווי אַ נר תמיד . . .

אָבער דער אויפגעוואַכטער געפיל, אַרויסגערופן דורך דער ווייבס נאָענט־

קייט, האַלט אין איין אַנוואַקסן. עס קען מער קיין רייד ניט זיין וועגן פאַר־טרייבן אים. ער פילט, ווי אַ הייסער ציטער צעגיסט זיך איבער זיין בלוט און רעגט אים און צופּט אים און שטויסט אים. אין דער מינוט איז ער גרייט אַלץ צו פאַרגעסן און פון גאַרנישט טראַכטן...

ער פילט, ווי שווער עס איז אים איצטער צו גיין צו איר. ניט ווי צו אַ פרעמדער, נאָר ערגער נאָך — ווי צו אַ שונא! אָבער ער שטאַרקט זיך: נאָכאַלעמען איז זי דאָך זיין ווייב, און ער האָט איבער איר אַלע גע־זעצלעכע רעכט!

עס פאַרדריסט אים אין דער מינוט אויף אַלץ, וואָס עס קומט פאָר צווישן זיי. ער איז גרייט איצט אונטערצוגעבן זיך. אַ סוף זאָל עס נע־מען! מער זאָל עס זיך קיינמאָל ניט איבערחזרן! שלום זאָלן זיין צווישן אים און דער ווייב...

ער פילט זיך געשטאַרקט און געקרעפטיקט פון דער אייגענער שטימונג. מיט עטוואָס אומזיכערע טריט דערנענטערט ער זיך צו דער ווייבס בעט. שטיל און ציטערדיק באַרירט ער זי מיט זיין האַנט. מיד פונעם טאָג, שלאָפט זי שטאַרק. אָבער ווי זי דערפילט דעם באַריר פון זיין האַנט, כאַפּט זי זיך אויף. דערשראָקן עפנט זי די אויגן און באַגרייפט באַלד, וואָס עס קומט פאָר. זי גיט אַ שטויס פון זיך זיין האַנט און וואַך און אַנטשלאָסן רופט זי אויס:

— ניין!... איך וויל ניט!...

פאַרלאָרן בלייבט ער שטיין ביים בעט און ווייס ניט, וואָס צו טאָן מיט זיך. ער דערפילט די דערנידעריקונג, אָבער ער איז גרייט אויף אַלץ. ווי אַ ווייטערדיקן מיטל, רעדט ער שטיל אַרויס:

— לאָמיר זיך איבערבעטן, רחל...

— ניין!... — ענטפערט זי אָפּ שאַרף און פעסט.

ער שטייט און פילט זיך נאַריש און הילפלאָז: ווי אַ ייִנגל בעטלט ער ביי דער אייגענער ווייב, און זי טרייבט אים און דערנידעריקט...

ער דערפילט מיטאַמאָל די גאַנצע באַליידיקונג. זיין מענערשע ווירדע ווערט דאָ באַשפּיגן און צעטראָטן. ווי אַ ווייכע שמאַטע ווערט ער דאָ באַהאַנדלט!

ער דערפילט, ווי דאָס בלוט גיט אים אַ שפּאַר אין קאָפּ און ווי עס הייבט אים אָן צו קאָכן אין האַרצן: ווי וואַגט זי דאָס? ווי אַזוי רעדט זי דאָס מיט אים? וואָס פאַר אַ רעכט האָט זי זיך אָפּצוזאָגן? איז זי ניט זיין פרוי...

מיט האַסט און רציחה פּרואווט ער אָפּשאַרן די קאָלדרע. אין גרייט־קייט צו ווערן זיך, זעצט זי זיך האַסטיק אויף. אין צימער איז פינצטער,

אָבער דורך דער טונקלקייט פילט ער, ווי אירע אויגן ברענען מיט גיפט און אַנטשלאָסנקייט און אָנגעקליבענעם האַס פון חדשים און יאָרן.

— אַוועק, דו געמיינער מענטש! — שרייט זי אויס מיט פאַרצוויפ־לונג — דו האָסט נאָך די חוצפה צו קומען?... גיי גלייך אַוועק, אַז ניט בין איך ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך...

ער שטייט און פילט, ווי ער ווערט צעברענט פון רציחה: אַזאַ באַ־ליידיקונג! אַזוי פאַרשעמען זיין מענלעכע ווירדע!... ער וועט עס איר ניט שווייגן! ער וועט איר ווייזן!...

פון דעם צווייטן צימער דערהערט זיך מיטאַמאָל דעם קינדס דער־שראָקן געוויין: — מאַמי, וואָס איז דאָס? ווער שרייט עס?...

פאַרלאָרן שטייט עטקין אַ רגע און איילט זיך באַלד אַוועק צום קינדס צימער, און די מוטער הייבט אָן אַרויסקריכן פון בעט אויך צו גיין באַ־רואיקן דאָס קינד...

אין די בערג

עס איז געווען אין מיטן יוני. די קאָלאָניע „גרינע לאָנקעס" איז גע־לעגן אַ שטילע, אַן ערנסטע, וואַרטנדיק אויף די זומער־איינוואוינער. אָבער דערווייל איז נאָך קיינער ניט געקומען. בלויז דער קרעמער, וואָס האָט געהאַלטן די קאָנצעסיע אויף דער „גראָסערי", האָט זיך געפּאָרעט מיט זיין פרוי אין קראָם, אויסלייגנדיק די סחורה אויף די פּאָליצעס.

פון דערווייטנס אויפן וועג האָט זיך באַוויזן אַ „העקער"־מאַשין. דאָס שטייגל אויפן דאַך איז געווען אָנגעלייגט מיט וואַליזעס און זעקלעך און איז געפאָרן גלייך צו דער קאָלאָניע. די מאַשין איז אַרויפגעפאָרן אויפן ערשטן בערגל לינקס און אָפּגעשטעלט זיך ביי דער ערשטער באַנגעלאָ.

דער קרעמער מיט דער ווייב זיינען אַרויס אין דרויסן.

— זאָל זיין, די ריפּקינס זיינען שוין אָנגעקומען אַזוי פרי? — האָט דער קרעמער געזאָגט צו זיין פרוי פאַרוואונדערט.

— ווייזט אויס אַזוי.

אָבער פון דער מאַשין איז אַרויס בלויז איין פערזאָן, אַ פרוי.

— ווער קאָן דאָס זיין? — האָט די קרעמערין געזאָגט צו איר מאַן, — ריפּקינס טאָכטער איז דאָס ניט. זאָל זיין אַ גאַסט זייערער?

— ווער ווייס? אפשר אַ פרוי זיינע... אפשר האָט ער שוין חתונה געהאַט...

— וואָס רעדסטו? אַזוי שנעל?... און אַז ער וואָלט חתונה געהאַט, וואָלט ער ניט געקומען צוזאַמען מיט איר?...

— וואָס דאַרפן מיר קלערן? שפּעטער וועט זי מסתם קומען אַהער, וועלן מיר וויסן...

דער „העקער" האָט דערווייל אַראָפּגעטראָגן די זאַכן און די מאַשין איז אוועקגעפאָרן.

די פרוי, אַן עלטערע מיידל מיטן נאָמען ציפּע, איז געבליבן אַליין. זי האָט זיך פאַרוואונדערט געהאַלטן אין אַרומקוקן אין אַלע זייטן און נייגעריק באַטראַכטן יעדע זאַך, ווי פרעגנדיק יעדעס מאָל: וואָס איז דאָס? אין דער אמתן האָט זי טאַקע אַ סך זאַכן געזען צום ערשטן מאָל אין איר לעבן. ביז איצט איז זי נאָך קיינמאָל פון שטאָט ניט אַרויסגעפאָרן און קיין בערג, אמתע בערג, נאָך קיינמאָל אין איר לעבן ניט געזען. דעריבער האָט איר יעדע זאַך אויסגעקוקט ניי, מאָדנע און חידושדיק. זי איז גע־

שטאַנען אַ ביסל צעמישט און אויפגערודערט. אַרום און אַרום אַזוי פיל גרינע פעלדער, אַלטע צעוואַקסענע ביימער מיט געדיכטע צווייגן און בלעטער, און אַנטקעגנאיבער — בערג! אַ הויכע וואַנט מיט בערג, באַדעקט פון אויבן מיט אַ געדיכטן וואַלד. היינט די באַנגעלאָס, צעוואָרפן לינקס אויף די בערגלעך, ווייס־געפאַרבטע, מיט רויטע, בלויע און גרינע דעכלעך, קוקן אויס עפּעס פּונקט ווי אויף די בילדער. ציפּע איז געשטאַנען און באַטראַכט אַלץ נייגעריק און ניט געקענט זיך אָפּחידושן פון יעדער זאַך.

אָבער לאַנג שטיין אַזוי האָט זי קיין צייט ניט געהאַט. זי האָט זיך געדאַרפט נעמען צו דער אַרבעט: אויפפּאַקן די פּעקלעך, צעלייגן און צעשטעלן אַלץ און אויפראַמען די באַנגעלאָ. צוליב דעם אייגנטלעך איז זי היינט געקומען אַהער. אַז ניט וואָלט זי געפאָרן מאָרגן, צוזאַמען מיטן באַלעבאָס און די קינדער.

ציפּע האָט אַרומגעקוקט די באַנגעלאָ: צווי שלאָפצימערן, אַ געראַמע קיך, וואו עס שטייט אויך אַ בעט פאַר איר, און אַ היפּשער פּאָרטש. אַלץ האָט אויסגעקוקט פאַרזאָרגט און אין אָרדענונג. די באַלעבאָסטע, ווייזט אויס, האָט ניט דערוואַרט, אַז זי אַליין וועט ניט דערלעבן נאָכאַמאָל צו קומען אַהער, האָט זי ביים פאַרלאָזן די באַנגעלאָ גוט אויפגעראַמט זי, אַלץ צעלייגט און צעשטעלט אויף אַן אָרט און איבערגעלאָזט אַזוי, אַז ווען זי וועט קומען איבעראַיאָר, זאָל זי ניט האָבן קיין סך אַרבעט צו ברענגען זי אין אָרדענונג. וואָלט טאַקע קיין סך אַרבעט איצט גאָרניט געווען. אָבער דער באַלעבאָס אירער האָט אויסערגעווייינלעך ליב ריינקייט. דאַרף מען אויסרייניקן די בעטן, אָפּווישן די ווענט, אויסוואַשן די פענצטער און די דילן און אַרומווישן דעם שטויב, וואָס האָט זיך אויף אַלץ דורכן ווינטער אָנגעקליבן. אויסער דעם דאַרף מען אויך אויספּאַקן און צעלייגן סיי די זאַכן, וואָס זיינען דאָ געבליבן פון פאַראַיאָרן, און סיי די פּעקלעך און וואַליזעס, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך.

ציפּע האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. זי האָט געוואָלט, אַז ביז מאָרגן, ביז דער באַלעבאָס און די קינדער וועלן קומען, זאָל אַלצדינג זיין אָפּגעטאָן און די באַנגעלאָ זאָל אויסקוקן ריין און ציכטיק. זי האָט זייער ליב, ווען דער באַלעבאָס איז צופרידן מיט איר אַרבעט.

ציפּע איז אויך זייער צופרידן מיט איר שטעלע. זי אַרבעט דאָ ביי מר. ריפּקינען פאַר די לעצטע פינף מאָנאַטן, באַלד ווי די פרוי זיינע איז פלוצלונג געשטאָרבן. זי איז די באַלעבאָסטע פון הויז: קאָכט, ראַמט, ציירעוועט און נייט. פאַר די פינף מאָנאַטן האָט זי זיך אַזוי איינגעלעבט מיט דער פאַמיליע, ווי זי וואָלט געוואָרן איינע פון איר. דער זון סימאָר, אַ ייִנגל פון אַ יאָר זיבעצן, איז זייער פיין און זוכט איר אַרויסצוהעלפן מיט

וואָס ער קען: ער קויפט אייך, שלעפּט צוטראָגן די שווערע פּעקלעך און העלפט אַפילו אַרויס אין שטוב אויך. די טאָכטער העריעט, אַ קאָלעדזש־מיידל פון אַ יאָר ניינצן, איז אויך זייער אַ פיינע און אַן אײדעלע. די באַציאונג אירע צו ציפּען איז ווי צו אַן עלטערער שוועסטער און ניט ווי צו אַ שטוב־מיידל. זי דערציילט איר אַ סך מאָל וועגן אירע אָנגעלעגנהייטן און באַראַט זיך מיט איר אַפילו טיילמאָל. און ווען דאָס עסן קומט אַרויס באַטעמט, לאָזט זי קיינמאָל ניט דורך קיין געלעגנהייט ביים טיש צו געבן איר פולן קרעדיט פאַר דעם. מר. ריפקין ענטפערט אויף דעם כמעט קיינמאָל גאָרנישט, ווי עס וואָלט אים די זאַך ניט אָנגעגאַנגען. אָבער ציפּען איז סיי ווי אָנגענעם, וואָס העריעט לויבט זי פאַרן פאָטער.

מר. ריפקין אַליין איז אויך זייער אַ פיינער מאַן. אַ הויכער, אַ שיינער, מיט גרויע האָר און ציכטיקן אויסזען. כאָטש אין שטוב מישט ער זיך זייער ווייניק, פילט זיך אָבער שטענדיק אין אַלץ זיין וואונטש און זיין איינפלוס.

מר. ריפקין איז זעלטן אין הויז. אַליין אַ געשעפטסמאַן, פאַרלאָזט ער דאָס הויז באַלד אין דער פרי, נאָך איידער ציפּע קומט צו איר אַרבעט. פאַרנאַכט קומט ער אַהיים סאַפּער־צייט, ווען ציפּע דאַרף שוין באַלד אַוועקגיין. און ווען ער איז אין שטוב באַמערקט ער זי אַזוי ווי גאָרניט. זעלטן ווען ער פרעגט זי עפּעס. וואָרעם וואָס אייגנטלעך האָט ער מיט איר צו ריידן? אַז אָנפירן מיט דער באַלעבאַטישקייט פירט אַן העריעט, איז נאָך וואָס ער דאַרף, וועגדט ער זיך צו איר. בכלל איז ער ניט קיין צו־באַריידעוודיקער מענטש, מערסטנס שווייגנדיק און ערנסט. און דאָך פילט אים ציפּע זייער שטאַרק. זי ווייס ניט פאַרוואָס, אָבער שטענדיק פילט זי אים, אַפילו ווען ער איז ניטאָ. צי זיין ערנסטע האַלטונג מאַכט איר אַזוי פילן, צי זיין וויכטיקער אויסזען, צי זיין בעטער אָנטאָן זיך, — אָבער ווי עס זאָל ניט זיין, פילט זי אַ מאָדנע אויפרעגונג יעדעס מאָל, ווען זי טראַכט וועגן אים. און ווען עס טרעפט אַמאָל, זי איז אַליין אין קיך און ער קומט אַריין עפּעס פרעגן, אָדער בעטן, פילט זי, ווי אַ רויטקייט באַשלאָגט איר פּנים און דאָס האַרץ הייבט אָן שטאַרק צו קלאַפּן.

אַ מאָדנע זאַך. אַ סך בחורים קלעפּן זיך צו איר: איניקע בלויז אַ שפּיל צו טאָן זיך, און אַנדערע — ערנסט. אָבער זי פילט צו קיינעם גאָרניט. אָבער ריפקין, אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק, אַ סך אַן עלטערער פון איר, ציט זי גראַדע שטאַרק. אַ מאָדנע זאַך, אַ שאַנדע גאָר צו טראַכטן פון דעם...

ציפּע פילט, ווי זי ווערט אינגאַנצן רויט און הייבט אָן אַרבעטן מיט מער פלייס און חשק. זי קוקט, ווי די פענצטער לויכטן פון ריינקייט, דער דיל גלאַנצט — און אַן איבעוויייניקסטע צופרידנקייט כאַפּט זי אַרום.

שפּעטער איז געקומען דער פּאַרמער אַ קוק טאָן, צי אַלץ איז אין אָר־דענונג און צי נויטיקט מען זיך ניט אין עפּעס פון אים. אייגנטלעך ניט דער פּאַרמער אַליין איז דאָס געווען, נאָר דער זון זיינער, אַ הויכער געזונ־טער יונג פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק. ער האָט אָנגעקוקט פאַרוואונדערט די פרעמדע פרוי, אָבער דאָך האָט ער זיך באַצויגן מיט רעספּעקט צו איר. ווען ער האָט אָבער באַלד אויסגעפונען, אַז זי איז אַ שטוב־מיידל, וואָס אַרבעט ביי די ריפּקינס, האָט זיך זיין באַציאונג צו איר גלייך געביטן. דער טאָן זיינער איז געוואָרן אַן אַנדערער, אַ וואוילערישער, און דער קוק — אַ פרעכער, אַ רייצנדיקער. זי האָט קוים דערלעבט, ער זאָל פאַרלאָזן די באַנגעלאָ.

פאַרנאַכט האָט זי זיך קוים אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער וויכטיקסטער אַרבעט. זי איז אַרויס אויפן פּאָרטש אַ ביסל אָפּרוען זיך. אַרום און אַרום איז געווען שטיל און רואיק, נאָר פאָרן פייגעלעך האָבן זיך געיאָגט איינע נאָך די אַנדערע פון איין צווייג צום צווייטן און מיט זייער צוויטשערן צו־געגעבן לעבן דער שטילקייט. די זון האָט געהאַלטן ביים זעצן זיך און געשפּילט זיך מיט אירע לעצטע אונטערגייענדיקע שטראַלן.

ציפּע האָט דערפילט פלוצלונג אַ בענקשאַפט נאָך עמעצן, וואָס זאָל זיין נאָענט צו איר. אַ מאָדנער באַגער האָט זי אַרומגעכאַפּט, אַזאַ ווי זי פילט שטענדיק, ווען זי טראַכט וועגן ריפּקינען, נאָר אַ שטאַרקערער, אַ מיטרייסנדיקער. זי האָט זיך דערפילט איינזאַם און איז אַוועק שלאָפן.

עפּעס האָט איר לאַנג גענומען איינצושלאָפן. זי האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט צום צווייטן, אַנטדרעמלט געוואָרן אויף אַ ווײַלע און באַלד זיך צוריק אויפגעכאַפּט. איר האָט זיך געחלומט דער „העקער", דער יונגער פּאַרמער, ווי ער נעמט זי אַרום מיט זיינע געזונטע הענט און דריקט זי צו זיך. זי האָט זיך עטלעכע מאָל אויפגעכאַפּט און איז שטאַרקער אַנט־שלאָפן געוואָרן ערשט פאַרטאָג.

צומאָרגנס בייטאָג איז געקומען ריפּקין. ער איז געקומען אַליין אָן די קינדער.

— און וואו זיינען די קינדער ? — האָט ציפּע געפרעגט פאַרוואונדערט.

— די קינדער ? — האָט ריפּקין איבערגעזאָגט געלאַסן, — זיי האָבן זיך דערוואוסט פון אַ שיינעם קאָנצערט היינט אָוונט, זיינען זיי געבליבן אין שטאָט נאָך אויף אַ טאָג.

ריפּקין האָט עס געזאָגט געלאַסן און רואיק, אָבער ציפּע האָט זיך דער־פילט מאָדנע. זי וועט דאַרפן איצט זיין אַליין מיטן באַלעבאָס. זייער זעלטן, ווען עס איז איר אויסגעקומען צו זיין מיט אים אַליין, איינגאַנצן אַ פּאָר מינוט אפשר, האָט זי עס נאָכדעם געדענקט און געפילט אַ גאַנצן טאָג.

און דאָ דאַרף זי מיט אים זיין אַליין ביז מאָרגן, ביז די קינדער וועלן קו־מען, און ווער ווייסט נאָך, צי זיי וועלן מאָרגן אויך קומען?...

ריפקין האָט באַטראַכט די באַנגעלאַ און קענטיק, עס איז אים געפעלן געוואָרן, ווי ציפּע האָט עס איינגעאָרדנט. זי האָט עס דערקענט אין זיינע אויגן. ער האָט גענומען אַ שפּריץ און זיך איבערגעטאָן זומערדיק. ציפּע האָט אים גאָרניט דערקענט. ניט נאָר איז דאָס אָנטועכץ געווען לייכטער, ליכטיקער, נאָר אויך דאָס גאַנצע פּנים האָט אויסגעזען לייכטער, ליכטי־קער, זאָרגלאָזער און אויסגעטאָן פון דער גאַנצער שטאָטישער ערנסט־קייט.

ציפּע האָט געגרייט עסן אויפן פּאָרטש. זי איז געווען נערוועז און די הענט האָבן זיך איר געטרייסלט. זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך: צי זאָל זי זיך אויך זעצן צום טיש עסן, אָדער עסן באַזונדער אין קיך. זי האָט זיך געשעמט זעצן זיך אַליין מיטן באַלעבאָס צום טיש.

באַלד אָבער האָט ער אַ רוף געטאָן:

— ציפּע, פאַרוואָס גייסטו גאָרניט אַרויס עסן?...

ציפּע האָט גענומען איר טעלער און אַוועקגעזעצט זיך ביים ברעג טיש. זי האָט געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזן אין טעלער און געפילט, ווי שווער עס גייען איר אַראָפּ די ביסנס... ריפקין אָבער איז געווען באַזונדערס אויפגעלייגט: ער האָט גערעדט, געוויצלט זיך און שטאַרק געלויבט דאָס עסן.

ציפּע האָט זיך דערפילט דרייסטער און אויפגעהויבן די אויגן. זי האָט געפילט, ווי די פריערדיקע שרעק פאַר זיין אַליין מיט ריפקינען ווערט ביס־לעכווייז פאַרשוואונדן און אָנשטאָט דעם הייבט זי זיך אָן פילן רואיקער און וויניקער באַצוואונגען.

ריפקין האָט גענומען די צייטונג און ציפּע איז אַוועק פאַרענדיקן די אַרבעט.

ערשט פאַרנאַכט צו, ווען זי האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט, איז זי ווידער אַרויס אויפן פּאָרטש. ריפקין האָט אויפגעהויבן די אויגן פונעם בוך, וואָס ער האָט געלייענט, אַ זאָג געטאָן אַזוי ווי פאַר זיך: — נו, וואָס, שוין איב־גאַנצן פאַרענדיקט? — און איידער זי האָט נאָך געענטפערט, האָט ער ווידער אַריינגעטאָן די אויגן אינם בוך. באַלד אָבער האָט ער עס פאַר־מאַכט מיט אַ מינע, ווי איינער זאָגט: „נו, ביז מאָרגן וועט זיין געגנוג"... און אַוועקגעלייגט דאָס בוך אין אַ זייט. ער האָט געפרעגט ציפּען ווי עס גע־פעלט איר דער פּלאַץ און צי זי דענקט, אַז דאָ וועט איר די אַרבעט זיין לייכטער. ציפּע איז אויפגעמונטערט געוואָרן פונעם לייכטן, שטוביקן טאָן

און דערפילט זיך אויך לייכט און היימיש. זי האָט פריי געענטפערט אויף זיינע פראַגן, קוקנדיק אים טיילמאָל אפילו גלייך אין די אויגן.

עס האָט אָנגעהויבן ווערן פאַרנאַכט. די זון האָט זיך געזעצט פון וויטנס און שטילע שאָטנס זיינען געפאַלן פון די בערג און איינגעהילט די לופט אין ווייכקייט און פאַרקלערטקייט. ביידע זיינען געזעסן און שטיל געשוויגן. דאָס גראָז, וואָס איז ערשט מיט אַ טאָג צוריק אָפּגעשניטן גע־וואָרן, האָט געשמעקט פריש און פאַרשיכורנדיק. ציפּען האָט זיך אָנגע־הויבן דרייען דער קאָפּ. זי האָט געוואָלט אַריין אינעווייניק, אָבער זי האָט ניט געפילט קיין כּוח אָפּצורייסן זיך פון שטול און פון דער פאַרשי־כורטקייט. ריפקין איז געזעסן און שטיל פאַר זיך אונטערגעברומט אַ ניגון. עס האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל.

ריפקין האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול אַריינצוגיין אינעווייניק. אָבער פּלוצלונג, ווי באַקלערנדיק זיך, האָט ער זיך פאַרקערעוועט צו ציפּען. ער איז געבליבן שטיין אַ סעקונדע און פּלוצלונג אָנגענומען איר באַק מיט צוויי פינגער און זי שטאַרק אַ קניפּ געטאָן.

ציפּע האָט דערשראָקן זיך אַ בויג געטאָן אויף צוריק. זי האָט לייכט, מיט דרך־ארץ, אַ ריס געטאָן די באַק פון זיינע פינגער און פאַרשטעלט עס מיט דער אייגענער האַנט.

— שרעק זיך ניט, טאָכטערל, עס וועט דיר גאָרניט שאַטן . . . — האָט ריפקין גוט־פאָטערלעך געזאָגט און איז אַריין אין באַנגעלאָ.

ציפּע איז געבליבן זיצן מיט אַ מאָדנעם געפיל: אי עס האָט זי דער־שראָקן די אומגעריכטקייט, אי עס איז איר אָנגענעם געווען פון זיין באַ־רירונג.

באַלד האָט זיך דערהערט זיין שטימע פון אינעווייניק:

— נו, ציפּע, גיי בעט אויס. שוין צייט צו גיין שלאָפן.

ציפּע האָט זיך פון די ווערטער אַ צאַפּל געטאָן. זי האָט געפילט, ווי דאָס בלוט שלאָגט איר צום קאָפּ און די פיס ווערן איר געליימט. איר איז שווער געווען זיך צו רירן פון אָרט.

ענדלעך האָט זי זיך אויפגעהויבן און איז אַריין אין קיך. זי האָט מורא געהאַט אויפצוהויבן די אויגן, כּדי זיך ניט אָנצוטרעפן מיט ריפקינס. צום גליק איז ער אַריין אין וואַש־צימער זיך אַרומצוואַשן פאַרן שלאָף.

זי האָט אויסגעבעט זיין געלעגער, פינצטער געמאַכט אין קיך און שטיל זיך געלייגט אין איר בעט.

זי האָט מורא געהאַט צו אָטעמען און זיך צוגעהערט צום קלאַפּן פון אייגענעם האַרץ. אַ מאָדנע אויפרעגונג האָט זי אָנגעפילט און אַ שוואַכקייט

האָט זיך צעגאָסן איבער איר קערפּער. זי איז געלעגן אין שרעק און דער־וואַרטונג.

זי האָט געהערט ווי ריפּקין טוט זיך אויס און לעשט אויס דעם לאָמפּ. איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט זיך שוין געלייגט. אַ ווײַלע איז געווען שטיל. פּלוצלונג האָט די טיר פון קיך אַ סקריפּע געטאָן. אין דער פינצטער האָט זיך באַוויזן ריפּקינס הויכע פיגור און גרויער קאָפּ. ער האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר מיט זיכערע טריט זיך דערנענטערט צו איר בעט.

—וואָס ווילט איר, מר. ריפּקין? — האָט ציפּע ציטערנדיק אויס־גערופן, — וואָס ווילט איר טאָן?

— וואָס איך וויל? — האָט ריפּקין אין דער פינצטער געלאַסן גע־זאָגט, — פאַרשטייסט ניט, קינד? איך וויל דיך...

— גייט אַרויס, מר. ריפּקין, איך בעט אײַך... איך וויל נישט...

אָבער ריפּקין האָט ניט געלייגט קיין אַכט אויף אירע רייד. ער איז קענטיק געווען אַנטשלאָסן זיינס צו דערגרייכן...

ציפּע האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט שוואַך און ווילנסלאָז און אומפעאיק זיך קעגנצושטעלן. זי האָט זיך געפּרואווט ווערן, אָבער די כוחות אירע האָבן זי שנעל פאַרלאָזן. איר באַהאַלטענע שוואַכקייט צו ריפּקינען האָט אין דעם אַרויסגעהאָלפן...

ריפּקין איז איצט געווען איר צווייפאַכער באַלעבאָס.

די „רויטע פליאַמע"

דער טאָג פון זיין געבוירן האָט אין שטוב קיין שמחה ניט אַריינ־געטראָגן און ביי קיינעם קיין פרייד ניט אַרויסגערופן. פאַרקערט, אין שטוב האָט זיך פון דעמאָלט אָן אַ טרויער באַזעצט און אויף יעדנס פנים האָט זיך אויסגעלייגט אַ וואָלקן.

די ערשטע וואָס האָט אים דערזען, ווען ער האָט זיך אויף דער ליכטי־קער וועלט באַוויזן, איז געווען די „באָבע". ווען זי האָט אים דערזען, איז זי דערשראָקן אָפּגעשפּרונגען און איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אין פאַר־לעגנהייט. באַלד אָבער — זיך אָננעמענדיק מיט מוט — איז זי צוריק צוגעגאַנגען, פאַרוואונדערט זיך איינגעקוקט און טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

זי האָט מיט אַן אומעטיקן קול אָפּגעגעבן דער קינפּעטאָרין און די שטוביקע „מזל טוב" און אָנגעזאָגט, אַז עס איז געבאָרן געוואָרן אַ ייִנגל.

צוערשט האָט קיינער גאָרנישט באַמערקט און פאַרשטאַנען, כאָטש אַלע זיינען געוואוינט געווען, אַז די „באָבע" זאָל אָנזאָגן די בשורה פון געבאָרן אַ ייִנגל מיט אַ באַזונדער קול, מיט איר באַזונדערס־פריילעכן אויסגעשריי. שפּעטער אָבער האָט מען אָנגעהויבן באַמערקן אַ מאָדנעם טרויער אין אירע באַוועגונגען און אַ מאָדנע באַקלעסיקייט אין אירע ענטפערס.

די ערשטע האָט זיך געכאַפּט דער קינפּעטאָרינס מוטער, ביי וועמען די „באָבע" האָט „אָפּגענומען" אַלע דרייצן קינדער, וואָס זי האָט געהאַט, און וועמעס געוויין זי האָט זייער גוט געקאַנט. זי האָט דערשראָקן אָנגע־כאַפּט די „באָבע" פאַרן האַנט און אויסגעשריען: — „זעט, עפּעס געפעלט מיר ניט היינט אייער באַנעמונג. אפשר איז דאָס קינד ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין, אָדער מיט דער קינפּעטאָרין איז, חלילה, עפּעס ניט גוט? זעט, זאָגט מיר..."

מען האָט דער „באָבען" לאַנג ניט געדאַרפט בעטן. זי האָט בלויז צוגעגרייט אַ ביסל די שטוביקע און דאַן אַריינגעטראָגן דאָס קינד און גע־וויזן זיי. אַן אויסגעשריי פון שרעק האָט זיך ביי אַלעמען אַרויסגעריסן און אויף אַלעמענס פּנימער האָט זיך אָנגערוקט אַ טרויער. מען האָט זיך שטיל און דערשראָקן איבערגעקוקט און געבליבן שווייגן. פון דעמאָלט אָן איז שוין דער טרויער אַזוי פאַרבליבן אין שטוב.

מען האָט זיך נאָכדעם לאַנג מישב געווען, וואָס טוט מען מיט דער קינפּעטאָרין אַליין. זי איז געווען אָפּגעשוואַכט נאָכן לאַנגן און שווערן

„האָבן“, און יעדער איינער האָט מורא געהאַט, אַז די שלעכטע בשורה קאָן איר פאַרשאַטן. ווען זי איז אָבער עטוואָס געקומען צו זיך און אָנגעהויבן מאָנען, מען זאָל איר ווייזן דאָס קינד, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז סיי־ווי וועט עס לאַנג אויסבאַהאַלטן פון איר ניט זיין מעגלעך — און מען האָט זי דעריבער אָנגעהויבן צוביסלעך צוגרייטן צו דעם. און ווען זי האָט שוין האַלב דעם אמת געוואוסט, האָט מען איר עס געוויזן.

ביי דער מוטער האָט זיך אַ ליידנדיקע ווייטאָגדיקע גרימאַסע אויס־געגאָסן, אַ טיפער און שאַרפער צער האָט פון די אויגן אַרויסגעקוקט, און זי האָט זיך אָפּגעדרייט פון דעם און איבערגעקערט אויף דער צווייטער זייט.

אין שטוב איז אַ שטילקייט אַריינגעטראָטן און עס האָט זיך געפילט ווי ביי אַ קינפּעטאָריך, וואָס האָט אַ טויטע קינד געבאָרן. אַלץ האָט זיך געדרייט נאָר אַרום דער מוטער, אַזוי ווי דאָס ניי־געבאָרן באַשעפעניש וואָלט גאָר־ניט עקזיסטירט. בלויז דאָס דינע קוויטשיקע קולכל, וואָס האָט זיך פון צייט צו צייט אַרויסגעטראָגן פונעם האַלב־פינסטערן אַלקער, האָט דערמאָנט אינעם צוגעקומענעם נפש אין הויז און אויסגעשפּרייט אויף אַלעמענס פּנימער נאָך אַ גרעסערן טרויער און נאָך אַ גרעסערע שרעק.

מען האָט די שכנים און פריינט, וואָס זיינען געקומען אָפּגעבן „מזל־טוב“, אויפגענומען קאַלט און גלייכגילטיק. צום ברית האָט מען אויך קיין גרויסע צוגרייטונגען ניט געמאַכט, און ביי דער שמחה האָבן זיך אַלע געפילט אַזוי שווער און אָנגעצויגן, ווי ביי אַ בר־מנן, וועלכער איז צוליב שבת געבליבן ליגן צו־לאַנג אין שטוב, און וועלכן מען וואָלט שוין וואָס פריער געוואָלט ברענגען צו זיין רו.

דאָס קינד איז געבליבן אין שטוב און געלייגט זיך אויף איר ווי אַ שווערקייט. עס איז געווען דאָ ווי אַן איבעריקע זאַך, וואָס פאַרשאַפט אַרום זיך בלויז טרחא און אויפרעגונג, און רופט דעריבער אַרויס צו זיך אַן אָפּנעם כעס און ניט־באַהאַלטענע פיינטשאַפט. אַזעלכע געפילן האָבן געהאַט צו דעם אַלע אין שטוב, און אַזוי האָט אויך געפילט צו דעם אפילו די מוטער.

ביי איר, ביי דער מוטער, איז די באַציאונג צום קינד אַנטשטאַנען נאָך קענטיק דעמאָלט, ווען זי האָט עס צום ערשטן מאָל דערזען. ווארעם קיין איין מאָל זינט דעמאָלט האָט זי ניט געפילט צו אים יענע צערטלעכע זאָרגפעליקייט, וואָס אַ מוטער פילט געוויינלעך צו איר ניי־געבאָרן קינד אין די ערשטע חדשים, און יענע וואַרעמקייט און ווייכקייט, וואָס אַ מענטש פילט צו אַ קינד בכלל.

זי האָט גלייך פון אָנהייב דערפילט צו דעם אַ קאַלטקייט און אַ פרעמד־

קייט, וועלכע האָבן זיך אויסגעדריקט אין יעדער באַציאונג צו אים. זי האָט דערפילט אַ שווערקייט פון דעם, וואָס האָט זי געמאַטערט און גע־דריקט. זי האָט אָבער מורא געהאַט צו אָנערקענען דאָס און צו מודה זיין זיך אין דעם. זי האָט געטראַכט, אַז דאָס וועט מיט דער צייט אַריבער־גיין. עס איז אָבער נישט געווען אַזוי. פאַרקערט. וואָס ווייטער איז איר קאַלטקייט און פרעמדקייט צו דעם געוואַקסן אַלץ מערער, איר צוגעבונדנקייט איז געוואָרן אַלץ שוואַכער, און ענדלעך האָט זי דערפילט, אַז זי קען זיך מער ניט באַהערשן און מוז זיך פריי איבערגעבן אירע געפילן.

זי האָט פלוצלונג דערפילט, אַז זי האָט פיינט דאָס באַשעפעניש און קען ניט פאַרטראָגן זיין שייכות מיט איר. אַז יעדער געשריי פון דעם און יעדער צאַפל רעגט זי אויף און רופט אַרויס ביי איר אַ געפיל פון כעס און עקל. זי האָט דערפילט אַ שווערקייט פון זיך מיט דעם אין הויז און פון די מוטערלעכע פליכטן, וואָס זי האָט פאַר דעם און וועלכע זי מוז באַקומען. אינסטינקטיוו האָט זי געזוכט אַראָפּצוואַרפן פון זיך די משא און באַפרייען זיך פון איר.

עס פלעגט טרעפן, אַז זי פלעגט אַוועקגיין אויף שעהען־לאַנג, איבער־לאָזנדיק עס אַליין אין שטוב, אָדער, אויב אימעצער איז יאָ געווען, נישט בעטנדיק אַפילו אַ קוק צו טאָן אויף דעם. דאָס קינד איז מערסטנס געלעגן שטיל אין וויגעלע, ווי פאַרשטייענדיק, אַז עס איז דאָ אַ קנאַפּער יחסן...

ווען זי איז געווען אין שטוב, האָט זי זיך אויך ווייניק־וואָס אומגעקוקט אויף דעם. עס האָט געמעגט ליגן שעהען־לאַנג ניט איבערגעוויקלט און אָן זויגן, איז זי ניט צוגעגאַנגען צו דעם, סיידן דעם קינדס אומאויפהער־לעכער רייסן זיך האָט שוין אַלעמען אַרויסגעפירט פון געדולד. זי פלעגט דאַן צוגיין צום וויגעלע און מיט דער בייזקייט און האַרטקייט פון אַ שטיפ־מוטער אַריינשטופּן אים די ברוסט אין מויל, „אַנבענטשנדיק" דערביי: „נאַ, נעם און ווערג זיך מיט דעם..."

די אַנדערע מענטשן אין שטוב זיינען אויך ניט געווען בעסער צו דעם. יעדער איינער האָט געפילט, אַז אינעם וויגעלע, וואָס שטייט דאָרטן אין אַלקער, ליגט עפּעס אַ פאַרזעעניש, אַ מיאוסקייט, וואָס רופט אַרויס צו זיך אי עקל, אי מורא.

איבערהויפּט האָבן זיך געשראָקן פאַר דעם די קינדער אין שטוב. כאָטש זיי האָבן דאָס נאָך קיינמאָל גוט ניט געזען, האָבן זיי אָבער געשפּירט אַלעמענס געפיל צו דעם און פון דעם אַליין שוין געקאָנט שעפּן זייער שרעק. אינצייקערויז, אָדער אַפילו עטלעכע צוזאַמען, ווען זיי זיינען נאָר אַליין געווען אין הויז, האָבן זיי ניט געוואָגט אַריינצוגיין צו דעם און אַ קוק טאָן אויף דעם.

זייער שרעק האָט קיינמאָל קיינער ניט געפּרואווט באַרואיקן און פֿאַרטרייבן. פֿאַרקערט, נאָך טיילמאָל אויך געהאָלפֿן אונטערהאַלטן. ווען אַ קינד, למשל, האָט וואָס עס איז ניט געוואָלט פֿאָלגן, האָט מען אים געשראָקן איבערצולאָזן אַליין אין שטוב מיט דער „פּאַרזעניש", אָדער מען פֿלעגט אים שילטן צו ווערן אַזוי ווי יענער. און ווען איינער האָט זיך גאָר שטאַרק פֿאַרזינדיקט, האָט פֿאַר אַ מיטל צו באַשטראָפֿן אים געדינט דאָס אַריינוואַרפֿן אין האַלב־פֿינסטערן אַלקער און האַלטן דאָרטן אַזוי לאַנג, ביז יענעמס פֿאַרצווייפֿלטע געשרייען און זיך־פֿאַרגייענדיקער געוויין האָבן עדות געזאָגט, אַז דעם מאָל האָט ער שוין זיין „זינד" געבוגג אויסגעקויפֿט און מער וועט ער שוין אַזוינס ניט טאָן. אין גוטן מוט אַפֿילו, ווען איינער האָט זיך געקלאָגט, אַז ער האָט מורא צו בלייבן מיט דעם אַליין, האָט ער געקראָגן דעם ענטפֿער: „ווער הייסט דיר? גיי אין דרויסן..."

די קינדער האָבן אויסגעמיטן איבערצובלייבן מיט אים אַליין און בכלל צו האָבן וואָס מיט אים צו טאָן.

דאָס קינד איז מערסטנס געלעגן אין שטוב אַליין, אָבער די מוטער איז נאָך געווען צופֿרידן דערפֿון. אַ סך מאָל האָט זי געהערט הערציילן פֿון עופּהלעך, וועלכע מען האָט איבערגעלאָזן אַ ווײַלע אַליין אין הויז, און געקומען באַכדעם און געטראָפֿן זיי טויט... מען האָט געזאָגט, אַז דאָס איז פֿון אַ „לופּט", אָדער אַ „ביט־גוטן..."

זי האָט דעריבער געפּרואווט איבערלאָזן דאָס קינד אַליין אויף שעהען באַכאַנאַנד, טראַכטנדיק טיף אין האַרצן, טאָמער וועט מיט איר אויך אַ „נס" פּאַסירן... ווען זי פֿלעגט אָבער קומען צוריק, פֿלעגט זיין געוויין, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון שטוב, איר אָנזאָגן נאָך פֿון דערווייטנס, אַז מיט אים האָט „דאָס" ניט פּאַסירט...

שכנות פֿלעגן זי אַמאָל פֿירהאַלטן: „ווי לאָזט מען דאָס איבער אַן עופּהלע אַליין אין שטוב? איבערהויפּט באַך אַזאַ..." — אויף וואָס זי פֿלעגט רואיק ענטפֿערן: „נשקשה, עס האָט אים ביז איצט גאָרנישט געשאַט, און עס וועט אים אויך ווייטער ניט שאַטן..." און בשעת־מעשה פֿלעגט איר פֿאַרדריסן אויף די פֿרויען, וואָס רירן זיך צו צו איר וואונד — און, איבערהויפּט טאָקע, פֿאַר זייער נאַרישקייט...

איינמאָל האָט זי אַפֿילו געטאָן אַ זאָך, וועלכע זי האָט נאָכדעם לאַנג ניט געקענט פֿאַרגעבן זיך. זי האָט, אַזוי ווי ניט ווילנדיק, איבערגעלאָזט דאָס וויגעלע מיטן קינד לעבן דער אָנגעהיצטער וואַנט פֿונעם נאַר־וואָס אויסגעהייצטן אויוון, און איז אוועק... דעם גאַנצן וועג האָט זי געשפּירט אין האַרצן אַן אומרואיקייט און אַ שרעק, און האָט געפֿילט, ווי די פֿיס ציטערן איר. זי האָט געפֿילט, אַז זי באַגייט אַ שווערע זינד. באַלד האָט

איר דאָס האַרץ אָנגעהויבן אַזוי צו וואַרפן און צו צאַפּלען, אַז זי האָט זיך געמוזט אומקערן צוריק. זי האָט דאָס קינד געטראָפן וויינענדיק, און עס איז דאָס מאָל אויך בלויז מיט דעם אָפּגעקומען. זי איז געווען זייער צופרידן. פונדעסטוועגן האָט איר שפּעטער פאַרדראָסן אויף זיך פאַר איר שוואַכקייט און איבערגעאײַלטקייט...

אָט אַזוי האָט זי געוואָלט זיך באַפרייען פון דער משא, וועלכע איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף איר קעגן איר ווילן, און נישט געוואוסט, ווי אַזוי. זי האָט געטראַכט ביי זיך: צו וואָס דאַרף אַזאַ נפש לעבן אויף דער וועלט? — דאָך נאָר אויף וויטאָג די עלטערן און אויף שאַנדע זיך אַליין...

דאָס קינד אָבער האָט, קענטיק, ניט פאַרשטאַנען דער מוטערס געפילן און וואונטשן און פאַרגעזעצט צו לעבן. ער איז געוואָקסן אינעם האַלבפינצטערן צימער גאָרנישט ווי אים מיינט מען. און כאָטש די עלטערן האָבן געזוכט אים צו האַלטן דאָרט וואָס לענגער, האָט אָבער פאָרט געמוזט קומען אַ צייט, ווען מען האָט אים פון דאָרטן געמוזט אַרויסנעמען און אַרײַנפירן אין שטוב צווישן דער גאַנצער פאַמיליע און די איבעריקע קינדער.

די קינדער האָבן דעם נייעם ברודערל אויפגענומען מיט שרעק. די מורא און די אומקלאָרע פאָרשטעלונג, וואָס האָט זיך ביי זיי געשאַפן איבער דעם, וואָס איז געלעגן אין אַלקער, און וועלכע האָט מיט דער צייט אָנגעהויבן צוביסלעך זיך אויסוועפן, האָט צוריק אויפגעלעבט, ווי נאָר מען האָט דעם האָזיקן פון דאָרטן אַרויסגענומען און אַרײַנגעפירט אין די ליכטיקערע חדרים, אַז מען זאָל אים קענען זען פון דער נאָענט, ווי די אַנדערע קינדער.

די קינדער האָבן אים דערזען און זיינען זיך צעלאָפן אין די ווינקעלעך. זיי האָבן איצט פאַרשטאַנען, פון וואַנען עס האָט זיך ביי זיי די גאַנצע צייט גענומען די מורא צו אים און די שרעק, און האָבן פאַרשטאַנען, אַז בײדע זאַכן זיינען געווען באַרעכטיקט.

זיי האָבן דערזען, אַז דאָס באַשעפעניש, וואָס מען האָט פון אַלקער אַרויסגענומען, איז עפּעס גאָרניט אין קיין מענטשן געראָטן, כאָטש עס זעט אויס ווי אַ מענטש. עפּעס אַזאַ מאָדנעם פּנים האָט עס, ניט ווי ביי די אַנדערע קינדער און ניט ווי ביי די דערוואַקסענע, נאָר עפּעס אַזוי ווי ביי אַ חיה. עפּעס אַזאַ מאָדנע שטיק רויטקייט, אַזוי ווי אַ רויט שטיק פלייש ערשט פון יאַטקע געבראַכט, באַדעקט מער ווי אַ האַלבן פּנים זיינעם — איין באַק און די גאַנצע נאָז — און פאַרציט זיך אין דער הויך איבערן שטערן און צעגיסט זיך אונטן איבערן האַלדז, און פאַרשפּרייט זיך הינטן איבערן אויער. דאָס אויער איז אויך טונקל־רויט, ווי דאָס ציגל ביי אַ

קאָץ... און עפּעס אַזוי מאָדנע: שיר־בית האַלב־חיה און האַלב־מענטש... אי עס גלוסט זיך צו זען און איינקוקן אין דעם, אי עס ווילט זיך אַנטלויפן פון דעם און באַהאַלטן זיך...

פון דער קורצער ווײַלע, וואָס די קינדער האָבן זיך צוגעקוקט צו אים, האָבן זיי באַמערקט, אַז דאָס אויסזען פון מער ווי אַ האַלבן פּנים זײַנעם איז אַזוי מאָדנע־אַנדערש, אַזוי אומגעווײנלעך־מיאוסדיק, אַז זיי האָבן געקוקט מיט צעשראָקענע איגלעך איינע אויף די אַנדערע און ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. זיי האָבן גלײַך באַשלאָסן צו האַלטן זיך פון דער ווײַטנס און גאָרניט האָבן צו טאָן מיט אים.

שוין גלײַך פון אָנהייב דעריבער, ווי נאָר מען האָט אים אַרײַנגעפירט צו זיי, האָבן זיי זיך אָפּגערוקט פון אים און ניט געוואָלט אים אַרײַננעמען אין זייער ווינקל, און ניט געוואָלט אים צולאָזן צו זיך. נעענטער פלעגן זיי צוגיין צו אים בלויז דאַן, ווען זיי זײַנען געווען געצוואונגען דערצו אויפן אָנזאָג פון די עלטערן.

ער איז געווען ווי אַ פרעמדער אינעם צימער, ווי אַ באַשעפעניש פון אַן אַנדער מין, וואָס גייט קיינעם ניט אָן. איינער אַליין פלעגט ער זיך שאַרן איבער די ווינקלען, ווען עלנדיק אַמאָל צוקומען צו די אַנדערע קינדער, וועלנדיק אַמאָל אויך אַרײַן אין זייער חברותא. שטיל און פלינק אָבער פלעגן זיך יענע אָפּרוקן און אַרויסגנבענען זיך אומבאַמערקט אין דרויסן, אָדער אין צווייטן צימער, איבערלאָזנדיק אים איינעם אַליין אַן אַנטוישטן, אַ פאַרוואונדערטן.

ווען זיי האָבן אים אַמאָל געמוזט אויף דער גאַס נעמען, ווײַל טאַטע־מאַמע האָבן אַזוי אָנגעזאָגט, האָבן זיי אים אין אַ מיטן הייסן זומערדיקן טאָג דאָס פּנים אײַנגעדעקט און פאַרבונדן, כדי עס זאָל זיך פון דאָרטן וואָס ווייניקער אַרויסזען, אַרײַנגעשפּאַרט אין דער האַנט אַ שטיק האַרטן ברויט, אַוועקגעזעצט אין אַ זייט אויף דער זון און אַליין אַוועק ערגעץ אַנדערשוואו שפּילן. דאָס קינד איז געזעסן אומבאַוועגלעך, זיך שטיקנ־דיק פון היץ און קוקנדיק פאַר זיך מיט גרויס־פאַנאַנדערגעעפנטע, האַלב־פאַרוואונדערטע און האַלב־תמעוואַטע אויגן.

אַז עס איז אַמאָל געזעסן און געוויינט, ווײַל עס האָט עפּעס שטאַרק געוואָלט, האָט עס אַזוי געקוענט אָפּזיצן און אָפּוויינען אַ גאַנצע שעה נאָכאַנאַנד און קיינער זאָל זיך אויף דעם ניט אומקוקן — אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ער האָט אַליין ניט אויפגעהערט צו וויינען און איז אַנטשוויגן געוואָרן. און אויב אימעצער איז שוין יאָ אַמאָל צוגעקומען, האָט ער דערלאַנגט דאָס געבעטענע מיט אַזאַ כעס און מיט אַזאַ שליידער, אַז דאָס קינד פלעגט

אַ פאַרציטערטס איינדריקן זיך אין זיך, וועלנדיק אויסמיידן דעם צאָרן, און פלעגט בלייבן אין דער האָזיקער פאָזע אַ פאָר מינוט.

ווען מען איז אַמאָל געגאַנגען אין ערגעץ, האָט קיינער פון די גרעסערע אים קיינמאָל פאַר אַ האַנט ניט גענומען, און איז ער אָפגעשטאַנען, האָט זיך קיינער אויף דעם ניט אומגעקוקט און ניט אָפגעשטעלט זיך וואַרטן, ביז ער וועט אָניאָגן. ער האָט דעריבער געמוזט נאָכלויפן נאָך אַלעמען און זען ניט אָפשטיין פון די אַנדערע. און אַז ער איז מיד געוואָרן, האָט ער זיך אויך פאַר קיינעם ניט געקלאָגט, — סיי־ווי, האָט ער געוואוסט, וועט אים קיינער ניט אַרויסהעלפן.

אָט אַזוי האָבן זיך באַצויגן צו אים זיינע ברידערלעך און שוועס־טערלעך. די אַנדערע קינדער פון גאַס האָבן אים נאָך מער פיינט געהאַט. זיי האָבן געוואוסט, אַז ער איז אַ „פאַרזעעניש“, אַ „צרה“, און פלעגן זיך אָפרוקן פון אים. די מאַמעס אין דער היים האָבן זיי אָנגעזאָגט ניט צו שפילן זיך מיט אים און ניט צו זיצן לעבן אים, האָבן זיי נאָך דערביי אויך גוט אָנגעשראָקן, — פלעגן זיך די שוואַכערע קינדער דעריבער צעלויפן, ווי נאָר ער פלעגט צוקומען צו זיי, און די שטאַרקערע און עלטערע פלעגן אים אַוועקטרייבן פון זיך און ניט לאָזן שטיין אַפילו פון דער וויטנס. דאָס קינד פלעגט זיך שטילערהייט אָפרוקן פון אַלעמען און אַ שווייגנדיקער זיך זעצן איינער אַליין און קוקן אין דער וויטנס מיט גרויסע פאַרוואונדערטע אויגן.

ווען ער איז עלטער געוואָרן און עס איז צייט געוואָרן אים אָפצוגעבן אין חדר, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר אים נייע צרות. די מלמדים האָבן זיך געקווענקלט אים אַריינצונעמען און האָבן עס אָפן אַרויסגעזאָגט פאַר זיין מו־טער אים אין די אויגן. זיי האָבן קענטיק פאָרויסגעזען, אַז קיינער וועט ניט וועלן גיין צוזאַמען מיט אים אין איין חדר. און ניט אַזוי די קינדער, ווי די מאַמעס זייערע. די מאַמעס וועלן געוויס ניט וועלן האַלטן זייערע קינדער צוזאַמען מיט אַזאַ „פאַרזעעניש“ און אַזאַ „אומגליק.“

און די מלמדים האָבן גאָר קיין טעות ניט געהאַט. וואָרעם, טאָמער האָט ווער פון זיי זיך געלאָזט איבעררייִדן און צוגענומען אים אין חדר צו זיך, אַזוי גלייך האָבן זיך אָנגעהויבן צעלויפן פון דאָרט די אַנדערע קינדער. אין אַ קורצער צייט פלעגט צעפאַלן ווערן כמעט דער גאַנצער חדר. אַ סך מאָל האָבן די קינדער אַליין ניט געוואָלט גיין, און אַ סך מאָל האָבן די מאַמעס זיי אַרויסגענומען. איניקע מוטערס האָבן מורא געהאַט אָנצוגעבן די אמתע אורזאַך, ניט וועלנדיק זיך „פאַרטשעפען“ מיט אַ „קאַליקע“, אַ

„גאַטס־שטראָף." אַנדערע אָבער פֿלעגן זיך גאָרניט שעמען און גאַנץ אָפֿן זאָגן דעם רבין, פֿאַרוואָס זיי נעמען פֿון אים צו די קינדער זייערע.

דער רבי האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און געמוזט אים אַרויס־שיקן. בפֿרט נאָך, אַז אים איז סיי־ווי ניט אָנגעגאַנגען צו האָבן אים ביי זיך. אַחוץ די ערגערניש און עגמת־נפֿש, וואָס די אַנדערע קינדער האָבן אים אָין איין טרייבן פֿון זיך און רופֿן מיט פֿאַרשיידענע נעמען, איז אים אַליין אויסגעקומען בייצוקומען אין זיך אַ שטאַרקן ווידערגעפֿיל צום קינדס פּנים, יעדעס מאָל וואָס ער האָט אים אַניהערגעזעצט לעבן זיך און גענומען מיט אים לערנען.

און אַזוי האָט אין רבי נאָכן צווייטן געמוזט שיקן רופֿן זיין מוטער און בעטן זי אַרויסנעמען אים פֿון זיין חדר.

ניט איין מאָל איז אים דעמאָלט אויסגעקומען צו זען, ווי זיין מוטער האָט געוויינט, גייענדיק מיט אים אַזוי פֿון חדר, און ניט איין מאָל האָט זי דאַן געלאָזט אויסגיסן אויף אים איר ביטער האַרץ, טענהנדיק צו אים, צו וועלכע צרות אויף איר קאָפּ האָט ער געדאַרפֿט געבאָרן ווערן, און וואָס ווערט זי, און ער אַליין, האָבן פֿון דעם, וואָס ער לעבט, אַז ער איז אַזאַ אומגליקלעכער . . .

ער האָט געהערט און ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס מען וויל פֿון אים. וואָס טוט ער ווענען, און וואָס וויל מען פֿון אים? פֿאַרוואָס וויל אים דער רבי ניט האַלטן אין חדר? און פֿאַרוואָס רוקן זיך אַלע קינדער אָפּ פֿון אים און אַנטלויפֿן פֿון אים? און פֿאַרוואָס וויינט די מאַמע, שרייט אויף אים און רופֿט אים „אומגליקלעכער"? ער האָט געטראַכט מיט זיין קינדערשן קעפּל און מיט זיין עלנטער הילפֿלאָזיקייט און נישט געקענט פֿאַרשטיין.

אָבער פּלוצלונג האָט זיך אין אים עפּעס אָנגעהויבן צו וועקן. צוערשט נעבלהאַפֿט און ניט קלאָר, אָבער וואָס ווייטער אַלץ קלאָרער און דייטלעכער. וואָס ווייטער, אַלץ מער און מער האָט ער אָנגעהויבן צו זען און פֿאַרשטיין. ער האָט אָנגעהויבן צו זען זאַכן, וועלכע ער האָט ביז איצט ניט באַמערקט, און אַ סך זאַכן, וועלכע ער האָט ביז איצט ניט פֿאַרשטאַנען, האָבן פֿאַר אים אָנגעהויבן צו ווערן איצט קלאָרער און פֿאַרשטענדלעכער. ער האָט פּלוצלונג דערפֿילט איצט דעם אונטערשייד אין דער באַציאונג פֿון די עלטערן צו זיך און צו די אַנדערע קינדער אין שטוב, און די באַציאונג פֿון די קינדער צו אים און צו אַלע אַנדערע.

ער האָט מיטאַמאָל דערפֿילט, אַז ער איז אַנדערש פֿון אַלע אַנדערע. אַז דער פּנים זיינער, וואָס זעט אויס אַנדערש ווי ביי אַלע אַנדערע מענטשן, איז די סיבה פֿון דער אַנדערשדיקער באַציאונג צו אים. און כאָטש ער אַליין האָט ניט געפֿילט קיין שרעקלעכעס אין זיין פּנים און ניט געשפּירט

צו אים קיין כעס דערפֿאַר, האָט ער אָבער געפֿילט, אַז דאָס איז דער קוואַל פֿון אַלע זיינע יסורים, און דאָס איז די סיבה, וואָס די מאַמע און אויך אַלע אַנדערע רופֿן אים „אומגליקלעכער.״

ער האָט מיטאַמאָל פֿאַרשטאַנען, און צוזאַמען מיט דעם אויך דער־פֿילט, אַ שטילן ווייטאָג אין האַרצן און אַ נישט־אַנגענעמע ביטערקייט. עס האָט זיך דורכגעטראָגן אין אים ווי אַ לייכטער שטורעם, וועלכער האָט געלאָזן אַ שטילן צייכן נאָך זיך און איז באַלד פֿאַרשוואונדן.

ער איז געבליבן איצט זיצן אין שטוב איינער אַליין: אָן פֿריינט, אָן חברים און אָן קינדער מיט וועמען צו שפּילן. אין קיין חדרים מער האָט אים שוין די מאַמע ניט געשיקט, ווייל סיי־ווי האָט זי געוואוסט, וועט מען אים דאָרט לאַנג ניט האַלטן. האָט זי אים געלאָזן פֿריי אַזוי. פֿון אַלע קינדער אין שטוב איז ער איינער געבליבן זיצן אין דער היים.

ער איז געבליבן איצט איינער אַליין. צו זיין אַליין מיט זיך, צו זיין אָפּגעטריבן פֿון אַנדערע, איז פֿאַר אים קיין נייס ניט געווען, און ער איז שוין געוואוינט געווען דערצו. דעם מאָל אָבער האָט דאָס בלייבן אינגאַנצן אַליין, דאָס אַרויסגעשיקט ווערן פֿון חדר, געמאַכט אויף אים אַ באַזונדערן איינדרוק. די באַזונדערקייט פֿון זיין לאַגע, וועלכע האָט נאָך אָנגעהויבן צו ווערן פֿאַר אים קלאָרער פֿון פֿריער, האָט אים איצטער שטאַרקער אָנ־געהויבן צו דריקן און מערער ווי טאָן זיין יונג קינדעריש הערצל. עס האָט זיך אַרויפֿגעלייגט אויף אים ווי אַ שווערע משא. דערצו נאָך האָט זיך אַ ניי אומגליק אָנגערוקט אויף אים, וואָס האָט אים אינגאַנצן צעררייצט און ביז געמאַכט און אַרויסגעפֿירט פֿון זיין פֿריערדיקער קינדערשער גלייכגע־וויכט.

די גאַס, וואָס איז פֿון דעם ערשטן טאָג אָן געווען צו אים אומפֿריינטלעך און פֿאַרשאַפֿט אים ליידן און ווייטאָג, האָט קענטיק געוואָלט אַרויסברענגען איר פֿיינטשאַפֿט צו אים דורך אַיין גרויסער באַליידיקונג, וואָס זאָל אויף שטענדיק אַרויפֿלייגן אויף אים אַ שטעמפּל פֿון זיין שאַנדע און זאָל אים שטענדיק דערמאָנען און ווי טאָן. האָט זי געטאָן אַזוינס, וואָס קיינער האָט נאָך ביז איצט ניט געטאָן מיט אים: זי האָט אים אַ ניים נאָמען צוגעגעבן — אַ נאָמען, וואָס זאָל זיין שאַנדע קלאָרער אָפּשפּיגלען — וועלכער האָט שנעל דעם אַלטן פֿאַרביטן און אָנגעהויבן זיך נאָכשלעפּן נאָך אים ווי אַ מיאוסער פֿלעק.

אַ דערוואַקסענער האָט איינמאָל, וועלנדיק שטאַרקער באַליידיקן אים, געוואָרפֿן דעם צונאָמען „רויטע פּליאַמע״ צו אים. די ווערטער זיינען ווי אַ שטיין אַראָפּגעפֿאַלן צווישן די קינדער, וועלכע האָבן זיי גלייך אויפֿגע־

כאַפּט און געצומען זיי נוצן, כדי צו רייצן זיך מיט אים און שטאַרקער אויפ־רעגן. צוערשט איז דאָס אַ שפּילכל ביי זיי געווען, שפּעטער איז דאָס זיין שטענדיקער נאָמען געוואָרן.

די ערשטע צייט האָט ער זיך געמאַכט ווי נישט־הערנדיק און נישט־פאַרשטייענדיק, פאַרביילאַזנדיק די ווערטער פאַרביי זיינע אויערן כלומרשט גלייכגילטיק, נאָר פילנדיק, ווי זיי רעגן אים אויף און צינדן אים אָן. וואָס ווייטער אָבער, אַלץ מער האָט ער אָנגעהויבן רעאַגירן אויף דעם און אַרויס־ווייזן זיין צערייצטקייט מיט דעם. ער האָט אָנגעהויבן זיך וואַרפן שלאָגן צו יעדן קינד, וואָס האָט אים מיט דעם נאָמען באַליידיקט. אָבער אויך דאָס האָט ניט געהאָלפן. פאַרקערט. וואָס מער די קינדער האָבן געפילט זיין צערייצטקייט, אַלץ מער הנאה האָט עס זיי פאַרשאַפט צו רייצן זיך מיט אים און מיט דעם צונאָמען אים צו רופן.

אינגיכן איז דער נאָמען געוואָרן אַזוי באַקאַנט צווישן די קינדער, אַז ער איז שוין מערניט געווען אימשטאַנד צו קעמפן קעגן אים. און ווען אויך די דערוואַקסענע האָבן אים אָנגעהויבן מיט דעם נאָמען צו באַצייכענען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ווייטער קעמפן וועט זיין נוצלאָז, ווייל עס וועט סיי־ווי צו גאָרנישט פירן, און ער האָט זיך דערפילט באַזיגט. ער האָט דעם קאַמף אויפגעגעבן, אָבער אין האַרצן האָט ער געפילט אַ ביטערניש און אַ האַס צו די אַלע, וואָס האָבן אים אַזוי באַליידיקט. ער האָט מער קיינעם גאָרנישט געטאָן און גאָרנישט געזאָגט, אָבער ביי יעדעס מאָל אָנרופן אים מיט דעם נאָמען, האָט ער געפילט, ווי עס גיט אים אַ דריק אין האַרצן און אַ שטאָך ווי מיט אַ נאָדל.

ער האָט מער אויפן גאַס ניט געקאָנט גיין. דאָס רייצן זיך פון די קינ־דער מיט אים פלעגט אים אַזוי אויפרעגן און אַריינברענגען אין אַזאַ כעס, אַז ער האָט געפילט, אַז ער איז גרייט אין יענער מינוט אָפּצוטאָן דאָס ערגסטע, אַפילו צו טויטן איינעם פון זיי. ער האָט דעריבער אויסגעמיטן אָפּטער צו גיין אויף דער גאַס און געקוקט אויף איר ווי אויף איינעם פון זיינע גרעסטע שונאים און גרעסטע באַליידיקער.

אָבער אויך אין שטוב האָט ער ניט געקאָנט זיצן. ער האָט זיך גע־פילט דאָרט פרעמד און ניט־היימלעך, ווי אין אַ פרעמדן ניט־געבעטענעם פּלאַץ. ער האָט ניט געהאַט מיט וועמען צו ריידן און מיט וועמען צו שפּילן זיך. די ברידערלעך האָבן זיך געהאַלטן ווייט פון אים און געקוקט אויף אים, ווי אויך אַ מיאוסן פלעק, וואָס האָט זיי נאָר פאַרשעמט און קלענער געמאַכט אין די אויגן פון זייערע חברים. און כאָטש זיי האָבן אים ניט אַזוי באַליידיקט ווי אַנדערע און זיין מיאוסקייט אים קיינמאָל ניט פאַרגע־וואַרפן, האָט אָבער זייער שטענדיקער אָפּרוקן זיך פון אים און זייער שטענ־

דיקער האַלטן זיך פונדערווייטנס פון אים, שטאַרק געדריקט אים און טייל־מאָל ניט־ווייניקער אויפגערעגט, ווי דאָס רייצן זיך מיט אים פון די קינדער אין גאַס.

די מוטער האָט אויך צו זיך קיין בעסערע געפילן ניט אַרויסגערופן ביי אים. כאָטש זי האָט זיך אין איר באַציאונג צו אים אַזוי ווי איינגעשטילט, געוואָרן רואיקער און מער אַזוי אָפּט מיט קיין טענות צו אים ניט אַרויסגע־טראָטן: „צו וואָס ער איז געבאָרן געוואָרן אויף דער וועלט?" — האָט ער אָבער געפילט אין האַרצן ביי איר אַ קאַלטקייט צו זיך און אַ ווייטקייט, און צייטנווייז, אַפילו אַ פיינטשאַפט און כעס. דער אונטערשייד אין די באַציאונ־גען פון דער מוטער צו אים און די אַנדערע קינדער האָט זיך שטאַרק גע־וואָרפן אין די אויגן און געלאָזט מערקן זיך אויף יעדן טראָט: סיי אין ריידן, סיי אין עסן געבן, און סיי אין אויפמערקזאַמקייט בכלל... ער האָט דעריבער געפילט צו איר ניט קיין קלענערע קאַלטקייט און פרעמדקייט ווי צו די קינדער אין הויז און געטראָגן אין האַרצן אויף איר אויך ניט קיין קלענערן כעס און קלענערע שנאה.

ער האָט אין שטוב מער ניט געקאָנט זיין און געמוזט זוכן פאַר זיך אַ נייעם ווינקל, אַ נייעם פּלאַץ, וואו ער זאָל זיך פילן אַליין און פון קיינעם ניט אויפגערייצט, און וואו ער זאָל קאָנען אָפּרוען זיין צערעגטן גייסט. אַזאַ אָרט האָט ער אינגיכן געפונען.

וויט פון זייער הויז, הינטערן שטאָט, וואו די גאַסן האָבן זיך געענ־דיקט, האָט זיך אַ פעלד געפונען באַוואַקסן מיט גראָז. די בעלי־העגלות פלעגן יעדן אויפדערנאַכט ברענגען אַהין צופירן זייערע פערד און איבערלאָזן ביז אינדערפרי, און בייטאָג פלעגן זיך פּאַשען דאָרט קי פון די אַרומיקע שכנים, ווי אויך פערד וואָס זיינען צופעליק געווען פריי דעם טאָג פון אַרבעט. אָט דאָס פעלד האָט ער זיך געמאַכט פאַר זיין מקום מנוחה און אַהער פלעגט ער קומען אָפּרוען זיך און אָפּליגן דאָ אַ גאַנצן טאָג.

עס איז געווען דאָ שטיל און קיינער האָט אים דאָ ניט געטשעפּעט. די קי און די פערד פלעגן לאַנגזאַם און פויל גריזשען דאָס מאָגערע גראָז און ער פלעגט ליגן אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן האַנט, אָדער אויף אַ ביי־דעריקן בערגל, און קוקן אויף זיי, אָדער פאַר־זיך אין דער ווייטנס, און איינהערן זיך אין דער שטילקייט אַרום. די פרישקייט פון דער לופט און די שטילקייט פונעם פעלד און פון די בהמות האָט זיך זייער געפּאַסט צו זיין געמיט און פלעגט אים באַרואיקן און אויפמונטערן.

דאָ האָט ער זיך געפילט אינגאַנצן פריי. קיינער האָט זיך ניט גע־רייצט דאָ מיט אים, קיינער האָט אים ניט באַליידיקט, און דאָ האָט ער

ניט געפילט קיין אונטערשייד צווישן זיך און אַנדערע. די וואַרעמקייט פון דער זון און די גרינקייט פונעם פעלד, און דאָס לייכטע רואיקע ווינטל, פלעגן אים אַזוי ווייך און שטיל גלעטן, אַזוי וואַרעם און ליבלעך, ווי ער האָט דאָס נאָך קיינמאָל ביז איצט ניט געפילט. די בייזקייט און צערייצטקייט פון דער היים און פון דער גאַס פלעגן דאָ ווייכער ווערן און טיילמאָל אינגאַנצן פאַרשווינדן. ער פלעגט זיך דערפילן לייכט און גוט, און אין האַרצן פלעגט ער דערפילן אַ מילדע גלעטנדיקע וואַרעמקייט.

נישט איינמאָל איז אים אויסגעקומען צו זען אויפן גאַס מאַמעס, וואָס פלעגן נעמען די קינדער צו זיך אויפן שויס און טוליען זיי צו זיך און דריקן צו זייער האַרצן, און קושן און גלעטן זיי ווייך און ליב. ער פלעגט מקנא זיין יענע קינדער און קוקן אויף זיי פון דער ווייטנס מיט אָנגעצוגענע אייגלעך און מיט אַ מאָדנער בענקשאַפט אין האַרצן. אין קינדערשן הערצל פלעגט ניט דרייסט אויסוואַקסן אַ פאַרלאַנג צוגיין צו דער מאַמען און בעטן זי, זי זאָל אים אויך אַזוי אַרויפזעצן צו זיך אויפן שויס און טוליען און דריקן צו זיך. ער פלעגט דאָס אָבער ניט טאָן. אַזאַ פרעמדקייט האָט ער געפילט אין דער מאַמען, אַזאַ ווייטקייט, אַז ער וואָלט דאָס קיינמאָל ניט געוואַגט. און די מאַמע אַליין האָט דאָס אויך קיינמאָל ניט געטאָן. מיט די איבעריקע קינדער — אויך זייער זעלטן, מיט אים אָבער — קיינמאָל ניט.

איצט, ליגנדיק אויפן פעלד, האָט ער דערפילט אַ באַגער נאָכצוקומען דער דאָזיקער בענקשאַפט זיינער און באַפרידיקן זיין שטענדיקן פאַרלאַנג. ער פלעגט זיך צוטוליען צו דער ערד און צודריקן זיך צו איר שטיף־שטיף, און פילן בשעת מעשה אַ מאָדנע אָנגענעמע וואַרעמקייט. אים פלעגט זיך דאַכטן דאַן, אַז אימעצער אַ האַרציקער נעמט אים אַרום און טוליעט אים צו זיך און גלעט אים און צערטלט אַזוי ווי אַ מאַמע. אַ זיסע וואַרעמקייט פלעגט אַ שמראָם טאָן פון זיין האַרצן און צעגיסן זיך איבערן גאַנצן קערפּער. אין פאַרגעסנקייט און אין זיסער איבערלעבונג פלעגט זיך אים דאַכטן, אַז די ערד איז זיין מאַמע און ער איז איר קינד. ער פלעגט איינדרימלען און אין חלום זען, ווי מאַמעס האַלטן קינדער אויפן שויס און קושן זיי און דריקן זיי צו זיך.

אָבער פלוצלונג, ווי פון עמיצן געשטויסן, פלעגט ער זיך געבן אַ כאַפּ אויף, אַ זעץ אַנידער, און מיט אָנגעכמורעטע אויגן וואַרפן בליקן אַרום זיך. אַ מאָדנער כעס פלעגט זיך צעברענען אין זיין האַרצן, אַ ווילדע אויפּ־גערייצטקייט פלעגט זיך צעגיסן איבערן קערפּער, און אין די אויגן פלעגט זיך צעפלאַקערן אַ גרייטקייט צו צערייסן די מאַמעס צוזאַמען מיט די קינדער.

דאָס פלעגט דויערן ניט לאַנג. באַלד פלעגט ער זיך ווידער אַנידער־

ליגן, שטייפער זיך צודריקן צו דער ערד, צוטוליען זיך צו אַ בערגל און באַרואיקן זיך.

מיט די פערד און קי האָט ער געלעבט פריינטלעך. קיינער פון זיי איז פון אים ניט אַנטלאָפן און מיט גאָרנישט אַרויסגעוויזן אים, אַז ער איז אַנדערש פון די אַנדערע. פאַרקערט. ניט איינמאָל פלעגט ער זיך אַרויפזעצן אויף אַ פערד רייטנדיק און דאָס פערד, געפּענטעטערהייט, פלעגט זיך לאָזן שפּרינגען איבערן פעלד און אָפּפירן אים אַזאַ שטיק, אַז ער פלעגט שפּעטער רחמנות קריגן אויף אים און ברענגען אים צוריק, פירנדיק פאַרן שטריקל. די קי זיינען אויך געווען גוט צו אים. ניט איין מאָל, ליגנדיק אויפן פעלד, האָט ער דערפילט הונגער. ער פלעגט דאַן צוקריכן צו איינער פון זיי, צופאַלן צו אירע אייטער און נעמען זויגן, זויגן, ביז ער פלעגט זיך אָנטרינקען און זאַט ווערן. קיינמאָל האָבן אים די קי ניט געשטערט אין דעם, אַזוי ווי זיי וואָלטן זאָגן: „פאַר אונדז איז קיין אונטערשייד ניט, צי דו מעלקסט אונדז, צי אימעצער אַנדערש...“

ער האָט זיך באַפריינדעט מיט די בהמות און געפילט זיך מיט זיי, פּונקט ווי מיט חברים. זייער רואיקייט און גוטסקייט פלעגן אַזוי ווי איבערפליסן צו אים און אויסזאַפּן די ביטערניש און באַליידיקונג, וואָס ער פלעגט מיטברענגען פון דער היים און פון דער גאַס. פלעגט אָבער קומען דער אָוונט, ווען ער פלעגט זיך דאַרפן אומקערן אַהיים, פלעגט ער פּלוצלונג דערפילן, ווי די בייזקייט און צערייצטקייט קערן זיך אום צו אים. אַ מאָדנער אומעט פלעגט נעמען דריקן און פרעסן זיין האַרץ, און פון דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט פלעגן זיך נעמען אַריינגיסן אין אים פאַרשיידענע שלעכטע געדאַנקען און געפילן און אַ פאַרביסענע שלעכטסקייט— אַ גרייטקייט אויף אַלדאָס בייז. ער פלעגט זיך אומקערן אַהיים אַ כמורנער און אַן אָנגעלאָדענער.

מיט דער צייט איז ער אַזוי באָנט געוואָרן מיטן פעלד און מיט די בהמות, אַז ער פלעגט פאַרברענגען דאָרט דעם גאַנצן טאָג און אומקערן זיך אַהיים בלויז אויף איבערצונעכטיקן. ער האָט שוין יעדעס מאָל געוואוסט, וועלכע פערד מען דאַרף אָפּפירן אַהיים אין שטאַל און וועלכע מען דאַרף ברענגען צוריק פון שטאַל אין פעלד. ער פלעגט טאָן די אַרבעט אומבאַצאָלט און האָט קיינמאָל קיין באַלוינונג פאַר איר ניט געפאָדערט און ניט געבעטן. ער האָט אַזוי ליב געקראָגן אַרומצוגיין אַרום די פערד און אַרום די קי, אַז דאָס פאַרגעניגן אַליין איז געווען זיין גרעסטע באַלוינונג.

נישט איינמאָל אָבער פלעגט טרעפן, אַז אימעצער פון די בעלי־העגלות, אָדער בעלי־בתים, פלעגט אים קעגן זיין ווילן פאָרט „באַצאָלן“. זעענדיק, ווי ער פירט זיך אַרום מיט די פערדלעך און ווי פאַרהאַוועט ער פאָרעט זיך אַרום זיי, פלעגט איינער צופעליק אַ זאָג טאָן: „זעט נאָר, קוקט נאָר אָן

„די פליאַמע״ — אַ גאַנצער מענטש גאָר...״ ער פלעגט גלייך דערפילן, ווי אימעצער וואָלט אים אַ ביס געטאָן, אָדער אַ שטאָך געטאָן, און ווי אַ פאַר־וואונדעטער, פלעגט ער זיך גלייך אַ וואָרף טאָן און לאָזן זיך לויפן אַ צע־כעסטער אַהיים. ער פלעגט קומען אַ צעטראָגענער, אַ צערודערטער, פאַר־שטעקן זיך ערגעץ אין אַ ווינקל און אָפּליגן דאָרט אַ לאַנגע צייט באַסדעם, נישט ריידנדיק מיט קיינעם און נישט ווייזנדיק זיך פאַר קיינעם.

נישט לאַנג אָבער האָט זיך געצויגן דאָס דאָזיקע גליק. איינמאָל האָט פּאַסירט אַזוינס, אויף וואָס ער וואָלט זיך גאָר קיינמאָל נישט געריכט. ווען ער האָט זיך איינמאָל איינגעבויגן און געוואָלט פּענטען אַ פערד — איינעם פון די, וועלכע ער האָט גוט געקענט — האָט יענער פלוצלונג אויפ־געהויבן דעם פוס און דערלאַנגט אים אַזאַ זעץ אין די ציין, אַז ער האָט זיך איינגאַנצן באַגאָסן מיט בלוט און איז אָוועקגעפאַלן. קוים מיט מאַ־טערניש האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַהיים געלאָפן. אַ פאַר וואָכן נאָכדעם איז ער אומגעגאַנגען מיט אַ פאַרוויקלטן פּנים און אַן אַרומגעבונדענער באַק. ער האָט נישט געוואוסט געוויס, וואָס מיט אים איז פאַרגעקומען און וואָס אויפן פּנים ביי אים טוט זיך, און פאַרוואָס דער פּנים זיינער איז אַזוי שטייף אַרומגעבונדן און אַרומגעוויקלט. אָבער פון דער מאַמעס קוקן אויף אים און פון איר בייזקייט, און פון איניקע צוגעוואָרפענע באַמערקונגען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז קיין גוטעס איז נישט פאַרגעקומען און קיין פאַרגע־ניגן דערפון וועט ער נישט האָבן. עס האָט אים געצויגן וואָס גיכער אַ קוק צו טאָן און זען, וואָס אויפן פּנים ביי אים טוט זיך. און נישט איינמאָל, ווען קיינער איז אין שטוב נישט געווען, האָט ער געפּרוּווט אָפּבינדן די שווערע באַנדן און אַ קוק טאָן. ער האָט אָבער קיינמאָל נישט געקענט צוקומען ביזן סוף און געמוזט בלייבן וואַרטן, ביז מען וועט ביי אים די באַנדן אַליין אַראָפּנעמען.

ווען מען האָט אים ענדלעך דעם פּנים אויפגעבונדן און ער האָט דערזען, וואָס דאָרטן טוט זיך, האָט אים אַזוי אויפגעדריקט ביים האַרצן, אַז ער האָט שיר נישט געחלשט און שיר נישט פאַנאַנדערגעוויינט זיך. דאָס, וואָס ער האָט דערזען איצטער, איז פאַר אים געווען שרעקלעכער, ווי דאָס, וואָס איז געווען ביז אַהער. דאָס פערד האָט אים צעקריפּלט דעם צווייטן האַלבן פּנים, דעם „גוטן״, און געמאַכט אים שוין גאַרניט ווי אין קיין מענטשן געראָטן. דער גאַנצער פּנים זיינער איז געווען איצט איין שטיק פאַרזעעניש, איין שטיק צעקריפּלונג. ער האָט דערפילט, ווי אימעצער וואָלט אויף זיינע שוואַכע פּלייצעס, וואָס האָבן שוין איין משא געטראָגן, אַרויפ־געלייגט נאָך איינע, אַ שווערערע ווי פריער, און אונטער דער לאַסט פון

בײדע בויגן זיך און ברעכן זיך, סיי די קני זײנע און סיי דער גאַנצער קער־פּער. אים האָט זיך געגלוסט װײנען, אָבער אַלעמענס פרעמדע און קאַלטע בליקן אַרום האָבן אים אָפּגעהאַלטן. ער האָט זיך בלויז אײנגעדריקט אין זיך און פאַרשטיקט דעם װײטאָג טיף אין האַרצן.

אַ שרעקלעכע ביטערקייט האָט אים פּלוצלונג אַרומגעכאַפּט. ער האָט דערפילט, ווי זײן האַרץ איז אין אײן מינוט אין אַ פּענכער מיט גאַל פאַר־וואַנדלט געוואָרן, און ווי טראָפּנווײז צעגיסט זיך פון דאָרטן דער גאַל איבער אַלע זײנע אָדערן און פאַרסמט יעדן טראָפּן בלוט זײנעם. קיינמאָל האָט ער נאָך אַזאַ װײטאָג ניט געפילט און קיינמאָל ניט אַזאַ באַליידיקונג. נישט די בײזע און פרעמדע בליקן פון די שטוביקע האָבן אים געשטאָכן, און אַפילו אויך ניט דער צווייטער האַלבער פּנים, וואָס איז איצט שוין אויך צעקריפּלט געווען, נאָר געפילט האָט ער אין דער מינוט אַן אַנטוישונג, אַ ביטערע אַנטוישונג, אין זײן לעצטן אָנשפּאַר. עפּעס אַזאַ מין געפיל האָט ער איצטער איבערגעלעבט, ווי דאָס פערד וואָלט אים מיט זײן האַנדלונג באַצאָלט פאַר דער גאַנצער צייט פון גלויבן אין זייער אַלעמענס פריינט־שאַפט צו אים, אין זייער אַלעמענס איבערגעגעבנקייט צו אים — מיט אַ הויכן געלעכטער און ביטערן חוזק; ווי דאָס פערד מיט זײן האַנדלונג וואָלט אים געוואָרנט, ער זאָל מער קיינמאָל קיינעם ניט גלויבן, און ניט גלויבן אין װעלכע עס איז פריינט פאַר זיך בכלל: נישטאָ פאַר אים אַזעלכע — ניט צווישן מענטשן און ניט צווישן חיות...

און אַזאַ רציחה האָט אים אַרומגעכאַפּט, אַזאַ ווילדער כעס, וואָס ער האָט נאָך ביז איצט קיינמאָל ניט איבערגעלעבט. ער האָט געוואָלט אַוועק־לויפן אין פעלד, אַוועקלייגן זיך אויף דער ערד און בייסן זי, קנייפּן זי, און רייסן מיט די ציין די גראָזן און ווי טאָן איר, אַזוי שטאַרק ווי טאָן, אַז זי זאָל דערפילן דאָס, וואָס ער אַליין פילט איצטער. און די פערד — דאַכט זיך, אַלע מאָל שטילע און רואיקע, גוטע און געלאַסענע — האָט זיך אים געוואָלט איצט צעטרייבן אין איין האָרדע און שטיין איבער זיי מיט בייטשן, און שמייסן זיי און כוואַשטשען, אַז דאָס בלוט זאָל פון זיי שפּריצן, און שטיין דערביי און שרייען צו זיי: אַהאַ, „שטילינקע״, אַהאַ, „גוטינקע״ — נאַט אייך... נאַט אייך פאַר אייער „גוטסקייט״...

ער האָט געהערט הינטער זיך דעם כעס און חוזק פון די שטוביקע: „נאָך דאָס האָט אים געפעלט!... צו שיין געווען ביז איצט...״ — און אים האָט זיך געוואָלט ווי אַ ווילדער חיה אַרויסרייסן זיך פון שטיג און אַנט־לויפן, לויפן ערגעץ ווייט מיט אַ ווילדן געשריי פון ווייטאָג און ביטערניש, און אין ערגעץ זיך ניט אָפּשטעלן און קיינמאָל זיך ניט צוריקקערן. ער האָט אָבער געפילט, ווי דער קאָפּ דרייט זיך אים און פאַר די אויגן שווינדלט,

און אַלץ זעט אויס, ווי איין געדיכטע שטיק פינצטערניש, וואָס פאַרשטעלט פאַר אים אַלע וועגן. ער איז געבליבן אין שטוב, פילנדיק ווי אַ שווערע, שווערע משא דריקט אויף אים און פרעסט און בויגט אים צו דער ערד.

טאַטע־מאַמע האָבן ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט אים. זיי האָבן אים געפּרוּווט נעמען צו זיך אין קראָם, אָבער נישט געקענט דאָרט לאַנג האַלטן. די פויערים האָבן זיך געמיאוסט פון אים און ניט געוואָלט נעמען פון זיינע הענט. — „וואָס פאַר אַ קינד איז דאָס ביי דיר?" — פלעגן זיי זאָגן צו זיין מוטער: — „עפּעס גאָרניט אין קיין מענטשן געראָטן, אין טיוול אַריין גיכער..." אַנדערע פלעגן זיך דערביי אויך איבערצלמען. פויערים און פויערטעס פלעגן זיך שטיל איבעררײדן: — „אָט, אַ פאַרשאָלטענער..." און עלטערע פלעגן זאָגן צו זיין מוטער: — „צופיל געזינדיקט מסתם, אַז גאָט האָט דיך מיט אַזאַ געשטראָפט..."

ער פלעגט דאָס אַלץ הערן און אין האַרצן ביי אים פלעגט אויפברויזן אַזאַ פייער, וואָס פלעגט אָנצינדן דעם גאַנצן קערפּער זיינעם און אויפקאָכן דאָס לעצטע טראָפּן בלוט אין אים. די אָדערן פלעגן זיך אָנגיסן, די ווייסאַפּלען פאַרלאָפן ווערן מיט אַ רויטקייט, און די שוואַרצאַפּלען פלעגן זיך אָנצינדן מיט אַזאַ גלאַנציקן פייער, אַז עס פלעגט קענטיק זיין, אַז אין דער מינוט איז ער גרייט אַלץ צו פאַרברענען און אַלץ צו פאַרניכטן. פון זיין גאַנצן פּנים האָט געשפּריצט מיט אַזאַ ווילדער שׂנאה און האַס, אַז עס פלעגט זיך אויסדאַכטן, אַז אָט באַלד — און ער וועט אין עפּעס אויסברעכן, אָט באַלד — און ער וועט עפּעס אָפּטאָן. ער פלעגט טאַקע קלערן אין יענער מינוט, אַז ווען ער וואָלט נאָר געקאָנט, וואָלט ער זיי אַלע פאַרברענט לעבעדיקערהייט.

ער האָט לאַנג ניט געקאָנט אויסהאַלטן און איז אַוועק פון קראָם. ער האָט אַ שפּיי געטאָן און ניט געוואָלט מער אַהין אַריינקוקן.

ער איז אַוועק צו אַ סטאָליער און געשטעלט זיך אַרבעטן. ער האָט געאַרבעט מערער מיט אימפּעט, ווי מיטן כּוח און ווילן. עס האָט געברענט אין אים אַ פייער, וואָס האָט אים ניט געלאָזט זיך באַרואיקן, און אין דער אַרבעט האָט ער זיך געוואָלט ווי פאַרטויבן און פאַרגעסן. ער האָט מיט קיינעם ניט גערעדט און קיינער האָט מיט אים ניט גערעדט. צייטנווייז פלעגט אים דאָס געלינגען און ער פלעגט זיך אַ ווײלע פילן רואיקער. באַלד אָבער פלעגט די פריערדיקע אויפגעשטורעמטקייט זיך אומקערן צוריק, נאָך מיט אַ גרעסערן אימפּעט און גרעסערער קראַפט.

און אַזוי ווי ער וואָלט פילן, אַז דאָס איז די לעצטע פּראָבע זיינע, דער לעצטער מיטל איינצוהאַלטן אין זיך די גלייכגעוויכט, האָט ער די שטאַרק־

סטע אָנשטרענגונג געמאַכט צו לעשן אין זיך דעם פייער און צו דערשטיקן אין זיך דעם ווייטאָג, וואָס האָבן זיך געריסן פון אים. ער איז געווען שטיל און איינגעשלאָסן אין זיך.

ער האָט געאַרבעט געהאָרכזאַם און אַ גאַנצן טאָג שווייגנדיק. ער איז געווען צופרידן, וואָס קיינער טשעפּעט אים ניט, און האָט געדולדיק איבערגעטראָגן אַלע שווערקייטן, וואָס מען האָט אויף אים אַרויפגעלייגט.

אָבער אויך דאָ האָט ער לאַנג ניט געקאָנט בלייבן און געמוזט אַוועק. שוין גלייך פון דעם ערשטן טאָג, וואָס ער איז געקומען אַהער, האָט ער דערפילט אַ מאָדנע פיינטשאַפט צו זיך פון דעם בעל־הבית׳ס יונגער ווייב. זי האָט אין זיין זייט קיינמאָל ניט אַ קוק געטאָן און אויסגעמיטן אַפילו אָנצוטרעפן זיך מיט אים אויפן דורכגאַנג. ער האָט דאָס געפילט און עס האָט אים געשטאָכן, אָבער ער האָט זיך באַמיט צו דערשטיקן זיין כעס אין זיך און אויסגעמיטן צו וואַרפן זיך איר צופיל אין די אויגן. עס האָט, קענטיק, ניט געהאָלפן. ווייל איינמאָל אַ פאַרנאַכט, ווען ער האָט גענומען גיין אַהיים, האָט אים דער בעל־הבית צוגערופן צו זיך און קאַלט דערקלערט, אַז מער דאַרף ער אים שוין ניט און מער זאָל ער ניט קומען. ער האָט אָנגענומען דעם בעל־הבית׳ס ווערטער, האָט גאָרנישט איבערגעפרעגט און איז אַוועק.

ער איז אַוועק אַהיים און דערפילט, ווי דער לעצטער אָנשפּאַר, דער לעצטער אָנהאַלט, וואָס האָט אים ביז איצט אויפגעהאַלטן, האָט זיך איבערגעבראָכן. ער האָט געפילט, ווי ער הייבט אָן ערגעץ צו פאַלן און זינקען, טיף־טיף אַראָפּ, אין אַן אָפּגרונט, אַ כף־הקלע. אַ מעכטיקע קראַפט כאַפּט אים אויף און טראָגט אים ערגעץ ווייט־ווייט, און וואַרפט אים אַראָפּ אין אַ פינצטערער הייל, אין אַ שלאַנגען־לאָך. און דאָרט שטרעקן צו אים אויס זייערע העלדזער און קעפּ גיגאַנטישע שלאַנגען מיט בלוטיקע אויגן, וואַרפן אַרויס זייערע צינגער און שטעכן אין אים אַריין זייערע ציין, טריפן אין אים אַריבער זייער סם און זייער גיפט, און זאַפּן אים אָן מיט זייער שיפעץ, און טרינקען אים אָן מיט זייער גאַל. און אָט ווערט ער אַליין אַ שלאַנג, פויזעט און קריכט ווי אַ שלאַנג, און שטרעקט אויס זיין צונג און שטעכט און שיפעט און בייסט, און פאַרסמט אַלץ און פאַרברענט מיט זיינע גרינע אויגן.

ער האָט געפילט, ווי עפּעס ווערט אַנדערש אין אים, בייט זיך אין אים, און ער ווערט אַן אַנדערער.

מאָדנע געפילן האָבן זיך אין אים איצטער אָנגעהויבן פאַנאַנדערוויקלען, מאָדנע פאַרלאַנגען — ברענענדיקע אַזעלכע, ווייטאָגדיקע, שרייענדיקע.

שרייען האָט אים איצט געצויגן, ברומען און ריווען ווי אַן אָקס. עס

האָט געשטאָכן אין די אָדערן און אין מאַרך און געברענט מיט אַזאַ שאַרפן ווייטאָג, אַז עס האָט זיך געוואָלט אויסטאָן נאַקעט און לויפן איבער די גאַסן און שרייען און ווילדעווען און ברומען ווי אַ חיה; עפּעס אָפּטאָן שטאַרקעס אַזעלכעס, אויפרייסנדעס, וואָס זאָל אויפטרייסלען און אויפצי־טערן די לופט מיט גרויל און שוידער; אָדער ווילד איינגראָבן זיך אין דער ערד און ברעכן דאָרט, שטעכן, קנייפּן, רייסן, צופּן, פאַרברענען...

עפּעס האָט אין זיין האַרצן געוואָרפן זיך, געריסן, געזוכט אַרויסצו־ברעכן זיך אין עטוואָס שרייענדיקעס, פאַרניכטנדיקעס — און אין דעם געפינען באַפרידיקונג און זעטיקונג.

אין זיין ווילדער שנאה און עקל צו אַלעמען, האָט ער אָנגעהויבן מאַ־טערן און פּייניקן אַלץ, וואָס איז אים אונטערן האַנט געקומען, וואָס האָט נאָר געקענט פילן יסורים און מאַטערן זיך אין ווייטאָג. האָט ער אַ פליג געכאַפּט, האָט ער געריסן און געצופּט פון דעם די אברים, ביז עס איז געבליבן טויט אין זיינע הענט. איז די קאַץ אין זיינע הענט אַריינגע־פאַלן, האָט ער זי געדריקט און געוואָרגן מיט אַזאַ שנאה און האַס, ביז איינמאָל האָט ער זי אויף אַן אמת דערשטיקט...

פאַרנאַכט, ווען די קי פלעגן זיך אומקערן צוריק פון פעלד, פלעגט ער שוין אָפּוואַרטן די צייט און אַרויס זיי אַנטקעגן. ער פלעגט אָנכאַפּן איינע פון זיי פאַרן עק און אָנהייבן יאָגן זי מיט אַזאַ ווילדקייט און פאַר־ביסנקייט, אַז די קו פלעגט זיך לאָזן לויפן ווי אַן אונטערגעשאָסענע, מיט אַ פאַררייסענעם עק, און טראָגן זיך איבערן גאַס אין ווילדער שרעק. יעדן פאַרנאַכט פלעגט ער אַזוי טאָן מיט איינער, ביז אַלע קי האָבן אים שוין געקענט און געציטערט פאַר אים, און ווען ער פלעגט אָנקומען פאַרנאַכט זיי אַנטקעגן, פלעגן זיי זיך אין ווילדער פּאַניק לאָזן לויפן און אַנטלויפן ווי פון אַ וואָלף...

ער האָט אָנגעהויבן אָפּצוהיטן די פויערטעס, וועלכע זיינען געגאַנגען פאַרנאַכט אַהיים פון דער אַרבעט, און כאַפּנדיק איינע פון זיי, פלעגט ער זי נעמען דריקן מיט אַזאַ קראַפט און ווילדקייט, אַז יענע פלעגט פון שרעק אַזש פאַרלירן דעם לשון און נאָכדעם אַ לאַנגע צייט שפּעטער זיין ווי צעמישט.

אַלע האָבן איצט געציטערט פאַר אים, און ווער עס האָט אים נאָר באַגעגנט, האָט געוויכט פון אים און מורא געהאַט פאַרבייגיין לעבן אים.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו שרעקן פאַר אים אַפילו זיין אייגענע טאַטע־מאַמע און פלעגן מורא האָבן צו בלייבן אַליין אין הויז מיט אים. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז איינמאָל אַ פאַרנאַכט זאָל ער זיי אַלע ביט אויסשטיקן און אָפּרעכענען זיך מיט זיי פאַר זייער אויפברענגען אים. קינדער, ווען זיי

פלעגן אים באַגעגענען, פלעגן אַנטלויפן פון אים און באַהאַלטן זיך. די „פליאַמע" איז געוואָרן אַלעמענס שרעק איצט.

אָבער וואָס מער מען האָט זיך געשראָקן פאַר אים און וואָס מער מען האָט געציטערט פאַר אים, און וואָס מער ער האָט דאָס געפילט אין יעדן איינעם, אַלץ מער האָט דאָס אים געררייצט און אַלץ ווילדער האָט דאָס אים געמאַכט; אַלץ אַ גרעסערע דורשט האָט ער געפילט און אַלץ אַ גרע־סערע אומבאַפרידיקטקייט האָט אים געמאַטערט, און אַלץ אַ גרעסערן פאַר־לאַנג האָט ער געהאַט צו שטילן דעם אייגענעם ווייטאָג אין יענעמס יסורים. ער איז ווי אַ וואָלף אומגעגאַנגען און געזוכט קרבנות — אַ ווילדער, אַ צע־רייצטער.

און איינמאָל איז ער אין דער גרויסער שטאָט געקומען. איינזאַם און עלנט, מיד און דערשלאָגן, מיט אַ ווילדן פייערל אין די אויגן, האָט ער אומגעשפּאַנט איבער די גאַסן פון שטאָט און געבלאָנדזשעט פון איין טייל צו דעם צווייטן.

אַ נייע וועלט האָט ער דאָ פאַר זיך דערזען, מיט אַ נייעם לעבן, מיט נייע וואונדערלעכע זאַכן, וואָס ביי זיי אין שטעטל האָט ער דאָס קיינמאָל ניט געזען. נייע מענטשלעכע פּנימער, זאַטע, צופרידענע, יונגע און גע־זונטע, פון וועלכע דאָס גליק שטראַלט אַרויס, און וועלכע קוקן אַרום זיך און זען אַלץ מיט צופרידנקייט. אַלץ אַרום איז פריילעך און ליכטיק און רוישיק, פונקט ווי אויף אַ חתונה.

עס איז אָוונט. די גאַס ליגט אויסגעשפּרייט אַ פריילעכע, אַ רוישיקע, אויפגעברויזט פון הונדערטער און טויזנטער פריילעכע שטימען און באַ־גילדט מיטן שיין פון עלעקטרישער ליכט, פונקט ווי אין אַ מיטן העלן זוניקן טאָג. מענטשן שפּאַצירן הין און צוריק, און צענדליקער און הונדער־טער פון זיי שטעלן זיך אָפּ ביי די שוי־פענצטער פון די גרויסע געשעפטן, וואָס ווינקען צו זיי און רופן מיט הונדערטער פאַרשיידנפאַרביקע לעמפּע־לעך פון עלעקטרישער ליכט און מיט צענדליקער און הונדערטער פאַר־שיידענע מינים סחורות פאַרן מענטשלעכן געברויך. די זאַכן אין די פענצטער ליגן צעלייגט און קוקן אויס ווי לעבעדיקע, און ווי מענטשן פונקט, ווינקען זיי און רופן: קומט אַריין און קויפט, קומט אַריין און געניסט... און די מענטשן לאָזן זיך טאָקע לאַנג ניט בעטן. איינציקווייז און פּאָרנ־ווייז, און גאַנצע גרופּן, מיט לויכטנדיקע פּנימער און שטראַלנדיקע אויגן, מיט דרייסטקייט און שטאָלצקייט אין די באַוועגונגען, גייען זיי אַריין און קלייבן אויס. אַלץ ליגט שוין אָנגעגרייט פאַר זיי, אַלץ ליגט שוין פאַר־טיק, און אַלץ שמייכלט אַזוי צו זיי, און אַלץ רעדט צו זיי — אַזוי ליבלעך,

אומטערטעניק, און אַלץ נויגט זיך אַזוי פאַר זיי, און אַלץ בויגט זיך אַזוי פאַר זיי...

און אַט דאַ, צווישן דעם פריילעכן גערויש פון זיכערקייט און צו־פרידנקייט, מונטערקייט און זאָרגלאָזיקייט, לעבעדיקייט און לוסטיקייט, צווישן דער רוישנדער פרייד פון גליק און פאַרגעניגן, האָט ער פלוצלונג זיך אָפּגעשטעלט און דערפילט זיין אייגענע קליינלעכקייט און נישטיקייט, עלנטקייט און פאַרוואָרלאָזקייט, צעבראָכנקייט און פאַרשטויסנקייט. ער האָט פלוצלונג דערזען זיך איינעם אַליין, אַן וועמען אַ צווייטן אין לעבן — אַ פאַרשטויסענעם, באַשפּיגענעם, ווי אַ וואַנץ — אַ צעטראָטענעם... אַ גרויל האָט אים אַרומגעכאַפּט.

אַ מאָמענטאַלער פאַרגלייך האָט דורכגעבליצט אין זיין מוח, אַ פאַר־גלייך צווישן זיך און יענע — און ער האָט דערפילט, ווי עס איז אים הייס געוואָרן אין אַלע ביינער.

אַ הייסער שטראָם בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן פון האַרצן און אַ שפּאַר געטאָן צום קאָפּ. אַלץ אין אים האָט אָנגעהויבן צו וואַרפן זיך און צאַפּלען, צו ציטערן און קאָנוואולסירן. דער מוח האָט אָנגעהויבן צו ברע־נען און די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. אַ וועלפישער פייער האָט גענומען פלאַקערן אין זיי און שטעכן מיט גליענדיקע שפּיזן. אַ כוואַליע פון גיפט האָט זיך צעגאָסן איבער זיין קערפּער און אין איין מינוט איז ער געוואָרן אַ ברויזנדיקער ים פון שנאה און האַס.

אַ שטורמישער באַגער האָט אים איצט אַרומגעכאַפּט און אַרויסגעע־שריען פון אַלע זיינע אָדערן: „פאַרניכטן!.. פאַרברענען!... צעטרעטן!... זאָל קיינער גאָרנישט האָבן און אויך ער ניט!... נישט ער און נישט קיינער...”

אים האָט זיך אין דער מינוט געוואָלט טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל באַשאַפן אַן אומגליק, וואָס זאָל אַרויסרופן אויף אַלעמענס פּנימער שרעק און צעמישונג. אים האָט זיך געוואָלט כאַטש צוגיין צו איינער פון די שיי־נענדיקע, גלאַנצנדיקע און רופנדיקע פענצטער, פאַרשטעלטע מיט אַל־דאָס־גוטס, און מיטן פוס זיינעם דערלאַנגען עס אַזאַ זעץ, אַז עס זאָל זיך אין איין מינוט צעפליען אין טויזנט ברעקלעך, און די טייערע זאַכן, וואָס זיינען נאָר־וואָס געווען אויסגעשטעלט ווי די פּריצטעס, זאָלן זיך וואַלגערן אויפן גאַס באַשמוצטע און צעטראָטענע...

אָדער — האָט זיך אים געוואָלט — גאָר צוגיין צו איינעם פון די גליקלעכע און גאָרנישט־פאַרדעכטנדיקע, און דערלאַנגען אים מיטן פויסט אַזאַ זעץ אין פּנים און אין די ציין — פונקט ווי דאָס פערד דעמאָלט אים!... — און זאָל ער זיך דערנאָך קאָרטשען און קנייטשן און אַרומטראָגן זיך דאָס

גאַנצע לעבן זיינס מיטן צייכן אויפן פּנים — פּונקט ווי ער, און נישט וויסן פון קיין רו, פון קיין פרייד, פון קיין מענטשלעכן לעבן...

אָדער גאָר אפשר — האָט וויטער אין אים אַלץ געזאָגט — צוגיין צו איינעם און געבן אים אַזאַ שניט איבערן פּנים, אַז עס זאָל ווערן ענלעך צו זיינעם — און זאָל יענער טאַנצן און שפּרינגען דערנאָך פון ווייטאָג און שאַנדע, און וואַרפן און קרימען זיך אין יסורים און פּיין... ביי דעם האָט ער דערפילט אַזאַ ווילדע הנאהדיקע זיסקייט איבערן גאַנצן קערפּער, און זיינע אויגן האָבן זיך אַזוי ווילד פאַנאַנדערגעעפנט, אַז אים האָט זיך געוואָלט אויפשפּרינגען פון צערייצטקייט און צעהירזשען זיך פאַר פרייד...

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ דרעמל. זיין פיבערדיקער טרוים, וואָס האָט אים אַ ווײַלע אַרומגעכאַפּט, האָט זיך געענדיקט, און ער האָט זיך דערזען שטיין, ווי פריער, איינעם אַליין אין מיטן גערויש און פרייילעכן טומל. ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין זיך, צונויפגעדריקט זיך, און מיט אויסגעלאָשענע אויגן אָפּגעטראָטן אין אַ זייט. ער האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט פון אויפרעגונג און ציטער.

אַ מידער און אַ צעבראָכענער איז ער אַוועק בלאָנדזשען ווייטער. פאַר די האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן זיינע האָבן זיך דורכגעצויגן גאַסן און געסלעך, וועלכע ער האָט כמעט ווי נישט באַמערקט, און אין וועלכע דער טומל און גערויש פון דער יום־טובדיקער גאַס זיינען ביסלעכווייז צערונען געוואָרן. ער איז פאַרגאַנגען אין אַ ווייט אָפּגעלייגט געסל, אַ שמאָלס און אַ פינצטער, מיט קליינע אָפּגעפּאָרענע הייזלעך פון בײדע זייטן, אָן ליכט אין זיי, ווי פאַרשלאָגענע. נאָר ביי איינעם פון זיי, אין דער ווייטן, האָט געברענט אַ רויטער לאָמטערן, וואָס האָט געוואָרפן אַרום זיך ניט זיכער אַ קליינעם רויטלעכן שיין. ער איז אַוועק אַהין.

פון בײדע זייטן געסל, ביי דעם הויז מיטן רויטן לאָמטערן און אַנטקעגן אים, האָבן זיך אַרומגעדרייט הין און צוריק טונקעלע פרויען־געשטאַלטן, וועלכע האָבן אַריינגעקוקט יעדן פאַרבייגייער אין פּנים אַריין, ווי זוכנדיק עמעצן, ווי וועלנדיק עמעצן געפינען צווישן זיי. טיילמאָל האָט איינע פון זיי אויף אַ ווײַלע פאַרהאַלטן וועמען פון די דורכגייער, עפּעס אים איינגערוימט, און באַלד נאָכדעם פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט אים אינעווייניק, אינעם הייזל. די איבעריקע זיינען געבליבן וואַרטן, ביז אַנדערע וועלן אָנקומען און פאַרבייגיין, ביז זיי וועלן וועמען פון זיי קענען אָפּשטעלן און אַרייננעמען אינעווייניק, און דערווייל האָבן זיי זיך אומגעדרייט הין און צוריק איבערן געסל, שטיל און ווייך ווי שאָטנס.

ער האָט דערפילט אַ מאָדנעם, ניט־באַקאַנטן, ציטער אין זיינע ביינער.

ער האָט אַליין ניט געוואוסט פֿאַרוואָס, אָבער די דאָזיקע פֿרויען, וועלכע האָבן זיך שטיל און סודותדיק אומגעדרייט הין און צוריק, האָבן אַ מאָדנע אומרואיקייט אַרויסגערופֿן אין אים און אַ מאָדנעם ניַיגיר. דאָס הייזל מיטן רויטלעכן שיַין פֿון לאַמטערן דערביַי, מיט די פֿון־ציַיט־צו־ציַיט פֿאַרשווינדנדיקע פֿאָרלעך אין אים, האָט אים אויסגעזען סודותדיק און געהיימניספֿול און האָט מאָדנע געריַיצט דאָס בלוט אין אים.

ער איז צוגעגאַנגען נענטער און זיך אָפּגעשטעלט אויף דער צווייטער זיַיט קעגנאיבער דעם רויטן לאַמטערן. ער איז געווען אָנגעשטרענגט און שטאַרק אויפֿגערעגט.

אין האַרץ ביַי אים האָבן ווי האַמערס געקלאַפּט און דאָס בלוט אין די אָדערן האָט זיך באַוועגט שנעל־שנעל, דריקנדיק די שלייפֿן־ווינקלען און פּרעסנדיק אויפֿן מוח. ער האָט אויסגעזען ווי אַ ווילדע חיה, וואָס איז גריַיט יעדע ווילע זיך צו וואַרפֿן אויף איר קרבן און איַינשלינגען אים, און באַלעקט זיך שוין פֿריִער פֿונעם פֿליישיקן ביסן, און צוקט מיט די נאָזלעכער, איַינאָטעמענדיק דעם שטאַרקן און וואַרעמען ריח פֿונעם פֿרישן בלוט, וואָס דערוואַרט זי איַינגיכן. ער איז געשטאַנען און געשלונגען דעם וואַרעמען שפּיַיעכץ, וואָס האָט זיך געוואַסערט ביַי אים אין מויל אַ זיסלעך־ריַיצנדיקער און קיצלענדיקער, ווי פֿרישער, נאָר־וואָס אַרויסגעפֿאַלענער פֿערדישער מיסט.

ער האָט אַ שפּאַן געטאָן נענטער צום הייזל און געוואָלט צוגיין צו איינער פֿון די פֿרויען. אָבער פּלוצלונג, ווי אָן עפּעס דערמאָנענדיק זיך, ווי ביַי עפּעס כאַפּנדיק זיך, האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל אָפּ אינסטינקטיוו און געבליבן שטיין אויפֿן אָרט אַ געפּלעפֿטער, אַ צעגעשמידטער. אַ הייסער זודיקער בלוט־שטראָם האָט אים געגעבן אַ זעץ אין קאָפּ און אַזוי ווי צעמישט. ער האָט זיך פֿאַרלאָרן און געבליבן שטיין אויף אַן אָרט.

באַלד אָבער איז ער צו זיך געקומען, און באַנעמענדיק קלאָר זיַין לאַגע, איז ער אַריַינגעפֿאַלן אין אַ שרעקלעכער ווילדקייט. ווי אַ צערייצטע חיה אין שטייג, האָט ער זיך גענומען וואַרפֿן פֿון איין אָרט צום צווייטן און אומדרייען זיך הין און צוריק אין שרעקלעכער פֿאַרצווייפֿלונג און צער. ער האָט זיך אַ זעץ געטאָן מיט די פֿויסטן אין האַרצן און גענומען רייסן אויף זיך די קליידער. דער פּנים האָט זיך אויסגעקרימט אין שרעקלעכן ווייטאָג און די אויגן זיַינען פֿול געוואָרן מיט פּיין און יסורים. ווי אַ ווילדער טיגער האָט ער זיך געוואָרפֿן פֿון איין אָרט צום צווייטן און נישט געקענט געפֿינען פֿאַר זיך קיין רו.

די ליַידן פֿון יאָרן האָבן זיך אויסגעבונדן פֿון זיַין נשמה און אַוועקגעשטעלט זיך פֿאַר זיַינע אויגן אין זייער פֿולער בולטקייט. ער האָט זיך

דערזען ווי אין אַ מיטן נאַכט אַליין אין אַ וויסטעניש, צווישן וועלף און ווילדע חיות. פון אַלע זייטן — פאַרבונדענע טויבע אויערן, צוגעשלאָסענע טירן, און בליקן פול מיט פאַראַכטונג און עקל צו אים. ער האָט געהערט זייער וואויען, און אין זיינע אויערן האָבן געקלונגען שפּאָט און געלעכ־טער, זידלעריי און נאָכקרימעניש. די נשמה האָט זיך געקאַרטשעט און געקנייטשט פון יסורים, און אַרום איר האָבן זיך געוויקלט ווייטאָג און שאַנדע, פּיין און עלנטקייט, און האָבן זיך שאַרף געטוליעט צו איר און קאַלט זי געדריקט מיט פראַסטיקע ביינערדיקע פינגער. שוין יאָרן און יאָרן, אַז ער טראָגט אויף זיך די דאָזיקע משא און פילט אויף זיך די גאַנצע דריקנדיקע לאַסט אירע, — קיינמאָל אָבער האָט ער זי נאָך ניט גע־פילט אַזוי שווער און אַזוי פרעסנדיק, ווי אין דער מינוט, ווען ער איז געשטאַנען אַנטקעגן הייזל און מורא געהאַט אַהין צוצוגיין.

אַ שרעקלעכער האַס האָט אים אַרומגעכאַפּט און אַ ווילדער ברענענדי־קער צאָרן. ער איז געשטאַנען אין דער פינצטער און געקנוילט די פויסטן, ווי וועלנדיק אימעצן דערלאַנגען מיט זיי, און געקריצט מיט די ציין פון רציחה און כעס. אַן עקל האָט אים אַרומגעכאַפּט צו אַלע מענטשן, אַ ווילדע פאַראַכטונג און פיבערדיקער האַס. ער האָט געפילט, אַז ער וואָלט זיי איצט אַלע ביז איינעם אויסגעראָטן און אויסגעשטיקט ווי די מייזלעך, און איינמאָל פאַר אַלע מאָל זיך באַפרייט פון זיינע יסורים און שטענדיקע ליידן.

ער האָט אָבער געפילט זיין שוואַכקייט און הילפלאָזיקייט, און אַ מידער און אַ צעבראָכענער איז ער אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט, פיבערנדיק אינגאַנצן פון אויפרעגונג און טרייסלענדיק זיך מיטן גאַנצן קערפּער. ער האָט זיך צוגעטוליעט אין דער פינצטער צו אַ וואַנט, ווי וועלנדיק אָפּקילן זיין אָנ־געהיצטן מוח, און איז אַזוי פאַרזונקען אין שוואַכקייט און מאַכטלאָזיקייט.

אַ שטילע שעפּטשענדיקע שטימע האָט ער פלוצלונג דערהערט הינ־טער זיך, וואָס האָט אים איבערגעשראָקן און אויפגעוועקט פון זיין באַ־וועגלאָזער צעשוואומענקייט. ער האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף צוריק און דערזען לעבן זיך אַ טונקעלע פרויען־געשטאַלט, וואָס האָט אין דער פינצטער אויסגעזען ווי אַ שוואַרצער געדיכטער שאָטן, און איז געשטאַנען נאָנט לעבן אים, עפּעס באַרירנדיק אים. דאָס איז, קענטיק, געווען איינע פון יענע, וואָס האָבן זיך אומגעדרייט הין און צוריק איבערן געסל און שטיל אַריינגעקוקט יעדן איינעם אין פּנים אַריין. זי איז געשטאַנען לעבן אים און שטיל, ווי בעטנדיק זיך, געפּליסטערט: „ווועסט אַריין צו מיר? קום ליבינקער, ביי מיר איז גוט..."

ער האָט אויפגעציטערט. דורך דער פינצטער האָט ער געוואָלט

אויפֿנעמען די ווערטער און פֿאַרשטיין די באַדייטונג זייערע, אָבער ער האָט ניט געקאָנט. זיי זיינען דורכגעפֿלויגן פֿאַרביי זיין אויער שנעל און לייכט, ווי פֿרעמדע אומבאַקאַנטע קלאַנגען, באַרירנדיק נאָר די אויערן־לעפֿלעך מיט זייער שטילן נאָכקלאַנג. ער איז געשטאַנען און געקוקט אויף איר און ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס זי וויל פֿון אים.

זי האָט אים אָנגענומען פֿאַרן האַנט און שטייפֿער זיך צוגערוקט צו אים. ער איז ווי ניכטערער געוואָרן און דער מוח איז צוריק געוואָרן וואַך און אָנגעשטרענגט. ער האָט זיך אָנגעהויבן אויספֿרעגן: „וואָס וויל זי פֿון אים? נאָך וואָס איז זי צוגעקומען צו אים? רייצן זיך אפֿשר?... אָפּלאַכן, ווי די אַנדערע?...”

ער איז געוואָרן אויפֿגערעגטער און אָנגעשטרענגטער, און ווי פֿאַר אַ רעטעניש, געשטאַנען און געקוקט אויף איר. אין קאָפּ האָבן זיך אים גע־מישט די פֿראַגן: וואָס וויל זי פֿון אים? וואָס דאַרף זי פֿון אים? נאָך וואָס איז זי צוגעקומען צו אים? האָט זי קיין טעות ניט?... אַלע לויפֿן דאָך פֿון אים... אַלע וויכן דאָך פֿון אים... וואָס־זשע איז דאָס?...

ער האָט דערפֿילט איר ווייכע האַנט אין זיינער און אַ שטיל, פֿליס־טערנדיק געבעט: „קום, ליבינקער, קום, שיינינקער — וועסט אַ גוטע נאַכט מיט מיר האָבן...”

ער האָט דייטלעך געהערט איצט אירע ווערטער און קלאָר זיי באַ־נומען. ער האָט אויפֿגעשווידערט. „לי־ביג־קער!... שיי־ניג־קער!...” — וואָס איז דאָס: חוזק? שפּאָט? שפּיזן אַזעלכע — געצילט צו פֿאַרוואונדן אים?...

ער האָט געפֿילט, ווי דער מוח האָט זיך גענומען באַוועגן אינעווייניק און שפּאַרן זיך ווי צום פּלאַצן. עס האָט גענומען קאָכן און זידן אין אים, און דאָס בלוט האָט זיך גענומען הייבן אַלץ העכער און שפּאַרן אין די שלייפֿן. ער האָט געפֿילט, אַז ער ווערט צעריסן פֿון אויפֿרעגונג און פֿאַר־דראָס.

אַ שאַרפֿער געדאַנק האָט פּלוצלונג אויפֿגעבליצט אין זיין מוח און באַלויכטן די אומקלאָרקייט דאָרט. — „אַהאַ! זי וויס ניט... זי זעט ניט מסתם... זי פֿילט ניט... אָבער, ווען זי זעט עס יאָ, וואָלט זי פּונקט ווי אַלע אים אַ שמיץ געטאָן און פֿאַרטריבן פֿון זיך, באַשפּיגן, ווי אַ קרעציקן הונט... יאָ, ער פֿאַרשטייט... אָבער וואַרט! נקמה וועט ער היינט נעמען... נקמה!... — פֿון איר און פֿון אַלעמען...”

ער האָט זיך געמאַטערט צו דערשטיקן אין זיך די אויפֿרעגונג, און מיט אַ פֿאַרשטיקטן, פֿאַרדומפּפֿענעם קול, קוים אַרויסרייִדנדיק, געזאָגט צו איר: „קום!...”

זיי זיינען אַוועק. זי איז געגאַנגען פאַרויס און ער הינטער איר. ווי אַ קאַץ האָט ער זיך שנעל דורכגעשלייכט פאַרביי דעם לאַמטערן און איז אַריין אין הויז. דורך אַ שמאָלן קאָרידאָר זיינען זיי אַריין אין אַ זייטיקן צימערל, אין וועלכן אַ קליין לעמפּל האָט שוואַך און טונקל באַלויכטן די ווענט און דאָס בעטל, וואָס איז געשטאַנען גרייט־אויסגעבעט אין אַ זייט. זי האָט זיך אויסגעדרייט און געוואָלט אָנקוקן דעם „גאַסט״, וועלכן זי האָט געבראַכט מיט זיך. אַ שטילער אויסגעשריי פון שרעק האָט זיך אַרויס־געריסן פון איר האַרצן און אינסטינקטיוו זי אָפּגעשטויסן אויף צוריק. זי איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפענעם מויל און צעשראָקענע אויגן און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. זי האָט געוואָרפן אַ בליק צו דער טיר און אַזוי־ווי געוואָלט אַרויסשפּרינגען דורך איר, אָבער באַלד האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן און געבליבן שטיין. מיט דער געניטקייט און דערפאַרונג פון נאָך אַנדערע אָפּטע ניט־אָנגענעמע פאַלן, האָט זי געוואוסט, אַז מיט בייזן קען מען דאָ גאָרנישט אויספירן, און אַז עס איז פיל בעסער צו זיין נאָכגיביק און גע־האַרכזאַם צו דעם „גאַסט״. זי האָט דעריבער געזען זיך באַלד צו באַ־הערשן און אויסזען ווי אינגאַנצן רואיק. זי איז צוגעגאַנגען נענטער צו אים, ווי וועלנדיק אַרויסווייזן אים איר ניט־דערשראָקנקייט, און מיט גע־ווינלעכער זאַכלעכקייט געהייסן אים אויסטאָן זיך.

ער איז געשטאַנען ביי דער טיר אַ בייזער און אַ צעשראָקענער און פון אומבאַקאַנטקייט און צעטומלטקייט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זי האָט אים אָנגעוויזן אויפן בעטל און געהייסן זיך לייגן.

ער איז געווען אָנגעשטרענגט און אָנגעכמורעט און אַ בייזער פייערל האָט געגלאַנצט אין זיינע אויגן און צוגעגעבן אים אַ פאַרדעכטיקן אויסזען, ווי ער וואָלט אין זיך אַ שלעכטן געדאַנק געטראָגן. זי האָט אים אָנגעקוקט צעשראָקן, און וועלנדיק וואָס גיכער אָפּפטרן די שווערע מינוטן, האָט זי באַשלאָסן זיך אונטערצוואַרפן זיינע אַלע קאַפּריזן און דערפילן זיין יעדן פאַרלאַנג.

זי האָט זיך געלייגט לעבן אים. ער איז געלעגן אַן אַ זייט ביי דער וואַנט און אַ ווילדע געהיימניספול געשוויגן. פּלוצלונג האָט ער זיך אויסגעדרייט צו איר און מיט אַ שווערן פאַרדומפּענעם קול אַרויסגעשיפּעט: — פאַר־וואָס האָסטו געשפּעט פון מיר, האַ? זאָג מיר, דו אויך?... דו אויך?...

זי האָט זיך דערשראָקן. זי האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט צו איר און וואָס ער וויל פון איר. זי האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט און מיט שרעק און ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן.

און ער האָט פאַרגעזעצט ווייטער צו שיפּען: — זאָג מיר, פאַרוואָס האָסטו געשפּעט פון מיר?... פאַרוואָס האָסטו געלאַכט פון מיר?... פאַר־

וואָס האָסטן געריעדט צו מיר אַזוי, אַז דו האָסט מיין הויט אויף מיר אָנגע־צונדן און מיינע אָדערן געלאָזט ברענען?... פאַרוואָס?... מיינסט, איך וועל עס דיר שענקען?... נקמה וועל איך נעמען!... נקמה!...

ער האָט די לעצטע ווערטער אַרויסגעשריען, וואַרפנדיק זיך מיטן גאַנצן קערפּער און ציטערנדיק פון אויפרעגונג.

זי האָט זיך גענומען בעטן ביי אים: — וואָס ווילסטו פון מיר, טייע־רינקער? וואָס מאָנסטו פון מיר? ווער האָט דיך באַליידיקט? ווער האָט געשפּעט פון דיר?... וואָס דוכט זיך דיר, שיינינקער?..

די לעצטע ווערטער אירע האָבן אים ווי מיט אַ דונער דערלאַנגט. ער איז אויפגעשפּרונגען. ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה האָט ער זיך גענומען וואַרפן און ווילד ברומען און שטיקן זיך מיט די ווערטער: „רייד ניט, שוויג!, רייד ניט מער!... דו ווערגסט מיך... איך ווער דערשטיקט..."

ער האָט שווער געאָטעמט און הייזעריק געקרעכצט: „ליבינקער"... „טייערינקער"... „שיינינקער"... — איז דאָס ניט קיין שפּאָט איבער מיר? ניט קיין געלעכטער?... ניט קיין שפּיי אין פּנים? ניט קיין איינבייסן זיך מיט ציין אין מיין לייב און רייסן עס, בייסן עס, צופּן עס און טרעטן עס? האַ?..."

די לעצטע ווערטער האָט מען שוין קוים געהערט.

ער האָט שווער געאָטעמט. דער פּנים איז געווען אויסגעקרימט ווי פון שרעקלעכן ווייטאָג און די אויגן פאַרלאָפן מיט בלוט. פון זיין האַלדז האָבן זיך געטראָגן פאַרשטיקטע קלאַנגען, וואָס זיינען געווען ענלעך צו דעם סאָפּען און כאָרכלען פון אַ געקוילעטן אָקס. ער האָט זיך קאָנוואולסיוו גע־וואָרפן און געצאַפּלט ווי אַ צעשניטענע שלאַנג. ער האָט זיך ניט געקענט באַרויקן.

— וואַרט נאָר — האָט ער הייזעריק געכריפּעט און געצויגן זי צו זיך. — קום אַהער און קוש מיך... — אָט אַ דאָ, אויף דער „פליאַמע", אויף דעם רויטן צעקריפּלטן פּנים... אויף דער וואונד, וואָס פאַרניקט מיך דאָס גאַנצע לעבן... אויף מיין שאַנד־צייכן, וואָס האָט מיין לעבן פאַרוויס־טעט...

ער האָט זי שטייף אַרומגענומען מיט זיינע הענט און פעסט געדריקט איר פּנים צו זיינעם. ער האָט שווער געקרעכצט, ווי פון אַ שאַרפן ווייטאָג, און קלאַמערנדיק זיך אין איר, איינגעזאַפּט די קושן, וואָס האָבן זיך געשאָטן

אויף זיין פּנים, ווי אויף אַ ברענענדיקער וואונד. ער איז געבליבן ליגן שוואַך און באַפרידיקט.

— — — — — — — — — — — — —

שפּעט אין דער נאַכט, ווען ער איז צוריק פונעם הייזל אַרויס, האָט ער מיט שווערע וואַקלדיקע טריט זיך אַוועקגעשלעפּט ווייטער. ער איז געווען אָפּגעשוואַכט פון דער נאַכטיקער אויפרעגונג און האָט געפילט אַ מידקייט אין אַלע זיינע אברים. אויפן האַרצן אָבער האָט ער געפילט אַ גרינגערקייט און אויף די פּלייצעס אַ פאַרלייכטערונג. די שווערע משא, מיט וועלכער ער איז געווען באַלאָדן ביז איצט, איז אַזוי ווי לייכטער געוואָרן און מער ניט געדריקט אַזוי שטאַרק. מיט שווערע וואַקלדיקע טריט האָט ער אַוועקגעשפּאַנט ווייטער און פאַרשוואונדן אין דער נאַכטיקער פינצטערניש...

אינהאַלט

מיין מוטער — 5
די בלינדע מאַמע — 13
אין אַ פרעמדער וועלט — 18
די שאַפע מיט קליידער — 24
פאַרציילט אַ לעבן — 31
מרים׳ס צוואה — 37
דער בלינדער קינסטלער — 47
די ביבליאָטעק — 55
מיין פריינט — 60
שוועסטער — 67
שיף־שוועסטער — 87
ניט־גלייכע יאָרן — 95
אייפערזוכט — 107
שטילער פאַרדראָס — 111
די נייע דערפאַרונג — 116
יונגע ליבע — 123
אַ פאַרשטערטער זומער — 127
יונגוואַרג — 134
דער שליסל — 140
יוגנט־שאַטנס — 147
די אָפגעגנאַרטע — 151
וואָס איז דאָס לעבן ? — 169
שוואַכקייט — 190
אומזיסטע שרעק — 208
אָן אַ נאָמען — 214
האַס — 225
אין די בערג — 230
די „רויטע פליאַמע״ — 237